STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03401

PALESTINE-REPORTAZSHN

Leib Malach

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב מלאך

פּאַלעסטינע-רעפּאָרטאַזשן

אַרויסגעגעבן דורך די „ליטעראַרישע בלעטער"

וואַרשע 1935

Printed in Poland

L. Maloch — PALESTINE-
R E P O R T A Ż N

Nakładem tyg. „Liter. Bleter"

Druk. „Pośpiech", Warszawa.

פון מחבר

די נאכט פון ניי־יאר 1934 בין איך אנגעקומען קיין פאלעסטינע. איך בין אפגעפארן הארט פאר ניי־יאר 1935. איך בין דארט געווען אזוי ארום א קנאפ יאר.

איך בין נישט געקומען ווי א זשורנאליסטישער טוריסט, א שמעק צו טון, ארייגצוכאפן אביסל אויבנאויפיקע שטימונג און — זיך געזעגענען. איך האב איין משך פון א קנאפן יאר זיך באמיט צו פארגעסן מיין „זשורנאליסטישע מיסיע“, איך האב זיך מיט א באזונדערן אינטערעס צוגעקוקט צום ווירקנדיקן לעבן, און ווען ס׳איז נר טיק געווען, אליין זיך געשטעלט ביי פארשידענע פיזישע ארבעטן, כדי ארייגצוגלידערן זיך אין דארטיקן לעבן, עס זאל מיר קלארער ווערן צו פארשטיין און צו באנעמען.

נישט וועגן אלץ וואס כ׳האב געזען, האב איך געשריבן און נישט אלץ וואס כ׳האב געשריבן, האב איך דא ארייגענומען אין בוך.

אפטמאל זענען די בילדער, לעבנסשטייגער אזוי ענלעך איינס צום אנדערן, איבערהויפט אין די קבוצים און קבוצות, אז שרייבנדיק וועגן איין קיבוץ, איין קבוצה, קאן מען האבן א באגריף וועגן די אלע אנדערע. נאטירלעך זענען פאראן איגערלעכע אונטערשידן, ווירטשאפטלעכע און אידעישע חלוקי־דעות, — וואס כ׳בין נישט זויסן געווען דא ארויסצוברענגען. דאס וועזנטלעכע לעבן אין די קיבוצים פאדערט א גרינטלעכערע שילדערונג, כדי צו קאנען איבערגעבן דעם תמצית פון זייער זין.

איך האב אומצייליקע מאל געקרייצט דאס לאנד איבער אלע טיילן און ווינקעלעך. איך בין אפטמאל געווען אין איין ארט מער ווי איין מאל, און מער ווי איינמאל געשריבן וועגן זעלבן ארט, דעריבער שטאמט די „סיסטעמלאזיקייט“ אין אייניקע קאפיטלען פון בוך. איך גיב די קאפיטלען לויטן סדר ווי איך האב זיי געשריבן, און נישט לויט דער מאפע — שטאט ביי שטאט און געגנט ביי געגנט. איך האב נישט געשריבן קיין געאגראפיע, נאר רעפארטאזשן לויט באאבאכטונגען און איינדרוקן, ווי זיי זענען אויפגעקומען ביי מיר אין גאנג פון מיין זיין אין פאלעסטינע.

מערץ 1935

פ. ב.

אויף דער שיף

אַסאַך פון מײַנע מיטרײַזנדיקע אויף דער שיף „פּאַלאָניאַ", וואָס שנײַדט איצט די כוואַליעס פון שוואַרצן ים און גליטשט זיך אַרײַן ווי אַ שוואַן אין אַ קלאָרן ריטשקעלע, דאָ צווישן די בערג־ברעגן פונם באָספּאָר, האַלטן אָפּן זייערע תּנכלעך אויף פאַרשידענע לשונות, די מערסטע אויף דײַטש. זיי זוכן שוין פון איצט אָן די שפּורן פון די נביאים, כאָטש עס איז נאָך פאַראַן קנאַפּע דרײַ טאָג רײַזע ביז צו יענעם לאַנד.

איך זע פאַר זיך דאָ אויף דער שיף אַ ווײַטן אָפּשטראַל פון „דאָרטיקן" לעבן. איך זע פאַר זיך דיפערענצירונגען און אידעען און פאַרביסנקייט צווישן קלאַס און קלאַס. דאָ פאָרט אַ יוגנט, וואָס האָט אויף אירע אייגענע חורבות זיך געלערנט שטרעבן צו אַן איבערבוי, און עס פאָרט דער, וואָס האָט מער דאָ, אין די חורבע לענדער, נישט געקענט עקספּלואַטירן אי זײַן אָנגעזאַמלטע ענערגיע, אי זײַנע אָפּגעשפּאָרטע אוצרות.

און אָנגעזאַמלטע אוצרות, ווי גרויס זיי זאָלן נישט זײַן, אָדער ווי קליין זיי זאָלן נישט זײַן, פאָדערן באַוועגונג, מאָנען ביי זייערע באַזיצער, אַז זיי זאָלן אין עפּעס פאַרווענדעט ווערן. געלט, דאָס איז ווי די פיש אין טײַך, וואָס מוזן פיל־פאַכיק זיך מערן, פאַרגרעסערן און באַרײַכערן.

ביז איצט, אין די חרובע לענדער פון יידישן לעבן, האָט מען צוזאַמען געדרשנט איין אידעאַל — וועגן „דאָרט", וועגן אויסגלײַכן זיך, וועגן אָפּווישן די דיפערענצירונגען צווישן קלאַס

און קלאַס. דו, פּועל, האָסט אָנגעזאַמלט ענערגיע אין דיינע מוסקולן, און איך — קאַפּיטאַליסט, האָב אָנגעזאַמלט געלט. מיר האָבן עס ביידע נישט, ווו צו פאַרווענדן — ווערט מען בויען דאָס יידישע היים־לאַנד.

נאָר דער פּועל זיצט טאַקע אין דריטער קלאַס, און דער „קאַפּיטאַליסט״ קומט פון ערשטער און צווייטער זיך משמח זיין לכבוד דעם אידעאַל. און דאָ כאַפּט ער זיך אויף דער חוצפּה: די יוגנט מיידט אויס צו זינגען די „התקוה״ און זינגט אָנשטאָט דעם — אַן אַרבעטער־הימן. דער סקאַנדאַל קאָן נישט פאַרגעסן ווערן, וואָס ביים אָפּגיין פון דער שיף האָט דער „אינטערנאַציאָנאַל״ זיך אַרויסגעריסן פון פיר הונדערט יונגע ברוסטן און צעוואָרפן אויף די כוואַליעס פונם ים, און עס האָט זיך פאַר־טראָגן אין די קעסל־אָפּטיילונגען, הייץ־קעלערן און מאַטראָזן־קאַנטינעס, וואָס זענען לרוב פאַראַן ביי די קאָנסטאַנצער ברעגן פונם ים.

און דער נישט פאַרווענדעטער קאַפּיטאַל, וואָס פאַרט אין צוגעזאָגטן לאַנד מאַכן זיינע אינוועסטיציעס אין הייזער־בוי (ווייל דירה־געלט איז טייערער, ווי אין גאָר דער וועלט, ווייל דאָכלאָזע שכנים שטייען גרייט פאַר אַנדערטהאַלבן יאָר פאָרויס צו צאָלן דעם פאַרלאַנגטן פּרייז), דער קאָן זיך איצט נישט באַרויקן, וואָס זיין צוקונפטיקער טאָג־לוינער דערלויבט זיך צו איגנאָרירן דעם סימבאָל פון „געמיינזאַמען״ אידעאַל און זינגט נישט די „התקוה״.

און דער ערשטער שטרייט ברעכט אויס. אַ צעשטערטער אָוונט. אַן אַנטוישונג ביי ביידע צדדים.

ביידע האָבן זיך איינס אין דעם אַנדערן גענאַרט.

און די יוגנט, וואָס האָט אַחוץ חלומות, אָוועקגעגעבן חדשים לאַנגע אויף די צוגרייטונגען צו אַ ניי, אַדער באַנייט לעבן, די, וואָס האָבן חדשים אויף די „הכשרהס״ פאַרבראַכט און האָבן געמיינט באמת, אַז אין דער בויונג פון לאַנד איז נישטאָ די שאַרפקייט פון קלאַסן־קאַמף, האָבן איצט די ערשטע מעג־לעכקייטן דאָ, אין פאַרהויז פון זיך בויענדיקן לאַנד, אויף דער

„פּאָלאָניאַ״, שוין צו זען די שוואַכע סימנים פון די אַנטוישונגען,

נאָר דאָס תּנכל קומט ווידער צו הילף. און ווידער לאָזט מען זיך אַוועק אויף די וועגן פון עבר. ווידער רייסט מען זיך אויף די שפּורן פון די נביאימס טריט. איצט שאַרט זיך די שיף דורך די דאַרדאַנעלן, ממש ווי זי וואָלט זיך דורך אַן ענגן שטאָלט דורכגעשפּאַרט. נישט איין שוועבעלע פאַר דער וועלט־שרפה איז אַזוי אַרום אַנגעצונדן געוואָרן, נישט איין קנאה־אויג האָבן אָט די שמאָלע פעלזן־טויערן אויף זיך אָנגעהאָנגען, פון ערגעץ־ווייט שווימען אַרויס די אָאַזיס אינזלען, וואָס מען ועט זיי נאָך נישט, נאָר מען פילט די זאַמד־היץ, וואָס שלאָגט פון דאָרט. פון דאָרט איז עס אַמאָל געקומען דער „באחרית הימים״, ווען פון דער שווערד וועט אַן אַקער־אייזן געשאַפן ווערן. און דערווייל זעט זיך דאָ, צווישן די דאַרדאַנעלן די אַנדערע זייט פון דעם „באחרית־הימים״, ווען אָנשטאָט טאָר־פּעדאָס, פּאַנצער ־ שיפן, סובמאַרינען, וועלן אין דער הויך, אין דער דורכזיכטיקער בלויער לופט דאָ, איבער די בערג, שוועבן טויט־אַעראָפּלאַנען און וועלן פּלייצן גאַז־שטראָמען און וועלן האָגלען מיט טויט און פאַרניכטונג, און וועלן רוישן מיט די מלאכי־המות פליגל!...

ווי נישטיק, ווי קינדעריש עס זעען איצטער אויס די „נאַטירלעכע שוץ־פעסטונגען״, די אייביקע „ציוניגס״ בערגער, וואָס געפינען זיך אונטער דעם טערקס ממשלה, אין פאַרגלייך מיט די נייעסטע מלחמה פאָרבערייטונגען און קריגס־מכשירים!..

נאָר אָט האָט זיך אונזער שיף דורכגעגליטשט. איצט זענען מיר שוין ווידער אויפן ברייטן, אָפענעם ים. אַ נייע וועלט פון הימל און וואַסער גרוסט אַנטקעגן. דאָס רעטעניש, וואָס האַלט איצט געשפּאַנט אַ וועלט, דאַרף זיך ערשט אין צוויי טעג אַרום באַווייזן. דאָס „רעטעניש״ איז פּאַלעסטינע. איך קוק אין די אויגן סיי פון די חלוצים, וואָס האָבן זיך געלערנט, אָדער איינגערעדט, אַז זיי וועלן זיך איבערפורעמען דאָרט, אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד, אַז זיי וועלן איבעראַנדערשן זייער לעבן, נישט נאָר פון דעם, וואָס זיי וועלן אויף תמיד

אוועקוואַרפן דאָס „לופט־שטעקעלע", נאָר וועלן איינפירן צווישן זיך די קאָמונע־יסודות, אַ לעבן אין דער קבוצה, אַ לעבן אויף ערד, אויף נאַטור, אַ לעבן אַ פּרימיטיווס, אַ געזונטס, אַן איינפאַכס.

איך זע אידעאַליזם, נאָר דער אידעאַליזם איז באַלאַסטעט מיט אַן אַ שיעור גדלות, און... אינדיווידואַליסטישע נייגונגען. איך זע פאַר זיך דעם צוקונפטיקן ארץ־ישראל מענש, וואָס וועט האָבן דעם גאַנצן „גלות" אין דער אדמה... אַבי ער, און נאָר ער, האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, אַבי נאָר ער, און נאָר ער איז „אויסגעלייזט" געוואָרן. ער, וואָס איז נאָך נישט צו־געשוווּמען צו די טויערן פון באַנייטן לאַנד, פילט שוין אַ ביטול צו דעם ברייטן „דאָרט", פון וואַנען ער איז אַרויס, פון וואַנען עס איז אים געלונגען זיך אַרויסצורייסן, פון דעם אַלטן, צופוילטן היים־לאַנד.

און צוליב דעם זע איך שוין, ווי אַ שמייכעלע פאַר־שלייפט זיך אין די ווינקלען פון די ליפּן, און מען באַטראַכט מיט בטול די אַלע, וואָס האָבן זיך נישט באַוואָפנט מיטן ספרדישן דיאַ־לעקט פון דעם העברעישן לשון, זיי ווערן במילא געשטעלט אין זייערע שוין געשאַפענע באַגריפן אויף אַ נידעריקערן מצב... עס בלייבט שוין ביי אַט דער יוגנט דער „גוטער" ווילן מיך נישט צו טאָלערירן דערפאַר, וואָס איך האָב זיך נישט צושיידט מיטן לשון פון גלות, מיט דעם ברוסט־מילך לשון פון דער יידישער מאַסע אין גאַר דער וועלט.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר די גרופּע, וואָס איז מיר געווען נאָענט אין אייגן ביים אויפשטייגן אויף דער שיף, ווערט מיר פאַרפרעמדט און דערווייטערט. נישט זיי פאַר מיר, נאָך איך – פאַר זיי. איך האָב פאַר זיך געזען אין פּוילן „גלות", אַט די יונגעלייט, אָדער ענלעכע צו די יונגעלייט, וואָס זענען געשטאַנען ביי די טויערן פון די פאַבריקן און זענען נישט אַריינגעלאָזט געוואָרן. איך האָב געזען, ווי אויס־געשטרעקטע הענט נאָך אַרבעט האָבן זיך פאַרנאַכט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט, ווייל זיי האָבן קיין אַרבעט נישט באַקומען.

איך האָב געזען אין ווייערע אויגן דעם בייזן פייער פון צאָרן, דערפאַר, וואָס מען האָט זיי, אַלס יידן נישט צוגעלאָזט נישט צו די האַמערס און נישט צו די אַקער־אייזנס. איצט, רעדט מען אַרום דעם „אַראַבישן פּראָבלעם" און מען באַרעכטיקט די, וואָס האָבן שלעסער אויפגעהאָנגען ביי יידישע אונטערנעמונגען פאַר אַראַבישע אַרבעטס־הענט אין בויענדיקן לאַנד.

נאָר די שטימונגען — וואָס זענען ווי די כוואַליעס אין דעם איצט צושטורמדיקן מיטללענדישן ים, אויף וועלכע איך הויב זיך, און לאָז זיך אַראָפּ — טונקען זיך אונטער און קומען קאַפּויער, ווערן צערונען. איך ווער אויסערלעך רויק, אָט ווי די שיף איצטער ביים אָנקומען צו די פּאַלעסטינער ברעגן, צו דעם איצט שטילן וואַסער ביי די ברעגן פון יפו.

איך בין איצט אַרומגענומען געוואָרן מיט געשפּאַנטן נייגיר. עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, ווען איך שיף זיך צו צו אַ נייעם לאַנד. די נייע לענדער, זענען מיר לרוב אַלט־באַקאַנט פון זיך. פּאַלעסטינע־אַוודאי און אַוודאי. און דאָך, ווען איך זע פאַר זיך די אַרויסשטאַרצנדיקע דעכער פון נייע הייזער, אַזוי העל און יונג, אַזוי ווייס און שעמערירנדיק, איז דאָס נישט קיין גרוס פון אַלטן מזרח, נישט קיין אָפּווינק פון דורות־שימל, נאָר פאַרן אויג אַנטפּלעקט זיך אַ יונגע, לופטיקע, אייראָפּעישע שטאָט — תל אָביב!

און גלייכצייטיק אַ גערּאַנגל פון פּראָגרעס מיט צוריק־געשטאַנענקייט. אָריענט און מערב. פון ווייטנס זעט זיך דער געיעג פון אויטאָמאָביל אויף קאָנקריט־אַספאַלט געפלאַסטערטע שאָסייען און דער קאַראַוואַן פון קעמלען. דאָס קלינגען פון אויטאָבוס און דאָס הירזשן פון קליין־געוואַקסענעם אייזעלע. די גאַלאַנטע אייראָפּעישע הלבשה, קראַוואַט, געפּרעסטע הויזן און — טורבאַנען, יאַקעס און פלודערן, ווי די זעק... דאָס מאָדערנסטע דאַמע־היטעלע, דער בערעט, און אין שוואַרצן געהילטע פרויען, מיט פאַרהאָנגענע פּנימער — די אַראַבערינס.

דאָ, אויף דעם דעק פון דער שיף נאָך, זעט זיך דאָס בילד בולטער און קלאָרער. קייגנאיבער זעט זיך איין ברעג,

נאָר די העלפט איז יפו און די העלפט — תל־אביב. דער קאָנ־טראַסט איז גרויס. דער חילוק שניידט זיך שוין דאָ פון דער ווייטנס. עס איז פאַרנאַכט, בעת זון־אונטערגאַנג. די שיף שטייט און וואַרט אויף די אימיגראַציע־באַאַמטע, די פּאַסאַזשירן זענען אומרויק, ווי ביי די שוועלן פון יעדן איינוואַנדערונגס־לאַנד, נאָר זיכערער און פרייער. יעדנס בליקן זענען צוגעשמידט אַהין, צו דעם ברעג־פּאַס, וואָס קוועלט אַהער מיט העלקייט, מיט ליכטיקייט, צו די קופּעס מיט קאַלך, זאַמד און אָנגעוואָרפענע ציגל...

אויף דעם מעטשעט־טורם, וואָס שטאַרט אַרויס פון קופּעס ליים־הייזלעך, באַווייזט זיך דער „מועדזין" און זינגט אויס דאָס מאָנאָטאָנע ליד, די איינטאָניקע צעצויגענע אָוונט־תפילה, אָנזאָגנדיק די מאַכמעדאַנער, אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדער גאָט חוץ אַללאַ און מחמד איז זיין נביא, און־גלייכצייטיק הערט זיך אויך דער קלאַנג פון האַמער, דער סיגנאַל פון דער פאַבריקס־סירע־נע, וואָס זאָגט אָן „נישטאָ קיין אַנדער געזאַנג, ווי דאָס געזאַנג פון שטאָל, נישטאָ קיין אַנדער נס, ווי בויען".

יפו און תל־אביב — איין ים־ברעג. עס איז עטלעכע שפּאַן פון איין שטאָט ביז דער אַנדערער. נאָר דער גאַנג איז הונ־דערטער און הונ׳ ערטער יאָרן׳

„סילוועסטער" איז תל־אביב

מיר איז באַשערט געווען איבערצולעבן אַ גרויסע אַנ־טוישונג אין מיין ערשטן טאָג אין תל־אביב.

איך האָב זיך דאָ באַגעגנט מיטן גרעסטן לוקסוס, פּאַרריסנ־קייט, עלעגאַנץ און גאַלאַנטקייט, וואָס נאָר אויף פּאַרק עוועניו אין ניו־יאָרק זעט מען דאָס, אָדער אויף שאַנז־עליזיי אין פּאַריז.

איך בין אָנגעקומען אין תל־אביב דעם 31־טן דעצעמבער, ערב דעם וועלטלעכן ניי־יאָר.

אין ארץ־ישראל האָט מען אָסאַך וועלטלעכע יום־טובים אָפּגעווישט. וועגן זונטיק איז אָפּגערעדט. אַפילו די ענגלענדער

פארגעסן ביסלעכווייז, אז זונטיק איז א יום-טוב, נאך גוט, וואס די קריסטלעכע ארבעטער דערמאנען דאס... אבער אין יידישן לעבן האט מען אפילו די וועלטלעכע חדשים געפרווט אפשאפן. די הויז-ווירטן האלטן זיך אפילו ביים יידישן חודש. די סיבה, פארוואס זיי האלטן זיך ביים יידישן חודש, איז נישט פון נאציאנאלע טעמים: ס'איז צוליב דעם, וואס דער יידישער חודש האט ווינציקער טעג. דערצו קומט נאך אן איבער-חודש און פאר דרייצן חדשים דירה-געלט איז בעסער צו נעמען, ווי פאר צוועלף... און 28 טעג איז ווינציקער ווי 31...

דער וועלטלעכער ניי-יאר איז אלזא נישט קיין פייערטאג און מען האט זיך נישט געגרייט צו דעם סילוועסטער-אוונט.

דער שאפער, וואס האט מיך ערגעץ געדארפט פירן א ן א האטעל, האט א טעות געהאט אין חשבון. מיין פנים איז אים אויסגעקומען „ריין-אריש". ער האט מיך אנגענומען פאר א דייטשן ייד, און מיט מיר שנעל דורכגעפארן די צענטראלע גאסן פון תל-אביב, דארט ווו „עמך" האט זיך באזעצט, און מיך געפירט לענג אויס דעם ים-ברעג, ביי די פרעכטיקע ווי-ליעס, עלעגאנטע האטעלן, קאפע-טעראסעס, פענסיאנאטן, אין אריסטאקראטישן פערטל אויף ירקון-גאס, און מיינע רענצלעך אריינגעווארפן אין נייעם לוקסוס-האטעל מיטן מיליאנערישן נאמען „ריטץ".

און דער נאמען „ריטץ האטעל" איז נישט בלשון סגי נהור, נאר טאקע אין אייגנטלעכן זין פון דעם ווארט. א גע-טרייע שוועסטער צו די „ריטש"-האטעלן אויף דער פינפטער עוועניו אדער פיקאדילי אויף פלאס דע-לא-אפערא. ער איז געבויט פאר דער „בעסערער" געזעלשאפט, פאר די „פיינערע" לייט. פאר די, וואס קאנען זיך נישט אויסמישן מיטן המון, מיט דער בלויער ארבעטס-בלוזע. דא דארף ווינען די „סמעטענע", פאר וועלכע ארץ-ישראל איז איצט א גאר פיינער פלאץ. מען קאן אינוועסטירן די געלטער און זיי זאלן אן אנשטרענגונג ברענגען גרויסע רווחים. די קאניונקטור איז א גלענצנדיקע און אלס יידן, איז מען דא זיכערער.

נאָר דעם ערשטן פלאַץ פאַרנעמען די רייכע, דייטשע יידן.

עס איז איצטער געפערלעך צו ריידן אַ שלעכט וואָרט אויף די דייטשע יידן, איך קאָן אָבער נישט אָפּלייקענען דעם פאַקט, וואָס קיין איינער פון זיי איז נישט געפאָרן דריטע קלאַס און גאָר ווינציקע פון זייערע זין האָבן זיך געשטעלט מיט דער לאָפּעטע אין האַנט, און קיין איינע פון זייערע טעכ־טער האָט זיך נישט אָנגעטון אין אַרבעטס־הויזן, און אַנשטאָט פּודער און ליפּסטיק־רוזש זיך איינגעשמירט אין קאַלך, אין ליים, און זיך געשטעלט אויף די רושטעוואַניעס, ווי עס האָבן געטון די מיידלעך פון אַרבעטס־שטובן גרויס.

דער „ריטץ״־האָטעל איז איבערפולט פון דייטשע יידן. אָט ווי תל־אביב איז פול מיט זיי.

די שטאָט איז צופרידן פון די געסט, זיי האָבן אַריינ־געבראַכט געלט, באַוועגונג און — גרויס־שטאָט.

פאַר די דאָזיקע יידן, „קרבנות״, מאַכט מען קאָנצעסיעס. מען קומט־נאָך זייערע קולטורעלע אייגנשאַפטן, און מען פאַר־בויגט די נאָך נישט איינגעפעסטיקטע „פּרינציפּן״ – דער פּרינציפּ, אַז ארץ־ישראל, און אין ערשטער ריי–תל־אביב, איז אַ שטאָט נישט פון לוקסוס, נאָר פון פשטות און באַקוועמלעכקייט.

דער דייטשער ייד האָט מיט זיך מיטגעבראַכט דעם ברייטן פאַרנעם און דעם בליאַסק פון גרויס־שטאָט.

זיי האָבן געשאַפן דעם קולט פאַרן קאַפע־הויז מיט מוזיק. דעם רעסטאָראַן מיט טענץ און די פאַרבאַרייטונג פאַרן קאַבאַרעט.

זיי האָבן אַריינגעבראַכט דעם „חוץ לארצדיקן״ טאַנץ. דעם טאַנגאָ, דעם וואַלץ, דעם שימי און פאָקסטראָט, און דאָס האָט גענומען אַרויסשטופן דעם נאַציאָנאַלן „הורא״, און די שטאָט מיט אירע קרעמער זענען געווען די ערשטע זיי נאָכ־צוקומען.

אַ קאַמף איז אָנגעגאַנגען צווישן יידיש און העברעיש. העברעיש האָט זיך געשטאַרקט, אַרגומענטירט מיט דעם לאָזונג פון אַ נאַציאָנאַל אויסלעבן זיך אין דער שפּראַך פון די עלטערן. און ווי נאָר עס זענען געקומען די „דייטשן״, האָט מען מבטל

געמאַכט דעם הייליקן פרינציפּ, און מען האָט אָנגעהויבן „שפּרעכן" דייטש, וואָס עס האָט זיך אויסגעוויזן, ווי עברי־טייטש, נאָר אָן דעם פאָלקסטימלעכן חן פון עברי־טייטש. אַלץ האָט זיך גענומען צופּאַסן, רעדן, לייענען און שרייבן דייטש־מעריש. וואָרום אַלע עפּישן, מודעות, מעלדונגען און באַקאַנט־מאַכונגען, וואָס ווערן איצט אַרויסגעהאָנגען אין גאַס, האָבן שוין צוויי שפּראַכן: העברעיש און... דייטש. עס שאָקירט נישט, וואָס די „דויטשן" טראָגן זיך אַרום מיט אַן אידעע פון אַרויס־געבן אַ דייטשע צייטשריפט, און מען פאַרשווייגט, וואָס זיי האָבן זיך געווענדעט צום דייטשן קאָנסול אין ירושלים (נאָכ־דעם, ווי עס זענען געמאַכט געוואָרן דעמאָנסטראַציעס בעת ער האָט אַרויסגעהאָנגען די האַקנקרייץ־פאָן), אַז ער זאָל זיי שטיצן ביים עפענען דייטשע שולן פאַר זייערע קינדער! און מען שעמט זיך אַפילו דאָס צו דערציילן אין דער עפנטלעכקייט, אַז ביי אַ סך פון די דייטשע „יודן" האָט מען אין די ווייַ־נאַכטן אָנגעצונדן קריסטוס־בוימער...

עס איז דאָ איין תירוץ, אַ קרעמערישער תירוץ: זיי, די „דייטשן" האָבן אַריינגעבראַכט אין שטאָט אַ סך געלט, און דער סוחר, דער קרעמער, דער אונטערנעמער, דער שפּעקולאַנט, דער האָטעל־אייגנטימער, דער פּענסיאָנאַט־באַלעבאָס, דער ערד־שפּעקולאַנט, אַלע, אַלע, האָבן אַ זכות פאַר דעם „מגרמניה" אַז ער איז נעבעך פאַרפאָלגט, אַז מען מוז אים אַנטקעגנקומען און גאַנץ תל־אביב האָט אָנגעהויבן רעדן דייטש. דייטש איז איצט אין דער מאָדע, ווי פראַנצויזיש אין אַמאָליקן רוסלאַנד אין די אַריסטאָקראַטישע הייזער.

דייטש איז דער טאָן פון דער בעסערער געזעלשאַפט...

בין איך, הייסט עס, אַריינגעפאַלן אין „ריטש", און ווי דער שאָפער, אַזוי אויך דער האָטעל־אייגנטימער, אַזוי אויך די גאַנצע דינערשאַפט, אַלע האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַ „קרבן" און מיט מיר „געשפּראָכן" יידיש מיט אַ פּתח, כדי עס זאָל אימיטירן דייטש. איך האָב געזען, ווי דער עס־זאַל ווערט גאָר

פּייערלעך אויפגעפּוצט, קאַרנאַוואַל-אַרטיק. די באַדינערין האָט מיר געמאָלדן, אַז צום אָוונט־ברויט מוז איך קומען אין גאַלאַ געקליידעט. ווינציקסטנס אין אַ טאַקסידאָ־סמאָקינג. נאָר אויב איך האָב אַ פּראַק מיט אַ ווייסער וועסט, איז געוווּנשענער...

איך האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה. מיר איז אַ שאָד געווען צו פאַרלירן אַזאַ „געזעלשאַפטס־מיטאָג", דעם פייער־לעכן, ניי־יאָר־מיטנאַכט־מיטאָג; פון דער צווייטער זייט האָט מיך געלאָקט צו זען די „פאַרנעמסטע" געזעלשאַפט די ערשטע נאַכט אין תל־אביב.

ביז איצט האָב איך געהאַט אַ שפּאַר ביסל עגמת נפש מיט מיינע קראַוואַטן. איך האָב אַ „שוואַכקייט" צו קראַוואַטן. אַ גאַנצע קאָלעקציע פון שניפּסן געפינט זיך אין מיין קאַסטן. אויף דער שיף האָבן מיך פאַרזיכערט די, וואָס זענען שוין „באַהאַוונט" מיט ארץ־ישראל, אַז קראַוואַטן זענען איבערהויפּט „נישט אין דער מאָדע", אַז צוזאַמען מיטן פודער און רוזש פאַר פרויען, האָט מען אויך אונטערגעבערענגט אָט דאָס, וואָס ווערט בלשון חוזק אָנגערופן „הערינג". און פּלוצלינג ווער איך גאָר געוואָר, אַז נישט נאָר טראָגט מען קראַוואַטן, נאָר... מען דאַרף גאָר טראָגן ווייסע, באַל־שלייפּעלעך, שטייפע העמ־דער, אויסגעשניטענע וועסטן, לאַקירטע שיך און זיידענע לאַצן.

אַלס צייטונגס־מענטש פיר איך מיט זיך מיין „אַרבעטס־כאַלאַט", דאָס איז אַן אַלט־מאָדישער סמאָקינג, מיטן גאַנצן קלאַפּער־געצייג. און איך געדענק שוין נישט די צייט, ווען איך האָב אים באַנוצט. איצט איז מיר דאָס גוט צונויץ געקו־מען, וואָרום איך שטעל זיך נישט פאָר, ווי אַזוי מען וואָלט אויף מיר געקוקט אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט אין וואָכנ־דיקע קליידער. מיר איז אַלזאָ באַשערט געווען מקיים צו זיין די מצווה פון „הייליקן סילוועסטער" אין תל־אביב, די מעטראָפּאָ־ליע פון ארץ־ישראל, וואָס בויט זיך אויף פשטות און פאָלקס־טימלעכקייט...

ביז האַלב צוועלף אין אָוונט האָט דער עולם געהאַלטן אין איין שטראָמען. דער גרויסער באַל־זאַל איז געווען פול

און די טעראַסע, וואָס גייט אַרויס אויפן ים, איז געווען באַשטעלט מיט טישלעך. אונטערן פאַנטאַסטישן שיין פון אָריענטאַלישע אַבאַזשורן האָט זיך געגאָסן אַ מיסטעריעז ליכט, אָט אַזוי ווי אין ראָמאַנען... נאַקעטע פלייצעס, אויסגעשניטן ביז אין די גאַרטלען, פרעק און סמאָקינגס, בריליאַנטן און צירשטיקער. עס האָט אויסגעזען, ווי אַ טאַנץ־אָוונט אין דער מאָנטאָ־קאַרלאָ־קאַזינאָ. דער אָרקעסטער אין ספּעציעלער פייערלעכער קליידונג אַלאַ „קאַרלטאָן”. נישט ערגער, און אפשר טאַקע שענער, ווי דער אָרקעסטער אין באַרימטן „אַסטאָר”־האָטעל אויף בראָדוויי. און די מאָטיוון, וואָס זיי האָבן געשפּילט, זענען אויך נישט געווען ווייט פון בראָדוויי. דזשאַז. און די טאַנצנדיקע כוואַליע פון זייד און פאַרב האָט זיך געטראָגן איבערן לאַנגן זאַל און שאַמפּאַן־שוים האָט אַריבערגעפלייצט די פלעשער און קאַפּויערגעשפּרונגען און אַרויפגעזעצט!

און די צוועלפטע שעה האָט געגעבנט. דאָס ליכט איז פאַרלאָשן געוואָרן. אַ פאַרשיכורטער הורא, און „פּראָזיט” באַגלייט מיט קושן און געלעכטערס. מיטן געקלאַנג אויף פּויקן, גאָפּלען אין די טעלערס, און פלאַשן אין די טאַשן, איז דאָס נייע „וועלטלעכע” יאָר אַריינגעריטן אויף די כוואַליעס פון צעשויבערטן ים אין יידישן תל־אָביב.

* * *

די מעלדונג פון דעם ניי־יאָר־פעסט איז אָנאָנסירט געוואָרן אויף קיאָסקן און פאַרקענעס אין דריי שפּראַכן: העברעיש, ענגליש און דייטש. דער עולם, וואָס איז דאָ געקומען, איז אויך געווען דור הפלגהדיק. עס זענען דאָ גערעדט געוואָרן אַ היבש ביסל שפּראַכן חוץ צוויי. די „שפּראַך פון גלות”, יידיש, און די „שפּראַך פון דער גאולה” — העברעיש.

וואָרום געקומען איז דאָ אַן עולם משמח זיין די דייטשן אין זייער איינזאַמקייט, און מען האָט שוין גערעדט אי דייטש אי פּויליש. אי ענגליש (די אַמעריקאַנער) אי רוסיש, רומעניש, אונגאַריש און טיילווייז אַראַביש. אַראַביש האָט מען גערעדט צוליב „סאָלידאַריטעט”, וואָרום עס זענען געקומען אויך אַראַ־

פּער. נאַטירלעך — די וועלטלעכע, די רייכע, די גאָר רייכע. פאַר וועלכע תּל־אביב איז דער פּאַריז פון אָריענט... געלט־זעק טאָ־לערירן זיך. די דאַמע, וואָס האָט פלייסנדיק געריבן פּויליש, נעפּינקלט מיט די בריליאַנטן אין די האָר־בענדער און באַלייגט די נאַקעטע הענט מיט „בצלאל״־אויסאַרבעטונגען, האָט זיך פיין אונטערגעהאַלטן מיט דעם „אייראָפּעיש־געקליידעטן אַראַ־בער״, וואָס האָט אָבער, אַלס סימן פון נאַציאָנאַליזם (פּאַרט קאָנסעקווענט...) אויך געטראָגן די רויטע פעסקע מיטן שוואַרצן, זיידענעם טראָלד...

עס וואָלט געווען אַ נאַיוויטעט פון מיין זייט, איך זאָל זוכן נאַציאָנאַלע שטימונגען ביי אָט די מענטשן, פאַר וועמען עס האָט זיך געעפנט אַ „מאָנמאַרט״ אין אַזיע. אין דער וועלט איז „שלעכט״, אומצופרידנקייט פון די מאַסן, אַרבעטסלאָזיקייט, און דער עיקר — אַנטיסעמיטיזם. אָך, מען ווינשט זיך די צייט, ווען מען וועט שוין דאָ קענען עפענען אַ רולעטקע, אָט אָ דאָ, ביים ברעג ים אין תּל־אביב, וועלן די נעכט זיין הייטע־רער און שוימענדיקער.

אַ נס, וואָס איך בין אין פרימאָרגן אַרויס אויף די תּל־אביבער גאַסן לייטערן מיין געדעמפטע שטימונג. מיך האָט דער סילוועסטער נישט אַנטוישט. נישט איין שטיין וועל איך נאָך אָנטרעפן אין וועג, וואָס וועט אויף זיין פאַרגליווערטער שפּראַך פרעגן שאלות, איצט אָבער באַקום איך אַ פאַרגיטיקונג, ווען דער ווייזער דערנענטערט זיך צו „דריי פערטל אויף זיבן״ און איך דערהער דעם גערויש פון טריט, וואָס פאַלן פעסט אויף די טראָטואַרן, די ראָווערן, וואָס רעדלען זיך מיט גע־שווינדקייט איבער דעם שטויב פון אָנגעוואָרפענע ליים־קופּעס. נאָך עטלעכע מינוט, און עס ווערט אַ געקלעטעריי איבער נישט פאַרטיקע מויערן. איך דערזע דעם אינטענסיוון אויפשטייג פון אַ באַנייט לעבן.

די שטאָט תּל-אביב

אָט אַזוי, ווי עס ראַנגלט זיך דאָס אַלטע און נייע פּאַלעסטינע, אַזוי ראַנגלט זיך די שטאָט תּל־אביב. נישט צווישן אַלט און ניי. וואָרום סך־הכּל, זענען די „אַלטע" גאַסן און „אַלטע" הייזער קוים אַלט אַ פערטל יאָרהונדערט! אָבער עס קעמפן אין דער שטאָט צוויי עקסטרעמען: די גרויס־שטאָט און דאָס קליינע שטעטל...

תּל־אביב וויל זיין אַ גרויס־שטאָט, אַ מעטראָפּאָליע, זי רייסט זיך ווייט אַריבער איר אָנגעצייכנטן וועג. זי שלינגט שטחים, אָט ווי דער ים, בעת ער גייט פון זיינע ברעגן אַרויס און פּלייצט פאָרויס, פאַרגיסט און דערטרינקט. אָט אַזוי פּלייצט תּל־אביב, זי וואַקסט מיט אַמאָל אויס. איבער נאַכט ווערט געבוירן אַ קוואַרטאַל, אַ שטאָט־טייל, אַ געגנט, אַ גאַס.

תּל־אביב טראָגט אין זיך דעם אימפּעט פון אויפבוי, פון טעמפּאָ. פון אויפשטייג. ממש פאַר די אויגן וואַקסן אויס הייזער, און די הייזער ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון פאַרבייגייער. עס לאָקן די סטילן. יעדעס הויז, וואָס דאַרף פאַרענדיקט ווערן, האַלט דעם בליק אין נייגיר: וואָס וועט פון דעם אַרויסקומען? די אַרכיטעקטן פלייסן זיך. ווענדן אָן אַ סך טאַלאַנט, קינסטלערישן איינפאַל. יעדעס הויז, וואָס ווערט אויסגעפאַרטיקט, איז אַן איבעראַשונג. דאָ גילטן די נייעסטע סטילן אין געבוי. דאָ ווערן אָנגעווענדעט די נייעסטע, מאָדערנסטע איינריכטונגען אין די וווינונגען. נאָך אַמעריקע קומט תּל־אביב!

און דאָך ליגט אויף דער שטאָט אויסגעגאָסן די נאַיוויטעט פון אַ פּראָווינץ־שטאָט. זאָל אפשר זיין די סיבה דערפון דאָס, וואָס דער רוב פון די תּל־אביבער איינוווינער איז זיך דאָ צונויפגעקומען פון פאַרשידענע קליינע שטעטלעך? כמעט יעדער איינוווינער פון דאָרטן באַמיט זיך אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דאָס „קליינשטעטלדיקע" — אָט פּונקט ווי מען באַמיט זיך אָפּצעטרייסלען פון „גלות", — וועט עס נאָך אפשר נעמען נאָך אַ פערטל יאָרהונדערט, ווען פון דער צאָל צוויי און אַכציק טויזנט וועט

רערן זעקס מאָל אַזוי פיל, דאַן וועט זיך אפשר די „פסיכאָלאָגיע" פון דער שטאָט בייטן.

עס איז שווער צו זאָגן, מיט וואָס תּל־אביב איז קליין־שטעטלדיק. זאָל עס זיין די ספּעציעלע „קאָנצעפּציע", וואָס מען גיט די פרומע יידן, אַז שבת זאָל די שטאָט זיין „אָפיציעל" טויט, הגם זי באַוועגט זיך און לעבט ?... וואָרום ווי זאָל מען עס נישט אָנרופן „פּראָווינציעל", ווען איר באַמערקט, אַז פּריוואַט פּאַרנאַכט, צו דער מינוט פון ליכט־בענטשן, גענוי ווי עס זאָגט אָן דער לוח, באַווייזן זיך די שופר־בלאָזער, פרומע יידן, זאָגן אָן אַז די „מלכּה־שבת" קומט. אָבער די מאַרק־הענדלער, די קרעמער, די ציגאַרעטן־פאַרקויפער, די טרעגער און בעלי־עגלות זענען „ווידערשפּעניקע" און איילן זיך נישט אַזוי שטאַרק אַקעגן צו לויפן דער „מלכּה". דאַמאָלס שפּילן זיך אָפּ סקאַנדאַלן...

דאָס „בלאָזן" פּריוואַט פּאַרנאַכט דערמאָנט אַ סך אין די קליינע פּוילישע שטעטלעך, בעת דער שמש רופט אָדער אין באָד אַריין, אָדער אין שול אַריין... און אויב די באַפעלקערונג „אָנטציקט" זיך נישט אַזוי שטאַרק מיט דער „נאַציאָנאַלער" מיסיע, דערפאַר קוקן דאָס אויס די אָפיציעלע שטאָט־פונקציאָנערן. דער פּאָליציימאַן, וואָס שטייט אין מיטן דער באַוועג־לעכער הויפּט־גאַס אַלענביי. איז ווי ער דערהערט דעם „שופר של שטריימל", — מעג די באַוועגונג זיין ווי געדיכט, (דער עולם פאָרט אַהיים אויף שבת), לעשט ער אויס דאָס סיגנאַל־ליכט, נעמט אַראָפּ פון זיך די ווייסע אַרבל, וואָס ער טראָגט בעתן רעגולירן דעם פאַרקער, כּדי מען זאָל דערקענען פון ווייטנס, ווי זיך צו ריכטן, פאַרשליסט דאָס פּאָסטן־ביידעלע, און לאָזט איבער די גאַנצע שטאָט, ווי אויף הפקר; ער גייט זיך אַוועק אַ היים ביז נאָך... הבדלה, שבת צו נאַכטס, ווען ער קומט צוריק אויף זיין פּאָסטן...

אַמשטאַרקסטן זעט טאַקע אויס תּל־אביב קליין־שטעטלדיק שבת. דער עולם האָט זיך ממש נישט ווו אַהינצוטון. אַלץ איז

געשלאָסן, פאַרשפּאַרט. פון קינאָ און טעאַטער איז אָפּגערעדט. פרייטיק־צו־נאַכט, ווען דער אַרבעטער וואָלט געקענט זיך פאַר־גינען אויף צו זיין עטלעכע שעה שפּעטער, איז נישטאָ צו וואָס, איז נישטאָ וווּ אַריינצוגיין. איך האָב בייגעוואוינט אַ קאָנפערענץ פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע „הסתדרות", וועל־כע ציילט העכער פערציק טויזנט מיטגלידער און איז בכלל אַ מאַכט אין לאַנד. פונדעסטוועגן האָט מען זיך שטאַרק צוגעפּאַסט לכבוד דעם שבת... נישט געקוקט, וואָס די קאָנפערענץ האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס ביי די ברייטע אַרבע־טער־מאַסן, און די מאַסן האָבן געדרענגט אין די זאַלן פון די זיצונגען, דאָך, פרייטיק פאַרנאַכט האָט מען איבערגעריסן די זיצונגען, אין סאַמע ברען, אין טראַנס פון די פאַרהאַנד־לונגען. עס איז נישט געגעבן געוואָרן קיין מעגלעכקייט די אַרבעטער, וואָס זענען פריי פון פרייטיק פאַרנאַכט ביז איבער שבת, ביי־צו־זיין דער קאָנפערענץ.

די אויטאָבוסן, וואָס קורסירן איבער דער שטאָט, און דווקא געדיכט, און דווקא געפּאַקט, און זענען אַ נויטווענדי־קייט ביים פאַרבינדן די שוין איצט היבש ווייטע טיילן פון דער שטאָט, פאָרן פרייטיק פאַרנאַכט אין די גאַראַזשן. דאָס זעלביקע איז מיט דער אונטערשטאָטישער קאָמוניקאַציע. צו־גלייך מיטן „סמבטיון" ווערט פרייטיק פאַר ליכט צינדן אַלץ פּאַראַליזירט. אין אַ שבתדיקן טאָג בלייבט די ברירה צו גיין אַ מהלך צו פוס...

איז דעם שבתדיקן טאָג, פון פרייטיק־צו־נאַכטס ביז שבת־צונאַכטס, קינד־און־קייט אין די גאַסן. הויפּטזעכלעך אין אַלענביי גאַס. מען שפּאַצירט אַרויף און אַראָפּ, ווי אין קליי־נעם שטעטל אויף דעם שאָסיי... איינער קאָן זיך מיטן צווייטן, איינער גריסט זיך מיטן אַנדערן. עס איז טאַקע דאָ אַן אינ־טימיטעט, אָבער פּראָווינציעל. איך זאָג נישט, אַז דאָס איז אַ חסרון, נאָר שווונג פון גרויס־שטאָט איז עס נישט. בפרט נאָך, אַז מען מוז זיך היטן אויף דער גאַס ע פ נ ט ל ע ך נישט צו רויכערן, איז שוין דאָס בילד קלאָר פון זיך אַליין.

תל־אביב מאַכט אַן אָנגענעמען איינדרוק טאַקע פאַר דעם, וואָס קומט פון ווייטע לענדער. עס זעט אָפטמאָל אויס, ווי אַ „בּאָראָ", אַ געגנט אין דער זייט פון ניו־יאָרק. עפּעס דערגרייכט אַהער דער אָפּקלאַנג פון ווייטן רויש. עפּעס טראָגט זיך דאָ אָן אַ כוואַליע פון גרויס־שטאָט. איך האָב דעם איינד־רוק, אַז תל־אביב האָב איך שוין ערגעץ־ווו געזען אויף מיינע וואַנדער־וועגן. מיר דאַכט, ווען כ'רייס פלוצלינג אויף די אויגן אויף אַ ווינקל־גאַס, אַז דאָס ווינקל האָב איך שוין באַגעגנט. ווו? אין לאָס אַנדזשעלעס מסתמא. אין סאַן פראַנציסקאָ, אין מעקסיקאָ. אין ריאָ דע זשאַנעירא. אומגעקערט, דאָרט איז עס אויסגעקומען פאַר מיר שטאַרק עקזאָטיש. דאָ, אין נאָנטן מזרח, אין סוב־טראָפּישן קלימאַט, זע איך נישט קיין סימן פון עקזאָ־טישקייט. דאָס איז גראָד אַ געזונטער שטריך. די בנינים אין תל־אביב צייכענען זיך אויס מיט אַלע סטילן פון דער וועלט, דער עיקר סטיליזירטע סטילן, נאָר נישט דער אָריענטאַלישער סטיל. סיידן די גימנאַזיע „הרצליה" און דער בנין פון דער צייטונג „דבר", וואָס זענען געשטעלט געוואָרן אין יענעם „מיטל־אַלטער", ווען תל־אביב האָט זיך גענומען בויען, צוריק מיט העכער צוויי צענדליק יאָר...

שפּאַצירנדיק איבער די גאַסן פון תל־אביב קוועלט אויף דאָס אויג שוין פון דעם בילד בעת מען זעט, בעת מען איז עדות פון אַ שטאָט, וואָס קומט אויף.

אומעטום קופּעס ליים, קאַלך, ציגל, בוי־זאַמד, אייזן־שטאַנגען, קלאַנג און קלאַפּ פון האַמער.

רושטאָוואַניעס אויף הייזער, וואָס זענען שוין לאַנג פאַר־טיק, נאָר עס ווערן נייע שטאָקן אַרויפגעצויגן. זייער פיל הייזער ווערן גאָר איינגאַנצן אומגעוואָרפן, און אויף זייער אָרט וואַקסן אַרויס נייע בנינים. בלומען־גערטנדלעך, וואָס האָבן ביז איצט באַצירט די הייזער אויף אַלענבי־גאַס, זענען

אָפּגערוימט געוואָרן. אויף זייער אָרט ווערן קראָמען צוגעבויט. די שטאָט פיבערט, אײַלט זיך, וואַקסט און שטייגט.

דער איצטיקער „לב תל־אביב״, דאָס האַרץ פון דער שטאָט, איז שוין ווייט קיין „האַרץ״ נישט. עס איז עפּעס אַ נאָכהענגנדיקע „לונג און לעבער״. דאָס האַרץ איז אַרויסגע־רוקט ווייט, אויפן וועג צום ירקון טייך. דאָרט, ווו עס רוישן די קאַראַוואַנען פון טראַקטאָרן, ווו בערג ווערן געשניטן און טאָלן אויסגעגלייכט. פון פאָרויס פריער באַשטימטע קוואַרטאַלן ווערן איצטער אויסגעפאָרמט. די שאָסעען, די אַספאַלטירטע גאַסן־ברוקן ווערן פאַראויסגעענדיקט. עס זענען שוין פאַראַן סקווערן, עס זענען שוין אויפגעבויט אַלעען, נאָר די הייזער זענען נאָך נישטאָ. די פּלעצער זענען שוין „פאַרצעלירט״, די אייגנטימער קומען יעדן טאָג געוואָר ווערן, ווען מען וועט שוין קענען אָנהויבן בויען. נאָר דערווייל גייען נאָך אָן די אַרבעטן פון דער מוניציפּאַליטעט. פאַרלויפיק האָבן נאָר די גאַסן נומערן, אָבער אין פּראָיעקט זענען שוין פאַראַן נעמען פאַר זיי.

נעמען פעלן נישט. עס איז דאָ אַ תּנך און אַ ליטעראַ־טור. עס זענען דאָ גרויסע לייט אין דער יידישער וועלט, וואָס זייערע נעמען זענען פאַראייביקט געוואָרן אין בראָנז־טאָוולען און אויף לעבעדיקע ליפּן. עס איז אַן אָנגענעמע דער־שיינונג, ווען די נעמען זאָלן נישט זיין פון אַ באַזונדערן זכות.

ס׳איז טאַקע אמת, אַז עס איז פאַראַן אַ „רחוב פרץ״, אַ פרישמאַן־גאַס, אַ שלום־עליכם־גאַס, אָבער אָט פּייערט איצט די גאַנצע יידישע וועלט דעם יובילעאום, זינט שלום עליכם האָט אָנגעהויבן שרייבן, זינט ער האָט געלייגט דעם קרן פון דער יידישער ליטעראַטור. די וועלט פּייערט, נאָר אין תּל־אביב, ווו עס איז פאַראַן אַ שלום־עליכם־גאַס, האָט מען פאַר־געסן צו פּייערן !.. אָט אַזוי איז מיט פרץ־יאָרצייט, אָט אַזוי איז מיט מענדעלע מוכר ספרים, און אָט אַזוי איז עס מיט...

די הויפּט־גאַס, אַלענבי, בייט איר אויסזען און כאַראַק־טער פון מאָל צו מאָל.

אַמאָל איז עס געווען די „פּאַרק עווענױ״ פאַר די אױ־בערשטע פון שטױסל, פאַר די געלט־זעק און פאַר די מענטשן פון „גײַסט״, אַ גאָרטן־גאַס, עטלעכע שפּאַן פון ים. נאָר „עמך״, וואָס דעצידירט דעם כאַראַקטער פון דער שטאָט, האָט זיך דאָ אַריבערגעפּעקלט. געמאַכט זי פאַר אַ גאַס פון האַנדל און פּאָפּ־ריקאַציע. לויטן נאָמען איז זי געבליבן די הויפּט־גאַס, לויטן כאַ־אַקטער — נישט. איצט בויט מען די ראָטשילד־אַלעע, וואָס דאַרף אַרומגאַרטלען די שטאָט מיט אַ גרינעם צוים. דאָ פלאַנצן די בוימער די שול־קינדער אין דעם טאָג פון חמישה עשר בשבט. די אַריסטאָקראַטיע האָט מען פאַרלויפיק פאַרטריבן אויף אָט דער הערלעכער אַלעע. דערווײַל זענען נאָר פּאַרטיק שטיקלעך פון דעם ראָטשילד־בולוואַר, נאָר אין די שטיקלעך זענען שוין אײַנגעפּאַקט לוקסוס־אַרטיקע פּאַלאַצלעך. פון דאָרטן טראָגט זיך זיך דאָס געמיטלעכע פון ארץ־ישראל־נגיד. „אונטער דעם פײַגנבוים״ — זיצט זײַן פועל און אַרבעט, און ער — אויף די פײַנע לופטיקע וועראַנדעס. פון די נײַע סטיל־לאַנגע פענצ־טער גיסט זיך דער וואַלצער־קלאַנג, וואָס ווערט פון זײַן טאָכטער אויסגעשפּילט. פאַר דער טיר שטייט דער נײַעסטער, פון לעצטן יאָר, לוקסוס־אויטאָ—פאַר אים איז אויף ארץ־ישראל.

אויף דער הויפּט־גאַס, די אַלענבײַ, געפינען זיך אַלע רעסטאָראַנען. דאָס זענען פּשוטע ענגע קלייטלעך, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עס־קראָמען. דער פועל פּילט אָן די דאָזיקע לעכער אין די מיטאָג־שעהן און אין די אָוונט־שעהן. די דאָזיקע רעסטאָראַנדלעך מאַכן גוטע געשעפטן. עס איז ניש־טאָ קיין מעגלעכקייטן פאַר דעם אַרבעטער צו פירן אַ הויז־ווירטשאַפט. ביידע אַרבעטן, אויב עס איז פאַראַן אַ „ביידע״, דינגען אַ צימער מיט אַ קיך איז אַן אוממעגלעכקייט. טרעפן זיך ביידע־ער און זי—אין רעסטאָראַן.

און אויף דער אַלענבײַ גאַס געפינט זיך די... אַרבעטער־בערזע, די, וואָס מען רופט די „שוואַרצע״ בערזע. עס איז אַ פּאַראַדאָקס. די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט האָט דאָס דערי־לאָזט. די „הסתדרות״ מיט איר אַפּאַראַט האָט דאָס נישט גע־

קענט אויסמיידן. מסתמא זענען פאראן סבות, וואס דער איצט־געקומענער, אדער פון לאנג אריינגעוואנדערטער, האט זיך אליין, אויף א פרימיטיוון אופן געשאפן זיין „פארקויף"־פלאץ, נאכט־ביי־נאכט ווערט דאס שטיקל פלאץ „לעבן דעם פאלי־ציאנט" דארט, ווו דער פארקער איז גרויס און די באוועגונג שטארק, איבערגעפילט מיט הונדערטער און הונדערטער פועלים, די, וואס האבן היינט געהאט א טאג ארבעט און דארפן מארגן ווידער קריגן א טאג־ארבעט. שטעלט מען זיך אוועק און מען קוקט יעדן פארבייגייענדיקן ארבעטס־נעמער אין די אויגן אריין, דער ארבעטס־געבער, וואס דערפילט זיין „נאציאנאלן" חוב פאר דעם אויפבוי פון לאנד, קומט אהער אויף דער בערזע, ווו ער וועט טרעפן א שלל מיט נישט־ארגאניזירטע ארבעטער. ער מעסט זייערע מוסקולן. ער קריגט העגט ביליקער, און די, צו וועמען די הענט געהערן, וועלן זיין נאכגיביקער, אונטער־טעניקער און אפהענגיקער.

דער „מרכז מסחרי", דער האנדלס־צענטער פון תל־אביב, שטעלט מיט זיך פאר א באזונדער אייגנארטיק ווינקל; דארט זענען שוין פאראן אנווינקונגען פון אריענט, א געמיש פון טראכטן, א פארביקייט פון מלבושים. דער דירעקטער צוזא־מענשטויס פון אייראפע און אזיע.

נישט ווייט פון יפו געפינט זיך אט דער „מרכז". „אמאל" איז דאס געווען דער צענטער פון שטאט: געשעפטן, קלייטן, געוועלבער, קראמען, גרעסערע און קלענערע, אלוטארג און מציאות. באנק־הייזער, שיפס־קאנטארן, וועקסל־שטובן, מעקלער, בערזן־שפעקולאנטן, פלעצער־גאראיער. ארכיטעקטן־רעקאמאנדי־רער. רעסטאראנדלעך, קאפעעלעך. אלט־אייזן, ווורשטלעך. סדו־רים, מחזור׳ים, אדוואקאטן־ביוראס.

א רגע פארגעסט מען און עס דאכט זיך, אז אט אט, איז מען אריינגעפאלן אין דער... יידישער גאס!

די שכינותשאפט מיט יפו איז קענטלעך, דער וועג ציט זיך צום „מזרח", די קליינע אייזעלעך, וואס טראגן אויף

רוקן־ביינער אי אַ ויידן, אי אַן אייניקל מיט אַמאָל. אָדער אַן אַראַבער אין טורבאַן מיט די דריי פאַרשלייערטע ווייבער, פּלאָנ־טערן זיך צווישן געיעג פון אויטאָס, אויטאָבוסן. די טרובעס פייפן — די סוחרים רופן, די הענדלער שרייען אויס זייערע סחורות.

דאָ שטייען, ווי אַ מחנה קראָען, די אַראַבישע פרויען איינגאַנצן פאַרהילט אין שוואַרצן —קליידער, פאַלערינעס, זאָקן— אַלץ פון שוואַרצן קרעפּ. און פון זעלבן שטאָף אַזעלכע היטע־לעך, פונוואַנען עס לאָזט זיך אַראָפּ אַ פאָרהענגל איבערן פנים. אָבער ביי די שויפענצטער ברענט דער יצר הרע, ברענט מיט פאַרביקע פרויען־קליידער, מיט העלע שיכלעך, עלעגאַנטע הי־טעלעך. הויבן זיי אויף די שוואַרצע פאָרהענגלעך און עס אַנטפּלעקן זיך מיאוסע פנימער... נאָר קוים פילן זיי דעם בליק אויף זיך פון אַ פרעמדן מאַנסביל, לאָזט מען שנעל אַראָפּ די שלייערס און די שענע, זוניקע, אין גרינס געטונקענע און אין גאָלד־געבאָדענע תל־אביב, ווערט פאַר זיי צוריק פינצטער שוואַרץ...

קונסט, קולטור, טעאַטער, שפּראַך אין תל־אביב

דער קינסטלער האָט דאָס וואָרט. דער מאָלער האָט אַרויס־געשטופּט דעם פּראָפאַן, דעם געשמאַקלאָזן שילדן־מאָלער, דער סקולפּטאָר — דעם מצבה־קריצער. די פּלאַקאַטן, די רעקלאַמעס, די שילדן, אויפשריפטן — אַלץ גייט דורך די הענט פונם קינסט־לער און עס באַקומט זיך אַן אָנגענעמער איינדרוק.

דער „פיר־קאַנטיקער" אות דער העברעישער בוכשטאַב האָט זיך קיינמאָל „נישט געלאָזט" מאָדעלירן, סטיליזירן און איז תמיד געווען, הן אין דרוק־שריפט, הן אין פּלאַקאַט, עפּעס אַ צוקריפּלונג פון פאָרם. ווען די לאַטיינישע שריפט האָט תמיד, דורך דעם פלייס פון מאָלער, גראַפיקער, באַקומען פאַרשיי־דענע געשטאַלטן און סטילן, איז דער „יידישער אַלף בית" געווען אַ צוגעגעסענע זאַך, נישט סימעטריש און נישט עסטעטיש.

אין תל-אביב האָט דער „איר-עקיקער" בוכשטאַב, דער העב־רעישער אות באַקומען אַ וועלטלעכן אויסזען. עס איז באמת אַ נחת צו זען דעם גילגול פון דעם אות אין פאַרשידענער־ליי סטיליזירונגען. עכט מאָדערן, קוביסטיש און גאָטיש, איינפאַך און מיט פאַנטאַזיע.

די פלאַקאַטן פון די טעאַטערן, קינאָס און אויסשטעלונגען ווענען קינסטלערישע באַשטייערונגען צו דער שטאָט און דערציען דאָס אויג צו עסטעטישן געניוס. דאָס העלפט צו דער פאַר־שענערונג און צו דער קולטיווירונג פון דער שטאָט.

עס מערקט זיך אַ זאַך אין תל אביב, וואָס מען האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן אין חוץ לארץ, נעמלעך, אז עס ווערט גישט מיסגעברויכט מיט די נאַציאָנאַלע הערבן, ווי עס איז דער מגן-דוד און די בלוי ווייסע פאָן...

מען האָט זיכער זיך געקענט ריכטן, אַז אין דער „ערשטער און איינציקער יידישער שטאָט אין דער וועלט" וועלן די ווענט, די הייזער, די פאַרקנס, די קיאָסקן זיין פאַרזען מיט די „סימ־באָלן", לכל הפחות נישט ווינציקער ווי אין „גלות". ווייזט זיך אַרויס, צום ליב פון דער שטאָט, אַז אַזעלכעס איז נישט בנמצא. נישט מען זעט אַ מגן-דוד, און נישט עס פלאַטערן די בלוי-ווייסע פאָנען. סיידן אויף אַ שול, אָדער אויף אַן „עלט" הויז.

אין דעם זין איז מען „פאָרטגעשריטענער", ווי אין אַמע־ריקע, וועמען מען האַלט אין איין נאָכטון. אין אַמעריקע הענגען די פענער אויף יעדן גאַראַזש און אכסניה. אויף יעדער קלייט פון אַלט-אייזן און אָפּגעטראָגענע הויזן... אַ נס איז געשען דער שטאָט תל אָביב. ס'איז זיכער אַ סימן פון בעסערן געשמאַק.

* *
*

דער דראַנג פאַר קולטורעלן אויסלעבן זיך איז גרויס. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי תל אב ב איז איין שטיק דורשט פאַר אַ העכער וואָרט, פאַר אַ ספּעקטאַקל, פאַר אַ בוך. איך ווייס נישט גענוי, צי אין הער אמתן איז עס אַזוי.

ווו מען גייט און מען רירט זיך, זעט מען צייטונגס־קיאָסקן, געשעפטן פון ביכער, די פלויטן זענען באַקלעבט מיט

אפישן, וואָס זאָגן אָן וועגן פאַרשידענע קונסט-דערשיינונגען, וועגן קאָנצערטן, באַלעטן, וועגן בילדער-אויסשטעלונגען.

און דער עולם גייט, גייט גערן. עס קומען די גרעסטע. צו בראָניסלאַוו הובערמאַנס קאָנצערט האָט מען זיך מיט וואָכן פאַרויס אָנגעגרייט בילעטן. די בילעטן זענען נישט קיין וואָל-וועלע. גאַרנישט צוגעפּאַסט פאַר פּראָלעטאַרישע פאַרדינסטן, אַפילו נישט פאַר די „גוט באַצאָלטע פאַכן", ווי עס איז בוי-אַרבעט. זענען נישט געגאַנגען די פּראָלעטאַריער, איז געגאַנגען „אָנקל מאָזעס", דער אַמעריקאַנער פעטער, וואָס האָט דאָ געעפנט קליידער-פאַבריקן אויפן אַמעריקאַ׳ער אופן. ער, דער שטענדיקער קאָנסומענט פון „מאַקס נעבעלס טעאַטער", איז דער היינטיקער צוהערער פון בראָניסלאַוו הובערמאַן, אָדער יאַשאַ חפץ. זיין זון גייט צו די מאָלער-אויסשטעלונגען און קויפט בילדער.

איך האָב זיך מיט די דאָזיקע „אָנקלס" צונויפגעטראָפן אין טעאַטער בעת אַ פאָרשטעלונג פון „אהל". פאַרשטייט זיך, אַז דער „אָנקל" האָט נישט פאַרשטאַנען קיין העברעאיש. ער האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר מיר: וואָלט מען כאָטש געטאַנצט... געזונגען אַ חוזיש שטיקעלע. אַזוי וואָס? אַז מאָלי פּיקאָן איז דאָ געווען, האָט מען נישט דערלאָזט, אַז זי זאָל אַ שפּיל טון אָט אַזוי, „די קאָמעדיאַנטקע", „ציפּקע פייער"; נישטאָ, ווו אַהינצוטון זיך, נישטאָ אויף וואָס אויסצוגעבן די גרינג-פאַרדינטע פונטן.

נאָר „אָנקל מאָזעס" פירט נישט קיין קאַמף פאַר יידיש. עס ליגט אים נישט אין דער לינקער פּאָה. ער טאַנצט-מיט דעם „נאַציאָנאַלן טאַנץ", ער וואָלט גערן אויסגעטוישט דעם ענג-לישן „זשאַרגאָן" אויף „עברית", נאָר עס גייט נישט. מיט די צען ווערטער מאַנעווורירט ער. דאָס איבריקע העלפט אָרויס זיין „קבלן" — דער אויפזעער...

ווער זשע פירט אַ קאַמף פאַר יידיש? ווער איז קעגן העברעיש? דאַכט זיך קיינער נישט, נאָר יעדער באַזונדער. עס איז כאַראַקטעריסטיש, ווי תל אָביב שפּיגלט אָפּ די „פיל שפּראַכיקייט" פון יידישן פאָלק... דאַכט זיך אַ „ריין" נאַציאָנאַלע שטאָט, דאַכט זיך, אַז עס ווערט אַלץ געטון אָפּצוטרייסלן זיך

פון „גלות שטויב", דאַכט זיך, אַז אַלע זענען דורכגענומען מיטן „באַוווסטזיין", אַז נאָר העברעיש איז די הערשנדיקע און די פּאַקטישע שפּראַך פון לאַנד, אָבער פאַרן אויער זשומעט אַלע רגע אויף אַן אַנדער קלאַנג. פאַראַן דאָ נאָך גוטע „נאַציאָנאַליסטן", וואָס די מוטער-שפּראַך פון זייערע קינדער איז... פּויליש!

דער עולם לייענט. עס איז אמת. מען לייענט צייטונגען. וועלכע? פאַרשטייט זיך – העברעישע. אָבער ווער ווייסט דעם אמת לויט דער צאָל? אַלע, אָדער כּמעט אַלע יידישע צייטונגען אין דער וועלט זעט מען אויף די קיאָסקן. פון וואַרשעווער איז אָפּגערעדט. זיי ווערן פאַרקויפט מאַסנווייז. דער עולם וואַרט אָפּ דינסטיק און פרייטיק די וואַרשעווער צייטונגען, כּדי זיך צו דערוויסן, וואָס מען הערט אין... ארץ־ישראל!

לייענט מען ביכער? ניין. מען פאַרקויפט ביכער. קיין יידישע קומען נישט אַריין. פאַראַן אין תּל־אביב איין, נישט קיין גרויסע, יידישע ביבליאָטעק ביי דער לינקער פּועלי־ציון פּאַרטיי. מען לייענט דאָרט אויך נישט פיל. נישטאָ די נייעסטע ביכער. פאַרוואָס? פּאַלעסטינע האָט זיך נאָך נישט צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז זי דאַרף אַליין קויפן. מען געדענקט נאָך די צייטן, ווען עס איז געווען אַ מצוה צו קריגן ליטעראַטור פון דער גרויסער יידישער וועלט. היינט איז פּאַלעסטינע אין אַזאַ לאַגע, וואָס זי וואָלט געדאַרפט שטיצן אַ יידישן בוך. צוגלייך שטיצן די יידישע שולן. מען טוט עס נישט, אַלנפאַלס נישט אין אַזאַ מאָס. דער ישוב, וואָס ציילט אַזוי פיל, ווי אין אַרגענטינע — וויפל אונטערשטיצונג גייט אַרויס פון אַרגענטינע? די לאַגע איז דאָרט אַן ערגערע, און יידישיסטן איז אין ארץ־ישראל נישט פאַראַן ווייניקער!

מען פאַרקויפט העברעישע ביכער, אָדער וועלטלעכע ביכער אויף העברעיש. איבערזעצונגען. די פאַרלאַגן אַרבעטן גלענצנדיק. איבערן לאַנד פאָרן אַרום אַגענטן מיט אַ „נאַציאָנאַלער מיסיע". אַגענטן, מענער און פרויען, פאַרקויפן די אויסגאַבן פון די פאַרלאַגן. עס איז אַ „נאַציאָנאַלער חוב" צו קויפן הע-

ברעישע ביכער. דער לעזער שרייט אָבער: גיט אונז נישט קיין איבערזעצונגען. מיר קאָנען דאָס לייענען אין אָריגינאַל. גיט אונז די שאַפֿונגען פֿון אונזערע דראַמאַטורגן, ראָמאַניסטן. נאָר אַזעלכעס איז נישטאָ. ארץ־ישראל אין איצטיקער תּקופֿה איז אַ װוּנדערבאַר מאַטעריאַל פֿאַר דעם שריפֿטשטעלער. עס איז אַן אויסגעצייכנטע קאַנווע פֿאַרן גרויסן ראָמאַן, עס איז פֿאַראַן דראַמאַטישער שטאָף, קאַמף, קלאַסן־דיפֿערענצירונג. אַן אייגענער ניי־געשאַפֿענער קאָלאָריט. נייער טיפּ מענטש־ייִד. נאָר נישטאָ די פֿעדער, וואָס זאָל באַשרייבן, נישטאָ דער דיכטער, וואָס זאָל דאָס באַזינגען, דער דראַמאַטורג, וואָס זאָל דאָס אויפֿכאַפּן. דער גייסט איז אַטראָפֿירט. פֿאַרוואָס? מען קאָן עס לייכט פֿאַרשטיין. דער ישוב איז אָפּגעשניטן פֿון גרויסן, לעבעדיקן כּוח, וואָס ווירקט אין ייִדישן לעבן — פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. ייִדישע ליטעראַטן קומען נישט אַהער. פֿאַר זיי, פֿאַר אונזערע טאַלאַנטן הענגט דאָ אַ חרם. די „נאַציאָנאַלע פֿעדערס" זענען נישט בכּוח דאָס אייגנאַרטיקע ייִדיש ניי־לעבן אויפֿצונעמען.

אַן אַדאָפּטירטע ליטעראַטור אַפֿילו אויף „עברית" איז אַלץ נישט קיין נאַציאָנאַלע ליטעראַטור. עס העלפֿט אַפֿילו נישט די אַנאָנסירטע פּרעמיע פֿון צוויי טויזנט פֿונט פֿאַר אַ ווערק פֿון ייִדישן לעבן אין ארץ־ישראל אויף העברעיִש. די צוויי טויזנט פֿונט ליגן נאָך דערווייל אומבאַרירט, הגם עס איז שוין אַ צייט, ווי די פּרעמיע איז אָנגעקינדיקט געוואָרן.

און אַז עס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ קאָנקורס אויף אַ העברעיִשער דראַמע פֿאַר דער „הבימה", זענען צווישן הונדערט און דרייסיק טעקסטן אָנגעקומען אַ גאָר, גאָר קליינע צאָל העברעיִשע; דאָס רוב: ייִדישע — געשריבן אין ארץ־ישראל.

ווי די ליטעראַטור, אַזוי דאָס טעאַטער, מוז אָנקומען צו... איבערזעצונגען. דאָס „נאַציאָנאַלע טעאַטער" — די „הבימה" האָט געמוזט ווערן... וועלטלעך, אָנקומענדיק צום קוואַל פֿון דער וועלטלעכער דראַמע און אין גאָר גרויסער מאָס — צו דער ייִדישער.

די פֿאָרשטעלונגען פֿון דער „הבימה" און פֿון אַרבעטער־

טעאַטער „אהל" זענען תּמיד געפּאַקט. אין מיטוואָך, צי שבת צו־נאַכטן. ביידע טעאַטערן האָבן דורכגעמאַכט אַ תּקופה פון דערגרייכונג. די „הבימה" איז אַ ביסל אַראָפּ פון איר „הויך" און איז געוואָרן ערדישער, מענטשלעכער. איך האָב געזען אַ פאָרשטעלונג פון לייוויקס „קייטן", הגם די רעזשי־אויסטייטשונג איז אַזוי, אַז עס איז קעגן דעם מיין פון דיכטער־מחבר, נאָר דאָס שפּילן, די טיפּן, דער אופן פון אינטערפּרעטאַציע, דאָס אַלץ איז נאָך דער אַמאָליקער „הבימה"־בוח. נישט אומזיסט איז די זעלבע פּיעסע ביי מאָריס שוואַרצן אַזוי שנעל דורכגעפאַלן, און דאָ, ביי דער „הבימה" גייט עס שוין באַלד צוויי יאָר!

דאָס יונגע טעאַטער, וואָס איז אַנטשטאַנען פון אַ גרופּע אַרבעטער, צום אָנפאַנג, אַלס אַ דראַמאַטישע סטודיע, און דאַן געוואָרן אַ שטענדיקע טעאַטער־אינסטיטוציע, אויסגעהאַלטן פון אַ געזעלשאַפט, איז זיכער אַ וויכטיקער קולטור־בייי שטייער פון דער פּאַלעסטינער אַרבעטערשאַפט. נאָר ווידער די אייגענע געשיכטע — נישטאָ קיין רעפּערטואַר. עס הייסט: עס איז יאָ דאָ, נאָר נישט אויף העברעיש, און נישט פון אַרבעטער־לעבן, און נישט פון פּאַלעסטינער אַרבעטער־לעבן. דאָס „אהל" האָט געקענט און געדאַרפט ווערן די דערציונגס־אינסטיטוציע, די קאַמפּס־שול, ווו עס זאָלן אַרויסגעבראַכט ווערן אַלע שטריי־טיקייטן, וואָס קומען שוין פאָר אויף דער אַרבעטער־גאַס אין ארץ־ישראל, אָט אָ דאָ, ווייל ערגעץ אַנדערש געפינט מען עס נישט, נישט אין דער העברעישער ליטעראַטור, נישט אין דער העברעישער פּרעסע.

אמת, מען שטעלט זאַכן פון אַ קיום סאָציאַלן אינהאַלט. אַמאָל מער און אַמאָל ווייניקער. אמת, אַז זייער אויסטייטשונג פון הייערמאַנס סאָציאַלע דראַמע „די פאַרלוירענע האָפנונג" איז אַ זעלטענער קינסטלערישער און שטייגנדיקער ספּעקטאַקל. אמת, דאָס שפּילן, דאָס אונטערשטרייכן די קאַמפּס מאָמענטן האָבן אַ גרויסן באַדייט און רייסט מיט אַן אמת מיט דעם צושויער: דאָך, עס איז געבליבן אַ שטיקל גליוועער פאַרן פּובליקום, דאָס רוב אַר־בעטער. איך האָב עס דערקענט אין די אויגן, אין דעם אופן

פון אפלאָדירן. הגם אַלע האָבן אונטערגעשטראָכן די צופרידנ-קייט אי פון דער פיעסע, אי פון אויפפירן, אי פון שפילן. נאָר וואָס דען? איך האָב עס אין דעם פאָיע פון טעאַטער באַנומען: דאָס איז די פראַגע פון שפּראַך.

אַלע רעדן העברעיש, נאָר נישט אַלע פאַרשטייען. און פאַר די וואָס רעדן און פאַר די, וואָס פאַרשטייען, איז עס אַלנפאַלס פאַר ווי קאַלט, האַרט, טרוקן און פרעמד. פאַראַן דיאַלאָגן אין דער פיעסע, וואָס ווען מען זאָגט זיי אַרויס אין אַ געניוג"-פאַרשטענדלעכער" שפּראַך, וואָלטן זיי ממש דאָס טעאַטער צעטראָגן פון אַפּלויז. אַזוי גייט עס פאַרלוירן. די שפּראַך באַשווערט: שטעלט זיך אַוועק, ווי אַ גדר צווישן קונסט און פאַרשטענדלעכקייט. עס איז מעכאַניזירט. ווען אַפילו זעכציק פּראָצענט פון די צוהערער פאַרשטייען יאָ, שטעקן זיי זיך אָן מיט די איבעריקע פערציק פּראָצענט, וואָס בלייבן קאַלט צוליב דעם טעם.

פאַראַן דאָ זינגער (אַזאַ מעשה האָט געטראָפן מיט דער ווינגערין קלינגער), וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט זינגען... העברע-איש, נישט פאַרשטייענדיק קיין איין וואָרט פון דעם „פירוש המילות". זי האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס זיי האָבן געזונגען, טאָ ווי קאָנען זיי מיטרייסן דעם עולם.

אויף מיטינגען און פאַרזאַמלונגען -- עס פעלט די באַגייס-טערונג, דער אויפברויז, דאָס מיטגעריסן ווערן. נישט אומזיסט האָב איך געזען, ווי אַ פייערל האָט געגליט בעת אַ גרויסער עולם איז זיך צונויפגעקומען אין אַ באַראַק, דער לאָקאַל פון די לינקע פּועלי-ציון, צו אַ פאָרלעזונג פון אַ לעבעדיקער ציטונג אויף יידיש.

מיט יידיש האַלט עס נישט אַזוי שמאָל אין תל-אביב. אַזוי פאַרזיכערט מען. דאָס איז אמת. דער אַרבעטער האָט דאָס וואָרט, ווען אַפילו ער איז נישט קיין קעמפער פאַר יידיש. „מען רעדט היינט מער יידיש, ווי תמיד". ס'איז אויך אמת. ביים ים, אויף דער גאַס. אין קאַפע, אין הויז און דער עיקר ביי דער אַרבעט.

די אַרבעט זעט זיך אָן. די גאַס אַרבעט. ביים שאָסיי-פלאַסטערן און ביי הייזער-בוי. איבעראַל, יידיש און יידיש. דאָס

איז נישט די אָ פּ י צ י ע ל ע שפּראַך. נאָר די שפּראַך פון בלוט און פלייש. און ווען איך בין אין אַ טאָג פאַרבייגעגאַנגען אַ זיך בויענדיקן בנין און געזען, ווי מויערער און טינקעווער, שטייענדיק אויף די רושטאָוואַניעס, האָבן זיך אין כאָר צעזונגען אין אַ הילכיקן יידיש „הימל און ערד וועט אונז הערן"!... האָב איך מספּיק געווען, אַז מיט יידיש האַלט עס נישט אַזוי שלעכט!...

דער וועג קיין ירושלים

„דער מזרח דערוואַכט!" דאָס איז דאָס נייע וואָרט, דער נייער לאָזונג, די נייע האָפענונג און די נייע שרעק.

אַוודאי דערוואַכט ער. די פאַבריקאַנטן פון מאַנטשעסטער גרייטן זיך צו צו דעם טאָג פון דערוואַכונג. די לאַגערס מיט שנים־סחורה ווערן פול. דער מאַרק אין אינדיע איז אָפּגעשוואַכט. די ווייסע ליאַנע־טאָגע וועט דאָרט לאַנג נאָך לאַנג נישט פאַרביטן ווערן אויף געשטרייפטע הויזן, אויף ספּאָרט־שטאָף, אויף פראַקן, כאַקי־מונדירן פאַר מיליטער. ווייסע לייוונט־פּלאַכטעס הילן דערווייל די דאַרע גופים, און אויך דאָס חילן זיי, די אינדיער, אַליין פאַבריצירן — דער רוף פון אַ דערוואַכטער נאַציע.

דער מיטל־מזרח ציוויליזירט זיך! מען זעט דעם קאַמף פאַר די אויגן ממש צווישן דער אַראַבישער אַבאַיע און גאַלאַנטן אייראָפּעישן טראַכט. דער קעמל און דער לאַסט־אויטאָ. דאָס אייזעלע און דער אויטאָמאָביל, די עולי־רגל און די פּרעכטיקע אויטאָבוסן, דער זאַמדיקער שטעג און דער ברייטער אויסגעגלאַנצטער אַספאַלט שאָסיי, בעטאָן און קאָנקריט האָבן דורכגעגעסן די הרי־יהודה, די אייביקע שטיינערנע פעלזן־בערג, אויף וועמעס שפּיצן די שטאָט ירושלים האָט זיך איינגעקלאַמערט.

פון תל־אביב ביז ירושלים! מאַכסט צו די אויגן אַ ווייל און ס'דאַכט זיך: דער וועג איז באַקאַנט. ווו און ווען איז מען דאָ געפאָרן? דורך די בלעטער פון געשיכטע? דורך די דערציילונגען פון תנ"ך? ניין. עס איז דער וועג פון ניו־יאָרק קיין

אַטלאַנטיק־סיטי... פון סאַן פראַנציסקאָ קיין לאָס אַנדזשעלעס... עס איז דער גוט־באַקאַנטער אַמעריקאַנער הויפּט־וועג. די היימ־לעכקייט איז דיזעלביקע, ווי אין אַמעריקע, די באַוועגונג — געדיכט. אויטאָס, לאַסט־אויטאָס, מאָטאָציקלען, ביסאַקלעטן. די ציוויליזאַציע פליט מיט דער שנעלקייט פון אַכציק־ניינציק קי־לאָמעטער אַ שעה איבער די אָפּגעשפּיגלטע אַספאַלט־שאָסעען. די עקזאָטיק האָט זיך אָפּגערוקט אין דער זייט. דיר קאַראַוואַנען פון קעמלען ציען זיך אַלץ ווייטער, ווייטער. נאָר אין דער זייט פון שאָסע, אין די איבערגעבליבענע זאַמדן. די אייזעלעך שפּאַ־נען נאָך אַלץ מיט זייערע באַלעבאַטים אויף די דינע רוקנס, זייערע קעפּ זענען נאָך מער אַראָפּגעלאָזט און די אויגן — אַראָפּגעהאָנגען. די „ציוויליזאַציע" לייגט זיך נאָך מער מיט משא אויף זייערע דאַרע פּלייצעס. ווי אַמאָל, אין די „פּרימיטיווע" צייטן. איצט זענען זיי, די אייזעלעך געשפּאַנט אין עול פון אויפבוי, וואָס קומט גלייכצייטיק פאַר אויך ביי די אַראַבער וואָרים אַט שווימט אַרויס פאַר די אויגן דאָס היסטאָרישע דערפל ראַמלע, וואָס איז איצט דערגאַנגען צו אַ נייער שטאָט מיט צען טויזנט איינוווינער. דאָס אויג קאָן זיך נישט אָפּרייסן פון דער נייקייט, מאָדערנקייט פון דער עכט אַראַבישער שטאָט דאָרף מיט די ברייטע גאַסן, אָפן און לופטיק, טעראַסעס, אָפּהאַלט־שטעלן פאַר דעם גאַסן פאַרקער. ווייסע שטיינערנע הייזער, לויט דער לעצטער קאָנסטרוקציע געבויט. קאַפעען און שפּיל־הייזער. קירכן, מעטשעטן, פּאָליציי־סטאַציעס. אויטאָמאָבילן פאַר די טירן און... אייזעלעך אין די שטובן...

ווער וועט וועמען אַרויסטרייבן? וועלכער געדאַנק וועט מנצח זיין? דער שימל פון נעכטן, צי די כוואַליע פון פּראָגרעס? שווער צו זאָגן. אָט טרייבט אַן אַראַבער, מאָדערן געקליידעט, זיין לוקסוס אויטאָמאָביל, די דריי ווייבער זיינע געקליידעט אין שוואַרצן, מיט שוואַרצן טול פאַרהאָנגענע פּנימער, זיצן אויבן־אָן. ער איז זייער מאַן און האַר, זייער קאַוואַליר און עקספּלואַטאַטאָר. ער איז גאַלאַנט און אכזריותדיק. און אָט קומט אונדז אַקעגן אַן אַנדער אַראַבער. זיין הלבשה באַשטייט פון אַ טורבאַנד אויפן

קאָפּ, עטלעכע צעראַפּהענגענדיקע זעק אויף זיין גוף. ער איז דאָך אַ שמוציק. ער רייט אויפן מאָגערן אייזעלע, וואָס האָט אַזאַ אויסזען, ווי ער אַליין, און איז אַזוי שפּלדיק, ווי זיין באַלעבאָסטע, וואָס גייט נאָך איר האָר און מאַן. זי גייט נאָך צופוס, זי טראָגט נאָך אויפן קאָפּ אַ שווערן קויבער מיט משא און אויף די פּלייצעס — אָנגעהאָנגען אין שמאַטעס אַ פאַרוויקלט וויג-קינד. איר פּנים איז נישט פאַרהאָנגען מיט טול, זי איז נישט אין אַזאַ הויכער מדרגה. דאָך קאָן מען זי נישט זען; קרעלן, שמאָכטעס הענגען אַראָפּ פון איר שטערן־טוך און זי איז „געשיצט" פון אַ פרעמדן מאַנסבילס תאוודיק אויג...

ס'איז פרייטיק. דער מאַכמעדאַנישער יום-טוב, דער מאַכמעדאַנישער אָפּרו-טאָג. ס'איז דער ערשטער טאָג פון דריי-טאָגיקן „שבת": דער מאַכמעדאַנישער, דער יידישער און דער קריסטלעכער — פרייטיק, שבת, זונטיק. אָט אַזוי ווי עס גייט אָן דער געראַנגל צווישן די דריי אַלפאַבעטן איבער שילדן און אויפשריפטן: אַראַביש-העברעיש-ענגליש. פילסט דעם געראַנגל אין דער לופט, אין די רייד ביי די נאַרגילאָס אין די קאַפעען אויף די נידריקע בענקעלעך, אין די ווערטער פון זייערע היעראָגליפישע שריפטן אין די ציימונגען און ביי פאַרזאַמלונגען אין די געצעלטן פון די עלטסטע...

נאָך ראַמלע שווימען פאַרביי דעם אויטאָבוס דערפלעך און דערפלעך. עטלעכע מעטער פון ווייטנס דערקענט מען נישט די שטיבלעך. עס האָט דעם זעלביקן אויסזען, ווי די העלע פעלזן פון אַרום, די מראה פון ליים, פון קופּעס ליים.

וווּ וווינען זיי? וועלכע איז די טיר? וווּ איז אַ פענסטער? עס זענען פאַראַן לעכער, דורך וועלכע מ'קריכט אַריין אין די היילן, אין ליימיקע גריבער אין פינסטערע גרובער.

עס איז פרייטיק. די מערסטע פרויען און אייזלען האָבן געקראָגן די פרייהייט אויף אָפּרו. די מענער זיצן אין די קאַפעען, רויכערן די נאַרגילאָס, שפּילן אין שאַך, ריידן „פּאָליטיק", טרינקען קאַפע. און די פרויען — גייען אויפן בית-עולם זיצן דאָרט אויף די נידעריקע פעלזן, אויסגעדרייט מיט די רוקנס צום

שאָסיי און אין זייערע שוואַרצע קליידער מאַכן זיי דעם איינ־דרוק, ווי מחנות קראָען. בלויז זייערע קינדער גיבן צו דער גרויקייט פֿון דעם פֿעלז אַ הילכיקן אָפּקלאַנג. דאָס זענען זייערע שאַרף פֿאַרביקע קליידלעך און בונטע אָנטועכץ, ייִנגעלעך, מיי־דעלעך. וויקלען זיך נאָך דערווייל אין זייער קינדערישער וועלט, זינגען הילכיק און מאַנאָטאָן, ווי זייערע עלטערן לערנען זיי, נאָר גליענדיק און שטיפֿעריש. באַלד וועט קומען דאָס יאָר, וואָס וועט זיי אָפּטיילן איינס פֿונם אַנדערן. די מיידלעך וועט מען פֿאַרקויפֿן און פֿאַרשלייערן די פּנימער, און די ייִנגלעך — זיי וועלן דאַרפֿן זאַמלען און שפּאָרן געלט כּדי צו קויפֿן.

און דער אויטאָ פֿליט, גליטשט זיך איבערן גלאַטן וועג, ציט פֿאָרויס. שטייגט און רייסט זיך דורך דעם גע־דרייטן וועג, וואָס גאַרטלט אַרום די בערג פֿון יהודה. שטעט און דערפֿלעך טויבן אויף און ווערן באַלד פֿאַרלוירן פֿון אויג. דער מאָטאָר העשעט, רוישט און די לופֿט איז בלוי, דורכזיכטיק. דער זשום פֿון דער מאַשין צעקלינגט זיך אין די פֿעלדזן און ברענגט צו טראָגן עטלעכע ווידער־קולות מיט אַמאָל שוין אינאיינעם מיטן געוויין פֿון אַן אייזעלע, ווי פֿאַרזשאַווערטע קייטן וואָלטן שלעפּן קאַפּויער עמערס מיט וואַסער פֿון אַ שטיינערנער ברונען...

איינגעפֿאַלענע מעטשעטן, פֿאַרגראָבן אין ליים ביז די שטאַרצלעך פֿון זייערע דעכער—די קופּאָלן. שטאָלצע מיס־אָנערן־הייזער, קירכן־טורמס, דאָס ייִדישע דאָרף מוצאַ גרייט מיט די שורות הייזער איינס איבערן צווייטן מיט אַרויסגעשטעלטע ליכט אין די פֿענצטער – דער אָפּשיין פֿון דער זון אויף די שויבן. דאָס ייִדישע סאַנאַטאָריום. און דער שאָסיי דרייט זיך, וויקלט זיך זיג־זאַגיש, דער אַספֿאַלט גלאַנצט פֿון באַהעלטענישן אַרויס, דורך פֿעלזן און גרינס, און עס דאַכט, ווי מען פֿאָרט איבער דער הויט פֿון עפּעס אַ ריזיקער שוואַרץ גלאַנציקער שלאַנג.

אָט איז מען אויבן, אויף די שפּיץ בערג. די פּאַסאַזשירן דערמאָנען זיך ווידער שטעלן און קאַפּיטלעך פֿון תנך. מען מעסט מיטן אויג יעדן שטח דאָ: דער און דער נביא האָט זיך דאָ באַוויזן, פֿון דאַנען האָט ער געזאָגט זיינע פֿאָרויסזעונגען.

דאָ און דאָ האָבן זיך די מלחמות אָפּגעשפּילט צווישן ישׂראל און זיינע שונאים, נאָר פּאָר מיר שווימט אויף אַן אַנדער בילד. די מלחמות, וואָס עס האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט ביי די מאָדערנע גבורים, די יונגע לייט, וואָס האָבן מיט עקשנות זיך דאָ גע-קלאַמערט אין די בערג, געשניטן די בייכער פון די פעלזן, אויסגעגאַרטלט אַ וועג, געשטויסן שטיינער, געגאָסן בעטאָן, פעך און אייל, צעריסן אויף זיך די הויט. אָט ווי זיי האָבן גע-ריסן די פעלזן. איצט איז דער וועג אַ גלייכער און אַ גלאַטער און ברענגט אַריין די אויטאָבוסן-געזעלשאַפטן היבשע פאַרמעגנס און נאָך מער — די אויטאָמאָביל-פאַבריקאַנטן אין אַלע טיילן פון דער וועלט.

דער צוריק-בליק פאַלט אין אומגעהויערע טיפע טאָלן, פון וואַנען עס שטייגט אויף אַ בלויע דורכזיכטיקייט באַקרוינט מיטן פורפור-גאָלד פון דער זינקנדיקער זון. און פאָרויס לייכטן זיך די ווייסע, שטיינערנע מויערן פון ניי ירושלים מיט די גרינע פענצטער-ראָמען, מיט די צינקענע וואַסער-קעסלען אויף די פלאַכע דעכער, וואָס זעען אויס איצט, אין דער דורכזיכטיקער פאַרנאַכטיקער בלויקייט, וואָס שפּרייט זיך איבער זיי, ווי זיל-בערנע בעכערס, אָנגעגאָסן אין פלאַמיקן וויין, זון-אונטערגאַנג, וואָס שוימט איבער די ברעגן און פאַרגיסט די הייזער און פאַרפּלייצט די גאַסן.

אַלט-ירושלים

וועלכעס איז אַלט און וועלכעס איז ניי ירושלים? אַז דאָס נייע זעט אויך אויס אַלט און דאָס אַלטע בלאַנקט מיט דער העלקייט פון אירע שטיינער?

ניי-ירושלים האָט אין זיך קאָנסערווירט דעם שטעמפּל פון אַלטקייט. אַ מאָדערנע קלייד מיט פאַרעלטערטע שלייערן. די גאַסן פריי, ברייט, אָפן, אַספאַלטירט, נאָר — אָן טראָטואַרן. און אַז עס איז יאָ פאַראַן טראָטואַרן, זענען זיי פון שווערע, נישט

סימעטריש־גלייכע, נישט גלאַטיקע מאָזאַיק, אָדער געגאָסענעם בעטאָן. די טראָטואַרן זענען, ווי די מויערן, פון פעלזן־שטיין, און ס׳זעט אויס, ווי מען גייט אויף די דיק־פלאַכן פון ווענט. איבעריקנס, אין ירושלים גייט מען נישט אויף זייט־טראָטואַרן. מען גייט אין מ י ט גאַס, מען שאַרט זיך צווישן ראָד־פאַרקער, אויטאָס און פיאַקערס, און מען שפאַנט אינאיינעם מיט די אייזלען און קעמלען — אין מיטן וועג.

ירושלים איז קאָנסערוואַטיוו. נישטאָ די פרייע האַנט פאַרן אַרכיטעקט און די ברייטע פאַנטאַזיע פאַרן בויער. די הייזער איין־סטיליק, פון אַנדייט פון יענער זייט, פון דער אַלטשטאָט הינטער די מויערן. מאַסיוו, פעסט, גראַניט, פלאַך און הויך.

די גאַסן־לאָמפן, פיר־קאַנטיקע לאַמטערן, ווי פענצטער־קראַטן פון תפיסות, דער אָפשיין איז מאַט, אומהיימלעך און קאַלט.

וועלכער איז דער ירושלימער, און ווער זענען אירע איינוווינער ?

עס איז טומלדיק. נישט דער ברויז פון אַ גרויסער שטאָט. ס׳איז דער טומל פון מזרח. פרייטיק פאַרנאַכט. מיר קומען אָן דורך יאַפע גאַס. אַ געמיש פון מענטשן. אַלערליי מענטשן. אָט רייטן אָן צוויי יונגלעך מיט לאַנגע, לאַנגע געקרייזלטע פאות אין קיילעכדיקע, סאַמעטענע היטעלעך. דאָס אָפּבילד פון מיין אייגענער קינדהייט שווימט מיר דאָ אַקעגן, נאָר איך בין מסתמא געריטן אויף אַ בעזים און די צוויי דאָ—בשותפות אויף איין אייזעלע. דאָס אייזעלע שטעלט דריבנינקע שנעלע טריטעלעך, נאָר עס קומט אויס גלייך מיט מיין נישט געאיילטן שפאַן. איך קום אויס דערנעבן. מיך אינטערעסירט דער קלאַנג פון זייער וואָרט: יי ד י ש. מען טענהט זיך אויס מיטן אייזל, למאי עס ווייסט נישט, אַז עס איז פרייטיק פאַרנאַכט און ס׳איילט זיך נישט צו אַ היים אויף שבת...

אָט קומען אַנטקעגן אַ גרופּע אַרבעטער. דער קאַלך איז נאָך אויף זייערע פנימער און דער בעטאָן — אויף די הענט. מען איילט אין די קראָמען עפּעס קויפן, נאָר דאָרט שטייט שוין

דער „שומר־שבתניק“ און לאָזט נישט אַריינגיין. ער זעט אויס, אַט דער דאָזיקער דאַרער ייִד, מיטן אָפּגעטראָכענעם שטריימל, אַן איינגעוויקלטער אין זיין אייגענער, טרוקענער הויט, ווי אין אַ געלן, צוקנייטשטן פּאַרמעט. נאָר תּקיף איז ער, דער דאָזיקער ייִד. עס איז ז יי ן ירושלים. ער און נאָך זיינס גלייכן דערפילן אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע פונקציע. וואָרום דער שטאָט און די געזעלשאַפט זענען מיט אים. די אויטאָבוסן הערן אויף צו קורסירן נישט נאָר איבער די גאַסן פון ניי־ירושלים, נאָר אויך פון איין שטאָט אין דער אַנדערער. די טעאַטערן זענען געשלאָסן און די זאַלן — פאַרשפּאַרט. די קראָמען צוגעמאַכט און די גאַסן־פאַר־קויפער — צוטריבן. דער „שומר־שבתניק“ באַפעלט און ער האָט הינטער זיך אַלעמענס איינשטימיקייט. די הסכמה פון „הסתדרות“ און די פויסט פון רעוויזיאָניסט —

דער שבת רייט אַריין אין ירושלים.

* * *

וואָס ווייזט מען אַ גאַסט, וואָס קומט פון דער ברייטער וועלט פרייטיק פאַרנאַכט אין ירושלים?

דעם „כותל“.

דער געמיש פון אַלט־ניי, פון מאָדערנישקייט, אַלטערטום, איירָאָפּע־אַזיע, מערב מזרח הערט־אויף, ווי נאָר מען קומט צו צו די מויערן פון דער אַלטער־שטאָט, צום מגדל־דוד, ביים טויער פון יפו.

פון פענצטער און באַלקאָנען ציען זיך איינטאָניק און נודנע די מאָטיוון פון אַראַבישע ניגונים. גראַמאָפאָן־פּליטעס און ראַדיאָ־הילכערס, וואָס קומען פון אָן אָן אָנהויב, און ציען זיך ערגעץ אין אָן סוף אַריין. אַזוי הויך, ווי עס איז דאָס פאַרמאַטערטע קלעטערן פון די קעמלען איבער די בערג פון יהודה, און אַזוי ווייט, ווי אין די ווייסע זאַמדן אַריין פון דער מדבר.

און אַזוי לאַנגווייליק, ווי עס זענען די פנימער פון די, וואָס זיצן אויף קליינע נידעריקע פון שטרוי געפלאָכטענע בענקעלעך אין דרויסן פון די קאַפע־הייזער און ציען די רערלעך פון די נאַרגילאָס־לולקעס.

דער „שער יפו“ איז אַן אויפֿגעפּראַלטער. אַמאָל, אַמאָל, האָט מען שוין אין דער צייט נישט געקענט אַריין. דאָס טויער איז פֿאַרשפּאַרט געווען, פֿאַרשלאָסן אויף ריגלען און שלעסער. און איבער דער מויער פֿון מגדל־דוד, וואָס שטאַרט איצט ווי אַ שאָטן פֿון אַ ריזיקער פֿעסטונג, האָט געלויערט דאָס אויג פֿון וועכטער. נאָר פֿאַרן קייזער ווילהעלם׳ס וועגן האָט דער „טערק“ דאָס טויער אויפֿגעבראָכן, פֿאַר זיין כּבֿוד וועגן. איצט איז דער וועג אַן אָפֿענער און אַ פֿרייער, דער האַנדל — אַ נישט געשטערטער, אַ באַלעבטער.

און פֿאַר דיר אַנטפּלעקט זיך פּלוצלינג דער גאַנצער אַלטערטום אין בילד, אין טראַכט, אין פֿאַרב און אין שפּיל.

קעלער־לאַבירינטן, ווי אונטערערדישע הייל, געקלאַמערט מיט שוואַרצע פֿינגער איינס אין אַנדערן, וועג באַרג אַראָפּ, נאָר דורך פֿלאַכע טרעפּ געפּלאַסטערט מיט לאַנגע, שפּיציקע שטיינער, אַראָפּ, אַראָפּ, ערגעץ ווו, וואָס האָט קיין סוף און קיין ענד נישט.

קראָמען פֿון ביידע זייטן, גאַסן־פֿאַרקויפֿער, בעל־מלאכות, געלט־וועקסלער, כּישוף־מאַכער, צירולניקעס, פֿלייש־בראָטער, בשמים־הענדלער, בעקער און קאַפֿע־זיצער.

אַ וועלט אַ גאַנצע, אַ וועלט אין הייל, אַ וועלט אונטער דער ערד, אין געהיימע לאַבירינטן, אין פֿאַרחושכטע געוועלבער.

און די „וועלט“ באַוועגט זיך, שרייט, ליאַרמט, טומלט, רופֿט, שעלט, פֿאַרקויפֿט.

דאָס זענען די גאַסן פֿון דער אַלטער שטאָט. ברייט, אַז דריי מענטשן קענען קוים צוזאַמען דורכגיין. דאָך זענען די גאַסן געפּאַקט, אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. מען גייט, מען איילט, מען שטופּט מיט די עלנבויגנס זיך דורך אַ וועג, פֿאַר זיך און פֿאַרן אייזל. און קינדער! קינדער! די אויגן גליען אין דער טונקלקייט פֿון צווישן די טונקעלע מויערן. זיי פּלאָנטערן זיך אין די דורכגענג, פֿאַרדרייען זיך אין דער מיט, פֿאַרלירן זיך אין די אייגענע שמאַטעס אויף זייערע פֿאַרבלאָטיקטע גופֿימלעך. זיי לויפֿן אַריבער טשאַטעסווייז פֿון איין זייט געסל אין אַנדערן, קומען אַרויס פֿון ערגעץ אַ לאָך, אַ וווינונג אַזאַ,

ווי אַ מויזאָלײאַמע, און פֿאַרשווינדן ערגעץ אין אַ שפּאַלט אַרײַן פֿון אַ לײמיקער געבײ. עס זעט אויס ווי אַ מחנה יונגע קעץ האָבן די גאַס דורכגעקריצט.

עס איז שוין גוט פֿינסטער. קאָן זײַן, אַז איבער יענער זײַט מויער פֿון דער אַלט־שטאָט, גוסט נאָך דער טאָג אין לעצטן אָפּשײַן. נאָר דאָ איז שוין לאַנג, לאַנג טיף חושך. די פֿאָנאַרן־לעך ווערן אָנגעצונדן. דאָס זענען נאַפֿט־לעמפּלעך מיט קרענקלעכן ליכט אין פֿאַרזשאַווערטע לאַמטערנס אין די ראָגן פֿון הייל־געסלעך. מיר גייען אַלץ באַרג־אַראָפּ, באַרג אַראָפּ דורך שטעלעכע שטיינער־טרעפּלעך, מיר גייען ווי דורך אַ „טריומף": דאָס געשריי פֿון דעם פּליש אין ברייטע, רונדע פּאַנעמער פּונם אייל אַרויס, מאַכט דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט יונגע חזירים־לעך געשאָכטן.

די „האַנדלס"־גאַסן פֿון אַלט־ירושלים זענען געענדיקט, אָדער זיי פֿאַרנעמען זיך אין אַן אַנדער ריכטונג. מיר גייען אין אַן אַנדער ריכטונג. מיר גייען אין וועג רעכטס. די געסלעך ווערן נאָך שמעלער, ענגער, חושכדיקער. עס דאַכט, ווי מען גייט דורך אַ שמאָלן דורכגראָב פֿון בערג ליים. פֿון דער פֿינסטערניש אַרויס שווימען אונדז אַקעגן די פּלאַכע דעכער, עטוואָס פֿאַררונדיקט, ווי אַ קאָפּל אויף די קעפּ פֿון נזירים. דאָרט שווייגט אַן איינגעפּרעסטער פּחד און פֿון ערגעץ־ווו לויערט אַ בליק אין אַ שוואַרצן בליק. דאָרט וואָלט אַן אויג איבער ווייב און טאָכטער, דאָרט שאָטנט זיך דער אומרו פֿון דורות, פֿאַנאַטישט און פֿאַראָרימט. נעסטן פֿון עפּידעמיעס און קופּעס מיט חולאתן, פֿאַרוואָרלאָזט איינגעשטאַנען.

אַ געסעלע. אַ הין, אַ וועגעלע אַהער, און עס שימערט אויף אַ הצל, אַ גאָר העל ליכט, ווי דער אָפּשײַן פֿון גרויסע אויטאָמאָביל־לאַמטערן וואָלטן אַ לויכט־געטון אויף אַ וואַנט. נאָר דאָס ליכט מעקט זיך אָפּ. ניין, מיר זענען נאָר אַראָפּגעגאַנגען געסל באַרג־אַראָפּ. אָט קומען מיר קאַפּויער, דאָס בלוילעכע רייסנדיקע ליכט אַנטפּלעקט זיך ווידער. „אָט, דאָס איז" — „ווער"? „די וואַנט, דער כותל..."

וואָס פיל איך איצט שטייענדיק ביי דער כותל מערבי? גאָרנישט. בלויז אַן אַנגענעם געפיל פון אַ טוריסט... עקזאָטיש.. אַ קאָנסערווירט שטיק אַלטערטום, וואָס איז פאַרקערפּערט אין אַ לעבעדיקן קעגנשטאַנד. צי דאַכט זיך אַלע מענטשן דאָ, וואָס שטייען ווי איינגעמויערטע סטאַטועץ מיט צעשפּרייטע הענט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַרומנעמען דעם מויער, אַז די וואַנט הערט זיי, פאַרשטייט זיי? שווער צו זאָגן. דאָס בילד איז אימפּאָזאַנט: דאָס גרויסע ליכט, וואָס האָט אַזוי געשטראַמט מיט סנאָפּעס העלקייט אויף די שטיינער, איז פון צוויי גרויסע גאַזאָלין לאָמפּן, וואָס זענען דאָרט אויפגעשטעלט אין שכנות מיט פּאָליציי-וואַך-ביידעלעך. איין לאָמפּ. איין פּאָליציאַנט צו דער כותל מערבי און דער אַנדערער לאָמפּ, דער אַנדערער פּאָליציאַנט — צו דעם „אָמאַר מאָשעי״-טעמפּל – דער אַראַבישער בית-המקדש, וואָס געפינט זיך פון יענער זייט וואַנט.

דער שופר, וואָס האָט פריער אָנגעזאָגט די בשורה איבער ניי-ירושלים, אַז דער שבת קומט, האָט אַהער געטריבן פאַרשידענע יידן. עס איז איצט אַן אינטערעסאַנטע אויסשטעלונג פון פאַרבן און טראַכטן. אַ געמיש פון אָריענט און גאַליציע. קופּערקאָליר בעקעשעס צעבלענדן זיך אין אַפּשיין פון בלויעכן ליכט און פאַרגיכן זיך באַלד מיט דעם חושך פון דער אַלץ שטאַרקער צופאַלנדיקער נאַכט. ווייסע יאַקעס און געשטריקטע גאַרטלען מיט זילבער-פעדים, שטריימלען און פעסקעס פון תימנער, געקרייזלטע פאות אונטער פעסקעס, און טלית-קטנ׳ס אונטער אַבאַיעס, אַ געראַנגל פון נוסחאות. „איראָפּעישע״ יידן פון פוילן און קירה, מיט זייער היימישער שפּראַך און אשכנזישן נוסך, די ספרדישע, די בוכאַרער, די תימנער. אַן איבערגעשריי אין דאַווענען, אַן איבעריאָג אין די תפילות, אַ קאָנקורענץ אין געשריי.

און דאָס זענען נישט בלויז די פרומע, גאָטספאַרכטיקע, וואָס קלאָגן אויף גלות השכינה. דאָס זענען רייכע עולי-רגל, די אָנקעל-מאָזעסעס פון אַמעריקע, וואָס האָבן אויפגעבויט גאַנצע קוואַרטאַלן אין ניי-ירושלים, וואָס האָבן געעפנט פאַבריקן און עקספּלאָאַטירן די קינדער פון ישראל אויפן שטאַרקסטן אופן.

ווי און זייערע ווייבער, זין און טעכטער, קומען אַ הער אויסגיסן דאָס האַרץ פֿאַר דער „וואַנט“. נאַטירלעך רעדט מען בשעת מעשה „ביזנעס“: ווען אַזאַ „ווענטל“ שטייט אין אַמעריקע, וואָלט מען גענומען צו אַ פֿערטל דאָלאַר צוטריט, ער וואָלט שוין דאָ אָפּגעקויפֿט די אַלע ליימיק־שטיינערנע הייזלעך אַרום, ער וואָלט שוין אַרויסגעקריגן פֿון געריכט אַ דערלויבעניש, זיי דאָ, די אַראַבער אַרויסצוּוואַרפֿן. ער וואָלט געמאַכט אַ גאַראַזש פֿאַר אויטאָמאָבילן דאָ אַרום, לאָזשעס, בענק און אפשר אַ האָטעל נישט ווייט פֿון דער וואַנט...

דאָס שמאָלע שטיקל פּלאַץ, מיט דעם געפּלאַסטערטן שטיינער־ברוק ווערט ענגער און ענגער. צום ערשט קומען די שאָטנס אַרויס פֿון די געסלעך, און נאָך די שאָטנס — שאַרן זיך אַרויס די געשטאַלטן. אָט זעצן זיך אויס די תּימנער ייִדן אין אַ האַלבן קרייז, זייער עלטסטער, דער „חכם“ דאַוונט פֿאַר זיי. פֿון אַלע זייטן, פֿון פֿאָרנט און הינטן, אויבן און אונטן, כאַפּט מען תּוגעריק, שטיקלעך „עברי“ פֿון זיין סידור אַרויס. אויגן ברענען אויף אין דער טונקלעניש און צעפֿלאַמען זיך אינם בלייכן אָפּשיין פֿון גרויסן לאָמפּ.

דאָ שטייען אַלטע גרייזן און יונגע לייט פֿון דער ישיבה אַ העפּטיק שאָקלען זיך, אַ וואַרפֿן זיך מיט העוויות, אַן עקסטאַטיש פּייניקן זיך. דאָס גוט־שבת ביטן, דאָס שמעק־טאַבאַק טיילן; און ווידער ציען זיך לענג אויס, לענג אויס אַרויף אויף די קרום שאַרפֿע שטיינערנע טרעפּלעך הויכע, הויכע שאָטנס פֿון פּאות און שטריימלעך, פֿון פּעסקעס און טורבאַנען, פֿון קאַפּליושן און היטלען, פֿון פּאַפּאַכעס און צילינדערס.

און די שאָטנס פֿון די איצט גייענדיקע לויפֿן פֿאַרויס, קאַפּויער, הויך, פֿאַרלירן זיך אין די צעקרימטע אָרנאַמענטן פֿון מעטשעטן, קירכעס און שולן, און גיסן זיך צונויף מיטן שאָטן פֿון אַלטערטום, וואָס לויערט פֿון דאָרט אויף טראָט און שפּאַן, וואָס לעבט דאָרט אין די שפּאַלטן און אין די געזימסן זיין אייביק פֿינסטער לעבן.

אַ טאָג אין יאַדזשור

אונטער דעם העכסטן פונקט פון כרמל־באַרג האָט זיך די קאָמונע־ווירטשאַפט „משק יאַדזשור" אויפגעשטעלט.

אַ קאָמפּאַקט דאָרף, צונויפגעקוועטשט אין איין הויף. אַקיבוץ פון דריי הונדערט פופציק נפשות, אָדער—זיבן הונדערט הענט.

און זיבן הונדערט הענט זענען פלייסיק, רוען נישט, האָבן זייער מי אויסגעשפּרייט אין הונדערטער, הונדערטער דונאַם שטיין־באָדן, אויסגעוואָרצלט שפּיציק־שטעכנדיקע שטיינער, געטרוקנט זומפּן, אָפּגעהאַלטן דאָס פּאָכן פון דעם מלאך המות׳ס שווערד, אונטערגעשניטן די טריט פון טויט, וואָס האָט דאָ אייביק געשפּרייזט און געלויערט אויף אַלץ און אַלעמען. איצט רוישט אָן אויפהער די מאָל־מאַשין, וואָס צערייבט קליינע שיינדלעך און פאַרוואַנדלט זיי אין קאָנקריט־מאַטעריאַל, אין בעטאָן, איצט שטייגן פון מינוט צו מינוט געפּעסטיקטע בנינים ווייס און באַקוועם, נייע און מאָדערנע, און זיי וועלן ביסלעכווייז אַרויסשטופּן אי דעם פּרימיטיוון באַראַק, אי דאָס לייוונטענע געצעלט, וואָס דינען פאַר אַן אָבדאַך פאַר די מידע, אויסגעהאָרעוועטע ביינער, פאַר די דריי הונדערט און פופציק אויסגעאַרבעטע גופים.

יאַדזשור ליגט אַ צען־צוועלף קילאָמעטער פון חיפה. די „ווירטשאַפט" איז אַלט אַרום צען יאָר. פון די, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל אַ לאָפּעטע אין דער וויסטער ערד אַריינגעגראָבן, זענען שוין איצט פאַראַן ווייניק. איך קאָן נישט דערגיין די סיבה, פאַרוואָס זיי האָבן פאַרלאָזט. אַלענפאַלס, עטלעכע זענען נאָך פאַראַן, עס קאָן אָבער נישט געזאָגט ווערן אויף קיינעם, אַז ער איז שוין געקומען „אויף אַלעם פאַרטיקן", אַז די וואָס זענען געווען פריער, האָבן אַלץ פאַרגרייט. יעדער נייער, וואָס קומט אָן אין דער קאָמונע, ברענגט צו זיין שווייס, זיין מי, זיין פלייס, זיין אָנשטרענגונג. וואָרום מיט יעדן טאָג באַקומט דער „משק" אַן אַנדער אויסזען, קריגט אַ ברייטערן אינהאַלט, פאַרגרעסערט זיך און פאַרבעסערט זיך.

דער רעאַלער נס, אויסגעפּישופּט פון זיבן טויזנט פינגער!

* *
*

ס'איז מיטאָג־שעה. דער הילצערנער באַראַק, וואָס זעט אויס ווי אַ לאַנגער קאַסטן, ווי נחס תּיבה, ווערט אָנגעפּראַפּט. דורך אַלע טירן שטראָמט אַ פאַרהאָרעוועטע אויסגעהונגערטע מאַסע. דו זעכסט פאַר זיך דעם אמתן טיפּ פון דעם מענטש, וואָס בויט זיך איבער און וואָס בויט איבער די יסודות פון דעם ביז איצט אָנגענומענעם לעבן. יונגע מענטשן, נאָר צוזאַקערט זענען די הענט און די פּנימער, אָט ווי די ערד צווישן די שאַרפע, שפּיציקע פעלזן. זעסט פאַר זיך אַ מענטש, וואָס איז ווי אויסגעפאָרמט געוואָרן פון זאַמד און שטיין־שטויב. יע־דער ברענגט מיט זיך, אין די פאַלדן פון זיינע קליידער, דעם שטויב און דעם ריח פון זיין אַרבעט. זעסט דעם איינעם, וואָס איז נאָר וואָס אַוועק פון די קי־שטאַלן, און דעם אַנדערן—פון די שאָף־קאַמערן. דעם דריטן—פון עופות־צוכט, און דעם פערטן—פון די בין־שטאָקן. דער—פון די סטויגן אַראָפּ, און יענער—פון די שייערן אַרויס. דער—פון טראַקטאָר, און דער אַנדערער, פון ברו־נעם. די—פון קינדער־גאָרטן—און יענע—פון דער וועשעריי. די—פון בנין־בוי, און יענע—פון דער צעמענט־פאַבריק. דאָ פעלן נאָך די, וואָס דער פאַרטאָג האָט זיי אַרויסגעריסן פון די באַ־ראַקן און געצעלטן און דער אויטאָמאָביל האָט זיי צוּפירט צום פּאָרט אין חיפה, משא לאַדעוועט אין די אָפּגייענדיקע שיפן, די, וואָס האָבן זיך צו די פאַבריקן דערשלאָגן, ביי וועבעריי און סטאָלעריי, ביי גיסעריי און שלאָסעריי. דער פאַר־נאַכט וועט זיי צוריקברענגען צו דעם געמיינזאַמען טיש און בשותפותדיקן געלעגער. זיי האָבן זייערס בייגעשטייערט; דער טאָג שווערע אַרבעט מחוץ דעם „משק“ געהערט נישט זיי, נאָר צו דער קיבוץ־קאַסע.

זעסט פאַר זיך מיידלעך, יונגע און אַנטשלאָסענע. זיי, צוגלייך מיט די יונגלעך, אין די רויע, שווערע אַרבעטס־בגדים, דאָס זענען מערסטנטיילס כאַקי־מונדירן פון אָפיצירן, אַפילו,

נאָך מיט די שליפעס. ווער ווייסט, ווו מען האָט ערגעץ דער־טאַפּט אָטאָ די זעלנערישע מלבושים. נאָר שטאַרק זענען זיי, די מיידלעך, פעסט. עס דאַכט זיך, אַז זעסט פאַר זיך אַן אַרמיי פון גע־פאַנגענע, דעם שונאס חייל, נאָר אָן דעם שרעק אין די אויגן פון געפאַנגענע און אָן אַ ציטער אויף די פּנימער פון געפאַנגענע.

פאַרקערט, זעסט פאַר זיך אַ פרייוויליקע אַרמיי. אַ מו־טיקע און אַן אַנטשלאָסענע. ווען אַרום דיר בויט זיך און פאַרפעסטיקט זיך אַ קאַפּיטאַליסטישן לעבן, אַזאַ, וואָס קיינער פון זיי, פון די, וואָס האָבן איינגעפּירט אויף דער אָפּגעגרע־נעצטער טעריטאָריע פון זייער אַרבעט־רעפּובליק דעם אמתן סאָציאַליזם, אָדער דעם סאָציאַליסטישן לעבנס־שטייגער, האָבן נישט געדאַכט, אַז דאָ, אין ארץ־ישראל וועט עס מעגלעך זיין, אַז אַחוץ אידעאַליזם, מי און אַ לעבן פון אייגענעם שווייס און חבריהדיק, וועט קיין אַנדער איינשטעל דאָ נישט זיין,— דאָך, זיי בויען ווייטער, זיי שאַפן ווייטער, נישט אינדיווידועל, יעדער פאַר זיך, נאָר אַלע פאַרן כּלל, פאַר זייער קליינעם, ענגען, אָפּגעגרענעצטן כּלל.

דאָס מאָלצייט ברענגט אַלעמען צונויף. אַרום די טישן איז ענג. די שטוילן ברויט ווערן פאַרצערט און אַנדערע ווערן אַרויפדערלאַנגט. די פאַרנוצטע ענערגיע דאַרף זיך אָנפילן מיט שפּייז. עס זיצן דאָ גאַנץ יונגע, קינדער ממש נאָך. אויך זייערע הענט זענען שוין צעקערט און די שטערנס — פאַרברענט. זיי אַרבעטן און פלייסן זיך נישט ערגער, ווי די גרויסע. נישט ווילנדיק פאַרטראָג איך זיך צו אַנדערע, גאַזעענע בילדער: קינדער ביי דער אַרבעט. נאָר וואָס פאַר אַ פאַרגלייך! דאָרט, ווו קינדער אַרבעטן אונטער דעם עקספּלאָאַטאָרישן רעזשים, ליגט דערשלאָגנקייט אין זייערע אויגן, ליגט מידקייט פון אַ יונגן בוימל, וואָס בויגט זיך אונטער דעם ווינט. דאָ — מונ־טערקייט, עפּעס פאַרבאָרגענע שטראַלן פאַלן אַרויס פון די מאַנדל־אויגן, שטיפעריי און געלעכטערלעך.

עטלעכע טיטולירט מען „דאָקטאָר".

מיין איך, אַז עס זענען צונעמען. נאָר ניין, דאָס זענען

עכטע דאָקטוירים, נאַטיר, עך פון דייטשלאַנד, וואָס האָבן אויס־ געטוישט דאָס אָפּעראַציע־מעסער אויף דער באָטאַנישער שער. די נייע קיבוצניקעס פון דייטשלאַנד פילן זיך גאָרנישט שלעכט. די, וואָס האָבן זיך שוין דעצידירט פאַר „אַלערהאַנט" אַרבעט, טוען, ווי אַלע, וואָס זיי טוען, מיט פינקטלעכקייט און גענוי־ קייט: ביים אַרויספירן דאָס מיסט פון די פערד־שטאַלן און ביים טראָגן ציגל פאַר די נייע, זיך בויענדיקע בנינים. און אַז מען דאַרף, טוט מען זיך אָן די ווייסע פאַרטוכער און מען מאַכט אַ געזונטהייטס־אינספּעקציע אין קינדערהויז, ביי די קליינע קינדער...

קיינער פרעגט נישט: ווער דו ביסט. קיינער פרעגט נישט: וואָס דו ווילסט, פון וואַנען דו קומסט און וווּ דו גייסט.

קוים ביזטו געקומען מיטאָג־שעה, דאַן, אָן קשיות און אָן קונצן, זעץ זיך אַוועק ביים טיש גלייך מיט אַלעמען דאָ, צומאָל אַ שטיק ברויט צווישן די ציין צוגלייך מיט יעדן. דאָס מיידל, וואָס דערלאַנגט עסן, וועט דיר דערלאַנגען דעם טעלער זופּ און די פּאָרציע פלייש, ווי אַלע אַנדערע. און טאָמער ווילסטו בלייבן אויף אָוונט־מאָלצייט, טו דאָס אייגענע. און אויף מאָרגן — אויך דאָס זעלביקע. בלויז נאָר ווען דו וועסט וועלן דיין קאָפּ אויף אַ קישן לייגן, מוזטו שוין גיין צו דעם, וואָס איז דער ממונה איבער די בעטלעך און געלעגערס, און ער וועט אויך, ווי דאָס מיידל פון קיך, ווי די דערלאַנגערין צום טיש, ווי אַלע אַנדערע דאָ, דיך נישט פרעגן: וואָס און ווען. ער וועט דיר נאָר אָנווייזן אַ שטיקל פלאַץ און אַ בעט, און דו וועסט שלאָפן צוגלייך מיט אַלע און די דריי מענטשן, וואָס וועלן זיך געפינען מיט דיר אין זייערביידל, וועלן דיך נישט פרעגן גאָרנישט. וואָרום דו נעמסט נישט צו קיינעמס, דער ביסן, וואָס דו עסט, געהערט אַלעמען, און דער כלל איז נישט ענגהאַרציק, נישט קאַרג און נישט קליינלעך.

נאָר ווי וועט דיר זיין, אויב דו וועסט מיט דער גאַסט־ פריינטלעכקייט מיסברויכן. ווי מיד דו וועסט נישט זיין, וועס־ טו נישט קענען איינליגן אויפן געלעגער אין דעם פריען

מאָרגן, ווען דו וועסט זען אַרום זיך באַוועגונג, ווי דער קלונג פון גלאָק, דערזעלבער קלונג, וואָס רופט אַזוי מוטערלעך צו־נויף די אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע אַרבעטנדיקע אויף די פעלדער און אין די גערטנער, דערזעלבער גלאָק האָט אַרויס־געריסן דיינע שכנים פון זיסקייט פון פאַרטאָגיקן שלאָף. יע־דער איינער איז צופליוגן געוואָרן אין אַן אַנדער ווינקל פון נרויסן ווירטשאַפטס־הויז, נאָר דו, פרעמדער, ביזט געבליבן שלאָפן, און אַ נישט אָנגעהאָרעוועטער האָסטו זיך געזעצט צו זייער טיש עסן. עס וועט דיר קיינער נישט זאָגן קיין וואָרט, עס וועט דיך קיינער נישט באַמערקן און קיינער וועט נישט וויסן, צי האָסטו יאָ געאַרבעט, צי נישט. נאָר פון זיך אַליין וועט דיין הויט זיך צינדן אויף דיין פּנים. פון זיך אַליין וועלן די פינגער זיך נישט דרייסט צורירן צום ברויט און — אָדער דו וועסט אַוועק, אָדער — דו וועסט זיך שטעלן אַרבעטן צוגלייך מיט זיי, צוגלייך מיט אַלע.

*

*

ביים ערשטן מאָלצייט האָט מיך קיינער נישט געקענט און קיינער — נישט געוווּסט. נאָר ווען איך האָב געזאָגט די אָנפירער דעם צוועק פון מיין באַזוך און דעם ווילן זיך צו באַקענען מיט דער ווירטשאַפט, און ווייל דאָס איז דער ערש־טער קיבוץ, וואָס איך זע, האָט מען באַשטימט אַ חברטע פון קיבוץ (מען האָט זי צוגענומען פון דער וועשעריי) כדי זי זאָל מיך באַגלייטן און אויפקלערן.

ביים צווייטן מאָלצייט, נאָך דער אַרבעט, פאַרנאַכט האָט דער עולם פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל עפּעס רעדן פאַר זיי. עפּעס דערציילן פון דער ווייטער, גרויסער וועלט, און אויב מעגלעך — עפּעס פאַרלייענען פון מיינע זאַכן.

איך האָב מיט פאַרגניגן די בקשה דערפילט.

עס איז פאַר מיר אַליין געווען אַ תענוג, ווען דו זעסט צונויפגענומען אַן אָפּגעאַרבעטן עולם אַרום זיך, נאָר פריש און מונטער. יעדעס וואָרט ווערט געשלונגען. מען פאַרלאַנגט נאָך

און נאָך, דורשטיק און אויפמערקזאַם. איך רעד י י ד י ש און דער עולם פילט זיך דערפרישט. דער מינדסטער ניואַנס פון געלייענטן ווערט נישט פאַרלוירן. יעדעס קנייטשעלע, אין וועלכן עס ווערט איינגעפרעסט אַ זאַץ פון הומאָר, ווערט אויפגעכאַפּט. עס געפינען זיך אַזעלכע, וואָס קאָנען דאָס נישט פאַרליידן: „יידיש אין קיבוץ?" מען דאַרף אָפּשוואַכן, בלאַסער מאַכן דעם רושם. עמיץ נעמט אַ וואָרט צו דיסקוטירן. דער איינדרוק ווערט אָבער נישט בלאַסער. עס זענען געווען שעהן פון פרייד.

יאַדזשור איז די פּעכטונג פאַר העברעאיש. עס איז אַזון מאָדנע: אַ סאָציאַליסטישער איינשטעל פון לעבן, אַ לעבן או- אַ שאַפן אויף קאָמוניסטישע יסודות, און — אַזוי ענג נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ס ט י ש. חוץ אַרבעט, איז נישטאָ קיין אַנדער פאַר געניגן. מען האָט ביי די דרייהונדערט פופציק נפשות צוגעגנומען אַ טייל פון זייער נאַטירלעך קולטור־אויסלעבן זיך. אַלע רעדן יידיש. קיין ספק נישט. ביי דער אַרבעט און אַרום דער אַרבעט. אין עס־צימער און אויפן שפּאַציר. די באַראַקווענטלעך, וואָס טיילן אָפּ איין צימער פון אַנדערן, זענען דין, כמעט מיט שפּאַרעס, און אַז מען רעדט אויף איין אָרט, הערט מען אומעטום. איך האָב זיך צופעליסנס צוגעהערט נישט וואָס מען רעדט, נאָר ווי מען רעדט. פאַרשטייט זיך, אַז... י י ד י ש. יידיש איז די אומגאַנגס־שפּראַך אין די פאָרפעסטונגען פון העברעיש

צו מיר קומט צו אַ מיידל אין קורצע, שוואַרצעאַרבעטס־הויזן, זי האָט זיך אַ רגע אַוועקגעכאַפּט פון דער אַרבעט. זי פרעגט מיך, צי וואָלט איך זי געקאָנט באַזוכן אין איר ביידל. זי האָט מיט מיר עפּעס צו ריידן. איך בין צופרידן פון דאָזיקן אָנבאָט. איך קום אין צייט, פאַרנאַכט. זי איז שוין אינגאַנצן אָן איבערגעטוענע, די שוואַרצע האָר באַפרייט פון קאָפּטיכל, די צעפּ צעלאָזט, אַ ווייס בלוזקעלע מיט אַ שלייפעלע, אַ האַלב קלייד, זאָקן און שיך. שטאָטיש.

זי האָט אַ בקשה צו מיר: איך זאָל זאָגן מיין מבינות אויף אירע לידער. איך זאָג איר: כ'פאַרשטיי נישט גוט קיין העברעיש, כדי צו קענען זאָגן מבינות. זי שיסט אויס אויף מיר אַ פּאָר פלאַמען פון אירע שוואַרצע אויגן: „העברעיש גאָר? יידיש!״

זי לייענט מיר אויף יידיש אירע לידער. מיך אינטערעסירן נישט אין דעם מאָמענט אירע לידער, הגם, זי איז טאַלאַנטפול, די דיכטערן פון יאַדזשורער משק; מיך אינטערעסירט, פאַרוואָס שרייבט זי י י ד י ש, און וואָס וועט איר אַרויסקומען מיט יידיש דאָ? זי ווייסט אַליין, אַז זי קאָן זיי אפילו נישט פאָרלייענען אויף די „אָוונטן״ און יום־טובים, וואָס דער „משק״ אָרדנט איין. נאָר אַנדערש קאָן זי נישט. אויף „עבֿרית״ לייגט זיך דער געדאַנק נישט. זי האָט שוין עטלעכע מאָל געפּרוווט, נאָר די פֿעדער שפּאַרט זיך איין. עס קומט גאָרנישט אַרויס.

העברעיש איז די „אָפיציעלע״ שפּראַך פון משק יאַדזשור, אפילו ביי דער עפענונג און שליסונג פון מיין פאָרלעזונג האָט מען עס אויך געטון אין העברעיש. אַלע מעלדונגען און באַריכטן. אַלע אָוונטן און פאַרווײַלונגען. אויף יידיש רופט מען נאָר די היינער צום עסן און די קי אויף דער פּאַשע– יידיש איז דאָס לשון פון דער אַרבעט, פון האַרץ צו האַרץ שמועס נאָך דער אַרבעט, פון איינלעבן און אויסלעבן זיך.

דער אָוונט האָט צונויפגעבראַכט גרופּקעלעך מענטשן צו גרופּקעלעך. מען גייט איינס צו ס'אַנדערע אויף באַזוך. די „צימערלעך״ זענען ליידיק פון שפּייז, ווי די קירכעס. די מערסטנטייל מענטשן דאָ שטאַמען פון איין געגנט. פון וואָלינער קאַנט, און טאַקי פון איין שטעטל — פון קרעמעניץ. עס זענען פאַראַן געמיינזאַמע באַקאַנטע און געמיינזאַמע בענקענישן. מיך אינטערעסירט צו וויסן, ווי אַזוי עס גייט צו דאָס פּערזענלעכע לעבן. צי איז פאַראַן אַ אינטימער פריינטשאַפט־געפיל פון גאַנצן קיבוץ. ניין, דאָס איז נישטאָ. עס זענען דאָ גרופּן, וואָס סימפּאַטיזירן צווישן זיך און קומען זיך

צונויף, האַלטן זיך צוזאַמען. די אַלגעמיינע אינטערעסן פון דעם קיבוץ ברענגען זיי צוזאַמען: ביי דער אַרבעט, ביי דער פאַרזאַמלונג, אויף דער פאַרוויילונג און ביים עסן. ווייטער — נישט.

אַוודאי און אַוודאי איז גוט, איז שיין די באַציונג פון מאַן און פרוי. נישטאָ דאָ דאָס צעטיילבאַרע וועזן פון מין צו מין. מען קאָן זיך צו גוט און צו גאָענט. די אַרבעט פאַרייניקט און די אינטערעסן — פאַרגעמיינזאַמען. פאַרוואָס אין גאַנצן לעבן פירן אַ שפּיל פון אָפּגעזונדערטקייט, פון קלויסטעריי? אַז ס׳איז פאָרט פּראַקטישער, וואָס עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די „ווייבערישע שול״, דאָס אָפּגעזונדערטע וואוינען פון ייִנגל און מיידל. דער קיבוץ דאָ האָט עס אָפּגעשאַפט. מען וווינט צוזאַמען, ייִנגלעך און מיידלעך, אין איין און זעלבן צימער. אין אַ צימער, וואָס איז באַשטימט פאַר דריי פּערזאָן, שלאָפן צוויי מיידלעך און איין ייִנגל, אָדער פאַרקערט — צוויי ייִנגלעך און איין מיידל. אָפּטמאָל, אין אַ גרעסערן צימער, אָדער ביידל, שלאָפן מערערע ייִנגלעך און מערערע מיידלעך. דאָס האָט, דערקלערט מען מיר, אַ פּראַקטישן זין: ייִנגלעך קאָנען נישט האַלטן זויבער און אין אָרדענונג די צימערן, עס ליגט נישט אין זייער נאַטור. נאָך דער אַרבעט ווילן זיי זיך נישט אָפּשטעלן אויסוואַשן דעם דיל, רייניקן און שייערן. מיידלעך טוען דאָס יאָ און גערן. קומט אויס, אַז ווו עס שלאָפן מיידלעך, ווערן די צימערן דורך זיי גערייניקט. די ייִנגלעך געניסן דערפון. זיי טוען דערפאַר אַן אַנדער אַרבעט.

נישטאָ דאָס שעמען זיך פון אויסטון און אָנטון זיך. עס ווערט אַ נאַטירלעכע זאַך, אָט פּונקט, ווי שוועסטער און ברודער וואָלטן זיך געפינען אין איין און זעלבן צימער.

אָט אַזוי איז ראַציאָנאַליזירט דאָס חתונה־האָבן און קינדער־דערציונג. דאָס איז זיכער איינע פון די מאָדערנסטע אינסטיטוציעס. גאַנץ זעלטן טרעפט, אַז אַ פּאָרל גייט צו אַ רב נאָך חופּה און קידושין. דאָס חתונה־האָבן באַשטייט אין דעם, וואָס ער און זי קומען פאַר דער קאָמיסיע, וואָס האָט צו זאָגן איבער

די צימערן, און פאָדערן, מען זאָל פאַר זיי באַשטימען אַ באַזונדער וווינונג, דאָס הייסט, אַז זיי ווילן זיין באַרעכטיקט צו דער פּריווילעגיע, וואָס עס האָבן פּאַרהייראַטע, צו האָבן אַ סעפּאַראַטן, אַ באַזונדערן צימער נאָר פאַר זיי ביידע.

און דער, וואָס איז ממונה איבער די וווינונגען, פרעגט קיין קשיות נישט. ער באַשטימט פאַר זיי ביידע איין צימער, און דאָס איז אָפיציעלע חתונה.

אַמאָליקע צייטן, ווען דער קיבוץ איז נאָך געווען קליין און די אַרבעט אויך נישט גרויס, האָט מען יעדע חתונה דאָ געפייערט מיט געוויסער פּאָמפּע. מען האָט געבאַקן און געקאָכט. געמאַכט אַ „נשף", אַ פאַרוויילונג, הייסט עס. איצט האַלט מען שוין נישט פון די זאַכן... דאָס איז אַ געוויינלעכע דערשיינונג. צווישן דריי הונדערט און פופציק יונגע מענטשן טרעפן זיך אָפט אַזעלכע זאַכן. פאַרשטייט זיך, אַז מערסטנטייל האָט מען חתונה צווישן זיך. מען אַרבעט צוזאַמען, מען עסט צוזאַמען, למאי זוכן די באַשערטע פון מ'חוץ?... דאָך טרעפט, אַז אַ בחור ברענגט אַ הער אַ פרעמדע בחורה, ער מעלדעט זיך צום וווינונגס-אויפזעער וועגן אַ באַזונדערן צימער. ער באַקומט אים. זי אָבער ווערט אַ מיטגליד פון דעם קיבוץ. נדן און קעסט גיט דער קיבוץ נישט. ער אָדער זי פון דער פרעמד, מוזן צוגלייך מיט אַלע אַרבעטן.

פייערלעכער איז שוין ביי אַ געבורט. דאָ איז שוין די פולע אויפמערקזאַמקייט פון קיבוץ. צוויי וואָכן פאַרן האָבן, זעקס וואָכן נאָכן האָבן דאָס קינד איז די מוטער באַפרייט פון אַרבעט. פון דער ערשטער רגע אָן, זינט דאָס קינד קומט אויף דער וועלט, ווערט עס צוגענומען פון דער מוטער און אָפּגעגעבן אין דערציונגס-הויז, וואָס געפינט זיך אין קיבוץ. דאָרט ווערט עס געהאָדעוועט אונטער דער אויפזיכט פון דערציערינס, וואָס זענען באַרופן דערצו און זענען אַליין מיטגלידער פונם קיבוץ, פון דער קאָמונע. זייער שכר איז נישט קיין אַנדערער, ווי יעדנס איינעם. די מוטער קומט נאָר דאָס קינד אָנזויגן. און ווען עס ווערט גרעסער, גייט עס, דאָס קינד אי־

בער אין אַן אַנדער אָפּטיילונג, אין קינדער־גאָרטן, אין קינדער־היים, אין שול. פאָטער און מוטער קומען זיך יעדן טאָג פרייען מיטן קינד פאַר געציילטע מינוטן, נאָך דער אַרבעט. ס'איז מערקווירדיק: איך האָב גערעכנט, אַז די קינדער ווערן דערווייטערט פון זייערע עלטערן צוליב דעם, וואָס זיי ווערן נישט דערצויגן אונטער דער דירעקטער השגחה פון די עלטערן. אָבער דאָס איז נישט אַזוי. עס איז דאָ אַ גרויסע צוגעבונדנקייט פון קינד צו די עלטערן. אפשר דערפאַר, ווייל די דיסטאַנץ איז נישט קיין ווייטע. פון עלטערנס צימער אָדער ביידל ביזן קינדער־היים, קינדער־גאָרטן, איז עטלעכע שפּאַן; און הגם ווינציק צייט — דאָך, די גאַנצע פרייע צייט פון די עלטערן געהערט די קינדער. די קינדער זעען די עלטערן נאָר אין יום־טובדיקן מצב, אין צייט פון שפּילן זיך, פון פאַרברענגען.

איך האָב באַזוכט די קינדער־שטעטן, איך זאָג — „שטאָטן", מחמת, די קינדער געפינען זיך נישט אונטער איין דאַך. פאַראַן באַזונדערע בנינים פאַר יעדן עלטער. דער קינדער־גאָרטן איז באמת אַן אידעאַל פון דערציונג. די קינדער ווערן שוין פון זייער פריסטער עלטער איינגעוווינט מיט ליבע און אינטערעס צו אַרבעט. אַלע זייערע שפּילערייען זענען געבויט אויף אַרבעט. עס בינדט זיך אין אַ הערלעכער האַרמאָניע, ווען דורכן פענסטער ציען זיך ברייטע לאָנקעס, פאַראַקערט פעלד, געגראָבענע קאַנאַלן, פאַרפלאַנצטע ווייַנטרויבן־ביימלעך, זאָרגפ לי אויסגעשטאַט מיט דראָטענע פּאָרענטשן פאַר די פולע, שווערע שפּרייטנדיקע צווייגן, ווען דאָס קינד, זינט דער מאַרך הויבט אָן אויפטאָגן, און דער דינער שכל באַנעמט דעם אַלץ אַרום, זעט עס נישט קיין אַנדערע וועלט, ווי די וועלט פון אַרבעט. אַז לוקסוס, ספּעציעלע באַקוועמלעכקייט איז עס פרעמד, — מוז קומען דער בעשייד דערפאַר, מוז קומען די אויפקלערונג, אַז דאָס אַלץ ווערט געשאַפן דורך די הענט פון זייערע טאַטע־מאַמע, פון די מיטמענטשן. ביים קינד דערוועקט זיך אַ חשק, אַ שטאַרקער חשק צו אַרבעטן און צו זיין שעפעריש. אין אַ גרויסער מאָס געלינגט עס.

ס'איז בלויז נאָר אַ שאָד, וואָס ווי אומעטום, ווי איבעראַל שאַפט זיך דאָ אויך, אין דער „רעפּובליק פון פרייער באַפרייטער דערציונג" אַ דיסאָנאַנס. דער דיסאָנאַנס איז די שפּראַכן־אונטערשידן צווישן קינד און עלטערן. דאָס קינד ווערט דערצויגן אויף העברעיש, און דאָס אַליין וואָלט נישט געשאַדט אַזוי, ווי גלייכצייטיק ווערט אין זיין יינג געמיטל אַריינגעגאָסן די שנאה צו יידיש. עס איז אוממעגלעך, אַז אַ קינד זאָל ריידן אַ יי ד י ש וואָרט, כאָטש עס פאַרשטייט. די לערער, גלייך ווי זיי וואָלטן געציטערט פ ר דער עקזיסטענץ פון זייער באַרוף, טוען שוין די אַרבעט פון פאַרמיאוסן די שפּראַך פון דער מוטערט מילך. יעדער טוט עס אויף זיין אופן. אין שטאָט און אין דאָרף. דאָס איז דער אופן, וואָס דערווייטערט קינדער פון זייערע עלטערן ווי פון גרויסן, יידישן כלל, וועלכער געפינט זיך מחוץ ארץ־ישראל, וואָס שאַפט, וואָס בויט, וואָס קולטיווירט נאַציאָנאַלע ווערטן אויף דער שפּראַך, וועלכע מען לערנט זיי, די קינדער דאָ, האַסן און פאַראַכטן.

* *
*

ס'איז שפּעט אָוונט. עס גלוסט זיך נישט צו גיין שלאָפן. קיל און פריש. די גאַנצע לופט, ווי אַ טיף בלויער טיול. אַן אויסגעשטערנטער הימל, און יעדער שטערן לייכט הילכיק און רוישט אַראָפּ מיט בונטע שטראַלעכלעך. אָפּטמאָל דאַכט, אַז דאָס זענען צעוואָרפענע פייערדיקע פאַרבן, צעשאָטענע פון געשליפענע שפּיגלען; און פון צוקאָפּנס שאָטנט זיך, ווי אַ ריזיקע וואַנט, דער הר הכרמל. עס איז איין שטיק פינצטערער סוד, וואָס שטייגט פון ערגעץ אויף און ווערט פאַרלוירן אין די אייגענע פאַלדן פון זיינע פאַרהוילענע היילן און וועגן.

דער כרמל — שרעקט. פון די פעלזן־שפּאַלטן לויערט טויט. נישט איין מעסער האָט דאָרט אין די באַהעלטענישן אויפגעבליצט און נישט איין הייסע קויל איז פון דאָרטן אויסגעשאָסן געוואָרן. דער וווּנדערשיינער איינגעפּרעסטער ריז האָט נישט איינמאָל געוואָלט די עקשנות פון דער חלוצים־גרופּע דאָ

איינדעקן און אָפּווישן. אַמשטאַרקסטן צעשומט ער זיך בעת אַ רעגן. דאַן יאָגט ער אַראָפּ פון זיך די שווערע, שפּיציקע שטיינער, וואַרפט זיי אַרויף אויף די שטראָמען וואַסער, וואָס גליטשן זיך אַראָפּ פון זיין קאַרק, און מיט וואַסער און שטיין באַפאַלט ער דעם קיבוץ, צערייסט די לייוונטענע געצעלטן, צעשווענקט און צעמאָלט די הילצערנע קאַמערן.

איצט זענען שוין אָפּצי־קאַנאַלן געגראָבן. די חלוצים האָבן דעם ביין ריז אָפּגענאַרט. אַ וויגל פאַר זיין צעבייזערטן שוים געבעט, אַ קאַנאַל, ווו דאָס וואַסער און די שטיינער ווערן ערגעץ אַוועקגעלענקט. די זעלביקע יוגנט, וואָס האָט זיך דעם טויט מוטיק קעגנגעשטעלט, צעבראָכן און צעפּיצלט די שווערד פון מגפה, פון מאַלאַריע, פון קדחת. דער „טאָל פון טויט", ווי די געגנט האָט נאָך ביי די אַראַבער געהייסן, איז איצט ווי דער וועג צום גן־עדן. פון דער נאָנט טראָגט זיך אָן דער לייכטער רויש פון די עקאַליפּטוס־בוים·וועלדלעך און פון אונטער דער ערשטער צודעק פון דער ערד, הערט מען דאָס קאַפּוירקנאַקן פון די ווייץ·שפּראָצונגען, וואָס רייסן זיך קאַפּויער, צו זייער געבורט, צו זייער אויפקום, צו דער מילדער נאַכט, צו דעם שטראַלן·רויש פון די שטערן, צו דעם פייכטן טוי, באַזילבערט און באַפּערלט פון דער לבנה.

* * *

ס'איז שפּעט אין אָוונט. די אויסגעהאָרעוועטע גלידער ווילן רו, נאָר דאָס יונגע צעזונגענע בלוט רוט נישט. אַ טייל פון דער יוגנט זענען אַוועק אין שטאָט אַריין, אַנדערע זענען ביי פאַרזאַמלונגען, קאָמיסיע־זיצונגען. אַ מאָל אין אַזאַ פאַל, ווען די נאַכט כּישופט און די שטערן צעשיסן זיך, ווי בליש־טשענדיקער שרויט איבער די דעכער און בערג־שפּיצן, האָבן זיך העגט אַליין געקלאַמערט איינס אין אַנדערן אַריין, אַ קייט־געפלאָכטן פון אָרעם צו אָרעם, און דאָ, אויף די קאַנטיקע, שפּיציקע שטיינער אַ „הוירא" געגאַנגען, האָט זיך אַ טאַנץ צעפלאַקערט, אָן אָפּרו, אָן אָפּשטעל. אין צייטן, ווען עס איז

קיין וואַסער נישט געווען, און אין צייטן, ווען מען האָט דעם וואַסער־קוואַל אַנטדעקט. אַך, וואָס עס האָט זיך געטון! עס האָט געלוינט די קרבנותפולע מי, די פּופּציק מעטער טיף שטיינערנעם פעלדז בויערן, אַבי דאָס פרייַדיקע וואָרט דערהערן: „וואַסער". די פּראָצעסיעס און דאָס יום-טובן! די טענץ און די געזאַנגען!

...און היינט? היינט איז אַלצדינג דאָ. וואַסער לרוב, פאַר פי און פאַרן פעלד, פאַר בוימער און פאַר אַלערליי עקספּערי־מענטאַלע געוויקסן, פאַר די וויינגערטנער און פאַר די מענטשן, פאַר טרינקען און פאַר באָדן. נאָר טאַנצן טאַנצט זיך נישט, און זינגען אויך נישט. פון אַ קליינער גרופּע, פון עטלעכע צענדליק, צו עטלעכע הונדערט, פון צוואַנציק קי — אויף עט־לעכע צענדליק, הונדערטער שאָף און טויזנטער הינער. נאָר טאַנצן טאַנצט זיך נישט. נישט אין יאַדזשור און נישט ערגעץ אַנדערש. פאַרוואָס? אָט ווי עס שווייגט דער שטומער באַרג, אַזוי שווייגן די ליפּן. קאָן זיין, אַז עס איז פאַראַן אַן ענטפער, נאָר מען ענטפערט נישט.

זינט יענער נאַכט. וועלכע? נאָך יענע אַכט-טעגיקע פּכח־טענץ, ווען עס זענען געקומען די געהיימע שאָכן. די פולע פור מיט צעהולעטע חברים. די דריי דערשאָסענע. די ריטשקעלע בלוט, ווי דער וועג פון שחט־הויז ביז צו דער שטוב. עס זינגט זיך נישט. עס טאַנצט זיך נישט.

איך ווייס שוין וועגן וואָס מען רעדט. דאָס בילד מאָלט זיך אַליין אין די קאַרגע ווערטער פון זייערע רייד. אַרום מיר זיצן די, וואָס „האָבן בייגעווינט". קעגנאיבער מיר—דאָס מיידל מיט דער קויל אין זייט.

און ווי אינסטינקטיוו קערט מען די בליקן אַהין, הינטערן באַרג, צום אָנהויב פון די וויינגערטנער, וווּ עס איז אויך פאַרפלאַנצט געוואָרן אַ ריי קברים, אַ בית עולם פונם קיבוץ.

* * *

פאַר מיין פאַרלאָזן יאַדזשור באַזוך איך דאָס בית עולם. דאָס איז דאָס הערלישע קאַפּיטל פון דער פּאָעמע „יאַדזשור".

ווילד, אויף פעלדזן, אויף אַ שטיינערנעם בערגל, טוליען זיך איינס צום אַנדערן די עטלעכע קברים. דער מס, וואָס דער קיבוץ האָט געצאָלט דער געשיכטע פאַר זייער עקשנותדיקן לעבנס־שטייגער.

אַ שורה מיט קברים. נאָר יעדער קבר איז אַ באַזונדערע עלעגיע, איז אַ באַזונדערער אונטערגעזעגטער בוים פאַר דער צייט.

אַחוץ אַ קינד, דאָס ערשטע קינד פון קיבוץ, האָט קיינער דאָ נישט אויסגעלעבט זיין נאַטירלעך לעבן. איז קיינער נישט געשטאָרבן אין בעט.

אַ ווייסער גראַניט־שטיין, אַ מערקווירדיקע מצבה, אַ סימבאָל, אַ דענקמאָל: אַ שאָטן פון אַ פיגור, דער גאַנצער שטיין איז פאַרוואַנדלט אין מוסקולן, אָנגעצויגענער אַרבעטס־כח, איבער דעם קאָפּ — אַ שטיין. אַ פעלדז. ערגעץ טראָגט דער ווינט אַוועק די קראַפט פון מוסקולן און דעם פלאַטער, ווי אַ שאָל, דעם שטיין. איך כאַפּ זיך, אַז דאָס איז נישט בלויז קיין דענקמאָל, אַ מאָנומענט פאַר אַרבעט. אַן אויפֿשריפט דערמאָנט: „חברנו שלמה“, אונזער חבר שלמה, וואָס איז געפאַלן בעת דער אַרבעט, בשעת אַן אויפרייס פון דינאַמיט.

אַ צווייטע מצבה דערציילט קורץ וועגן איינעם, אַ יהודה פריצקער, 63 יאָר אַלט, געשטאָרבן אין קיבוץ. נאָר די געשיכטע איז אַנדערש: אַן עלטערער ייד, געקומען צו זיינע קינדער אויף אַלעם גרייטן. נאָר ער האָט נישט געקענט בייַשטיין דעם נסיון פון נישט אַרבעטן, ליידיק גיין, ווען אַרום ווימלט און שווייבלט מיט אַרבעט און שאַפן. פאַר ז״נע 63 יאָר איז שוין געווען צו שווער די אַרבעט. געשטאָרבן פון איבעררייסן זיך.

צוויי קברים באַדעקט מיט איינפאַכן שטיין, אַפילו מיט אַ באַרג שטיינער, ווי ספּעציעל אָנגעשאָטן, דערציילן, אַז אין זיי ליגן צוויי זעלבסטמערדער פון קיבוץ. ווער שטעלט זיך אָפּ אויף דעם? ווער ווייסט, וואָס עס האָט געטריבן אָט די צוויי יונגע מענטשן צו דעם פאַרצווייפלטן שריט? וויפל אַנטוישונג, וויפל פאַרביטערונג. וויפל אייגענע מוטלאָזיקייט צו לעבן אַזאַ קיבוץ־לעבן, אָדער שוואַכקייט אַוועקציִען פון אַזאַ לעבן?

עס איז זייער סוד, וואָס ליגט איצט אַ פאַרשלאָסענער אין דעם אויסגעהוילעוועם גראַניט פאַרוואָרפן מיט אַ קופּע שטיינער.

נאָר אָט איז דאָס געמיינזאַמע קבר פון די דריי אומגעקומענע, יענע נאַכט, מיט דריי יאָר צוריק, וועגן וועלכע דער קיבוץ זינגט נישט און טאַנצט נישט מער, כאָטש מען טאַנצט און מען זינגט. זייערע נעמען, פלאַך געקריצט אין ווייסן שטיין, גליען אַראָפּ פון דעם פעלדזיקן בערגל, ווי אַ מאָנונג צו דעם ווייסן פּאָליציי־אישן בנין מיטן קאַנטיקן אויסקוקטורם, וואָס האָט זיך אויסגעבויט אָט נישט ווייט, אין דער נידער פון דעם בית־עולמל. ביז היינט איז נאָך נישט אַנטדעקט יענע מערדערישע האַנט, וואָס האָט מיט איין קנאַל אויסגעלאָשן די צוויי און צוואַנציק, און דריי צוואַנציק יעריקע לעבנס פון צוויי בחורים און איין מיידל. פון דריי ליכטיקע מענטשן: הינדע, יעקב און שמואל.

וואַכן איצט די שומרים, וואָס האַלטן אָנגעשטרענגט די בליקן אין דער ווייט, די פינגער אויף די ביקס־צינגלעך, גרייט צו שיצן און פאַרטיידיקן דעם חלום פון די, וואָס רוען אונטער די גראַניט־שטיינער אין פעלדזיקער ערד.

אַ יוגנט־דאָרף

וועגן יוגנט־דאָרף און דער פאַרם־שול „בן־שמן" האָב איך געהערט נאָך אַ סך פריער איידער איך האָב זיי געזען.

אין פיל „בעסערע" הייזער פון אַמעריקע האָבן עלטערן גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט צו... שיקן זייערע קינדער שטודירן אין בן־שמן. בן־שמן אַלס אַ דערציִונגס־אַנשטאַלט שמ'ט ווייט און ברייט. מען רעכנט עס אַפילו פאַר איינעם פון די גאָר־ווינציקע אַנשטאַלטן אין דער וועלט, און צווישן די ווינציקע אַלס דעם בעסטן.

איך ווייס נישט, אויף וויפל דאָס איז נישט איבערגעטריבן. נאָר דאָס יוגנט־דאָרף אין מיינע אויגן האָט נישט אָפּ־

גענאַרט די פאָרשטעלונג. אויב נישט די בעסטע אין דער וועלט (מעגלעך, אַז יאָ!), איז עס אַלנפאַלס איינע צווישן די בעסטע. און דאָס איז נאָך מער, ווי גענוג.

„בן שמן" האָט שוין הינטער זיך אַ געשיכטע פון עטלעכע צענדליק יאָר, נאָר פאַקטיש איז דאָס יוגנט־דאָרף אַלט אַרום אַכט־ניין יאָר. עס איז געקומען אויף די חורבות פון פאַרשידענע פרוּוון; מיט ענערגיע, ווילן, באַציִונג מצד די לייטער און אָנפירער, האָט עס פון זיך געשאַפן נישט נאָר אַ נויטווענדיקע אינסטיטוציע, נאָר אַ ווערק פון באַדייטנדיקן ווערט.

„בן שמן" דער „מושב", די קאָלאָניע, און — „בן שמן" דאָס יוגנט־דאָרף, די פאַרם־שול, דאָס זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. זיי ליגן נאָר געאָגראַפיש איינס נעבן אַנדערן. פונם באַרג גליט אַראָפּ דאָס דאָרף מודעים, פון וואַנען די חשמונאים זענען אַרויס אין זייער אויפשטאַנד־קאַמף. און פון טאָל רייסט זיך אַרויף לוד פון דער תלמודישער עפּאָכע מיט די יידישע גרויס־סוחרים, און ווו היינט טרעפן זיך צונויף אַלע באַן־אָפּ־צווייגונגען פון פאַלעסטינע און ס'קניפּט זיך דער אייזן־וועג קיין מצרים, סיריע, עבר־הירדן און אין טיפן אָריענט פון מיטל־מזרח. איבער יענער זייט הערצל־וועלדל לויערן פון די פעלז־שפּאַלטן פאַרבאָרגענע אַראַבישע דערפלעך. די שרעק האַלט וואַך די איינוווינער פון „מושב" בן־שמן. דאָס איז אַ צונויפ־געענגט יידיש דאָרף, פּריוואַטע ווירטשאַפטן, וואָס ווערן גע־מיינזאַם, ווען נויטיק איז, באַאַרבעט. דער „מושב" איז אַרומ־גערינגלט מיט אַ מויער, וואָס דאַרף היטן, און מיט אַ באַוואָפנטן שומר, וואָס דאַרף שיצן דאָס לעבן און האָב פון די איינוווינער.

„בן שמן", דאָס יוגנט־דאָרף לייכט אַרויס פון צווישן גרינס און גאָלד מיט אַ רינג פון מאָדערן - איינגעריכטעטע בנינים. דער נאָמען, פאַר באַשיידנקייטס־וועגן, הייסט „יוגנט־דאָרף". אין דער אמתן איז עס אַן אָפּגעשלאָסענע קאָלאָניע, אַ קינדער־שול, נאָר אָן דער גרויקייט פון אַ געשלאָסענער שול, אָן דער אָפיציעלקייט פון אַ פּאַטראָנאַזש, אַז דער שטרענגקייט

און אָנגעכמורעטקייט פון אויפזעער. דאָס איז גיכער אַ קינדער־לאַנד, אַ קינדער־וועלט.

קולטור, זאָרגזאַמקייט, געשמאַק איז אין יעדן וויג־קעלע. דער ערשטער הויף, בעת מען קומט אָן, גיט שוין אַ פּראָל אַריין אין אויג אָן אָנגענעם בילד: גראָז־בייטן, בלומען, פּאַלמען. קולטיווירט און עסטעטיש. די קייט פון די געביי־דעס, עלטערע און נייערערע, נאָר געבויט לויט אַ געוויסן סדר און קאָנסטרוקציע. שוין אויפן ערשטן הויף טרעפט מען די „קינדער ביי דער לערע״,—קינדער ביי די פלאַנצונגס־אַר־בעטן. די שול־באַנק איז די נאַטור, דער בוים און דאָס גראָז. די איבעריקע קלאַסן זענען: דאָס פעלד, וואָס שפּרייט זיך אין הינטער־גרונט, ווי אַ פאַרבנרייכע דעקאָראַציע צו דעם דאָזיקן יוגנט־שפּיל, דאַן קומען די שטאַלן, די הינער־שטייגן, די בינ־שטאָקן, די פלאַנץ־גערטנער און אפילו די סטאָלעריי און שלאָ־סעריי־וואַרשטאַטן.

אַס איז אַ פיינע קאָמפּאָזיציע, ווען דאָס בוך מיטן לעבן טרעפן זיך צוזאַמען אין זייער אומקרייז מיטן מוח און הענט פונם קינד. ווען טעאָריע און פּראַקטיק נעמען דעם קינד אָרום פון זיין שלאָף־חדר און באַגלייטן אים דורכן גאַנצן טאָג ביז צום שלאָפן גיין.

איך האָב פאַר זיך געזען דריי הונדערט שמייכלען פון די דריי־הונדערט קינדער, די פאַקטישע איינוווינער פון „קינ־דער־לאַנד״ בן־שמן. ביי דער שווערסטער אַרבעט, צו וואָס די קינדער רייסן זיך אַליין, ביים עסן, ביים אָפּרו, פאַרברענגען, לערנען זיך און אפילו — אין שלאָף.

ס׳א גליקלעך לאַנד — דאָס קינדער־לאַנד, ווען זיינע בירגער שמייכלען תמיד און דאָס געלעכטער רוישט הילכיקער, ווי דער שטורם אַמאָל איבער די יונגע צווייגן פון נאָענטסטן הערצל־וועלדל.

און די הונדערט „אויסלענדער״, די אָנגעשטעלטע און מיטאַרבעטער פון דער „מדינה״ בן־שמן, האָבן קיין ברירה נישט, שמייכלען זיי אויך, לאַכן־מיט און פרייען זיך מיט דער

גרויסער פרייד פון יונגטלעבן, וואָס איז דאָ צוקלונגען אין אַלע ווינקעלעך פון דער טעריטאָריע.

* * *

צו געסט איז מען צוגעוואוינט אין „בן שמן“ דעם יוגנט־דאָרף. די אינסטיטוציע איז דאָס וווּנדער־קינד, און יעדער טוריסט האַלט פאַר זיין חוב צו זיין דאָ. דער עיקר האָבן דאָ אַ אינטערעס די אַמעריקאַנער. מען האָט אַן אויסרעכנונג: אפשר זאָל מען שיקן די אייגענע קינדער דאָ אַהער.

צווישן די קינדער זענען דאָ טאַקי פאַראַן פון אַמעריקאַנער עלטערן, אָבער אויך פון „עקזאָטישע לענדער“. איך האָב זיך אָנגעטראָפן אויף יוגנטלעכע פון בולגאַריע, יוגאָסלאַוויע. דאָס זענען אינגאַנצן איבערפלאַנצונגען אין דעם נייעם גאָרטן. דאָס ביסל פאָלקסטימלעכקייט, וואָס עס האָבן אין זיך די „ליטווישע“ חברה, די קאָוונער, אָדער קינדער „סאַברעס“, געבוירענע אין ארץ ישראל, דאָס האָבן זיי נישט. דאָך, זיי האָבן זיך לייכט אַריינגעפּאַסט אין דער סביבה.

שווערער איז מיט די „דייטשע“ קינדער. זייער צאָל, ביים איצטיקן טאָג איז גרויס — הונדערט! אַ דריטל פון דער אַלגעמיינער „באַפעלקערונג“ פון דער „רעפּובליק“. זיי געניסן פון געוויסע אויטאָנאָמע־רעכט אַלס באַדייטנדיקע „נאַציאָנאַלע“ מינדערהייט. זיי רעדן פּאַרלויפיק זייער שפּראַך — דייטש. הגם זיי, מיט עכטן דייטשן אייפער באַמיען זיך צו לערנען און דערלערנען העברעיש. מיט דעם קליינוואַרג איז עס לייכטער און מיט די עלטערע — שווערער.

איך פאַר אַהין אין געזעלשאַפט פון ליבן דר. ישראל רובין, וועלכער פירט אָן מיט די עלטערע קינדער, אָדער יוגנט־לעכע אַ קורס וועגן איצטיקן יידיש לעבן אין גאַר דער וועלט. עס איז אַן אויפטו. פאַר די קינדער אין ארץ ישראל פאַרלייקנט מען דאָס גרויסע יידישע לעבן אין גאַר דער וועלט. זיינע אויפטואונגען און דערגרייכונגען. די א״י־דיקע דערציונג־אויטאָריטעטן באַמיען זיך צו האַלטן דעם „גלות“ אין שאָטן.

ארץ־ישראלדיקע קינדער ווייסן אזוי פיל וועגן „גלות״־יידישקייט, ווי נישט יידישע קינדער, למשל, אין אנדערע לענדער. וואס ווייסט אן אמעריקאנער קינד וועגן יידיש לעבן? סיידן דאס, וואס ער זעט אמאל אין טעאטער, אדער מ׳לייענט א וויץ אין די צייטונגען. דער קורס איז איינציק אויף דעם געביט אין ארץ ישראל. דער אינטערעס פון די יונגע תלמידים איז גרויס. עס וויקלט זיך אויף פאר דעם קינדס פארשטאנד א גרויס, גרויליק, מארטירעריש, פארביק, שעפעריש, קעמפנדיק, אלזייטיק, ראנגלנדיק יידיש־לעבן אין אלע טיילן פון גאר דער וועלט.

דר. רובין איז דארט א בן בית אין קינדערלאנד. און ווי איך זע — באליבט ביי די תלמידים זיינע.

דר. רובין באמיט זיך מיך צו אינפארמירן וועגן „גאנג״ פון דער קינדער־רעפובליק, וואס איז טאקי רירנדיק און וואס באווייזט ווי טאט, געטריבן פון טיפן אידעאליזם, באהויכט מיט אטעם פון א שיין־גייסט, באקומט אן אויסדרוק אין דער פארווירקלעכונג פון ארויסגעוואקסענעם ווערק. אין דעם פאל איז דאס ווערק, דער אידעאל, די ארבעט און די אנשטרענגונג פון איצטיקן דירעקטאר און ערשטן גרינדער דר. לעמאן.

און דר. לעמאן ווערט מיר פארגעשטעלט. די סביבה פון קינדער האט עפעס ארויפגעטון אויף זיין פנים קינדערישע גוטסקייט צוזאמען מיט ערנסט, זארג פאר דער אינסטיטוציע. זיין פנים איז מילד און אין זיינע רייד — נישט קיין פערזענלעכעס. ער האט נישט דערמאנט און נישט אנגעדייט, אז דאס איז די מי פון זיינע הענט, דאס ווערק פון זיין אנשטרענגונג. ער האט איבערהויפט נישט גערעדט וועגן דער אינסטיטוציע. די אינסטיטוציע רעדט שוין פאר זיך אליין.

און זי רעדט טאקע פאר אים אויך.

...א יונגערמאן, אפיציר אין דער דייטשער ארמיי, ווערט באשטימט אויפן מזרח־פראנט. ווערט פארווארפן אין קאוונע, אין צולעכערטן הארץ פון דער יידישער ארימקייט. די „שונאים״ פון זיין פאטערלאנד, זענען זיינע ברידער. ער ברענגט זיי אויף זיין שטייגער הילף און דערלייכטערונג. ספעציעל

איז ער פאַראינטערעסירט מיט די קינדער. די ליטווישע „משה'לעך" און „שלמה'לעך" זענען אים נענטער ווי די דייטשע „מיצכיענס" און „פריצכיענס". ער בלייבט אין קאָוונע נאָכדעם ווי די אָקופּאַציע־מאַכט ציט זיך צוריק. ער פאַרטוישט דאָס ברייטע דייטשלאַנד פאַר דעם שמאָלן ליטע. וועלט־שטאָט פאַר דעם האַלב חרובן קאָוונע. ער ציט זיך נישט צוריק פון זיין פּראָנט, פון יתומים־הויז, וואָס ער האָט פאַר דער צייט געגרינדעט. ער בלייבט מיט זיי, ער שענקט זיי זיין אַרבעט און טעטיקייט. עס דויערט אַזוי יאָרן. ער פאַרשטייט, אַז דער פּלאַץ אין קאָוונע איז צו שמאָל פאַר זיין פּלאַן, וואָס ער וויל אויס־שפּרייטן. נישטאָ קיין מעגלעכקייט און קיין מיטלען. דורך אַזאַ אָדער אַנדער אופן, נעמט ער „זיינע קינדער" און גיט אַ שפּאַן איבער, מיט אַן אַכט יאָר צוריק, קיין ארץ־ישראל צו שאַפן און בויען אַ קינדער־דאָרף, אַ סינטעז פון מאָדער־נער דערציונג. אַ שול פאַר דעם סאָציאַליסטישן איבערבוי פון דעם מענטשן גופא. פאַר דעם צוקונפטיקן מענטשן.

דר. לעמאַן איז אַ סאָציאַליסט אין טאַט. די טאַט ווערט אומדירעקט איבערגעטראָגן אויף די דריי הונדערט אויפגייענ־דיקע יונגע לעבנס. גוטמוטיקייט און אָרדנונג, באַקוועמלעכ־קייט, וואָס איז אַ באַלוינונג פאַר אַרבעט. זעענדיק דאָ די ברייט פאַרצווייגטע ווירטשאַפט, בנינים און בנינים, קלאַס־צימערן און וואַרשטאַטן, עס־חדרים און קלוב־זאַלן און ווי דאָס אַלץ ווערט אויפן מאָדערנסטן אופן לויט דער ראַציאָנאַליזיר־טער דאַגאָגיע פאַרווענדעט, מוז מען מודה זיין, אַז דער דאָזיקער אויפטו איז באַדייטנדיק אין מ'ווערט אַפילו געצוווּנגען צו גלויבן, אַז אין קוואַליפיקאַציע איז די דאָזיקע פאָרם־שול, קינדערלאַנד און יוגנט־דאָרף, איין־אייציק אין דער וועלט פון פּריוואַט־אייגנטום און עקספּלואַטאַציע.

קיין מיטהילף, פינאַנסיעלע אונטערשטיצונג האָט די שול, ווי מען גיט מיר איבער, נישט געהאַט. דורך אויסדויער און לאַנגזאַמע, אָבער שווערע אַרבעט־דערגרייכונג, איז דאָס יוגנט־דאָרף שוין אין דער לאַגע אַליין, פון די פּראָדוצירטע פאָרם־

אַרטיקלען, זיך אויסצוהאַלטן. דער אויפנעם פון די קינדער איז אַ געמישטער, רייכע און אָרימע. די וואָס צאָלן דעם אַזוי גערופענעם „שכר למוד״, און די, וואָס צאָלן נישט. דאָס צאָלן איז נאָר אַן ענין פאַר דער ביוראָ און בוכהאַלטעריע. צו די קינדער גופא האָט עס גאָרנישט. עס איז נישטאָ דער פּסיכאָלאָגישער און פּאַקטישער חילוק פון רייכע קינדער ביז אָרעמע. די אָרימקייט, דאָס הייסט אייגנטלעך דער אַרבעטס־גייסט איז דאָמינירנדיק. די רייכע קינדער דערקענט מען נאָר אין די... לוקסוס־אויטאָמאָבילן פון זייערע עלטערן, ווען זיי קומען אויף אַ באַזוך. אָבער די דאָזיקע לוקסוסדיקע אויטאָס, שוין צוזאַמען מיט דער גאַלאַנטקייט פון זייערע עלטערן, פאַרשאַפן נאָר די קינדער אַ היבש ביסל „חרפּות און בושות״.

די קינדער, דירעקט צי אומדירעקט, ווערן דערצויגן מיטן באַוווּסטזיין צו לעבן אויף דער מי פון אייגענע הענט. דאָס ווערט נישט אַרויפגעצוואונגען מיט קינסטלעך אויסגעזוּנגענע רייד, מיט פּאָזע און אָנשטעל. דאָס קומט מיט איינלעבן זיך אין דער אַרבעט אַלס אַ פריידיקע שאַפונג. ווען די דריי יעריקע קינדער פון קינדער־גאָרטן באַמיען זיך מיט די לאָפּאַטקעס אין די הענטלעך נוצלעך צו זיין אין פלאַנץ־גאָרטן, גייט עס אַזוי דורך, ווי אַ וויברירנדיקע שנור ביזן זעכצן יעריקן עלטער, ווען דער שילער איז שוין אַן אַקערבויער אויפן פעלד און צוגלייך אַ מעכאַניק, אַן אַגראָנאָם, וואָס באַהאַנדלט ווייסנשאַפטלעך און מיט ליבע זיין קעגנשטאַנד, וואָס איז אַ געניטער טעכניקער מיט אינטערעס פאַר עקספּערימענטן און זין פאַר שאַפונג.

און ווען מיר איז אויסגעקומען צו זעען אַ מאָביליזאַציע פון בן־שמנ׳ער יוגנט־דאָרף צו אַרבעט אין אַ צווייטן דאָרף, ווו עס פעלן אויס אַרבעטס־הענט — מיט וואָס פאַר אַ ברען מען האָט זיך צוגעשטעלט, געגרייט און מיט וואָס פאַר אַ התלהבות מען איז אָפּגעפאָרן, האָב איך דערפילט דעם גרונט־געדאַנק פון דעם שול־גרינדער דר. לעמאַן, דעם גייסט פון יוגנט־דאָרף און דאָס צוקונפט בילד פון דעם מענטשן, וועמענס דערציונג עס ווערט דורכגעפירט אויף דער באַזע פון אַרבעט און שאַפן.

די ייִדישע גאַס אין אַלט־שטאָט

די אַלט־שטאָט, די שטאָט־טייל, וואָס איז אַרומגענומען מיט דער מויער, צעטיילט זיך אין דריי טיילן, וואָס הגם אויסערלעך אונטערשיידט זיך נישט איינער פון דעם אַנדערן, ליגט אָבער אויף יעדן פון זיי אַ באַזונדערער כאַראַקטער.

דער מוסולמענישער, דער קריסטלעכער און דער ייִדישער.

יעדעס געטאָ פילט זיך דאָ גלייכבאַרעכטיקט אין דער איינגעזונטקייט. יעדעס מיט זיין קאָליר און פאַרב.

אין יעדן געטאָ זענען פאַראַן געטאָס, איינטיילונגען צווישן זיך. די מאַכטהאָבער מיט זייער פאַרשידנאַרטיקייט סיי אין „ראַנג" און סיי אין טיטל, יחוס און שטאַנד. ביי די קריסטן — דאָס זעלביקע. אַ געמיש צווישן גריכיש אָרטאָדאָקסאַלן, רוימיש־קאַטוילישן און פּראָטעסטאַנטיש־עוואַנגעלישן. און ביי ייִדן — אַ בונטער שנור פון עטנאָגראַפיע, אַ געמיש פון לענדער, אַ צוזאַמענשלאָג פון ווייטע געגנטן. פרעמד איינס דאָס אַנדערע, ווי באַזונדערע קאָנטינענטן. אַכצנערליי יודנטומס רייבן זיך איינס אין אַנדערן אין די שמאָלע לאַבירינטן. אַ בבל פון לשונות און דיאַלעקטן. אַ פּלאָנטער פון מנהגים און אַווירוואַר פון לעבנס־שטייגערס.

נאָר היימלעכער איז עפּעס אין דער „ייִדישער גאַס", ווי מיט עטלעכע שפּאַן ווייטער, אין דער אַראַבישער. פון דאָרט לויערט דאָס נישט אָנפאַרטרוילעכע אָריענטאַלישע. דער באַהאַלטענער גלי אין די אויגן און פאַרבאָרגענער מיין אין די רייד. דאָ, אַ הער, אין דער ייִדישער גאַס קומט נאָר דער אָפּקלאַנג פון מזרח־טומל. דאָ אַליין טומלט זיך נישט, כאָטש עס איז ווייט נישט שטרענג, געפּרעסט און פאַרגלאָצט, ווי עס איז אין דער קריסטלעכער גאַס, אין דער זעלביקער אַלט־שטאָט.

אָט ערשט האָט זיך דיין בליק געטונקען אין פאַרביקע כוואַליעס פון קאָלירטן זייד, אָט ערשט האָט אַ שאַרפער ריח געררייצט דיין נאָז פון די פאַרשידענע מינים בשמים, בעת דו ביזט דורכגעגאַנגען די אַראַבישע קראָמען. דאָס געבראָטענע

פלייש אין ברייטע, רונדע טעלער האָט געזעצט מיט זאַלץ און פעטס צו דיין גומען. נאָר שוין ביזט אויף דער יידישער גאַס. פאַרלירסט די עקזאָטיק און געפינסט זי גלייך. קרעמל נעבן קרעמל. סאַלאָניקי נעבן פראַנציסקאַנער גאַס. תימן און ווילנע האָבן זיך צונויפגערוקט די טישלעך פאַר די צוויי האַלבע גע־וועלבער־לעכער, וואָס איז אַמאָל געווען איינס. אויגן גרויע פון אַ געלער מיידל, וואָס האָבן אַן אויסזען, ווי אַן אָפּגעבלאַקירטער אימיטאַציע־סאַפיר, און אויגן, צוויי אומענדלעכע גליענדיקע שוואַרצע טיפקייטן געראַמט אין אַ טונקל־בלייך פּנים פון אַ פרענקישער טאָכטער. ביידע מיידלעך שטייען נעבן זייערע צעלניק־קלייטלעך, זענען זיך נאָנט און ווייט, פאַרליידן זיך און קאָנען זיך נישט פאַרטראָגן...

אָט שטייט איינער פאַר דעם האַלב פאַרקיילעכדיקטן לאָך, וואָס קאָן הייסן טיר און מען קאָן עס אָנרופן פענצטער, נאָר עס איז ביידע נישט. עס איז אַ דערעפנונג פון עפעס אַ פאַסטקע. אינעווייניק איז אָפּגעריסן שוואַרץ. קאָנסט נישט וויסן, וואָס אַזוינס איז דער ייד מיטן הויכן בויך, פאַרבונדן מיט אַ גאַרטל, אַ געמיש פון פלאַמיקע פאַרבן. דער ייד איז אַ „טערק". עס איז זיכער, ער טראָגט אַ „פעסקע", אַ גרויען לאַנגן כאַלאַט אויף אַ ווייס „העמד". ער רופט אויס זיין סחורה. נאָר ווער קאָן וויסן, וואָס דער ייד האָט צו פאַרקויפן?...

און נעבן אים איז אַן איינגראָב, פייכט און פאַרשימלט, דיקע צויטן שפינוועבס הענגען אַראָפּ, — דאָרט זיצט אַ „בוכאַרער" צי אַ „קורדיער". די פיס הינטער זיך. דאָס איז אַ „פאַבריקאַנט" פון בעזעמער. ער אַרבעט אַליין, קלאַפּט די שטרוי־ריטלעך, מאַכט זיי ווייך און נאָכגיביק. קעגנאיבער אים זיצט דער „פועל" זיינער. אַן אַכט־ניין יעריק קינד. דאָס „וועלטלעכע" ליצעפּעטן־היטעלע איז פאַררוקט מיטן דאַשיקל אַרויף. ער איז פלייסיק אין זיין אַרבעט. דאָס דערקענט מען פון דער פאַר־ביסענער אויבערשטער ליפּ אויף דער אונטערשטער. ער בינדט צונויף די ריטלעך און פלעכט זיי אין בינטלעך. די „אינדוסטריע" בליט. דאָס זעט מען פון דעם געיעג און פון דעם, וואָס דער

באַלעבאָס האָט נישט קיין צייט און קיין חשק צו ענטפערן אויף אונזערע נייגעריקע שאלות.

און אָט איז די „קאַווקאַזער" אכסניה. אַ לאַנגער, שמאָלער שפּאַלט אין די אַלטע ווענט. דאָס איז אַ רעסטאָראַן. ס'איז מיטאָג־שעה, דער געבראָטענער שאַשליק רופט און לאָקט. עס איז צימלעך ריין דאָרט. נאָר צוויי מענטשן אין דער ברייט קאָן מען נישט זיצן. אַ דין ברעט, ווי אַ שטענדער, איז צוגעפּאַסטיקט צו דער מויער. מען זיצט מיטן פּנים צו דער וואַנט און מען עסט. פון הינטן זעט אויס, ווי זיי דאָ וואָלטן געדאַווענט, אַריינגעשאָקלט זיך אין דער וואַנט אַריין. דאָ גילט שוין אַ די רוסישע שפּראַך, אַ רוסישע מנהגים, הגם די „קאַווקאַזער" דאָ זענען שוין דער דריטער דור, געבוירענע אין ירושלים, און טאַקע דאָ, אין דער מויער פון דער אַלט־שטאָט.

און הערינג־געשעפטלעך איינס נאָכן אַנדערן, איינס פאַרן אַנדערן, איינס הינטערן אַנדערן. הערינג מיט רויג, הערינג מיט מילך. און די יידענעס, די פּאַרקויפערינס, אַליין ווי פעסלעך, ווי הערינג־פעסלעך, פאַרשמאָלצן און פאַרריכט פון הערינג, רופן, לויבן און אַגיטירן פאַר זייער סחורה.

אויף אַלע „יידישע" לשונות רופט מען אייך. מען קוקט אייך נאָך: זענט איר אַ קונה, צי אַ „קוקער". דאָך מען פּרוווט זיך. מען רופט:

— באָ, אדון!

— וועננאַ, סעניאָר!

— פּאַזשאַלסטאַ, באַרין!

און איבער אַלעמען, ווי עס וואָלט פון אַ פּעסל הערינג אַרויסגעשאַלט אַ פאַרזאַלצן, אַ פאַרלאָגערט קול:

— קימטס אַריין, יונגעלייט, קויפט עפּעס, גיטס עפּעס צו לייזן, קימטס אַריין!

———

וועלטן גאַנצע, זינקנדיקע וועלטן, וואָס פאַרגייען אָבער נישט. ווער קאָן וויסן דעם אָנהויב פון אָט די יידישע גאַסן אין אַלט־ירושלים? וויפל יאָר־הונדערטער? אין דרויסן, איבער

יענער זייט מויער האָט אויפגעטאָגט אַ שטאָט אַ נייע, אַ יונגע, אַ מאָדערנע. נאָר אַסאַך פון די, וואָס זיצן אָט דאָ אויף דין געפלאָכטענע שטרוי־בענקלעך פאַר די קראָמען, ווייסן נישט דערפון. מ׳צן האָט געהערט, נאָר זיכער איז מען נישט. מאָלע, וואָס מען דערציילט וועגן אַ ירושלים מחוץ דער מויער. דאָ טאָפּטשעט מען אַרום אונטער די פאַרדעקטע אַרויסשטאַרצונגען פון די אימיטירטע דעכלעך. די זון וואָלט סיי ווי אין אַזאַ געוועלבטער ענגשאַפט נישט אַריינגעקראָכן. שמוץ, פוילקייט, שימל־ריח, בצזימער, רימל־שטעלן, קאַווקאַזער שאַשליק־גע־בראָטנס, ישיבה, וואַרשטאַטלעך, פעסטע יונגן, גבורים, חלוקה־יידן, מיחושן, געזעלן, ראָמאַנטיק, ניי־מאַשינען, שוסטער־בענקלעך, שולן, אַרבעטס־לידער, צניעות און צביעות. גמרא־ניגונים און ליבעס־געזאַנגען.

און אַלץ טאָפּטשעט אין דער פייכטער טונקלניש, און אַלץ שאַרט זיך ביי די אָפּגעריבענע דיקע מויער־ווענט. גאַליציאַנער־קאַפּעלושן, קינדערישע געדרייטע פאות, קרענקלעכע פנימלעך און גליענדיקע אויגן. קרומע פיסלעך און שאַרפע מוחלעך. זייד און שמאַטעס. פרישות און גייציקע כיטרעקייט.

און טיפן אַלערליי, וואָס נאָר אין דער סביבה פון דער אַלט־שטאָטישער יידישער גאַס האָבן זיי זיך געקענט אויסהאָדעווען: „משיחים״ און „נביאים״, „פּאָרויסזעער״ און מוסר־זאָגער. שטראָפער און מונטערער. זיי דרייען זיך אַרום יעדער מיט זיין „מיסיע״, און יעדער „מיסיאָנער״ האָט אַפילו זיינע אָנהענגער און אויסהערער. משוגעדיקע געשטאַלטן, פאַרפלאָנטערטע אין די אייגענע טריט. אַלערליי בערד און אַלערליי לאָקן. מאָדנע הלבשה און צעדרייטע רייד, וואָס אין זיי ליגט אַ געוויסע קלאָרקייט, און אַפילו שאַרפע חכמה... שטאָלצע און געפאַלענע. און יעדער טראָגט זיך אַרום מיט זיין איינפאַל און חלום פון דערלייזונג...

בטלנים, פאַנאַטיקער און צבועקעס. צדיקים, אויסגעטוענע פון דער וועלט. רייכע, וואָס האָבן זייער עשירות פאַנאַנדער־געשטויבט, און אַזעלכע, וואָס נוצן גיריק אויס אַלץ און אַלעמען. פאַרקויפן יראת שמים פאַר פרוטות און טאָלערס. שטריימלעך

און בעקעשעס, וועמענס אייגנטימער האָבן רויטע, קאַרבנדיקע קאַרקן, בלוט־שפּראָצנדיקע באַקן, שמאָלע אין פּעטס־פאַרפאַלענע אייגעלעך, און אַזעלכע הויכע, דאַרע בחורים, אייגעפאַלענע פּנימער, אָפּגעטיילטע שאָטנס פון מענטשלעכע גופים.

מיר גייען איבער די הויפן. אַ מאָזאַיק פון מנהגים. בײ טייל, דער עיקר ביי די תימנער איז ריין, אויסגעקאַלכט, ממש אַ נס, ווי אין אָט דער ענגשאַפט קאָן זיין ציכטיק און אָפּגע־פרישט. מיר באַזוכן שטובער־אויסהוילונגען, ווי אין פעלזן. אַכט קינדער, ניין קינדער, צען קינדער — טרעפּלעך פון יינגסטן ביזן עלטסטן, אָפטמאָל דרייצן טרעפּלעך אַזעלכע...

אַ חדר: דער מלמד אַ ספרדי פון מאַראָקאָ, דער חדר איז דאָס פיר־קאַנטיקע לאָך, וואָס הייסט „פּאַטיע", דער הויף. בלאַסע קינדער זיצן אויף קליינע בענקעלעך. די עברי־טייטש איז דער געמישטער שפּאַנישער זשאַרגאָן, לאַדינאָ. צווישן זיך רעדן די קינדער שפּאַניאָליש. די שול־מכשירים הענגען אויף אַ טשוואָק: שעפּסן־פיסלעך־קאַנטשיקעס, רימנס, „קונעס" איינצו־שליסן די קינדער בעת זיי דאַרפן אָפּקומען די שטראָף... דעם מלמדס פּנים איז בייז, גאָר נישט פון קיין נחת. זיין „שטוב" זאָגט עדות און זיין הונגעריקער אויסדרוק אויפן פּנים באַ־שטעטיקט דאָס.

ער דערציילט: דאָס „קנעלונג" וואָלט ווי עס איז אריינ־געבראַכט אַ שטיקל ברויט, נאָר ער מוז זיך טיילן מיטן ביסן מיט זיין שותף. ווער איז אייער שותף? פרעגן מיר. ענטפערט ער: „אַן אַראַבער". וווּנדערן מיר זיך: „אַן אַראַבער, אַ שותף צו אַ תלמוד־תורה?" „יאָ, ענטפערט ער, ער איז דערווירט פון דער דירה. אַנדערש האָט ער נישט געוואָלט פאַרדינגען".

און דער מלמד, מיט דער פּעסקע אויפן קאָפּ, האָט זיך גענומען לערנען מיט זיינע תלמידים, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געגלאָצט אויף אונז, באַזוכער, מיט די טיפע, שוואַרצע פלאַמען פון זייערע אויגעלעך, און זיי האָבן זיך אַ צעלאָז געטון, שאָקלנדיק זיך הין און צוריק מיט זייערע מיילעכלעך איבערן חומש, גרעגערנדיק אַן איבערחזורונג אויף... שפּאַניש עברי־טייטש...

שולן, חורבות, לעגענדע, אבערגלויבן, פאָלקס־מעשה, דערינערונג פון שיינע מענטשן. א מילגרוים פול מיט קערנדלעך. קאָנסט נישט דערגיין און קאָנסט נישט דערגרונטעווען. יעדער ווינקל האָט זיך זיין אייגנאַרט און יעדער שפּאַלט — זיין געשיכטע. די חורבה־שול פון יהודה החסיד, יענער שעדלעצער גביר, וואָס איז דאָ, אין די אומהיימלעכע מויערן, צוזאַמען מיט אַ גרופּע אָנהענגער זיינע אומגעקומען פון הונגער, איינגע־שלאָסענע אין די דאָזיקע מויערן. איצט, זיצן אין דער קילקייט פון די אַלטע שטיינער די חלוקה־יידן, אויסגעפּאַשעטע און צעליאַבערטע, זיי שלעפן פויל די פוס, ווי אויפגעווירען, בייכער און סאַפּן שווער, ביי יעדן קליינעם שפּאַנעלע. זיי פאַבריצירן עס חלקים „עולם הבא" פאַר די אַמעריקאַנער אַלי־רייטניקעס, ווצמענס נעמען, צוזאַמען מיט די נעמען פון זייערע גוידעריקע ווייבער, זענען אויסגעקריצט מיט גאָלדענע אותיות אויף ווייסע מירמלשטיינערנע טאָוועלעך אין סאַמע מזרח־וואַנט.

און ווען איבער יענער זייט מויער הילכט אָפּ דער עכאָ פון האַמער אויף שטאָל, גלוטיק אויף בוי־שטיין, ווען טויזנטער, טויזנטער פאַרשמירט און פאַרליימיקט, יינגלעך און מיידלעך טראָגן לייב און מישן בעטאָן, זיצן זיי דאָ אין דער געדעמפּטער פייכטקייט, אין דער פאַרשימלטער גרינקייט, יונגע לייטלעך, בלוט און מילך, ווייס און איידל, בייסן די שפּיצן פון זייערע לאַנגע, לאַנגע געקרייזלטע פּאות, ציפּן זיך אויס די אַרויסשפּראָצנדיקע נאָדל־הערעלעך אויף די גאָמבעס. באַטראַכטן זיך מיט ביטול, מיט נייגיר און אומצוטרוי, ענטפערן אומגערן אויף דיינע פראַגן, זענען באַהאַוונט אין אַלע הלכות, שפּייען אויס ביי יעדן וועלטלעכן וואָרט, נעמען זיך אָן פאַר... מיסיאָנערן, ראַטן דיך צו גיין אין דער שול פון יוחנן בן זכאי, מיט די זיבן אַפּצווייג־פּאָלישן, דאָרט, וווּ עס געפינט זיך אליהו הנביאס הייל, כדי געגעזן צו ווערן...

זיי, די דאָזיקע יונגע לייט, מיטן פּרעכטיקן ליטווישן יידיש, געבוירענע דאָ אונטער דער גרויסער טונקלקייט פון די

דיקע מויערן אין אַלט־שטאָט, האָבן נאָך די אויגן נישט אויפגעהויבן צו זען פון דער אַנדערער זייט „וואַנט". זיי, וועמענס אויערן האָבן נאָך נישט פאַרזוכט דעם זיסן טעם פון מוזיק. דאָ אין געדעמפטער גרינגקייט פון דער אַלט־שטאָט, אין דער יידישער גאַס האָט מען נאָך, זינט נאָכן חורבן פון בית שני, נישט געפילט דעם טעם פון אַ כלי־זמר, האָט נאָך איבער יידישע הייזער נישט אָפגעציטערט דאָס געוויין פון פידל און די פרייד פון טאַנצן.

ווילדע עקזאַטיק

זעסט פאַר זיך נישט קיין טעאַטער־פאָרשטעלונג, נישט קיין קינאָ־בילד, ווו מען ווייזט דיר דאָס לעבן פון ווילדע שבטים ערגעץ אין קאָנגאָ; נישט קיין פּראָדוקט פון אַ פאַנטאַזיע־רייכן סצענאַריע־שרייבער, נאָר אַ שטיק ווירקלעכקייט פון דעם היינט, פון דעם איצט, די פאַרסט אַריין מיטן אויטאָמאָביל אין דעם אור־אַלט, אין דער עפּאָכע פון געצנדינסט.

די ווענט פון די תל־אָביבער, ירושלימער און חיפער גאַסן ווערן באַדעקט מיט פלאַקאַטן, וואָס זאָגן דיר אָן די נייס, אַז עס גרייטן זיך אויספלוגן קיין מיראָן בייצווויין דאָס געצנדינסט אַרום אַ קבר פון אַ פאַרהייליקטן מענטש, שמעון בר יוחאי, וואָס רוט שוין דאָרט, אויף די מיראָן־בערג, לעבן צפת, אַרום אַנדערהאַלבן טויזנט יאָר.

אין זיין צייט איז ער אפשר געווען אַ רעוואָלוציאָנער און פּאַטריאָט, וואָס האָט זיך נישט צוגעפּאַסט צו די איינפירונגען פון די רוימישע הערשער אין פּאַלעסטינע און איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער פרעמדער מאַכט. עס איז אים אָבער, ,עם פּאַטריאָט, נישט באַשערט געווען צו ליגן אין רו. ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפּגאָט, און די הייל איבער זיין קבר — אין אַ „טעמפּל" פאַר ווילדן געצנדינסט.

דער עולם פאָרט. עס איז אַמוזאַנט און לאַקערנדיק. ווו

קאָן מען זען אַזאַ שטיק ווילדע עקזאָטיק? די הסתדרות האָט אַפילו איינגעאָרדנט די אויספלוגן גאַנץ פרי דעם ערשטן מאַי. עס איז אַ גאַנץ פיינער „מיטל" אָפּצוהאַלטן טויזנטער אַרבעטער פון די מאַי-פייערונגען. די אויטאָבוסן-קאָאָפּעראַציוון, וואָס זענען אַ טייל פון דער הסתדרות, רעכטן זיך אויף גוטע געשעפטן — מען פאָרט קיין מיראָן.

נאַטירלעך זענען די תל-אָביבער, חיפה'ר און די ניי-ירושלימער, און צוזאַמען מיט זיי הונדערטער אויסלענדער, נאָר צושויער, צוקוקער פון דער דאָזיקער ווילדער פינסטערניש; די אמתע מתחנים זענען די אַלט-שטאָטישע, „די מאה שערים'ניקעס" — ישיבה-בחורים און די חלוקה יידן; זיי פאָרן אָנגעפּראַפּטע אין די וואַגאָנען. דער פאַרשטיל הויבט זיך טאַקי אָן אין דער באַן ירוש.-ים—חיפה.

דער וועג, וואָס ציט זיך פון חיפה קיין צפת, איבער טבריה איז פאַרפולט מיט הונדערטער, הונדערטער גרויסע און קליינע אויטאָמאָבילן, אויטאָבוסן און מאָטאָציקלען. אַלץ ציט קיין מיראָן. אַלץ וויל בייזיין די „פייערונג": טייל פאָרן צו זען און אַנדערע פאָרן אַהין כדי — געגעזן צו ווערן.

אַ גאַנצע בריגאַדע מיט פּאָליציי-לייט שטייען שוין גרייט ביים אַרויפקומען אויף די מיראָן-בערג, מען רעגולירט די באַוועגונג. עס איז נישט אַנדערש, ווי עפּעס אַ פאָרשטעלונג אויף אַן אָפענער בינע אונטער דעם פרייען הימל. עס איז ווירקלעך אַ פאָרשטעלונג. אַן אויסשטעלונג פון פאַרשידענע טיפּן, אַ גאַלעריע פון „יודנטומס", ספרדים און אשכנזים, שבטים, וואָס איינס דעם אַנדערן געהער זיך נישט אָן און וואָס איינס דעם אַנדערן גייט זיך נישט אָן.

עס איז זעקס פאַרנאַכט. אַרויפפאָרן נאָענט צו דער „מערה" קאָן מען שוין נישט. מענטשן וואַרטן שוין פון אינדערפרי אָן און אַנדערע זענען אַפילו נאָך פון זעקס, אַכט טעג צוריק אַהערגעקומען. די אויטאָס מוזן אַלזאָ בלייבן שטיין אונטן, צופוסנס פון באַרג, אָדער אין אַ קנייטש פון אַ באַרג, מען דאַרף זיך אַרויפשלעפּן. דער שטויב איז געדיכט, ווי דער רויך פון אַ

ברענענדיקער שטאָט. די לופט שטיקט און דערצו ברענגט דער ווינט צו דער נאָז דעם ריח פון געפרעגלטן חלב, פון טאָפּיענדיקן וואַקס און טריפנדיקן בוימל, וואָס שלאָגט אַרויס פון אינעווייניק, פון דעם „אוהל" איבער די קברים פון שמעון בר יוחאי און זיינע תלמידים.

דער וועג אַרויף, דער פּלאַץ פאַר דעם „אוהל" איז אַ געזעמל, אַ מאַרק. דאָ האָבן שוין פאַרשידענע הענדלער פון צפת אויסגעשטעלט זייערע „קראָמען" פון לייוונטענע געצעלטן און אין זיי קריגט מען „אַלדאָס גוטס" — שאָפענע מילך פון שווינדזיכטיקע שעפסן: קעזלעך, וואָס זענען אינגאַנצן באַלאַגערט מיט פליגן; אַן אַלטער ייד מיט ווונדיקע הענט, פול מיט קרעץ און מאַטעריע, פאַרקויפט געבראָטענע לעבער. ער שניידט פאַן לעבער און בראָט זיי אויף קוילן, און דער עולם כאַפט עס און פאַרצערט עס. בייגל און ברויט, ווורשט און אייער. און דאָס אַלץ, ווי עס וואָלט געווען גענוי פאַרצייכנט אין אַ רעזשי־בוך, טאָר נישט זיין פריש און דאַרף נישט ליגן פאַרדעקט. אַ געשוואָלענע יידענע, וואָס איז געקומען נאָך אַ רפואה צום קבר, שלאָגט זיך דערווייל אויס די הוצאות און קנוילט „קאָטלעטן" פון געמאָלענעם פלייש, און אַ מייכעשדיקער ייד, טראָגט אין „בוזעם" עטלעכע פלאַשן „ליקער" און פאַרקויפט צו צוויי פּיאַסטער אַ „שלונג" — מחמת קיין גלעזלעך האָט ער נישט דערשנאַפן דאָס די חסידים און בויגן זיך צו צו זיין פאַרשמאָלצענעם כאַלאַט, ווי מען בויגט זיך צו צו דער ברוסט פון אַ מאַמען, און אין כאַלאַט זענען שוין אַזוי „אויסגעאַרבעט" לעכלעך, דורך וואַנען מען קאָן „זויגן" אַ שנאַפס, דער ייד האַלט אָבער וואַך, אַז דער זויג — דער „שלונג" זאָל נישט זיין קיין צו־שטאַרקער...

כדי אַריינצוקומען אין „אוהל" מוז מען אַדורכגיין אַ חדר, אַ הויף, דאָס איז אַ מין אַרקאַדיע, מיט גאַלעריען און טאָפּל־טרעפ, דורך וואַנען מען קומט אויך אַרויף אויף דער טעראַסע אַרום די קופּאָל־דעכער. די דעכער, די גאַלעריען, די טרעפ און בכלל יעדעס שטיקעלע, אָרט ווו עס קאָן זיך נאָר אָנשפּאַרן אַ

פוס, איז פארלייגט פון די, וואס „יוליגען" שוין דארט זינט
עטלעכע טעג. אויף די גאלעריען זענען אויך פאראן מויער-
לעכער, אזעלכע אויסהוילונגען. די דאזיקע „צימערן" ווערן
פארדונגען. מען נעמט א לירע פאר א מעת לעת, בעלנים זע-
נען פאראן א סאך, ווארום גרויס זענען די מחנות, וואס קומען
דא אהער געהאלפן צו ווערן.
אין ווי די גייסט, ווו די ווילסט שטעלן א פוס, איז באַ-
לייגט מיט מענטשן. מען ליגט אויף דער ערד, אויף די דעכער,
אויף די הוילע שטיינער, אדער אונטערגעלייגט א שטרוי-גע-
פלעכטס. מערסטנטייל ליגן דא פרויען מיט קינדער, תמנער פרוי-
ען. די ספרדים פילן זיך נענטער צום „קבר" און זיי פארנעמען
דעם אויבן-אן. טויזנטער, טויזנטער, בלאסע, קריידי-בלייכע פני-
מער פון יונגע פרויען מיט שווארץ-ברענענדיקע אויגן, וואס קוק
קאפויער פון אונטער אייערע פיס. איר דערפילט דעם סיגנאל
פון זייערע אויגן-גלי, אז מען זאל נישט ארויפטרעטן אויף זיי
און דערעיקר — אויף זייערע קינדער, אויף זייערע עופעלעך!
קינדער און קינדער און קינדער. פון וואנען האבן זיי
זיך דאס אזוי פיל גענומען אט די זויגלינגען? אט ליגן אויסגע-
לייגט אין א שורה אכט „פיצעלעך", פון וועלכע דאס עלטסטע
איז זיבער נישט מער אלט ווי זעקס וואכן און דאס יונגסטע
איין קינד ערשט נאכן ברית. די יונגע מאמע, וואס איז נישט
מער אלט, ווי פופצן יאר און שטאמט פון סאלאניקי, איז דא
דאס ערשטע מאל. די עלטערע פרויען האבן איר געזאגט, אז
אויב זי וויל, דאס קינד זאל זיין געזונט, פרום און אפגעהיטן פון א
„גוט-אויג" זאל זי קומען צו דעם קבר און אלץ וועט שוין גוט זיין
און די יונגע מאמע איז געקומען צוזאמען מיט א בינטל
אלטע ווייבער. זי ווערט דא צוטרעטן, זי ליגט איבער איר קינד
אויף די קני, אנגעשפארט אויף אירע עלנבויגנס. זי ווערט פאר-
וואנדלט אין א חיה, וואס האלט דאס קינד אונטער דעם בויך,
בעת עס דראט א געפאר. דער עולם שטויסט זי טאקי, שטופט
זיי. נאר זי איז, ווי איינגעקלאמערט מיט די פיס און הענט אין
דעם שטיקל פלאץ, וואס איר דארער איינגעקורטשעטער קער-

פֿאַר פֿאַרנעמט, און דאָס קינד ווערט באַשיצט פֿון צעטראָטן ווערן.

מען קאָן זיך שוין פֿאָרשטעלן, צי ווערט דאָס קינד זיין אַ געזונטס, נאָכדעם ווי אין די ערשטע צוויי וואָכן זינט עס איז געקומען אויף דער וועלט, מוז עס אויסשמעקן די שטיקענדיקע ריחות, וואָס טראָגן זיך דאָ אַרום און פֿילן אָן די יונגע לונגעלעך מיט אָט דעם שטויב, און אָטעמען דעם שטינקנדיקן גאַנץ פֿון די פּרימוס־מאַשינקעס, וואָס ברענען זיך אין אַלע ווינקעלעך... דאָס מאַכן די עולי־רגלניקעס זייערע „מאַלצייטן" און געפּרעגלעכצן...

דער פּלאַץ איז נישט גרויס פֿאַר אַזאַ ריזיקן עולם, אָבער גענוג גרויס פֿאַר צוויי הונדערט מענטשן צו טאַנצן. טאַנצט מען מאַקע. דאָס טאַנצן די „פּוילישע" די ברייטע, פּלושענע קאַפּעלושן, די סאַמעטענע „זשופּעצעס", די געקרייזלטע פּאות. די שפּראַצנדיקע בערדלעך. עס טאַנצן די ישיבה־בחורים, עס טאַנצן אַלטע גרייזן. די קאַפּעלע, וואָס באַשטייט פֿון אַ בלינדן קלאַרנעטיסט, אַ הינקנדיקן צימבלער און אַ הויקעוואַטן פּייקלער, שפּילט. זיי לאָזן קיינמאָל נישט אויס גלייך דעם „ניגון", זיי אַרבעטן נישט אין האַרמאָניע. זיי שפּילן איצט אַן „אַראַבישל", דאָס איז אַ פּשוטער אַראַבישער טאַנץ. מען אימיטירט די אַראַבישע טענץ. יעדער טאַנצט באַזונדער און אַלע דרייען זיך אין רעדל. איינער טאַנצט אויס פֿיגורירן מיט אַ שטעקן, דאָס מאַכט ער נאָך דאָס פֿאָכן פֿון אַ שווערד, ער מאַכט ריכטיק נאָך אַלע „פֿיגורן" פֿון אַראַבישע שווערד־טענצער. איינער אַ חסידל, וואָס מען קאָן נישט דערגיין פֿון זיין פּנים, צי ער איז אַ זקן, צי אַ יונגערמאַן, טאַנצט, פֿאַרגלאָצט די אויגן, גלייך ער וואָלט איצט אין דעם טאַנץ זיך דורכגערעדט אויף דער דאָזיקער טאַנץ־שפּראַך מיט די צדיקים אויף יענער וועלט. ער טאַנצט לאַנג, אָן אויפֿהער, אָן אָפּרו. ווען עס גייט אויס דער „גאַנץ" פֿון ניגון, גיסט מען אונטער מיט נאָך אַ צוויי פּיאַסטער, דאָס צאָלן איין אַרומיקע, די קוקערס, און דער ניגון, וואָס האָט זיך שוין געהאַלטן ביים לעשן, ביים אויסלאָזן, העלט ווידער אויף. דער בלינדער קלאַרנעטיסט דערפֿילט דעם ברי פֿון דער מטבע אין

דעם פּייקלערס האַנט און צעשרייט זיך אויף זיין „כּלי״, די טאָצן צעבראַזגען זיך שטאַרקער און דאָס פּייקל צעדונערט זיך העכער, העכער, ביז דער טאַנץ גיסט זיך אַריין אין אַ „האָראַ״ און פֿאַרכאַפּט דעם גאַנצן ראָד, און פֿאַרשלינגט דאָס געוויין פֿון די פּיצעלעך קינדער, וועמען עס איז הייס און שווער צו אָטעמען, און פֿאַרטויבט דאָס געשריי פֿון די קראָם-שטעל-אויסרופֿער און פֿאַרקלאַפּט די קולות און קללות, וואָס איינס דעם אַנדערן קאַרגט נישט אונטער די דאָזיקע אומשטענדן.

אינעווייניק אין דער „מערה״, אין דער הייל, ביי די קברים ברענען ליכט, ברענען הונדערטער חלב-ליכטלעך און בוימל-לעמפּלעך. פֿון די אַלע פֿייערלעך, ווערט צוליב דער געשטיקטער לופֿט איין סלאַם, די קנויטלעך הערן אויף צו דערפֿילן זייער פֿונקציע. דער חלב און דער בוימל ווערן צונויפֿגעשמאָלצן און דאָס געשמעלץ ברענט און סמאַרגנט. עס קומען צו אַלץ נייע מענטשן, אַלץ פֿרישע „בעטער״. די שמשים מיט די אויפֿגעיוירענע בייכער האַלטן אין איין פֿאַרקויפֿן ליכטלעך און קלינגען מיט די פּושקעס. אַ ווייב קומט מיט אַ פּיצל קינד און וויל נישט אַנדערש, ווי דאָס קינד, וואָס זעט אויס, ווי אַ זעקס-חדשימדיק מאָגער אָפּגעצערט נפֿשל, זאָל אַליין, מיט די דאַרע הענטלעך אָנצינדן דאָס ליכטל אין אַ בוימל-לעמפּל. מיט דער הילף פֿון שמש, וואָס נעמט דעם קינדס צאַרט הענטל אין זיין פֿאַרשמאָלצענער האַנט אַריין, ווערט דער מוטערס ווילן דורכגעפֿירט...

און ווי אין דער הויף, אויף די גאַלעריען, אויפֿן דאַך, אין דער הייל, אין די קברים-שטיבלעך, זענען איבער דער פֿאַדלאָגע אויסגעשפּרייט מאַמעס און קינדער. איבערהויפּט האָט מען דאָ אין זינען די קינדער, וואָרום צומאָרגנס, אין טאָג פֿון ל״ג בעומר, ברענגט מען די קינדער צום „שערן״. מאַמעס לאָזן אָנוואַקסן די האָר פֿון זייערע קינדער, די יינגלעך, און די טאַטעס טראָגן זיי, אויסגעצירטע, אויסגעשלייערטע, אויף די אַקסלען, ביז צום קבר, און דאַן שערט מען זיי אָפּ. שיינע, זוניקע לאָקן פֿאַלן אַראָפּ. די ליידיקע „בייטן״ ווערן פֿאַרדעקט מיט יאַרמעל-

קעס, די קינדער בלייבן, ווי די שעפסעלעך ביים ערשטן מאָל, ווען זייער וואָל ווערט אַראָפּגענומען... דערביי טרינקט מען לחיים, מען עסט לעקעך און מען ווינשט זיך מזל-טוב.

וואָס איז דאָס? אָבערגלויבן? פאַנאַטיזם? מיטלאַלטער? פאַרשטייט זיך — דאָס אַלץ אויך. אָבער עס איז נאָך מער. געצנ-דינסט. פון פאַרנאַכט אָן האַלט מען אין איין ברענגען „קרבנות", וואָס ווערן אַריינגעלייגט אין ספּעציעלע וואַזאָן טעפּ. גאַנץ הויכע פוס-בעקנס. דאָרט ווערט אַריינגעגאָסן בוימל — אמתער שמן-זית — און אין די בעקנס מיט בוימל ווערן אַרייגעלייגט פאַרשידענע נעוועב-שטאָפן, קליידער און טיכער, טישטוכער און ליילעכער, שאַלן און וואַלן; דאָס האַלט מען פאַר אַ מצווה, דאָס האַלט מען פאַר אַ זכיה, און אויף דעם גיסט מען ווידער בוימל, און מען לייגט ווידער די שטאָפן און מען גיסט אין אַזעלכע דריי פאַנען, וואָס שטייען אויף דעם דאַך. ביז עס ווערט אַ הויכער באַרג פון אָט די טייערע שטאָפן. שפּעט אין אָוונט, ווען עס קומט אָן די פּראָצעסיע פון צפת, מיט ספרי-תורות, מיט שטורקאַצן, מיט טענץ און געזאַנג — דאַן קויפט מען דעם זכות צו אונטערצונדן די פוס-בעקנס, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס קויפט אַ ייִד, אַ גביר, וואָס קאָן באַצאָלן צען לירעס. די וועב-שטאָפן זענען איצט איינגעטונקענע קנויטן, אויסגעווייקט אין בוימל, און ביי דעם ערשטן פונק פלאַמט דאָס אויף, ברענט דאָ אויף אַ הצליש פייער, דער ווינט צעבלאָזט דעם פלאַם און די היץ שטייגט און די פונקען צעטראָגן זיך איבער אַלע זייטן, אַזוי אַז דער גאַנצער אַרום ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום...

און דאַן הויבט זיך אָן דער אמתער געצנדינסט. דער עולם, פאַרשיכורט פון אָט דעם „נס", נעמען זיך ערשט אָן אין אַ ראָד און טאַנצן אַרום דעם פייער, טאַנצן, האָפּקען, זינגען פּסוקים, אַרום די ברענענדיקע גיהינום-קעסלען. די היץ שטייגט, דער ווינט בלאָזט אין די פּנימער אַריין דעם פלאַם, נאָר מען קוקט נישט, מען טאַנצט, מען טאַנצט, מען גיסט צו בוימל, מען וואַרפט אַריין נאָך קליידער, נאָך טיכער, און מען טאַנצט, און

מען שפּרינגט. אַ יונגע פֿרוי גיט זיך אַ ריס פֿון איר ווינקל, וויקלט אַראָפּ פֿון זיך אַ טייערן, געהאַפּטענעם שפּאַנישן שאַל, גיט אַ פֿאָכע מיט די גילדענע אוזאָרן פֿאַר דעם קנאַקעדיקן פֿלאַם און עס זעט אויס, ווי אַ פֿאַנטאַסטישער טאַנץ וועט זיך באַלד אָנהויבן. נאָר אָט האָט זי די הענט געגעבן אַ צונעם, דער שאַל מיט די שרייענדיקע געמעלן האָט זיך אַ טראָג געטון ביז צום ראַנד פֿון די פֿייער-זיילן, אַ ווײַלע איינגעדעקט דאָס פֿייער, און באַלד איז דער שפּאַנישער שאַל פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין ברענענדיקע צונגען און אין אויפֿשטייגנדיקע פֿלאַמען...

מען דערציילט דאָ, אַרום די פֿייערן, אַז עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס וואַרפֿן גילדענע רינגלעך און גילדענע מטבעות אין פֿייער אַריין. דאָס איז פֿולשטענדיק אין הסכּם מיט די באַגריפֿן פֿון די געצנדינערישע צייטן. מיר האָבן דאָ פֿאַר אונדזערע אויגן לעבעדיק די מעשׂה מיטן עגל-הזהב, וואָס ווערט דערמאָנט אין חומש.

דער טאַנץ אַרום פֿייער — פֿאַר אַ גילדענעם קאַלב.

אַ ווילד שטיק עקזאָטיק, וואָס האַלט אַזוי אין פֿינסטערניש טויזנטער מענטשן אין דעם „אויפֿגעקלערטן" ארץ-ישׂראל. אַ געדרענג, אַ געיעג מיט פֿלעשלעך און גלעזער צו די ריזיקע הדלקה רערן, כּדי צו כאַפּן עטלעכע אָנגעטריפֿטע בוימל-טראָפּנס, וועלכע זענען פֿאַר זיי אַ סגולה און אַ רפֿואה צו אַלערליי קראַנקהייטן... און דער קאָכעדיקער בוימל טריפֿט זיינע טראָפּנס איבער די הענט און פֿינגער, בריט-אויס לעכער און לאָזט איבער אייביקע בראַנד-צייכנס.

זענדיק צווישן דער ווילדער מחנה אַ גרויסע, אַ גאָר גרויסע צאָל יונגע מענטשן, יונגע מאַמעס, וואָס קומען דאָ „היילן" זייערע קינדער, קאָן מען דערפֿון דריגגען, ווי ווייט עס גייט די אויפֿקלערונג אין לאַנד צווישן די אומוויסנדיקע מאַסן, און ספּעציעל צווישן די „עכטע" מזרח-יידן.

די פֿלאַקערנדיקע מנורות — זיי זענען דאָ די פֿאַקלען פֿון פֿינסטערניש!...

גליל

מעטולאַ איז דער לעצטער פּונקט, דער ווייטסטער „מושב" אַרויפגעשפּיצט צו דער גרעניץ. אין אָנהויב, נאָכן פאַרנעמען פּאַלעסטינע איז מעטולא און דער גאַנצער טאָל, דער עמק גליל געווען אַ טייל פון דער פראַנצויזישער אָקופּאַציע און איצט נאָך האַלט מען עס פאַר אַ סירישער טעריטאָריע, וואָס איז, נאָך דער שחיטה פון תל־חי, צוגעטיילט געוואָרן „גוטוויליק" צום ארץ־ישראלדיקן באָדן, אַ „געשאַנק" און אַן „אויסקויף" פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט און פאַר די פאַרשניטענע לעבנס, וועלכע רוען אויף דעם בערגל פון תל־חי איבער דעם שאָסיי וואָס ציט זיך קיין ביירוט און דמשק!

אין אַזעלכע פאַלן ווייזט די פּאָליטיק פון קאָלאָניזאַטאָרן און אָקופּאַנטן אַרויס געוויס כיטרעקייט. געהייכן האָט עס, אַז מען וויל נישט אָפּטיילן די עטלעכע קאָלאָניעס, וואָס ליגן אין יענעם טאָל, ביי די גאַרטלען און ביי די פיס צווישן אייביק מיט זילבער באַקרוינטן חרמון און דעם שנייאיקן לבנון, פון דעם יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע, נאָר עס איז אַ גרויסער ספק, צי וואָלט מען זיך דאָרט, אין די הויכע פענצטער אין די קאָלאָניאַל־ביוראָס פון לאָנדאָן און פּאַריז גערעכנט מיט דער באַגראָבענער מי און פאַרזייטן שווייס פון חלוצים־גרופּעס, ווען נישט די תביעה פון אַ גרעסערן כח, פון דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס הייסט „פיקא" און וועמענס אייגנטימער עס איז דער באַראָן ראָטשילד, צוליב טעמים פון קעשענע־באַדייט איז עס פאַר ראָטשילדן וויכטיק געווען, אַז זיינע ערד־שטחים, וואָס שפּרייטן זיך אויס אין יענער געגנט, זאָלן זיך געפינען אונטער דער בריטישער פאָן, איידער אונטער דער פראַנצויזישער און חוץ דעם, איז עס אַ פאָרויסזעונג פונם קאַפּיטאַל. דער באָדן אין סיריע וועט ווייט נישט אַזוי שטייגן אין שפּעקולאַציע־ווערט, ווי אין פּאַלעסטינע.

נאָר ווי עס זאָל נישט זיין, די נאַיווע, ווילע, ערלעך' מיינענדיקע און אַרבעטסזאַמע בחורים, פאַר וועמען כפר־גלעד

און תל־חי האָט באַדייט אַ דעראָבערטע פּאָזיציע, פון וואַנען מען טאָר נישט אָפּטרעטן, האָבן עס באַטראַכט פאַר אַ חסד מצד דעם פּראָנצוויזישן מאַנדאַטאָר, וואָס ער האָט זיי נישט צעריסן פון דעם אַנדערן טייל יידישע ישובים אין ארץ־ישראל.

פונדעסטוועגן, נישט געקוקט, וואָס אָפיציעל געהערט יענער לאַנד־פּאַס צו דער בריטישער מאַכט, ווערט עס אָבער באַטראַכט, ווי אַ מין נייטראַלער פּאַס, ווי אַ גרעניץ־זאָנע. דער קאָנטראָל־פּונקט פאַר צאָל און פּעסער געפינט זיך טיף אין לאַנד, נאָך אין ראש פּינה, אַן ערך זעכציק־זיבעציק קי־לאָמעטער פון דער אייגנטלעכער גרעניץ ביי מעטולא. די חלוצים און קאָלאָניסטן מוזן ביים אַריבערפאָרן קיין צפת אָדער טבריה זיך לעגיטימירן. די מאָזאָליענע הענט און די צעקאַרבטע שטערנס זענען נישט איבערצייגנדיק פאַר דער גרענעץ־וואַך, אַז מען איז ארץ־ישראלדיקע איינוווינער. אַ פּאַרמעל שטיקל פּאַפּיר מיטן בריטישן הערב מוז עס באַשטעטיקן...

מעטולא איז אַ טיפּיש טרוקן דאָרף. זי פילט און ווייסט, אַז די ערד איז פּיקאַשע, אַז מען אָטעמט דאָרט באַראָנישע לופט. עפּעס שמעקט דאָ נישט מיט קיין אַליין־איניציאַטיוו. פון ערגעץ הויכט אָן דער נישט־אָנגענעמער פילאַנטראָפּישער ריח, כאָטש קיינעם פון די קאָלאָניסטן פאַלט נישט איין זיך צו באַטראַכטן אַלס „קעסט־קינדער״. אומגעקערט, מי און פלייס איז קיינמאָל נישט געקאַרגט געוואָרן אין דער דורכגעשפּאָלטענער פון טרוקצניש ערד. דאָך, פון איין זייט איז פאַראַן די פולע זיכערהייט, אַז מען וועט נישט אַראָפּטרייבן, אַז דער באַראָן וועט נישט טשעפּן אויב די חובות אָדער דער פּראָצענט פון די חובות וועלן היי־יאָר נישט געדעקט ווערן, און אַז אַ גרויס אומגערעטעניש איז בעסער, ווי אַ מיטלמעסיקער שניט. דאַמאָלט קאָן מען אפשר קומען צום באַראָן און בעטן נישט נאָר ער זאָל וואַרטן מיטן חוב, נאָר ער זאָל נאָך צושיקן ברויט?..

נאָר דאָס ברויט, וואָס קומט קאַרג און צוגערעכנט, וואַרגט אין האַלז... מעטולא זעט זיך שוין דעם קאָפּ נישט אַרויס פון די חובות. יעדער ביסן, וואָס די פּיקא „באָרגט״ אויס אירע

קאַלאָניסטן, ווערט פאַרשריבן און געפּלט. די צינזן וואַקסן אַרום יעדן איינעם, ווי די שטעכיקע גראָזן. מען האָט אַמאָל געהאָפט, אַז אין יענעם ווינקל צווישן די דריי גרעניצן וועט זיך אַנטוויקלען אַ לעבעדיקער ישוב, נאָר די האָפנונג איז שוין לאַנג צערונען. די האָפנונג בלייבט נאָר ביי דער „פּיקא", אַז מיט ווינציקער ענערגיע און מיט ווייניק חשק, וועט דאָך די געגנט אַמאָל אויפלעבן. אַ נייע „עליה". אַ פאַרגרעסערטער ישוב. דאָס וואָס עס האָט געקאָסט וועט מען אַרויסציען, און דאָס וואָס מען האָט אַריינגעלייגט אין די קאָלאָניסטישע מיילער, וועלן אַנדערע אָפּצאָלן.

די קאָלאָניסטן ווייסן עס, און גנבענען זיך איינציקווייז אַרויס. די ליידיקע לאַנד־שטחים ווערן וואָס אַמאָל גרעסער און באַפרייטער. די יוגנט, וואָס איז געבוירן געוואָרן אָט דאָרט צווישן די גרעניצן, ווייסט נישט, ווי אַזוי זיי וועלן ברענגען זייערע ברוינע הויטן צו די אַרבעטס־בערזעס אין תל־אביב. ווי וועט איר קול אַזוי ברוסט־הילכיק אָפּקלינגען צווישן די מויערן, שטיינער און קראָמען אין שטאָט, ווי אָט־אָ־דאָ, ווי יעדער ברום, יעדער פייף, יעדער געשריי, ווערט אָפּגעענטפערט מיט צענדליקער ווידער־קולות פון די בערג ווי גלאָקן וואָלטן דאָ אַרום צעהאָנגען געווען.

די יוגנט רייסט זיך צו בלייבן, נאָר ס'איז נישטאָ קיין אופן פון אויסלעבן זיך. נישט די פאָרם פון אַרבעט און נישט דער אופן פון האָפן. אינדיווידועלע ווירטשאַפט: „מיין טאַטנס געבאָרגט שטיקל ערד!..." „מיין שטאַל און דיין קעלבל" עס געפעלט נישט. ס'איז צו אַלט. אָט דאָרט, פון וואַנען עס דערטראָגט זיך אַהער דער געקלימפּער פון גלעקלעך, אַ מאַסע טשערעדע, קי, שאָף, ציגן, גרופּן פּאַסטעכער צעגייען זיך ביי די שייד־וועגן און פאַרלירן זיך אין די פעלדן פון די בערג און דער גלאָק פון דער געמיינזאַמער קיך ברענגט זיי צונויף ביי אָט דעם שייד־וועג און מען גייט שוין צוזאַמען אַ היים, אין קיבוץ, אין דער קבוצה, אָט דאָס איז אַ לעבן!

דאָס יונגוואַרג פון מעטולאַ איז אַנטציקט פון דעם נאָענטן

„דאָרט", פון וואַנען עס טראָגן זיך אַהער אין דער שיטערקייט פון דער לופט די אָפּקלאַנגען פון אַ פרייליך און אינטענ־סיוו לעבן. ווו איז דאָס דער „דאָרט?", אָט, אינגאַנצן זעקס־ביז קילאָמעטער, אין כּפר־גלעדי, אין תּל־חי!

כּפר־גלעדי איז דער יורש פון דער חורבה, וואָס ליגט צעוואָס נידעריקער אין בויך פון באַרג — תּל־חי. כּפר גלעדי וויל מיט עקשנות און אויסדויער זיך באַפּעסטיקן און אַרויס־שרייען אין דער וועלט אַריין איר אומדערשראָקנקייט און מוט. כּפר גלעדי, וואָס האָט ביז־איצט אָנגענומען אַ פּאָזיציע פון אַ באַוואַכטער טעריטאָריע איז איצט אַריינגעטרעטן אין דער סטאַדיע פון בויען, פון דעריאָגן און איבעריאָגן. עס איז נישט קיין פראַגע וועגן נאָך אַ קאָלאָניע, אָדער נאָך מער מיט אַ קיבוץ. נאָר די עקשנות גייט אין דער קאָלאָניע, דעם קיבוץ, כּפר גלעדי ווערט אויפגעבויט ווי אַ דראָונג פון אומדערשראָ־קנקייט, ווי אַ וואָרנונג פון אַנטשלאָסנקייט.

כּפר־גלעדי איז געבויט לכתחילה אַלס „מושב", אַלס קאָ־לאָניע, אַלס אַ דאָרף. די ערד פון כּפר־גלעדי, ווי אין מעטו־לאַ, ווי אין ראש־פּינה, געהערט דער „פּיקא"־ די „פּיקא" האָט קנאַפּ גלויבן אין דעם קאָלעקטיוויסטישן קאָמונע־שטייגער פון דער יידישער יוגנט. איצט, טראַכט זי זיך, זענען זיי יונג, יונגעלייטלעך און מיידלעך, עס איז אַ שפּיל אַזאַ, אינאיינעם אַריין... שפּעטער, ווען די צייט וועט נעמען פאָדערן אַ תּכלית, וועלן זיי, די „אידעאַליסטלעך" זיך אַרומזען, אַז ס'איז נישט קיין שטייגער צו אַרבעטן אויף יענעם, אויף דעם אומבאַקאַנטן אַבסטראַקט, און מען וועט זיך נעמען איבערצואַנדערשן. דע־מאָלט וועט כּפר־גלעדי פאַרצעלירט ווערן. איינגעטיילט ווערן אין קלענערע שטחים. די געמיינזאַמע קיך וועט מסתּמה פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ... קראָם, און די שטאַלן, די הינער־שטייגן און די גאַנצע איינריכטונג פאַר דער געמיינזאַ־מער ווירטשאַפט וועט צעטיילט און צעפּיצלט ווערן. יעדן אַ

חלק, יערן אַ ברעקל, דעמאָלט וועט זי, די „פיקא" רעדן אַנדערע ווערטער, וועט זי קומען מיט אַן אַנדערן לשון. וועט זי אפשר אַרויסנעמען די עטלעכע פופציק טויזנט פונט, וואָס זי האָט שוין אַריינגעלייגט אין דעם קיבוץ.

זי, די „פיקא" האָט געמוזט אַריינלייגן די באַראָנישע געלטער. עס זענען געווען צייטן, וואָס זי האָט ממש אָנגעבעטן אַט די העלדישע יונגעלייט, זיי זאָלן נעמען געלט, וויפל זיי דאַרפן און ווילן. דער איצטיקער קיבוץ, וואָס ווערט אַזוי פיבערהאַפט אַרויסגעפירט צו דער אַרבעט, האָט דאָך אַ צייט לאַנג זיך דאָ אויפגעהאַלטן מחמת סטראַטעגישע טעמים. די „פיקא" האָט געדאַרפן די יונגעלייט דאָ, אַט פונקט ווי די מאַנדאַטן־מאַכט האַלט דאָ אויס אירע רעגימענטן. עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ טאָג־טעגלעכער פאַרטיידיקונג. עס האָט זיך געהאַנדלט אָפּצוהיטן די באַראָנישע פאַרמעגנס, וואָס האָבן געהאַט דאָס אומגליק איניוועסטירט צו ווערן אין אַזאַ געגנט, ווו עס געוועלטיקט קעמל עפענדי, דער שייך, דער באַזיצער פון ריזיקע ערד־שטרעקעס, דער אומגעקרוינטער מושל פון דעם גאַנצן אַרום, דער באַפעלער און אויפהעצער פון זיינע אונטערגעוואָרפענע, אָרימע און דערשלאָגענע פעלאַכן.

אינגאַנצן אַנדערש ווי די אַנדערע קבוצות זעט שוין אויס כפר־גלעדי. דאָ זעט מען נישט די ווייסע, לוסטיקע בעטאָן־הייזער, די טורעם־שטאָקן, די גאַלעריען און ברייטע פענצטער. דאָ איז אַלץ סטאַביל, גרוי ביז מורא, שטיין, פעלזנאַרטיק און פעסטונגסמעסיק געבויט, אויף דער פלאַך פון אַ מיטן באַרג. הויז פון הויז אָפּגערוקט. הויז קייגנאיבער הויז — אַ גאָרטן, אַ גרינס־פעלד. אַ ברייטער פירקאַנטיקער „הויף" — די שטאַלן, זעט עס אויס ווי אַן אַלטער פריצישער גוט, וואָס שטייט אַזוי פון יאָרן און דורות, וואָס גייט איבער פון האַנט צו האַנט, פון פאָטער צו זון און אייניקל. עס דוכט זיך, אַז אָט וועט באַלד אָנקומען דער פריץ אַזאַ בייזער, ווי די אומהיימלעכע שטיינער אין דעם געבוי...

עפּעס איז פֿאַראַן מיסטישעס אין די בערג־קאַרבן פֿון כּפר־גלעדי. זעסט פֿאַר זיך שטיקער אינערלעכן סוד, ליכטיקן און אומפֿאַרשטענדלעכן סוד אַרויסלייכטן פֿון אַלע אָפּעַנע און באַהאַלטענע ווינקעלעך. אָט דאַכט זיך, אַז מען זעט נאָך דאָ די אַלע אַרומשלייכנדיקע משיח־זוכער, וואָס האָבן דאָ, אין כּפר־גלעדי, נאָכגייענדיק דעם אַקער געוואָרפֿן קערנער אין דער אויפֿגעשאַרפֿטער ערד, געזוכט אין די הויכע בלויקייטן פֿון הימל אַ פֿאַרענטפֿערונג אויף אַ מאָנענדיקן סוד.

געווען אַ צייט אַז אין גלעדי, דורכגעשפּרענגלט מיט אליהו הנבֿיאשקייט. פֿון דאַנען, האָבן זיי געגלויבט וועט אויפֿגיין דאָס ליכט. מען האָט זיך אַפֿילו צוגעגרייט דערצו. פֿאַרלאָזט לאַנגע בערד, זיך משונהדיק געקליידט, אין יאַקעס, אין העמדער לאַנגע. גערעדט על פּי רמז, אָנצוגעהערענישן אין דאָס אויך מער געשוויגן, ווי גערעדט.

און פֿון דאַנען האָבן זיך פֿאַרשפּרייט די שומרים איבערן לאַנד. די שומרים אָרגאַניזאַציע האָט דאָ דורכגעמאַכט איר געבורט, פֿון דאַנען איז מען אַוועק מיט אַ תּנכ״ל אין איין האַנט און אַ ביקס אין דער אַנדערער. עס איז געווען אַ ראָמאַנטיש־העראָאיש שטיקל צייט פֿון דער שומרים־עפּאָכע, זיי האָבן זיך זייערע פֿאַרדינסטן און זייער גלאָריע. אויף דעם בית עולם, אויפֿן בערגל ביי תּל חי, צווישן די שורות פֿון די געפֿאַלענע אין „1920״, געפֿינען זיך אויך עטלעכע צעוואָרפֿענע הילצערנע ברעטל־מצבֿות מיט דעם צושריפֿט „שומר״, דאָס זענען די צונויפֿגעקליבענע ביינער פֿון די שומרים, געפֿאַלענע אויף זייערע פּאָסטנס בעתן פֿאַרטיידיקן ייִדיש לעבן און אַרבעט אין פֿאַרשידענע ווינקעלעך פֿון לאַנד.

נאָר די „פּאָעזיע״ פֿון אַמאָל פֿאַרשווינדט. ביסלעכווייז, אייבציקווייז, מיטן אָנקומען צון אַ נייער יוגנט און באַנייטער ענערגיע. איצט רוישט יוגנטלעכע טי, און סקלינג יונג געזאַנג. אַלע מניעות זענען פֿאַרשוווּנדן, און דער דעפּיציט ווערט איינגעשרימפּן. עס איז ממש אַ אידעאַל ביי די ניינציק יינגע חבֿרה צו באַווייזן דער „פּיקאַ״, וואָס איז די אייגנטימערן פֿין

דער ערד און די ביז איצטיקע שטיצערן אָדער אינוועסטירערין פון דעם „כפר״, אַז די צייט איז נישט לאַנג וואָס מען וועט נעמען אָפּצאָלן דעם צינז און אַ טייל פון חוב.

און אַז דער סעקרעטאַר מעלדעט דעם רעזולטאַט פון פאַרגאַנגענעם יאָר: נישט מער ווי פיר הונדערט פונט דעפיציט. שטראַלן אויף אויגן און עס זינגען אויף די אָנגעהאָרעוועטע אָדערן.

און דאָך, —

וועט כפר גלעדי עקזיסטירן? איז נישט דער חשבון פון דער „פיקאַ״ אַ ווייט זעענדיקער? ווער ווייסט? עפּעס איז נישטאָ די זיכערקייט אין דעם ענטפער פון די, וועמען איך האָב צופעליק דאָס געפרעגט.

מער אויפריכטיקערע פּרווון נישט לייקענען דאָס, וואָס עס באַגט זיי. זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז אין דעם קיבוץ זענען פאָרגעקומען אַנטוישונגען, אַז אין די גרופּן האָבן זיי פאַרלאָזט כפר גלעדי, זייער אויסגעחלומט כפר גלעדי און דאָס זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן נישט נאָר שווייס, נאָר בלוט ממש פאַרגאָסן פאַר יעדן שפּאַן ערד. איצט טראָגט זיך דאָס געזאַנג פון זייערע הענט ביים קלאַפּן פאָרם־קעסטלעך פאַר בעטאָן אָדער ער ביים בייגן שטאַנגען שטאָל צו קלאַמערן דעם צעמענט אין די שטעט חיפה אָדער תל אביב. איך האָב זיי געזען די דאָזיקע חלוציב, וואָס האָבן אַ שטיק הייליק לעבן אָפּגעגעבן אויפן מזבח פון אויבערשטן גליל — כפר גלעדי, די אַלטע אויסגעפרוווטע תל־חי־ער. זיי האָבן אויסגעביטן די שמעקנדיקע ריחות פון פעלד און באַרג אויף די סמאָלע קעסלען פאַר די תל אביבער אַספאַלט וועגן. אָט אָ די, וואָס האָבן זומפּן געטרוקנט און געזייט יונגע לעבנס ביי די ראַנדן פון עמק חולא און טייערער געמאַכט דעם קעמאַל עפּענדיס באָדן, אַ טייל פון זיי מיט אָפּשפּרינקעלעך פון פאַרבליבענער מאַלאַריע אין די לונגען פולן איצט אָן די פאַבריקלעך פון פאַרטיקע קליידער אין די אויפוואַקסנדיקע שטעט.

פאַרוואָס? נאָר ווער קאָן דען דעם סוד אַרויסרייסן. מען קען זיך נאָר משער זיין. עפּעס אַ אינערלעכע גאַנצקייט פעלט. עפּעס אַ טיפע אָפּשטראַלונג פון ערגעץ ווו, ווי אַמאָל, אין די נאַיוו אידעאַליסטישע צייטן פעלט. די „ציוויליזאַציע" פון די שטעט, דאָס רעשנדיקע לעבן. רחוב אַלנבי שאַלט דאָ אַהער איר שופר של דזשאַז. נישטאָ יענער אינערלעכער קעגן כח, וואָס זאָל קעגנווירקן. די גאַנצקייט און דערהויבנקייט וואָס זאָל דאָ אונטער די בלויע נעפּלען פון די גלעדי־בערג שאַפן עפּעס אַ־זוינס, וואָס זאָל משפּיע זיין, איבערוועגן, אָפּבלייכן דאָס שע־מערירנדיקע, וואָס קומט פון דאָרט, פון גרויסן ווייט פיר שעה רייזע, חיפה!...

און מיט געציילטע ווערטער, ווי דורכגעזופּט דורך אַ זופּ גיט מען איבער, שטיקלעך פראַזן. שטימונגען, וואָס מען דאַרף אַליין צונויפקלויבן, צונויפנעמען און צוקלעפּן, אַז דאָס בילד זאָל זיין גאַנץ. אַז דער סוד זאָל אויפגעקלערט ווערן: רייסע־נישן. אידעאָלאָגיע־שנאה. אומטאָלעראַנץ צו די, וואָס טראַכטן אַנדערש, וואָס גלויבן, אַז משיח וועט דורך אַנדערע וועגן קומען... אויסשליסונגען אַרויסוואַרפן, אָפּהאַקן די הענט וואָס זענען געקלאַמערט אין אַקער, אַוועקשטעלן דעם גלות פאַר דער טיר.

ביזט אַזוי נאָנט צו אַ העלדיש געשיכטע בלעטל, שטייסט ביי די קברים פון געפאַלענע פאַר דער געמיינזאַמער זאַך און אַזוי פיל אומווירדיקייט, פאַרשוועכונג.

אונטן, אַראָפּ־צו, עטלעכע הונדערט שפּאַן, גלייסט אַרויף צו דיר רער וואַסער־גלאַנץ פון שויבן איבער וויגנדיקע פענצ־טער אין ליימיקע הייזער. דאָס איז תל־חי. די נייע פרשה פון מאָדערנעם חומש... קוקסט אַראָפּ פון באַרג און ס׳דאַכט זיך דיר, אַז ס׳איז עפּעס אַן איבערבלייבעכץ פון די רוסישע צייטן אויסגעליידיקטע פעסטונגען. פוסטע חורבות.

אָט איז די שטאַל!... פון דאַנען האָט זיך אָנגעפאַנגען. דאָ איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף! דאָ איז פאָרגעקומען די שלאַכט!—

תל־חי. — — —

ס'איז אַ ווינקל אַ פאַרהייליקטס. בלוט, בפרט אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט הייליקט ערד. אָביעקטיוו האָט מען נאָך די „געשיכטע פון תל־חי" נישט אָנגעשריבן, לויט די דערציילונגען און ווערסיעס וועט נאָך מוזן קומען אַ רעוויזיע אינם גאַנצן צוגאַנג צו דעם ענין.

נאָר דערווייל שוועבט עפּעס אַ פּחדימדיקע שטילקייט. עטלעכע הונדערט שפּאַן פון כפר גלעדי, נאָר עס דאַכט דיר, אַז די שטילקייט קומט צו שוועבן פון הונדערטער מיילן אַרום. דו גייסט און די טריט ווערן פאַרזונקען ערגעץ אָן אַפּהילך. אַט ווי עס איז פאַרלוירן געגאַנגען דער אייגענער שאָטן פון דיר. און פּלוצלינג ברעכט זיך דיין גאַנצער וועג איבער, די סטעזשקע פון כפר גלעדי ביז תל חי ווערט פאַרשטעלט פון אַן אַרומגעצוימט בית־עולם און פאַר דיר וואַקסט אויס אַ ריזיק הויכער מאָנומענט, דאָס איז דער מאָנומענט פון יוסף טרומפּעלדאָר אין פאָרם פון אַ לייב אויסגעברילט צום הימל, צו די בערג און צו דער שטילקייט פון אַרום.

חיפה

אַזוי האָט מסתמא אויסגעזען ריאָ־דע־זשאַנעיראָ, ווען זי איז נאָך געווען אין דעם מעמד, ווי חיפה איז היינט.

אַלע חנדלעך, וואָס די נאַטור האָט אין איר שאַך־קאַמער צו באַצירן שטעט און לענדער, האָט זי מיט אַ ברייטער האַנט געשאָנקען דער פּאַלעסטינער פּאָרט־שטאָט — חיפה.

צווישן דעם חרמון, וואָס גלאַנצט אָהער פונדערווייטנס מיט זיין אייביקן שניי, ווי מיט אַ זילבערנער קרוין, און דעם כרמל מיט די ווילדע פעלזן, וועלכער טרינקט דעם גאָלדענעם שטויב פון דער צעגליטער זון און באַדעקט זיך וואָס אַמאָל מער מיט טיפן גרינס און העלע שטיינערנע בנינים, ליגט דער

ים־אויסגוס, ווי איינגעוויגט אין אן אויסגעקיילעכדיקט וויגל פון ווייסן זאַמד. און דערנעבן וואַכט די שטאָט. הייזער און הייזער, איינס העכער פון צווייטן, אויף טרעפּ אויפגעשטיגן, ווי אויף לייטערס, איינס איבערן אַנדערן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זיך איינקוקן אינם שלאָפנדיקן ים אַריין, אין דער בלויקייט, וואָס קומט פון ערגיץ, ווי דער שיין פון קינדערישע אויגן.

ווער קאָן עס קומען און זאָגן מיט זיכערקייט, וואָס איז שענער און איינדרוקספולער: די אומענדלעכע גאַסן, וואָס זענען געשניטן געוואָרן איבער דער לענג און ברייט פון אַלטע בית־עולמס, נישט ווייט פון דעם א י צ ט י ק ן פּאָרט, צי טאַקי די ברייטע קעניגס־אַלעע, וואָס מאַכט דיך א רגע פאַרגעסן, ווו דו ביזט און עס דערמאָנט דיך אָן דעם „מיטשיגען־בולוואַרד" פון שיקאַגע, אָט די דאָזיקע אַלעע מיט די קאָפּע־טעראַסעס אין דערמיט ברוק, וואָס מיט אַ שטיקל צייט צוריק איז עס נאָך געווען אַ שטורמדיקער ים־ברעג, נאָר דאָס שטורעמדיקע וואַסער איז ווייט־ווייט אָפּגעיאָגט געוואָרן. איצט איז דאָרט אַ שטאָט אַ ריז, אַ שטאָט אַ פאַרנעם מיט זיך בויענדיקע וואָלקנקראַצערס, מיט אַ ריזיקן האַנדלס־צענטער, מיט גרויס־שטאָטישן טעמפּאָ, מיט פּאָרטישן נערוו, מיט טראַנזיטישער באַוועגונג, וואָס אָטעמט מיט וועלט, מיט ווייטער וועלט, מיט פרעמדע לענדער, מיט געמיש פון לשונות, מיט פאַרביקייט פון טראַכטן? —

צי גאָר דער סאָלידער, נאָר מיט זיכערקייט זיך בויענדיקער כרמל־גאַרטל, דער „הדר", כרמלס שיינקייט און צויבער, וואָס בויט זיך מיט עקשנות, ווי אַ נייער געטאָ, דער געטאָ פון בעסערן טאָן, דער אַריסטאָקראַטישער שטאָט־טייל — דאָס יידישע חיפה?

חיפה איז די „שטאָט פון דער צוקונפט". אַזוי ווילן האָבן אירע איינוווינער. אויף ירושלים זאָגט מען, אַז זי איז די שטאָט פון דער פ אַ ר ג אַ נ ג ע נ ה י י ט, תּל־אָביב — די שטאָט פון ק ע ג נ וו אַ ר ט, און חיפה — די שטאָט פון דער צ ו ק ו נ פ ט! דער געווענט גייט טאַקי אָן צווישן די צוויי שטעט: תּל־אָביב

און חיפה. תל אָביב פיבערט, איילט זיך, מען וואָלט גע־קענט זאָגן, אַז זי „שוויצט". און חיפה בויט זיך סאָליד, פעסט, מיט געמאָסטענע, ריטמישע טריט, זי וועט אָבער קומען פריער, זי וועט שטיין געקלאָמערטער.

צום אָנפאַנג האָט מען חיפה איינגעטיילט: די נידער־שטאָט, ביי דעם ים־ברעג, באַרג אַראָפּ, האָט מען איבערגעלאָזט פאַר די אַראַבער. אין משך פון יאָר הונדערטער האָבן די אַראַבער געשאַפן די אונטן־שטאָט; גאַס און געסל, אָריענטאַ־ליש־אייגנאַרטיק, קאָפּירט ירושלים און נאָכגעמאַכט טוניס. פון דער סטיללאָזיקייט איז אַרויס סטיל: לאַנגע גאַסן, שמאָלע דורכגענג געסלעך, קוים שפּאַנסטו אַריין אין איינער פון זיי, ווערסטו שוין ג׳ין און גיין, ווי אין דעם בויך פון אַ שלאַנג בעת זי איז אַרומגעוויקלט איבער אַ בוים. נישט קיין נייעס וועלן שוין די בילדער, וואָס דו זעסט דאָ, נאָר אַנדערשדיק, ווי ערגעץ אַנדערש. מען איז דאָ „וועלטלעכער", דער פּאָרט איז די טיר צו דער וועלט און דער ים־אויסגוס — דאָס פענצ־טער צום מערב.

און די יידן האָבן פאַר זיך אויסדערוויילט דעם באַרג, דעם הר הכּרמל. מען איז דורכגעקומען מיט די דייטשן, וועלכע האָבן אים שוין ביסלעכווייז געהאַט באַזעצט. מען האָט גע־חלומט פון אַ צווייט חיפה, פון אַן אייראָפּעיש חיפה, פון א נייעם תל־אָביב. עס איז טאַקע וווּנדער אויפגעטון געוואָרן. דער גאַנצער כּרמל זעט איצט אויס, ווי אַ פאַבריק פון... הייזער, נאָר צו גיך האָט מען זיך אַרומגעזעען, אַז דער איי־גנטלעכער נערוו פון דער שטאָט וועט נישט זיין אויבן, אין דעם געפּלאַנטן גן־עדן, נאָר גראָד אונטן, אין שכנות מיטן פּאָרט, אין דער סביבה פון פאַבריקן, אין דער אומגעגנט פון דער אינדוסטריע.

איז מען אַראָפּ, געשאַפן נייע צענטערס אין דער נידער, די יידישע שטאָט רינגלט זיך שוין אין עטלעכע זייטן, אויבן און אונטן און עס שאַפט זיך דער גיגאַנט פון אָריענט — חיפה.

חיפה מאַכט אַ אָנגענעמען איינדרוק שוין דערמיט, וואָס עס דאַכט זיך דיר, אַז אין דער לופט טראָגן זיך אַרום דינע שוואַרצע סאַזשעלעך, וואָס רויכערן זיך אַרויס פון די פאַבריקס־קוימענס. הגם דו זעסט נישט אַרום זיך די קוימענס, פילסט דו אָבער, אַז דו ביזט אין אַ אינדוסטריעל־שטאָט. זעסט פאַר זיך, אין די מיטאָג שעהן, דעם טיפּ אַרבעטער פון דער פאַבריק אַרויס, וואָס דו זעסט אים נישט ערגעץ אַנדערש אין לאַנד. דער אַראַבער און דער ייד. זעסט פאַר זיך דעם אַראַבער פון די אַראַבישע פאַבריקן, דעם אויסגענוצטן און עקספּלאָאַטירטן, און פילסט, אַז היינט אָדער מאָרגן, וועט אָט דער פלעגמאַטישער — נאָר אין תוך, אינערלעך לייכטער און גרינגער צום אָנצינדן — מאַרשירן דאָ, איבער דעם ברייטן קעניגס־בולוואַר מיט געבייַלטע פויסטן קעגן זיינע אויסנוצער און אפשר קעגן די, וואָס שטופּן אים צוריק פון זיין געמיינזאַמען קלאַסן שונא. אויב עס וועט אַמאָל אין ארץ־ישראל פאַרווירקלעכט ווערן דער פסוק, וואָס מען זאָגט אים אַזוי אָפט און גערן: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך”, וועט עס זיך אָנפאַנגען אין חיפה.

דער יידישער אַרבעטער אין חיפה איז פון אַ גאַנץ אַנדער טייג געקנאָטן, ווי דער אַרבעטער פון תל אָביב און ירושלים. ער איז קאָנסעקווענטער און טיילווייז אויסגעהאַלטענער, ער איז אידעאָלאָגיש נענטער צו זיין אויפגאַבע און דרייסטער אין זיינע פאָדערונגען. אין זיין טייג זענען עטלעכע טראָפּנס ווינציקער שאָוויניזם איינגעקנאָטן און ער איז מער גענויגט זיך קעגנצושטעלן באַגריפלעך פרעמדע אָנוואַרפונגען מצד „זיינע” פאַרזאָרגער. ער האָט נישט דערלאָזט דעם איבל פון די „שוואַרצע” אַרבעטער־בירזשעס — דעם „שקלאַפן־מאַרק”, ווי אין תל אָביב, נישט תמיד איז ער גרייט אויף פשרות, אָפּצוטרעטן פון זיינע דערגרייכונגען צוליב „נאַציאָנאַלע” פאָדערונגען מצד זיינע פירער, און ער נעמט אויף אַ אומדערשראָקענעם קאַמף קעגן די, וואָס ווילן ברעכן זיין אָרגאַניזאַציע וואָס ווילן שפּאַלטן זיינע רייען!

און מחמת דעם איז דאָ אין אַ פיל קלענערער מאָס פאַראַן דער ביוראָקראַטישער גייסט, וואָס הערשט און געוועלטיקט אין אַנדערע שטעט אין די אייגענע אַרבעטער-אינסטיטוציעס. דער פקיד איז דאָ ווינציקער מושל, ווי אין תל אָביב. דאָס ווירקט פרייער אויף דעם פשוטן פועל, און דערפאַר באַציט ער זיך צו זיינע אינסטיטוציעס טאַקי ווי צו ז י י נ ע און בויט זיי מיט ברען, מיט ליבע אַלץ מער און מער.

פילסט דעם דופק פון אַן אַרבעטער-לעבן פאַרנאַכט און אין אָוונט אין דעם בנין פון דער „הסתדרות". זעסט, ווי די אויסגעהאָרעוועטע גלידער פון אַ טאָג שווערע אַרבעט, קומען דאָ נאָך געזעלשאַפטלעכן אָפרו. פילסט ווי דו שטייסט פאַר אַן אַרבעטער־פעסטונג, וואָס זיי, די אַרבעטער זענען גרייט אָפצו־היטן און באַשיצן. דאָס איז דאָס ווערק פון זייערע הענט. דער פּרעכטיקער בנין מיט אַלע פליגל־געביידעס זענען פון אָט די הענט געבויט געוואָרן. פון זייערע פרייע טעג און אויסגעהאָרעוועטע גראָשנס, הגם נישט אַלע זענען מסכים מיט דעם גייסט, וואָס הערשט דאָרט, אינעווייניק.

אין דער נידער פון דעם בנין, וועלכער שטייט „באַוואַכט" מיט שלאַנקע אַקאַציעס, פאַרטונקען אין גרינס, ליגט אויסגע־שפרייט דער אַמפי־טעאַטער אין זיין נאַטירלעכן „שיסל" טאָל. דאָס איז דאָס טעאַטער, וואָס די אַרבעטער האָבן פאַר זיך באַשטימט. אין די פעלזן אויסגעשלאָגן טרעפ־בענק, די בינע איז ווי אַריינגעפּאַסט געוואָרן אין די פעלזן און פאַר דעקאָ־ראַציעס, אַ חוץ די, וואָס זענען אויף דער בינע, האָט מען גענומען „די גאַנצע נאַטור" מיט דעם גרויסן „בלויען אויג", דעם ים, וואָס וואַכט איבער דער שטאָט, וואָס קוקט אויף אַלץ און אַלעם. וווּ מען זאָל זיך נישט געפינען און וווּ מען זאָל זיך נישט אויסבאַהאַלטן, „קוקט" דאָס אויג און אין די שוואַרצ־אַפלן זעסטו אָפשפיגלונגען פון קליינע, קלייניקע פאַסאַזשיר־שיפן צו צוועלף, פופצן טויזנט טאָן יעדערע...

אַ בילד פון אַן אַרבעטער-צונויפקום אָט דאָ, אין אַמפי־טעאַטער פאַרכאַפּט דעם בליק און זעסט אים לאַנג, לאַנג,

נאָכדעם, ווי די דערשיינונג איז פאַרשווונדן. אויף דער בינע גיט עמיצער, אַ קינסטלער, אַ קאָנצערט. די טרעפּ־בענק אויס־געהאַקטע פון שטיין זענען באַזעצט פון אונטן ביז אַרויף. זעסט פאַר זיך אַ ים מיט פרייד, פשוטע, איינפאַכע פרייד, אַזוי פשוט און קלאָר, ווי עס איז די קליידונג פון דער מחנה דאָ. בלוזעס, רובאַשקעס, העמדלעך. און אַלץ: ווייס, ווייס און ווייס. פון דער וויטנס, געקוקט פון אונטן אַרויף, פון דער בינע צו דער לעצטער באַנק, דאַכט זיך דיר, אַז דאָ האָבן זיך באַזעצט טויזנטער, טויזנטער ווייסע טויבן... און ווען שפּעטער שוין, נאָך האַלבער נאַכט, האָבן זיך אָט די טויזנטער „טויבן" אַ לאָז געטאָן איבער דער הערצל־גאַס פונם „הדר", האָסטו דערפילט, ווער עס איז דער „יש" פון דער שטאָט, ווער עס איז די פרייד פון דער נייער חיפה — דער אַרבעטער!

צעמענט-פאַבריק „נשר"

צען מינוט פון חיפה, אויף דעם אַספאַלט־קאָנקריט שאָסיי, וואָס פירט קיין נצרת, וואַקסט אויס אַ משונהדיק דערפל: היל־צערנע שטעלעכלעך, וואָס ווערן דאָ אָנגערופן „צריפים" — זיי מאַכן דעם איינדרוק פון ביידלעך אין אַ יאַריד־טאָג — פלאַג־לאָז, צעוואָרפן, צעקרומט. נאָר הויבסטו אויף די אויגן, זעסטו, ווי אַ ווייסער נעדיכטער „וואָלקן" זעצט פון ברייטע פאַבריקס־קוימענס. ווערט דיר שוין קלאָר, ווער עס זענען די „הייזקעס". עס איז דער גוט־באַקאַנטע טיפּ דאָרף — אַ פאַבריקס־דאָרף. ניין, עס זעט אויס, ווי אַ דערפל ביי אַ קוילן־מינע — די גוט־באַ־קאַנטע פיזיאָגנאָמיע.

דער דאָזיקער „ישוב" הייסט יאַדזשור, און ווייל די פאַ־בריק טראָגט דעם נאָמען „נשר", רופט מען שוין במילא דאָס דערפל „נשר". צום ערשט האָט זיך דאָ אַוועקגעשטעלט די פאַבריק פון צעמענט און שפּעטער איז אויסגעוואַקסן דער ישוב. נשר־יאַדזשור מאַכט שוין אַן איינדרוק פון אַ געגנט,

ווי עס איז קאָנצענטרירט די שווערע אינדוסטריע. די דריי־שיכטן אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט ביי דער צעמענט־אַרבעט, טראָגן אַריין אַ ריטמישקייט, אַ לעבעדיקייט אין דעם ערשט זיך בויענדיקן דערפל. ס׳איז מאָדנע צו זען, ווי אייִדער וואָס־און־ווען, זענען שוין פאַראַן מאַסן־קרעמלעך אין אָט דעם דערפל. יעדעס הייזל, וואָס שטייט נאָנט צום שאָסיי, האָט שוין אַ קלייטל. שווער צו וויסן, ווער עס פאַרנעמט זיך מיט דעם „געשעפט". צי נישט אַמאָל די משפחה פון אַרבעטער, צי נישט אַמאָל דער אַרבעטער אַליין, בעת ער קומט צוריק פון דער אַרבעט? אַ שאָד, וואָס כ׳האָב זיך נישט געפרעגט און נישט נאָטירט. נאָר סימפּאַטיש איז עס נישט. עס נעמט צו דעם כאַראַקטער פון אַ פאַבריקס־געגנט און ס׳מאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס אַ „גלות"דיק קליין שטעטל אין פוילן, צי אין דער ליטע.

נאָך איידער איך באַזוך די פאַבריק, דערקלערט מען מיר שוין אויבן־אויף די פּראָבלעמען פונם „דאָרף". דאָס דאָרף וועט זיך נישט אַנטוויקלען צוליב אַ סאַך מניעות. און די הויפּטזאַך, וואָס די וואוינונגס־פראַגע איז קאָמפּליצירט. אַרבעטן אין „נשר" און וווינען אין חיפה איז אוממעגלעך. אין חיפה ברענט דירה־געלט. חוץ דעם איז עס נישט באַקוועם. וואָלט געוועזן לאָגיש, אַז די פאַבריק זאָל אויף איר באָדן, וואָס זי האָט לרוב, אַוועקשטעלן אָדבעטס־וואוינונגען, לויטן מוסטער פון אַ סאַך אַנדערע ערטער. די פאַבריק האָט עס נישט געטון. אַלנדפאַלס—נישט אין אַ גענוגענדער מאָס. עטלעכע הייזקעס מיט אַלע באַקוועמלעכע איינריכטונגען האָט די פאַבריק־פאַרוואַלטונג יאָ אויפגעשטעלט אויף איר באָדן, נאָר דאָס איז פאַר מיוחסים. איבריקנס

— מיר וואָלטן עס סיי ווי נישט געוואָלט.

— פאַרוואָס?

— די אַרבעט אין „נשר" איז אַזאַ אומזיכערע. אַזוי דערווייליק.

— ווי קומט עס? דאַכט זיך, אַז דאָס איז די איינציקע, אָבער פון די ווינציק־שווערע אינדוסטריעס אין לאַנד, וואָס האָט אונטער זיך אַ באָזיע.

—יאָ, אָבער די באַדינגונגען... די אַרבעטער בייטן זיך דאָרט אָן אַ שיעור. שווערע אַרבעט, און אָן סאַניטאַרע מיטלען, אָן פאַרזיכערונגען פאַר וועלכן עס איז צופאַל, און נישט געהעריקע פאַרדינסטן.

— וויפל פאַרדינט מען?

— לויט די אַרבעטס־באַדינגונגען אַ סך ווייניקער, ווי ביי בוי, אָבער פאָרט מער, ווי ביי וועלכער עס איז שוואַרצער אַרבעט. דאָס איז איצטער, ווען עס פעלן אויס הענט, ווען די פאַבריק קאָן נישט נאָכקומען די פאָדערונג פון מאַרק. ווען פיר און צוואַנציק שעה, זיבן טעג אין דער וואָך, רוען נישט די מאַשינען, און מען בויט צו, און מען פאַרגרעסערט די אונטערנעמונג,– איז עס, ביי דעם „יאָג״ סיסטעם, ווייט נישט גענוגנט.

דער שמועס ווערט געפירט גייענדיק צו דער פאַבריק־געביידע. אָבער, אייגנטלעך, קומט די אַרבעט שוין פאָר פאַר די אויגן. הונדערטער אַרבעטער, שטיקער קריכעדיקער גרויער שטויב, קומט שוין אַנטקייגן. דאָס זענען די רוי־אַרבעטער, די בערג־שניידער, די שטיין־העקער. איבער דער ברייט פון אַ ריזיק פעלזן־פעלד זענען זיי צעוואָרפן, גראָבן, רייסן שטיקער קאַלך־שטיין, אַנדערע קומען מיט וואַגאָנעטקעס און פירן דעם רוי־מאַטעריאַל אַוועק, אין דער פאַבריק אַריין, צו די מאַשינען, צו די מילן, פאַר די וואַלצן.

דאָס זענען, ווייזט מען מיר, אַראַבישע אַרבעטער, זיי אַרבעטן אין דרויסן, עס איז אַ נישט־קוואַליפיצירטע אַרבעט, אָבער אַ וויכטיקע. אַז די „וועלט״ פאָרט דורך, קאָן מען זיך נישט אָפּחידושן: „אַראַבישע אַרבעטער, און נאָך אין אַ וואַסער גרויסער צאָל, אַרבעטן האַנט ביי האַנט מיט יידישע, אין אַ יידישער אונטערנעמונג, אין איינע פון די באַדייטנדיקסטע אינדוסטריען! — אַן אידיליע״! איז אָבער גענוג געגויער צו באַטראַכטן דעם אופן פון זייער אַרבעט, די פאָרם פון דער עקספּלאָאַטאַציע און די אָריגינעלע שטיק פון כשר חזיר־פיסל, כדי מען זאָל פאַרשטיין, ווי פיפיק עס אַרבעט דאָ די „פשרה״, פון דעם, אַז „דער וואָלף איז זאַט און דאָס ציגעלע איז גאַנץ״...

בלויז נאָר אַ קוק צו טאָן אויף די וווינונגען פון די אַראַבישע אַרבעטער, און מען זעט גלייך די „פּראָספּעריטי". אויב די „צריפים" פון די יידישע אַרבעטער זענען צו הדיק, זענען זיי אין פאַרגלייך מיט די אַראַבישע — פּ אַ ל אַ צ ן גאַנצע. פון וואָס באַשטייט די וואוינונג פון דעם אַראַבישן פועל? פון אַ צונויפגעדזשאַבעטן געצעלט, פון עטלעכע גאַזאָלין־בלעכן, אַרויסגעהאָלפן מיט שמאַטעס, קעסטלעך פון פּאָמעראַנצן. אינעווייניק אין אַזאַ „אַפּאַרטאַמענט" שלאָפן אַ צען פופצן שטיק. פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ דלות ביי פאַבריקס־אַרבעטער? פאַרדינען זיי ווייניקער פון די יידישע, וואָס אַרבעטן אין דערזעלבער אָפּטיילונג? יאָ, זיכער איז זייער אַרבעט ביליקער. וווּזשע איז די סאָלידאַריטעט? פאַרוואָס קלערט מען זיי נישט אויף? עס וואַקסט דאָך אַן אייגענער געפערלעכער קאָנקורענט?

— עס איז טאַקי אַזוי, נאָר מען קאָן זיך פאַרלויפיק נישט העלפן.

איך באַמערק: עס ווילט זיך פאַרלויפיק נישט העלפן. יאָ, זאָל זיין אַזוי. אָפיציעל איז נאָר פאַראַן איין סאָרט אַרבעטער. דער יידישער, אָדער בעסער געזאָגט, דער אָרגאַניזירטער, די „הסתדרות"־אַרבעטער אונטער דער אויפזיכט פון פאַבריק־ראַט, לויט פעסטגעשטעלטע כּללים, וואָס זענען אָבער געגנוג מילד, אַז די באַלעבאַטים זאָלן זיי אָן ווידערשטאַנד אָננעמען.

וואָס זשע טוט מען מיט די נישט־יידישע?

אַזעלכע עקזיסטירן נ י ש ט. וואָס הייסט דאָס? די פאַבריק האָט אָפיציעל נ י ש ט וואָס צו טון מיט די אַראַבישע אַרבעטער. די אַרבעט, וואָס ווערט געטון דורך אַראַבישע הענט, געהערט צו אַן אונטערנעמער, אַ קבלן הייסט עס דאָ. דער אונטערנעמער דאַרף צושטעלן אַזוי פיל און אַזוי פיל אַרבעט, פאַר וועלכער ער קריגט אַזוי פיל און אַזוי פיל. דער „קבלן" ברענגט זיך „זיינע" מענטשן צו רער דאָזיקער אַרבעט. ער קריגט הענט אין הורן, ער קריגט בעלנים אין די שטעט און אין די דערפער, אים צוהילף קומט די גרויסע נויט, דער הונגער צווישן די מאַסן. ער דינגט זיי אויפן טאָג, ער צאָלט

זיי דעם מאַקסימום, וואָס מען קאָן צאָלן פאַר אַ מינימום. דער דאָזיקער וואוינונגס־פּלאַץ נאָענט צו די שטיין־גרובנס זאָגט עדות אויף דעם גרויסן שכר, וואָס ער צאָלט זיינע פּועלים. אין די פאַבריקס־ביכער, אין די געשעפטס־פּאַפּירן „פיגורירן" נישט אָט די גרויסע צאָל אַרבעטס־הענט. די סיטואַציע איז געראַטעוועט! די פאַבריקס־אונטערנעמונג „נשר" איז „גערעכט" אין אַלע זייטן. גערעכט צו זיך, צו דער הסתדרות, צו די אַראַבישע אַר־בעטער. עס איז די מעשה מיטן „הטר עיסקא" ביי פרומע יידן, פאַבריקאַנטן, וועלכע לאָזן זייערע אונטערנעמונגען אין גאַנג אויך אום שבת. מען פאַרקויפט מכלומרשט די פאַבריק צו אַ גוי... מען גיט אַרויס אַ כתב, מען מאַכט אַ „דיפּלאָמאַ־טיש" דריידל מיטן רבונו של־עולם, און עס דריידלט זיך!...

*

*

דעם וועג פון דערפל צו דער פאַבריק, וואָס ליגט אין נאָענטער שכנות, גייט מען דורך אַ שיינער אַלעע, דאָס אויג קווענט־אויף פון דעם גרינס, בלומען און ביימער. פון צווישן דעם זעען זיך אַרויס די הייזקעס פון די פאַבריקס־לייטער, אינזשינערן און ביוראָ־אָנגעשטעלטע און אויך טיילווייז פון די אויפגעבויטע מוסטער־וואוינונגען פאַר די אַרבעטער.

נאָר באַלד געפינט מען זיך פאַר די טויערן פון דער פאַבריק. צוויי אייזערנע שוואַרצע אָדלערס — דער סימבאָל פון דעם פאַבריקס־נאָמען, וואַכן אויף די טויערן, פון אינעווייניק רוישט אַרויס דער גהינום. און עס טראָגט זיך אין דער לופט, ווי אין געדריי פון אַ ווירבל־ווינט אַ טורם פון ווייסן שטויב. שוין דאָ, אין דער דרויסנדיקער זייט אָטעמט מען דעם צע־מענט און עפּעס אַ רייסנדיקער אַרשעניק דריקט אויף די לונגען.

„נשר" איז אַ גיגאַנט פון אַ פאַבריק. עס איז נאָך מער, עס איז דער באַראָמעטער, וואָס מעסט דעם אויפבוי פון לאַנד, מיט יאָרן צוריק, ווען מען האָט געפּלאַנט די אונטערנעמונג, האָט מען זיך זיכער נישט פאָרגעשטעלט, אַז זי וועט אַזוי אויסוואַקסן, אַז די נעכטיקע מאַשין וועט היינט מוזן פאַר־

ביטן ווערן מיט אַנדערע, מיט גרעסערע מיט מאָדערנערע. די שטעט יאָגן, די וואַגאָנען רוקן זיך רייענווייז צו די עקספּעדיציע־טו־ערן, מען קאָן נישט נאָכקומען אַלע באַשטעלונגען, די אַלע פאָדערונגען. מען נעמט צו נייע מענטשן, עס פעלן אויס אַרבעטער, די זייגער־נומערלעך ביים אַריינגאַנגס־טויער, וואָס שטעמפּלען די אַרבעטס־שעהן, ווערן פאַרגרעסערט. אָט איז געווען פאַר הונדערט פופציק, אָט מאַכט מען צו „נומערלעך" פאַר צוויי הונדערט. פאַר דריי הונדערט. און אָט איז שוין פאַראַן פיר הונדערט. פיר הונדערט „נעמען" פון אַרבעטער. קיין פּלאַץ איז מער נישטאָ אויף דעם שטיקל וואַנט צווישן טויער און ביוראָ. נאָר עס איז נאָך אַלץ ווינציק, די צאָל נומערלעך וועט שטייגן, די אַרבעטס־הענט וועלן זיך פאַרמערן. נאָך „גוט", וואָס די אַראַבישע אַרבעטער דאַרפן זיך נישט רעגיסטרירן, זיי קומען ווינציק וואָס אין דער אייגנטלעכער פאַבריק. זיי אַרבעטן ביי דער דרויסנדיקער אַרבעט, זייער מי ווערט שוין „רעגיסטרירט" פון דעם אונטערנעמערס אויג!

די פאַבריק שטעלט מיט זיך פאָר אַ ריזיקע אונטערנעמונג, און די אונטערנעמונג פאַרגרעסערט זיך. די אַרבעט אין אָנגעשטרענגט אונטער דעם אומאויפהערלעכן זשום פון די טורבינען, דאָס כסדרדיקע באַוועגן פון די וואַלן, דאָס פאַרוואַנדלען דעם קאַלך־שטיין אין צעמענט, די היץ פון די עלעקטריקעסלען, דאָס קילן די וואַלצן, דאָס פרעסן און אָנפילן די זעקלעך מיטן צעמענט!

דער שטח פון דעם אַרבעטס־פּלאַץ איז גרויס, די אָפּטיילונגען — אַ סאַך, און במילא באַגעגנט מען ווינציק, אַרבעטער זאָלן זיין אין קאָמפּאַקטע גרופּן. סטראַטעגיש זענען זיי צעשטעלט דאָ און דאָרט. דאָ אינעווייניק אַרבעטן די קוואַליפיצירטע אַרבעטער. זעסט פאַר זיך נישט קיין מענטשן, נאָר קאַלך־זיילן, וואָס באַוועגן זיך. ביי דער אָנשיט־מאַשין, וואָס פילט אָן די זעקלעך, זיצן צוויי אַרבעטער מיט מאַסקעס אויף די פּנימער, און דאָך, קאָנען די מאַסקעס נישט שיצן די לונגען פון די, וואָס אַרבעטן דערביי. מער ווי אַ צוואַנציג מינוט קאָן מען

דאָרט נישט איינזיצן. די אַנדערע צוואַנציק מינוט מוז מען זיך געפינען אין דער מילדערער לופט ביי אַן אַנדער אָפּטיילונג.

ס'איז מאָדנע. ווען מען שטייט ביים טויער בעת איין שיכט בייט זיך מיט דער אַנדערער, און די באַפרייטע פון דער אַרבעט גייען אַ היים, זעסטו פאַר זיך סקעלעטן. איינגעפאַלע־נע באַקן און פאַרגראַבענע ברוסט־קאַסטנס אין די אייגענע ביי־נער. איך האָב דאָ צווישן די אַרבעטער דערזען עטלעכע באַ־קאַנטע, וועמען עס איז מיר שווער געווען צו דערקענען. דער צעמענט פרעסט אויף דאָס האַרץ, די לונגען, די געדערים, די אויגן, פאַרצערט די הויט און פאַרענדערט די מראה. די פאַ־בריק איז אַ יונגע, נאָך נישטאָ קיין דערפאַרונג ביי די אַר־בעטער, וועלכע האָבן זיך דאָ ערשט דאָס פאַך אויסגעלערנט, — ווייסן זיי נישט ווי אומצוגיין און ווי זיך צו היטן.

איבעריקנס, זיי וואָלטן אפשר געוווסט, ווען די פאַבריקס־פאַרוואַלטונג וואָלט זיך געזאָרגט וועגן דעם. מען האָט געבוט, ווי אַלץ, מיטן תירוץ פון „תוצרת הארץ", פאַר אידעאַלע צוועקן, פאַר „נאַציאָנאַלער" אינדוסטריע. נאָר דער „נאַציאָנאַלער" אויפטו האָט געבראַכט מיליאָנען פּראָפיט פאַר די אונטערנע־מער, וואָס געפינען זיך אין לאָנדאָן, און זיי האַלטן אין איין פאַרגרעסערן און פאַרמערערן. אָט האָט געטראָפן אַ קאַטאַס־טראָפע מיט אַן איינגעפאַלענעם דאַך איבער די אַרבעטערס קעפּ, און אָט זענען אַנדערע פאַלן פון פאַרוווּנדעטע ווערן ביי דער אַרבעט. דאָס קאָסט די אונטערנעמער אַ פונט אַ וואָך און מען איז פּטור...

און אַז די געשעפטן גייען גוט, די פּראָפיטן פון דער אונ־טערנעמונג האָבן איבערגעשטיגן די דערוואַרטונגען, און די אַרבעטער האָבן געפאָדערט, אויך זיי זאָלן געניסן פון אָט דער „פּראָספּעריטי"—שליסלעך, האָבן זיי דאָך אַ חלק אין דעם שטייגנדיקן פאַרדינסט: זיי אַרבעטן איבערשעהן, און זיבן טאָג אַ וואָך — האָבן די באַלעבאַטים צוגעוואָרפן אַ... „פּרעמיע". העכערן דעם לוין? דאָס—נישט. ווייל דאָס איז אַ כּראָנישע זאַך. איינמאָל העכערן דעם לוין, וועט עס כּסדר אַזוי מוזן

זיין. איז מען געפאַלן אויף אַ מיטל. אַזוי ווי די צייטן זענען באמת גוטע פאַר... די באַלעבאַטים — פאַרוואָס זאָלן די אַר־בעטער טאַקי נישט געניסן אַ פּרעמיע אין פאָרם פון עטלעכע צענדליק שעהן איבערן יאָר? ס'וועט גאָרנישט מינדערן די איי־גנטימערס רווחים און מ'וועט פאַרשפּאָרן צו הערן רייד פון מרידה. דערצו קאָן מען די „פּרעמיע" אָראָפּנעמען, ווען מען וויל. און די ניי־צוגעקומענע אַרבעטער, וואָס דאָס איז אַן אָפּ־טע דערשיינונג, דאַרפן איינגאַנצן נישט געניסן פון דעם „חסד", וואָרום זיי האָבן דאָך ביז איצט נישט געהאָלפן דער „נשר־קאָמפּאַניע" צו מערן דאָס עשירות און פאַר זייער איצטיקער אַרבעט, קריגן זיי אַ... „נאָרמאַלן" לוין, ביז אַרום פינף און דרייסיק פּיאַסטער אַ טאָג..

נאָר ווער האָט צייט דערפון צו קלערן און ווער לאָזט פון דעם טראַכטן? דער ראַט פון די אַרבעטער, וועמענס צאָל עס באַשטייט פון זיבעצן מאַן, איז איינגעגאַנגען דערויף. אַלץ איינס, ווען אַפילו מען גיט נישט די „פּרעמיע", וואָלט מען דען אַרויסגעשטעלט אַ דירעקטע פאָדערונג? און אַז מען וואָלט אַרויסגעשטעלט אַ דירעקטע פאָדערונג, וואָלט מען דען גע־שטרייקט? אַז די צעמענט־פאַבריק „נשר" דערפילט דאָך אַ „נאַציאָנאַלע אויפגאַבע", פּראָדוצירנדיק בוי־מאַטעריאַלן פ א ר ן זיך בויענדיקן לאַנד!...

וועמענס טאַט איז עס מער „אידעאַליסטיש" — די באַ־לעבאַטימס, צי די אַרבעטערס?

איך האָב לאַנג געקוקט אויף די עטלעכע מיידלעך, וואָס ווילן נישט אָפּשטיין פון זייערע מענערישע חברים און טוען צוגלייך מיט זיי די שווערסטע אַרבעט, און שלינגען צוגלייך מיט אַלע דעם סם־שטויב און אָטעמען די סם־לופט און נייען די זעק פאַר דעם גרויען־גאָלד, דעם צעמענט, וואָס ווערט ווי דורך אַ רעאַליסטישן כּישוף פאַרוואַנדלט אין געלן גאָלד פאַר דער „פאָרטלאַנדצעמענט־־קאָמפּאַניע, „נשר", רעגיסטרירט אין לאָנדאָן"...

נהרים

די באַן, וואָס גייט פון חיפה צו דער גרענעץ, לאָזט זיך אַראָפּ אַלץ טיפער און נידעריקער. פילסט, ווי די פאַרסט שנעל און געשווינדט אַריין אין אַ גליענדיקער אַטמאָספערע, פון ערגעץ אונטן שטייגן אַרויף קאַלך־אויוונס.

די בערג פון עבר הירדן שטעלן זיך, ווי אַ וואַנט פאַרן אויג. ביזט נייגעריק, וווהין עס וועט די באַן דיך פאַרטראָגן, ווי וועט זי געפינען ערגעץ אַן אַרויסגאַנג, דורך וועלכן שפּאַלט אָדער טונעל?..

לויט אונזערע געאָגראַפישע ידיעות האָט דאָרט, צופוסנס די בערג געדאַרפן פליסן דער ירדן. וווּשע איז ער? זאָל ער שוין, איצט, אין פריען זומער האָבן אויסגעטריקנט? און צי טריקנט ער בכלל, דער ירדן אויס?

מען זעט נאָר בלויז דאָס ירדן בעט, די ריזיקע וויג, ווו די שטילע כוואַליעס וויגן זיך אין שלאָפנדיקן גאַנג. נאָר פאָרט, ווו איז דאָס וואַסער? ווו איז דער פלוס? עס איז איצט אַ פלאַכע, גרינע לאָנקע, מחנות בעדוינישע קינדער־פאַסטוכער פיטערן זייערע סטאַדעס שאָף. די גראָזן זענען גרין און זאַפטיק, די שאָף פעט און לוסטיק.

ווו פאָרט איז דער ירדן אַוועקגעקומען?

מיר פאָרן ווייטער און ווייטער. דער מדבר טראָגט אַקעגן זיין גרוס. עס איז שוין אוממעגלעך היים. אַן אָפּהאַלט־שטעל, וואָס רופט זיך דאָ „סטאַציע", ווייזט אַן אויפשריפט, אַז מיר געפינען זיך איצטער שוין 247 מעטער נידעריקער פון דער ים־פלאַך. נישט קיין חדוש, וואָס ביי אַזאַ היץ קאָן זיך דער ירדן אויסטריקענען...

נאָר דער ירדן איז נישט אויסגעטריקנט, ער האָט זיין איינגעשפּאַנט אינם באַפעל פון דער ציוויליזאַציע. איין מענטש מיטן נאָמען רוטנבערג האָט אים גובר געווען, האָט געגעבן באַפעלן, און פופצן הונדערט אַרבעטער האָבן אים אָפּגעצויגן פון זיין נאַטירלעכן וועג, און אָפּגעלענקט אין אַ זייט. דער ירדן

יז געוואָרן אַ געצייג פאַר מענטשלעכן אויפטו. מען האָט אים באַפוילן זיך צו פאַרנעמען אין אַן אומוועג. ער דאַרף נישט סתם פליסן, נאָר טון אַן עבודה, ער דאַרף באַוועגן די טורבינען פון דער אויפגעבויטער עלעקטרישער סטאַציע, ער דאַרף דרייען די רעדער און רייבן פונקן, ער דאַרף שאַפן אימפעט, באַוועגונג, ליכט, כח פאַרן גאַנצן לאַנד. ער דאַרף באַלייכטן און באַלעבן שטעט און דערפער. ער, דער שטילער, רויק פליסנדיקער ירדן, איז געוואָרן דאָס האַרץ פון דער אַנטוויקלונג — דער טעמפּאָ פון דער צייט.

דער ירדן שטורעמט, ער וואַרפט זיך אַרונטער פון אַ ריזי־קער הויך דורך אַ קינסטלעכן וואַסער־פאַל. דער רויש שטייגט אין דער שטילקייט, ווי פון טויזנטער פעלענע פויקן. די גאַנצע לופט אַרום איז פול מיט דעם רויש און דערצו קומען די ווודער־קולות און פאַרדרייפּאַכן דאָס.

און אפשר האָט דער גערויש דאָ אָפּגעטויבט אַלץ, וואָס טראָגט אין זיך לעבן און אומרו? מען קומט צו צו אַ קליינער סטאַציע, וואָס זעט אויס אַ האַלט שטעל נעבן אַ טראַמוויי און מען זעט קיין מענטש נישט. איך בין דער איינציקער, וואָס בין ווי אויסגעשפּיגן געוואָרן פון דעם שלאַנג געדערים, וואָס רופט זיך באַן. דער צוג אַנטלויפט. איך באַטראַכט די געגנט. מיר דאַכט, אַז איך געפין זיך אין אַ מדבר פון גאָלדענעם זאַמד. די קליינע סטאַציע איז עפּעס צופיל מאָדערן, קוביסטיש און פו־טוריסטיש געבויט. אַן אַנדערש, אַז ערגעץ דאָ נאָענט איז אַ ציווילוזירטער ישוב.

איך גיי מיטן שאָסיי באַרג אַרויף. פון ווייטנס זעט זיך אַ הויכער טורעם מיט אַן איינגעפעסטיקטן ריזיקן רעפלעקטאָר. אַ ווייסע וואַנט לייכט אַרויס פון אַ שורה גרינדפייכטע בוימער און הינטער דער וואַנט — כינעזישע רויטע אַרויסשטאַרצנדיקע דעכער.

אַ קליינער, עלעגאַנטער אָאַזיס אין דעם ברענענדיקן מדבר שטיל און זוניק. גרין באַגראָזט פלאַמיקע רויזן. קולטי־

ווירטע יונגע פאלמעס, הייזקעס פון יאפאנישן סטיל, רויטע ציגל־דעכלעך, גאראזשן און טעראסקעס.

— ווער וווינט דא?

א יונגער פארבייגייער ענטפערט מיר:

— די ארבעטער פון רוטענבערגס עלעקטרישער סטאציע.

און ווייטער איז שוין גישט שווער אויסצוגעפינען:

אט איז די קאאפעראטיווע קיך, איינע פון די ארבעטער־הייזקעס איז ספּעציעל פאר דעם באשטימט. עס איז מיטאג־צייט, עס איז אפשמאל אינטערעסאנט „ארייצוקוקן אין דער שיסל". פון דעם קאן מען דרינגען דעם צושטאנד פון דעם ארבעטערס „סטאנדארד". איך באמערק אז די ארבעטער דא לעבן זיך בעסער, ווי די ארבעטער פון אנדערע אונטערנעמונגען. איך דרינג עס שוין דערפון, וואס מען איז דא נישט אזוי פריינטלעך צו א פרעמדן, א גאסט. די טישן שטייען שוין נישט פריי פאר א פרעמדנס באזוך. אז איך פרעג זיך, צי קאן מען דא עסן מיטאג, ענטפערט מען, אז עס איז נאר פאר... אייגענע. פאר מיטגלידער. נאר ווי קיין נאנטער ישוב איז דא ארום נישטא, איז מען זיך מיישב און מען לאזט מיר אפ א מיטאג, פאר וועלכן מען בעט א פרייז אין א שטאטישן רעסטאראן.

עס איז נישט מער, ווי אן אומוויכטיקער עפיזאד, איך דערצייל אים אבער אלס א כאראקטער־שטריך פון די רוטענבערגישע ארבעטער, וועלכע פילן זיך ווי „אויסדערווײלטע" און קוקן מיט אומצוטרוי אויף יעדן פרישן מענטש וואס באווייזט זיך אין זייער „אאזיס".

נישט שווערער קומט מיר אן צו באזוכן א ארבעטער־וווינונג, אויסגעפינען זיין געמיטס־צושטאנד, אויסהערן זיינע שטימונגען. מען לאזט פשוט נישט אריין צו זיך, אט פונקט ווי מען האלט פארשלאסן די ליפן פון עפעס זאגן, דערציילן.

כדי צו באזוכן די „סטאציע" מוז מען האבן א דערלויבניש פון הויפט־ביורא אין חיפה. איך האב אזא דערלויבעניש און נאך מיט א ספּעציעלער רעקאמענדאציע. איך ווייס אבער פון דער פראקטיק, אז אזעלכע רעקאמענדאציעס זענען נישט גע־

וווּנשן פֿאַר מיר. מען וועט מיר מסתמא ווייזן, וואָס עס טויג פֿאַר זיי און נישט פֿאַר מיר. איך באַגעגן זיך תמיד מיט אַר־בעטער און ווי צו זייערס גלייכן שמועסט מען זיך דורך, ווערט מען געוואָר.

עס ווערט עפּעס אַביסל פּאַרדעכטיק, וואָס כמעט יעדער זאָגט מיר, אַז ער לעבט זיך דאָ גט, און אַז עס פֿעלט אים גאָרנישט. אין פּלוג קאָן זיין, אַז עס איז אַזוי: מען פֿאַרדינט פֿופֿצן פֿונט אַ חודש. דירה, וואַסער און באַלייכטונג קריגט מען אויך. וואָסזשע טאַקי איז דאָס באַקלאָגן זיך? די אַרבעט איז נישט קיין שווערע, נאָר אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע.

פֿונדעסטוועגן דאַכט מיר, אַז די ווערטער, וואָס פֿאַלן פֿון זייערע ליפּן, גייען אום אויף שפּיץ־פֿינגער. ביי יעדן וואָרט קוקט מען אַריבער. קוקט מען אַרויס פֿון פֿענצטער צו דער העלער מויער, צו דעם „ווייסן הויז", וואָס איז די רעזידענץ אָדער אויפֿהאַלט־שטוב פֿון דעם שעפֿער, גרינדער, אייגנטימער פּנחס רוטנבערג. דער דאָזיקער ענערגישער מענטש, וואָס האָט ווי מיט אַ כּישוף איבערגעענדערט דעם גאַנצן כאַראַקטער און אויסזען פֿון דער געגנט אַרום, ווייסט אָבער אויך, ווי צו האַלטן אין צוים, נישט נאָר דעם ירדן טייך, נאָר זיינע אַרבע־טער אויך. ער ווייסט ווען זיי צו רעדוצירן אין צאָל. וואָס קלענער אין צאָל, אַלץ פֿעסטער וועט זיין זיין צוים. ער האָט אין משך פֿון אַ קורצער צייט, מיט דער הילף פֿון דריי טויזנט אָדער מער, הענט, באַוויזן אויפֿצובויען איינעם פֿון די גרעסטע וווּנדער דאָס איבעראַרבעטן אַ ווילדע געגנט, וואָס זאָל ראוי זיין צו עלעקטריפֿיצירן אַ לאַנד.

נאָר פֿון די פֿופֿצן הונדערט מענטשן, וואָס האָבן דאָס צוגעגרייט, איז געבליבן בלויז דער העלעכער אויסזען, אַ קאַמף, וואָס זעט אויס ווי אַ צויבער־אינדזל. די צאָל פֿון די קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער ווערט כּסדר קלענער און ווינציקער. די ריזיקע „האַליע", ווו די מאָטאָרן געפֿינען זיך און פֿון וואַנען מען שיקט אַרויס די ענערגיע פֿאַר די טראַנספֿאָרמאַטאָרן, ווערט אָנגעפֿירט פֿון צוויי מענטשן, עלעקטראָטעכניקער, וועלכע קאָנט

ראַלירן דעם קאָנטאַקט אויף אַלע שטרעקעס. מען ווייסט נישט, צי ווייל מען נישט זאָגן גענוי די צאָל פון די איצטיקע אַרבעטער. אַן אַרבעטער האָט זיך אַרויסגעלאָפּט, אַז עס זענען באַשעפטיקט צוואָנציק מענטשן ביי דער גאַנצער ריזיקער אונטערנעמונג. אין ביוראָ זאָגט מען ...פופציק.

אָט אַזוי שטיל, ווי עס איז די געגנט אַרום, ווי שטיל עס שטייען די הייזקעס איינגעטונקען אין ביימער, אין גרינס און אין בלומען, אַזוי שטיל איז די אַרבעט, אַזוי שטיל זענען די אַרבעטער. איך האָב פון עמיצנס רייד אַרויסגעדרונגען, אַז קיין וואָרט, קיין טאַט, קיין זאַך, ווערט נישט אונטערגענומען, וואָס זאָל נישט זיין אין הסכם מיט רוטענבערגס נייגונגען.

און רוטענבערגס „נייגונגען" זענען די, וועמען ער רעפּרעזענטירט. זיינע מיטאַרבייטאָנערן, וועלכע שעפּן רווחים מיט דער פּוילער האַנט, ביי וויינציק אַרבעטער, און די ווינציקע צאָל אַרבעטער דאַרפן זיין געהאָרכזאַם, אונטערגעוואָרפן, און דער עיקר — לאָיאַל.

דערפאַר האָט מען מורא אַ וואָרט אַרויסצורעדן, טאָמער וועט זיך דאָס וואָרט אָנשלאָגן אין די העלע ווענט פון „ווייסן הויז".

דערפאַר גייט דאָס וואָרט אַרום אויף די שפּיצפינגער.

אין אָוונט, ווען איך בין אָפּגעפאָרן פון נהרים, האָט דער רעפלעקטאָר געברענט אויף דעם הויכן טורם פון רוטענבערגס הויז. עס האָט אָנגעוואָרפן סנאָפּעס ליכט, דרייענדיק זיך אויף אַלע זייטן, ווי אַ לייכטטורם ביי אַ ים־ברעג. דער ריזיקער רעפלעקטאָר האָט מיר נאָכגעלייכט ווייט, אויפן וועג קיין טבריה, ווי עס וואָלט מיך דורכגעשטאָכן, דורכגעזוכט: צי טראָג איך נישט אַמאָל אַוועק אין זיך די פאַרהוילענע שטימונגען פון די רוטענבערג־אַרבעטער, וועלכע פאַרדינען פופצן פונט אַ חודש, וואָס וווינען אין פיינע, באַקוועמע און קאָמפאָרט־איינגעריכטעטע הייזקעס, וואָס... און וואָס, און דאָך...

דער רעפלעקטאָר האָט געזוכט דעם „דאָך".

עכו

אַ קנאַפּע האַלבע שעה פון חיפה מיט דער באַן אָדער מיטן אויטאָ, און עס לעבט פאַר דיר אויף אַ שטיק צפון אַפריקע, דער געשפּענסט פון טוניס קומט דיר אַנטקעגן און דער שאָטן פון אַלזשיר גייט דיר נאָך.

דאָס עקזאָטישע נידער־חיפה ווערט מיטאַמאָל אויפגעלאַכטן אין דיינע אויגן, ווי אַ שטיק מאָדערנע אייראָפּע, ווי אַ קאַפּיטל אַמעריקע אַנטקעגן דער היסטאָרישער מדינה, דער איצטיקער שטעטל עכו.

עכו ליגט ווי אַ וואַך־לייב ביי דער שוועל פון אַ פּאַלאַץ, אויף דעם קאַנטיקן באַרג אויסגעשפּיצט אין אָפענעם ים אַריין. זי האַלט אַן „אויג" אויף דער ווייטער וועלט און „שמעקט" נאָך הינטיש יעדער דורכפאָרנדיקער שיף צו די לעוואַנטינישע ברעגן.

עכו זעט אויס ווי אַ געדוונגענער זעלנער פון דער פרעמד, די אַליין האַלט זיך נישט פּאַלעסטיניש און יידן האָבן זי איינ־גאַנצן אָפּגעשניטן, כאָטש טעריטאָריעל איז זי אַ טייל פון לאַנד. אין דער פאָלקס־פּסיכיק האָט מען זי געאָגראַפיש באַשטימט אַלס „חוץ לארץ" און אַלס אַזעלכע „געניסט" זי, עכו, שוין נישט פון די ארץ־ישראלדיקע „פּריווילעגיעס". לויטן דין, מוזן די יידן פון עכו אָפּריכטן צוויי סדרים, בעת אין גאַנץ ארץ־ישראל פּראַוועט מען נאָר איינעם... און נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר וועלן זיך די יידן פון עכו, אַט צוגלייך מיט די יידן פון דער גאַנצער וועלט, נעבעך, מוזן קאָלערן אונטער דער ערד אין הייליקן לאַנד אַריין...

און טויזנטער יאָר שטייט אַזוי עכו פון דריי זייטן ווי אַן אינזל, אַ פעלזיקער אַרויסשטאַר פונעם ים, און פון ווייטע ווייטן קימען זיי, די אויפגעשוימטע כוואַליעס, קומען ווי אויף ווייסע פערד צו רייטן מיט גאַלאָפּ, ווי די אַמאָליקע רוימער, אָדער אַנדערע באַצווינגער, נאָר דער שוים פון די כוואַליעס ווערט צעשטיקלט און פאַלט צוריק צעבראָכענע אין די קאַנטיקע ווינקל־

שטיינערפון די פעסטונגס מויערן, די דריי פעסטונגס-ווענט וואָס רינגלען אַרום און אַרום די שטאָט.

פונוויטנס זעט עכו אויס ווי אַ געמאָלענע דעקאָראַציע אויף אַן אָפּערע-ליייוונט. מיטן הויבן און אָפּפאַלן פון די כוואַליעס זעט עס אויס ווי זי, די שטאָט, וויגט זיך, ווי זי ווערט, אַלע מאָל אויפגעטויכט, אויפגעשווימען, אויפגעבליצט.

ווענט, ווענט, ווענט!

די אַלטע פעסטונג עכו—דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער אינהאַלט פון דער שטאָט. מען גייט אויף צימלעך ריינע גאַסן. שפּאַרסט זיך אָן אויף אַ וואַנט, קומסט אַריין אין אַ קראָם, זעסטו די ווענט זענען באַהאָנגען מיט דער אָדער יענער סחורה, זעצסט זיך צו אַ ווייל אין אַ קאַפע, אויף די ווענט הענגען באַקאַנט-מאַכונגען, אויפשריפטן, נאָר דאָס זענען קיין ווענט נישט; דאָס זענען פעסטונגס-מויערן, וואָס ווערן איצט פאַרוואַנדלט אין נוצלעכע אָביעקטן, אָט פונקט ווי בעת מען גייט אויף שטאָקן איבער ניי-אויסגעבויטע שטיין-הייזער און מען דערקלערט דיר, אַז אויף דעם אָרט וווּ די שטייסט איז קיין ערד נישט, קיין באַרג נישט, קיין באָדן נישט. עס איז די פעסטונג-וואַנט, די ערשטע, די צווייטע, די דריטע, די ווענט זענען גענוג ברייט אין זייער הויך-פלאַך, אַז אַ גאַנצע שטאָט קאָן זיך אויף זיי אויסבויען!

וואָס איז דאָ צו זען אין עכו? וועלכע מערקווירדיקייטן? פאַרשטייט זיך, אַז די תפיסה! די תפיסה אין עכו איז נישט ווינציקער „באַרימט" ווי דער „סינג-סינג" אָדער די „שליסלבורגער", עס איז די שרעק און די תליה פונם לאַנד, עס איז דער שוואַרצער שאָטן פאַרן נאָענטן מזרח.

אָט פונקט ווי אַ קראָם פון אַלטוואַרג, פון אָפּגענוצט אייזן, אַזוי זענען די „נייע מלוכות, וואָס זענען אויפגעשטאַנען". אָט למשל פּאַלעסטינע. צי איז עס געווען פריער אונטער דער הערשאַפט פון סולטאַן פון טערקיי, צי איצט פון דעם מושל ביי דער טעמזע, דאָס וואָס נוצט נישט, קלויבט מען אָפּ, וואַרפט מען אָפּ אין אַ זייט. וואָס פאַרן ווערט קאָנען האָבן הײַנט

פעסטונגען, וואָס טויזנטער שקלאַפן האָבן הונדערטער יאָרן געבויט? וואָס פאַר אַן אויפטו זענען די אַלע קונסט־געוועלבטע הײלן, קאַשאַרן, טונעלן, פאַרבינדונגס־דורכגענג, קאַנאַל־בעקנס, טורם צײנער, פעלז־אויסהױלונגען, און איבער אַלעם געפאַנצערטע גראַניט־ווענט, שלאָס־טויערן, געקאָוועטע אײזן־טירן, וואַך־פּלעצער, אויסשפּירונגס־ערטער, אַרסענאַלן, געווער־לאַגערס, אַלץ קינסטלעך אַרײנגענומען אין די מויערן, אין די פעסטונגס־מויערן? יאָ, וואָס פאַר אַן אויפטו איז עס פאַר הײנט, פאַר אײן עראָפּלאַן מיט עטלעכע גאַז־שאַראַפּנעלן, און פאַר אַ קלײנער נאָנץ געװײנלעכער קריגס־פּלאַטילע?

לאָזט מען אָפּקלײבן דאָס, וואָס עס נוצט נישט אין מען פאַרקויפט עס אין בראָכוואַרג. דער שווײס און בלוט און דער צעשפּריצטער מאַרך פון די טויזנטער שקלאַפן און געפאַנגענע, וואָס האָבן דעם דאָזיקן מערקווירדיקן גראַניט־געוועב געבויט, האַלט נאָך פעסט שטײן צו שטײן, נישט אומצוּוואַרפן און נישט אָפּצושאַרן. האָט מען די אומנוצלעכע דרײ־פעסטונגס־ווענט, וואָס רינגלען אַרום און אַרום די שטאָט צוגעוואָרפן צו די, וואָס קאָנען דאָס אויסנוצן און באַצוועקן, און פאַר זיך האָט מען איבערגעלאָזט די פעסטונגס תּפיסה. נישקשה. אַט אַזוי ווי זי האָט געדינט פאַר הונדערטער יאָרן, דינט זי נאָך הײנט אויך. דער סדר האָט זיך נישט געביטן.

אויף אַ וואַך־טורם פון דער תּפיסה איז צוגעפעסטיקט אַ שטעקן־שטאַנג פאַר אַ פאָן, אָבער אויף דעם שטאַנג פלאַטערט נישט דער „יוניאָן־דזשעק", דער שטראַלנדיקער קרײץ־פלאַג פון דער בריטישער אימפּעריע. דאָ האָט אויך נישט געפלאַטערט די האַלבע־לבנה־שטערן־פאָן פון דער טערקישער ממשלה און אויך נישט די אַראַבישע רויט שוואַרץ ווײס־גרינע פאָן. און נישט די בלוי־ווײסע פאָן פון דער ציוניסטישער פּאַרטײ. דאָ, הגם נישט כּסדר, אָבער זײער אָפט, פלאַטערט די פאָן פון דעם קעניגרײך „טויט"! זײער אָפט ווערט אַרויפגעצויגן אַ שוואַרצע, אַ פּעך־שוואַרצע פאָן, דאָס איז דער אָנזאָג, אַז אין דעם מאָמענט איז טעטיק די תּליה, וואָס געפינט זיך אונטער דעם דאַך פונם טורם, פון וואַנען

די פאַן צעפלאַטערט זיך. און די פאַן פלאַטערט אַפּט, דאָס זענען די צעפּלאַטעטע פליגל פון דער שוואַרצער קראַ, וואָס שטעקט מיטן שנאָבל אינעווייניק, אין דעם טורם־שטיבל בעת ער פאַרציט דעם שטריק אויף אַ האַלז.

———————

אייגנטלעך, חוץ דער תפיסה זעט מען קיין גרויסע נייעס נישט אין עכו. פון דער ווייטנס „אימפּאָנירט" די שטאָט אַסאַך בילדלעכער, מאָלערישער. די זעלביקע אַראַבישע געסלעך, ווי אין ירושלים, חיפה, יפו, דער זעלבער ריח פון פייכטן שימל, וואָס יאָגט פון די קרעמלעך און קברים־ווינונגען אַרויס. די זעלבע מחנה פליגן, וואָס באַפאַלן די אַרויסהענגנדיקע זייטלעך פלייש, די שרייענדיקע ריחות פון די געבראָטענע פאַנען. דערשלאָגענע בעלי־מלאכות, סטאָלער, שניידער, שוסטער, וואָס זיצן אויף די אייגענע פאַרלייגטע, איינס אויף דעם אַנדערן, פיס, און די טשאַטעס קינדער מיט טריפנדיקע מאַטעריע־אויגן, וואָס פאַרקויפן בינטלעך שעפּסענע קישקעס, אָדער דרייען זיך אַרום מיט גרויסע קוישן אויף זייערע יונגע פּלייצעס, גרייט אָפּצוטראָגן אַ פּעקל, גרייט צו פאָלגן אַ גאַנג, אָדער אין ערגסטן פאַל — בעטן אַ נדבה, אַ „באַקשיש..."

די זעלבע זאַך—די קאַפעען, קאַפע־טעראַסעס אין די אויפּהוילונגען, ווי אין אַן „אויג" פון דער פעסטונג. דאָרט זיצן די „כאַדזשעס", די שטאָטישע, די בעלי־גופים, די אייגנטימער פון פּלאַנטאַציעס, עקספּאָרטערן, סוחרים, הייזער־אייגנטימער און פּראַצענטניקעס. דאָס זענען די שייכן, די „בעסערע" מענטשן, מען זיצט אַזוי דאָ גאַנצע טעג און מען צײלט פויל די אָפּגעריי־ענדיקע שיפן צו די ווייטע קאָנטינענטן אָנגעלאָדעוועט מיט דער מי פון זייערע פעלאַכענס הענט. זיי האָבן שוין איצט „איינגע־זאַמלט די גאַרבן", די טויזנטער לירעס. איצט רעדט מען וועגן פּאָליטיק און עס פלאַמט דאָס וואָרט „יאַהוד" צווישן זייערע ציין, ווי דאָס גיפטיקע צינגל פון דער שלאַנג. זיי דאָ, די שייכן אין עכו האָבן מער דערגרייכט, ווי אין חיפה, אין ירושלים, זיי האָבן זייערס אויסגעפירט. זינט דעם יאָר „ניין־און־צוואַנציק"

וענען קיין יידן מער נישטאָ, און דער עיקר — קיין יידישע אַרבעטער, פאַר וועלכע מען שרעקט זיך מער ווי פאַר דער יידישער בורזשואַזיע. די יידישע בורזשואַזיע מאַכט אויפשרויפן די פרייזן פון די קליינע ערד-שטחים, וואָס ער, דער שייך, מוז שוין אויך צאָלן טייערער. מילא, ער האָט נאָך גענוג לאַנד און ערד, וועט ער נישט צוקויפן. אָבער דער יידישער אַרבעטער, וואָס נעמט העכערע לוינען, דאָס קאָן אַמאָל געפערלעך זיין פאַר זיין אייגענעם קנעכט, וואָס קאָן אַמאָל אויפשטיין און ווידערשפעניקן.

און אין יענער צייט, פאַר „ניין-און-צוואַנציק" האָט עס שוין שיער אַזוי געהאַלטן. אין אַ פיר-עקיקן הויף מיט אַרקעס, ווי אַ רוימישער פאסאַד, וואָס איז איצט אָפּגעלאָזן און פאַרוואָרלאָזט, איז געווען דער קלוב פון יידישע אַרבעטער, פון די לינקע פועלי-ציון. עטלעכע הונדערט יידישע אַרבעטער האָבן זיך צו יענער צייט אין עכו געפונען, אַרבעטער, וואָס האָבן געזוכט דעם וועג צו דערנענטערונג מיטן אַראַבישן שקלאַף, און ס'איז געווען נאָענט דער טאָג פון דער דערנענטערונג. איינציקע און צענדליקער, וואָס זענען געקומען אין קלוב, האָבן אין די שווייגנדיקע אויגן פון הונדערטער קנעכטשאַפטס-יאָרן, אַוועקגעטראָגן די ווערטער, וואָס האָבן פון די קלוב-ווענט אַראָפּגעגליט, אין זייער אייגענעם לשון, אין אַראַביש: „פּראָלעטאַריער פון אַלע פעלקער — פאַראייניקט אייך"!, די שייכן, וואָס זיצן איצט דאָ, אין דער געזאַלצענער קילקייט, בעת אין דרויסן ברענט די חמימה אויף די קעפ און דער ברוק בריט די באָרוויסע, פאַרבלאָטיקטע פיס פון די וואָס שלעפן וועגעלעך, פירן קעמלען מיט משא און שטופן אונטער די אייזעלעך מיט זיף-זיף זאַמד, אַט די שייכן, וואָס שפילן לאַנגזאַם, פילאָזאָפיש אין ביינדלעך און אין קאָרטן, זויגן די רערלעך פון די נאַרגילעס, הערן זיך צו דעם „ראָמאַנס ביים ניל" פון דער גראַמאַפאָן-פּליטע, אַט די שייכן האָבן זייערס דערגרייכט: דער פּאָגראָם אין „ניינאונצוואַנציק" אויף די עטלעכע הונדערט יידן אין עכו, דאָס אויפרייצן דעם אומוויסנדיקן אַראַבישן פאָלקס-מענטש, וועלכער איז דערשלאָגן און זוכט דעם שולדיקן אין

ויין הונגער, אין זיין אומבאהאָלפנקייט, האָט זיך אַ וואָרף געטון, און דער פאָגראָם איז אויסגעבראָכן.

יאָ, דאָס איינציקע מאָל האָט די תפיסה געראַטעוועט. ווי איראָניש עס זאָל נישט זיין, אָט דער „עפּיזאָד פון דער געשיכטע". די תפיסה-פעסטונג האָט איין זכות, זי האָט געעפנט אירע טויערן פאַר די, וואָס האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען פון דעם אויפגעהעצטן בלוט, די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט זיך אין יענע בלוטיקע טעג אויסבאַהאַלטן אין טורמע־הויף. אין די תפיסה-צעלן.

דעם זכר פון „יענע טעג" ווילן די אַראַבער אָנהענגען אויף די דריי קברים, אין וועלכע עס ליגן די „קדושים", די העצער און גזלנים, די דריי, וואָס זענען פאַר אָרגאַניזירן דעם פאָגראָם געהאָנגען געוואָרן אין דערזעלבן תליה-הויז. איצט בלייכן זיך אויפן בערגל נישט ווייט פון דער תפיסה די דריי ווייסע מצבות, אָבער דעם אמתן זכר זעט מען אין דעם פאַרלאָזענעם פאַסאַד, צווישן די רוימישע אַרקעס, ווו עס האָט אַמאָל געהילכט דאָס אַרבעטס-לעבן, לידער און לאָזונגען. איצט ליגן דאָרט קופעס מיסט און דער גצשטאַנק שטייט אין עיפושט. דער טייל יידישע אַרבעטער, וואָס איז באַשעפטיקט אין דער שוועבעלעך־פאַבריק פון דעם ייד ווייצמאַן, זענען „נישט קיין היגע", אפילו אין דעם מאָדערן אויפגעבויטן „איראָפּעישן קוואַרטאַל": ווו עס וואוינען אי איראָפּעישעפאַבריק־אייגנטימער די אַראַבישע פלאַנטאַטאָרן, איז נישט פאַראַן קיין גינסטיקער אָרט זיך דאָרט איינצולעבן און אויסלעבן.

דער צוג, דער אויטאָבוס, דער ביסאָקלעט, וואָס ברענגט זיי גאַנץ פרי צו דער אַרבעט, פירט זיי שנעל, געשווינדט אַוועק. עס איז אומהיימלעך צו זיין אין דער שטאָט צווישן די טויטע פעסטונגס־מויערן און דער „לעבעדיקער" פעסטונגס תפיסה. איבער די שטילע גאַסן פון עכו הערט מען אָפט דעם קלימפער פון קייטן, דאָס פירט מען די מאַסן אַרעסטירטע, עטלעכע צו איין קייט צוגעשמידט, צו פאַרשידענע שווערע קאַטאָרגע-אַרבעטן. די באַוועגונג פון די דאָזיקע קייטן בירגער איבער דער שטאָט איז אַ

היבשלעך גרויסע און אַן אָפּטע, אַזוי אָפּט, ווי עס פּלאַטערט אויפן טורם די שוואַרצע פאָן, דער סימן, אַז דער מלאך המות, אָנגעטאָן אין ווייסע הענטשקעס אַלס אַמט־האַלטער פון דער בריטישער רעגירונג, טוט דאָרט זיין אַרבעט. זיין שכר איז נישט פון „קאָפּ", נאָר אויף שטענדיקן געהאַלט, ווי מען רופט עס אין ענגליש — אַ סטעדי דזשאַב!

און אין איין וועגס ציט ער שוין אַרויף די פאָן, דעם שוואַרצן פליגל־פלאַטער.

אימיטאַציע יום־טובים

דריי שטעט האָבן זיך איינגעטיילט מיטן יום־טוב פדיון: תל־אביב האָט אַ פּורים־קאַרנאַוואַל, ירושלים — דעם פּסח־סדר און חיפה — דעם חג הביכורים, די צייטיקע פרוכט.

מען אימיטירט, מען מאַכט נאָך, מען נעמט זיך ערנסט איבער מיט די פייערונגען און מער ווי אַ היבשער פדיון פאַר די קרעמער, פאַר די האָטעלן, רעסטאָראַנען און באַן־געזעלשאַפט איז מען נישט אויסן.

ארץ־ישראל וואָלט געקאָנט שאַפן אירע אָריגינעלע יום־טובים—די דעמאָנסטראַציע פון אַרבעט און בוי. פּופציק טויזנט מיטגלידער פון הסתדרות וואָלטן געקענט און געהאַט וואָס צו ווייזן און פאַר וואָס צו יום־טוב'ן. האַלט מען נישט דערפון. אָנשטאָט דעם, אָנשטאָט צו שאַפן אַ „טאָג פון אַרבעט" (שוין נישט רעדנדיק פון ערשטן מאַי) גייט מען איין אין געמיינזאַמע קאָמיסיעס פאַר „נאַציאָנאַלע" יום טובים, וואָס זענען נישט מער, ווי אַ געשמאַקלאָזע איבערחזרונג פון ענלעכע יום טובים ביי אַנדערע פעלקער און אַ בופיאַדע פון דער ביבל, וואָס קומט אויס, ווי אַ פאָרשטעלונג פון אַ „היסטאָרישער" אָפּערעטע ביי קליינשטעטלדיקע אַקטיאָרן.

* * *

אַלע שיפס־געזעלשאַפטן לאָזן אַרויס ספּעציעלע פּראָפּאַ־

גאַנדע־פּלאַקאַטן, וואָס דאַרפן לאָקן דעם טוריסט צו באַזוכן ארץ ישראל גראָד אין די פּורים־טעג, כּדי בייצוזיין דעם קאַרנאַוואַל־ספּעקטאַקל אויף די תּל אָביבער גאַסן.

אין שיפן מאַרקירן אויס דעם טערמין און די דאַטע. דער אָנפאָר אויף פּורים קיין תּל אָביב איז גרויס. נישט נאָר פון אויסלאַנד, נאָר אויך פון לאַנד גופא: פון חיפה און ירושלים, פון טבריה און צפת, פון מושבים און קיבוצים. די שטאָט ווערט שיער נישט פאַרגרעסערט מיט אַ טאָפּלטער באַפעלקערונג. יעדעס הויז ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ אכסניה. עס קומען געסט און געסט. קריגן אַ אָרט איבערצושלאָפן אין אַ האָטעל איז אויסגעשלאָסן. עס קומען מענטשן ספּעציעל זיך „ווײַלן" אויפן קאַרנאַוואַל, מען קומט פון ווייטע לענדער, וועלכע האָבן אַזעלכע יום־טובים בײַ זיך

מען קומט פון ווענעציע און פון ניצע. מען קומט פון פּאַסאַדינאָ און מען קומט פון באַרצעלאָנאַ. פון מזרח און מערב. מען קומט זען דעם גרויסן „וואונדער" פון אַ יידישן קאַרנאַוואַל.

דאָס, וואָס איבעראַל ווערט שוואַכער און אָפּגעטעמפּטער, קריגט עס דאָ, אין דער „ערשטער יידישער שטאָט" אַ הכשר, עס ווערט איינגעוויקלט אין אַ נאַציאָנאַלן מאַנטל, אין אַ ביבּלישן דעק. עס ווערט אויפגעלעבט דער פּרימיטיווער פּורים־שפּיל. די קליינע גוססדיקע שאַגאַל־שטעטלעך ווערן דאָ אַרויסגעפירט איבער די אַספאַלטירטע גאַסן. עס איז נישט מער דאָ דער נאַיווער, אָבער אין תּוך פאָלקסטימלעכער פּורים־שפּיל, נאָר עס ווערט אַ טייל פון וועלטלעכן קאַרנאַוואַל. —

אַ יידישע מאַסקע אויף אַ גוישן מנהג.

* * *

איך בין געווען איינער פון די טויזנטער, וואָס בין געהאָנגען אויף אַ „געזימס" פון אַ זיך בויענדיקן בנין. איך האָב געזען דעם „אויפמאַרש" אָדער דעם „צוג". איך האָב ענלעכע געזען אין גרעסערע און אין קלענערע שטעט, עס איז טײלווייז געווען אילוסטרירטע שטיקער יידיש לעבן איבערגעגעבן דורך

לעבעדיקע בילדער. געווען אפילו סאטירישע „וועגענער" אויף פאליטישע מאטיוון, מען האט אוועקגענומען די האנט פון הארץ און קריטיקירט די... רעגירונג. און ווייטער איז אלץ געווען אזוי זיסלעך־נודנע, אזוי הנאהדיק פון זיך, אז כאטש פאל אויף דיין שונא און צוקוש זיך מיט אים...

אן א שיעור דעקארירונגען שטעלן מיט זיך פאר גאנצע קאפיטלעך פון תנך אין איבערפראזירטע פסוקים צוגעפאסט צום היינטיקן לעבן. און אויב דאס איז נישט קינסטלעריש און נישט פאליטיש געלונגען, איז עס קליינשטעטלדיקע „פאר־טיפונג". עס פעלט אפילו נישט קיין פראוואקאציע, אין דער פארם פון א „וואגן", וואס שטעלט פאר „דאס יידישע לעבן אין סאוויעט פארבאנד", ווי די שול איז פארוואנדלט געווארן אין א... קלוב. און יידן זיצן פארצאגטע, פאריאמערטע, אונטער די שפיצן פון ג. פ. או. באגנעטן און מען לאזט זיי נעבעך נישט תפילה טון... איך האב טאקי אליין געהערט, ווי פשוטע יידן האבן נעבעך שווער אפגעזיפצט אויף דעם „גלות". זאלן זיי נאר קומען אהער די מיט די פיקעס, קיין ארץ־ישראל, דא אויף דער אלענביי־גאס, פאר דער גרויסער שול, וואלט מען זיי שוין גאר אפגעבראכן די זייטן, ווי דעם יפוער גובערנאטאר דעם גוי, בעת ער איז דורכגעפארן אום שבת אין זיין אויטאמאביל...

אט איז א „אידיליע", א זייער „אריגינעלע" דערטראכטונג פונם פורים־רעזשיסער: א וואגן שטעלט פאר דעם פסוק „והיה באחרית הימים". עס גייט אן א הוירא־טאנץ פון א גרופע יידן, האנט אויף אקסל, האנט אין גארטל... ווער, מיינט איר, זענען עס, אט די יידן? דערקענט לויט די קליידער: איינער א פרומער מזרח־ייד, מיט א לאנגער ווייסער באָרד, מיט א הלבשה פון א „כאכאם"—ער איז געארעמט מיט א... פועל, אן ארבעטער אין א בלויער רובאשקע. אוןביידע זענען ארומגענומען מיט א „פרדסן", א אייגנטימער פון פאמעראנצן־פלאנטאציעס, דער אמתער טיפ פון ארץ ישראלדיקן עקספלאטאטאר. און אלע דריי זענען צונויפגעשלאסן מיט א רעווי־

זיאָניסט, אָנגעטון אין „ברוינעם העמדל״ מיטן מיליטערישן היטל. אַ גאַליציאַנער רבי און אַ ליטווישער אפיקורס. אַ קרע־מער און אַ שאָסעע־פוצער, אַ „פקיד״, מיט אַ פאַבריקאַנט, און נאָך אַזעלכע „קעגנזעצלעכקייטן״ — דאָס איז „סימבאָליש״. מען וויל דאָס איינריידן דעם צוקוקער, אַז אַזוי וועט זיין אין ארץ־ישראל. דער ארץ ישראל מענטש, דער פועל, דער אַרבע־טער אַפּלאָדירט. עס איז נישט דער איינציקער פאַל, וואָס מען פאַרבלענדעט אים אַזוי. דאָס איז דאָך נאָר אַ שאָטן פון דער אמתער „פאָרשטעלונג״, וואָס גייט אָן אין דער ווירקלעכקייט.

ווען נישט דער ע כ ט ע ר נומער פון די ספרדישע יידן וועלכע זענען אַליין גענוג עקזאָטיש און דאַרפן זיך נישט „פאַרשמירן״ מיט זייער גאַנצער אָריענטאַלישער פאַרביקייט, הן אין קליידונג הן אין דעקאָרירונג, מיט זייער טומל און שטיי־גער, מיט זייער עכט ביסל איבערגעבליבן פורים־קאָלאָריט, וואָס איז זייער אייגנאַרטיק, וואָלט עס געווען אַ לאַנגווייליקע און נישט קלוגע אונטערנעמונג. נישט קלוג שוין דערפאַר, וואָס יעדער איינער נעמט עס אַזוי ערנסט און וויכטיק.

עס איז נאָר צו באַוואונדערן, וואָס די פאָראויסלויפער, אָדער מיטלויפער זענען לרוב די ארץ ישראלדיקע אַרבעטער־שאַפט. זיי זענען נישט נאָר מיטשלעפער און צוזעער פונם אתה בחרתנו ספעקטאַקל, נאָר דירעקטע באַטייליקטע. דער גרויסער פאַריין פאַר פיזישע קולטור „הפועל״ מיט זיין אָרקעס־טער און מיט זיינע אָרדנער טראָגט צו אַ גרויסן חלק צו דעם, וואָס הייסט פורים קאַרנאַוואַל, אָדער ווי עס ווערט אָנגערופן „עדלאידע״, און זעענדיק, ווי איינער פון די דאָזיקע אַרבעטער־פאָרשטייער פאָרט פאָרויס זייט ביי זייט פון שטאָט־פרעזידענט, אָנגעטון אין אַ רויטן פורים־מאַנטל, מוז מען ביטער אַ שמייכל טון, הגם דער שמייכל שטעכט.

* * *

אַ ביסל שווערלעכער, אָנגעכמורעטער און האַרטער גייט שוין צו דער „יום־טוב״ אין ירושלים. מען האָט די ירו־שלימער קרעמער באַוואָרנט. ערשטנס, וואָס אין ארץ־ישראל איז

מער נישט דאָ ווי אין טדר־נאַכט, און דער עיקר פּסח איז דאָך דער סדר... און צווייטנס, וואָס דער יום טוב קומט טאַקע אויס אין... יום־טוב.

אַ חוזק אַ קאָלעקטיווער „סדר פאַר טוריסטן" אין איינעם פון די גרויסע טעאַטער־זאַלן, צו וועלכן עס קומט די גאַנצע „פני", און אַ חוזק די גאַסן־טענץ, וואָס די יוגנט אָרגאַניזירט (גאַסן־טענץ „הוראַס" זענען כאַראַקטעריסטיש נישט נאָר אין פּסח, נאָר אַ גאַנץ יאָר...) איז גאָרנישט. פונדעסטוועגן לייגן די קרעמער, האָטעל־אייגנטימער, פּענסיאָנאַטן און באַן־געזעלשאַפט, נישט צו דערצו...

דערפאַר זענען די קרעמער, האָטעל־אייגנטימער, פּענסיאָנאַטן און דאָסגלייכן פון דער שטאָט חיפה געפאַלן אויף אַ „קלוגערע" המצאה. זיי האָבן געמאַכט אַ נדחה, זיי האָבן דעם „יום טוב", וואָס פאַלט אויס אין שבועות, איבערגעטראָגן אויף איין טאָג נאָך יום טוב...

מען האָט אויפגעלעבט אַ קאַפּיטל פון תנך: דער יום־טוב פון ערשטן שניט, די פרייד פון צייטיקע פּירות. אין לויטן מנהג נישט בלויז אין פאַרצייטנס האָט דאָס פאָלק געמוזט באַצאָלן פאַר דער פרייד. עס זענען געווען כהנים און זיי האָבן פּאַראַזיטיש געדאַרפט געניסן פון די ערשטע פּרוכט. און געטון האָט מען עס מיט אַ פייערונג, מיט אַ פּאָמפּע, מיט געזאַנג און טענץ, עס זאָל אויסקומען הימלישער און געטלעכער...

אָבער קיין כהנים (ווי אין דער ביבל...) איז דאָך נישטאָ היינט, פונדעסטוועגן בעלנים אויף די ערשטע פּירות זענען פאַראַן. דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט זיך אָרומגעזען, אַז ווען יעדער ישוב, יעדער מושב, יעדער קיבוץ אָדער קבוצה זאָל ברענגען „בכורים", וועט זיך אָנזאַמלען אַ שפּייכלער מיט פעלד־פּרוכט און ווען מען זאָל דאָס פאַרקויפן, וועט בלייבן אַ היפּשער ריווח, כולו ריווח.

און נישט אַזוי דער נאַציאָנאַל־פאָנד, ווי די קרעמער פון חיפה, וואָס זענען זיך מתקנא אין תל־אביב מיט איר פּורים און ירושלים מיט איר פּסח. האָט מען זיך צוגעהערט צו זייער קול

און מען האָט געענטפערט, אַז אויך חיפה, די שיינע שטאָט אויפן הדר-הכרמל וועט נישט פאַרשעמט בלייבן און מען וועט פייערן דעם חג-הבכורים מיטן גאַנצן טראַסק.

חיפה איז איצט איבערגעפילט, אָט אַזוי ווי תל-אביב פורים. מען קומט פון אויסלאַנד און פון לאַנד. אויפן הדר-הכרמל שלאָגט זיך אָפּ די זון אין דער ווייסקייט פון בלוזעס און העמדלעך. די צוגן פון תל-אביב און ירושלים קומען אָן פאַרגרעסערטע און געפּאַקטע. עס זעט אויס, ווי די מענטשן דאָ גאָרן באמת נאָך אַ שטיקל יום טוב און באין ברירה נעמען זיי זאָלן אָן פאַר גוט געלט...

די הערצל-גאַס איז דעקאָרירט מיט עלעקטרישע טויערן און סימבאָלישע געמעלן. ביים פּלאַץ פון טעכניקום זענען טוועק. געשטעלט צוויי „בימהס": איינע פאַר די... „כהנים" און איינע פאַר די... פּרעסע-פאָרשטייער און פאַרבעטענע געסט. אין שטאָט-פּאַרק ברענט אַן עלעקטרישער טורם. די באַוועגונג איז שטאַרק. די קאַפּעען איבערגעפּראָפּט. מען גרייט זיך צום יום טוב, וואָס וועט פאָרקומען אויף מאָרגן נאָכן יום טוב.

* * *

פּרעכטיק איז דער מאַרש פון די קינדער איבער די גאַסן. אַ ווייסע וועלט, אַ יונגע בליענדיקע ווייסע וועלט מיט גרינס באַפּוצט. דאָס האָט מען „געבענטשט" פון דער קריסטלעכער וועלט, יונגע קינדער איבערהויפּט מיידלעך, מיט באַקרענצטע קעפּ-לעך אין ווייסע גאַזע און גרינע מירטן-צווייגלעך. זיי מאַרשירן, זיי זינגען, זיי טראָגן אונטער די „בכורים". וואָלט עס נישט געהאַט צו באַנאַלן, נאַציאָנאַליסטישן אויסגעדראָשענעם אונ-טערשלאַק, וואָלט עס פאַר זיך געווען אַ הערלעך בילד פאַרן אויג.

און דאַן ווידער אַ פאָרמירטער צוג. אַביסל עכטער און אָנגענעמער פאַרן אויג, ווי דער קאַרנאַוואַל אין תל-אביב, שוין דערפאַר, וואָס דער צוג ברענגט דאָ אַ גרוס פון פעלד, דער-ציילט פון מי. עס איז אַן אויסשטעלונג פון דאָרף, אַן עקזאַמען פון אָנשטרענגונג. וואָלט דאָס נישט געווען אַ געצייג, וואָס ווערט אויסגענוצט פון די, וואָס זענען גראָד נישט קיין גרויסע פריינט

פון אַרבעטער־קאַמף, וואָלט עס געקענט זיין אַ טיילווייזע מאַניפעסטירונג פון דעם יידישן פויער

אין אַ דעקאָרירטן אויטאָמאָביל, וואָס פאָרט פאָרויס אין „צוג“ זיצן די הויפט־מאַכער פון „הדר־הכרמל“ די כמו שטאָט־טאַטעס פון דעם יידישן טייל אין חיפה. נאָך זיי פאָרט דער וואָגן פון „עמק“ באַלייגט מיט פרישע גרינוואַרג, ערד־פירות, און הינטער זיי — דערפער און דערפער, יעדער וואָגן אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס, מיט נאָר וואָס געשניטענע זאַנגען, מיט יונגע שעפעלעך, ווייסע טויבן, קליינע קעלבלעך, פרישע ווייַנטרויבן, וואָס די מאַמע ערד האָט נאָר וואָס אַרויסגעגעבן פון זיך, דעם צייכן פון מענטשלעכע אַרבעט און אָנשטרענגונג. עס איז אָבער פאָרט נישט דאָס, וואָס עס דאַרף זיין. די קיבוצים זענען ווייט נישט אין אַ פולער מאָס פאָרטרעטן אין דער מאַניפעסטאַציע. עס זענען פאָרטרעטן נאָר אַ פאָר דערפער פון עמק, די נאָענסטע פונקטן צו חיפה, זעט עס גיכער אויס ווי אַן אויסשטעלונג פון אָרעמקייט...

דער עולם קלעפט ממש אויף די באַלקאָנען, באַלייגט די דעכער, ווו ס'איז נאָר פאַראַן אַ מויער, אַ פאַרקאַן, אַ טעלעגראַף־סלופּ, אַ בוים, איז אַלץ באַהאָנגען מיט מענטשן.

אויף דער בימה שטייען עטלעכע „כהנים“ און „לוויים“. דאָס זענען באַקאַנטע יונגע לייט, אָנגעטון אין „היסטאָרישע“ בגדים, מיט צוגעקלעבטע בערד, מיטן אויסגעמאָלענעם „חושן“ „ואפוד“ — אַלאַ דער „כהן גדול“, נישט מער, דער כהן גדול האָט פאַרגעסן אויסצוטון די שוואַרצע לאַק־שיך, מיט די ווייסע מאַנזשעטן... און די באָרד איז עפּעס אויך נישט גוט צוגעקלעבט און פון דער היץ טיילט זי זיך אָפּ פון דער גאָמבע, און אין מיטן זינגען די תפילות, בעת עס נעמט צו די „בכורים“, מוז ער כסדר זיך פאַרריכטן אי די באָרד אי די וואָנסעס. אָבער דער עולם, אַמייגסטנס די אַמעריקאַנער, וואָס זעען אין דעם אַ „ווידעראויפלעבונג“ פון דער גליקלעכער בית־המקדש־צייט, כהנים־עפּאָכע, ווישן פאַר פרייד די טרערן, וואָס רינען אַפילו

פון די טונקעלע זון־געזער און שרייען כמעט ביז הייזעריק „בראַוואָ" און „וועריגוד", אַפּלאָדירן.

נאָר אַט באַווייזט זיך דער אמתער „כהן גדול" דער הויפּט דירעקטאָר פון קרן קימת, דער מיסטער אוסישקין, אין באַגלייטונג פון אַנדערע „כהנים", וואָס זענען שוין נישט פּורים שפּילעריש אָנגעטון. זיי, די „העכערע מאַכט" גייט אין ציוויל. דער גרויסער כבוד געהערט זיי. אָנגעטון אין שווערן הוט, זאָגט אוסישקין תּפילה און פאַרגייט זיך אין אַ ספּיטש, צום סוף נעמט ער די ערשטע טויב, וואָס מען ברענגט אים אַלס „בכּורים" און גיט מיט די הענט אַ פיר אין דער לופט, די טויב ווערט באַפרייט און פליט אַוועק. דאָס איז דער „סימבאָל" פון באַפרייונג... דער עולם צוגייט זיך נאָר אין התפּעלות, אַ ליאַרם פון „הידד"־געשרייען פאַרהילכט די לופט..

דער אָרקעסטער שפּילט און די „לוויים" זינגען.

דערנאָך ערשט „דערלאַנגט" מען די ערשטע פּרוכטן, אַלץ וואָס מען האָט אַרויסגעבראַכט. די זאַכן ווערן אַריינגעלייגט אין אַ ספּעציעלן „חצר" און דאָרט שטייען שוין קרעמער־אויפקויפער. מען קויפט אָפּ די „בכּורים" פאַר האַלב אומזיסט, (עס קאָסט דען טייערער), דאָס געלט גייט פאַר דער נאַציאָנאַל־פאָנד־פּושקע און מען האָט דערפילט אַ גרויסע „נאַציאָנאַלע" מיסיע. דער נאַציאָנאַל־פאָנד איז צופרידן... נאָר נאָך מער — די שטאָט חיפה, אייגנטלעך נאָר דער יידישער טייל, וואָרום באַלד האָט זיך די מאַסע פון איבעריקע הונדערט טויזנט מענטשן אַ צוגעטון איבער די רעסטאָראַנען, גאַזאָז־געוועלבלעך, קאַפעען און קראָמען און איבערגעלאָזט די אמתע „בכּורים"...

דער „יום־טוב" ווערט געשלאָסן מיט אַ גרויסן ספּעקטאַקל אין דעם... אַרבעטער אַמפי־טעאַטער. דערזעלביקער אַמפי־טעאַטער, וואָס איז געבויט געוואָרן פון אַרבעטער־הענט אומגעצאָלט און פון „טעג" וואָס אַרבעטער האָבן אָפּגעגעבן פאַר זייער פּראָלעטאַרישן קונסט־טעמפּל. דער ספּעקטאַקל איז דורכגעדרונגען מיט אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַליסטיש אור־היסטאָרישן כאַראַקטער. די שפּילער, ס׳רוב יוגנטלעכע אַרבעטער, איינגעהילט

אין אַבאַיעס, שטעלן פֿאַר סצענעס פֿון תנ״ך, ביבל געשיכטן, הללויה געזאַנגען, גאָט־ליבענישן און שליסט זיך מיט די אויס־געדראָשענע טעקסט־פּרייע רות בועז־געשיכטע.

וואָלט מען כאָטש אַזאַ פֿאָרשטעלונג, וואָס ווערט געוויזן פֿאַר זעכצן טויזנט מענטשן (פֿיר פֿאָרשטעלונגען), געוויזן אין אַ סטיליזירטער פֿאָרם צוגעפּאַסט צום איצטיקן לעבנס־לויף פֿון אַרבעט און מי אין פּאַלעסטינע. וואָלט מען אָנטאָן דער זיס־לעכער אידיליע אויף בועזעס פֿעלדער, געוויזן דעם טעם פֿון די איצטיקע קיבוצים, וואָלט דאָס געוויס געווען אַן אויפֿטו. די דריטהאַלבן הונדערט אָנטיילנעמער אין דעם שפּיל, וואָלטן געקענט מיט זיך פֿאָרשטעלן אַן אימפּאָזאַנט קאַפּיטל פֿון בויען־דיקן לעבן, אָנשטאָט אַן אויסגעדאַרט אייזל, מיט אַ צעשראָקן קעמל, אַרויפֿברענגען אויף דער בינע אַ טראַקטאָר. אָבער דאָס איז דאָך שוין צו איצטיק, דאָס שטימט נישט מיט דער ביבל...

חדרה

איר קענט חדרה? יאָ, זיכער, געהערט. דאָס איז דער פּלאַץ פֿון די לעצטע גרויסע קאַמפֿן צווישן דער הסתדרות־אַרבעטערשאַפֿט מיט די ביתרישע שטרייקברעכער פֿון דעם גע־ראַנגל מיט די לאַנד־האַרן, די אייגנטימער פֿון די פּאָמעראַנצן־פּלאַנטאַציעס, בוי־אונטערנעמער און בכלל באַלעבאַטים. איצט, כאָטש עס איז שוין „שטיל״, זעט מען די שפּורן פֿון יענער צייט. איבער די ברייטע זאַמדיקע וועג־גאַסן פֿון דער „מושבה״ זע איך אַ גרופּע אַרבעטער פֿירן־אויס אַרבעטן פֿאַר דער רע־גירונג. דערציילט מען מיר, אַז דאָס זענען די „קאָנטראַזשני־קעס״, וואָס זענען בעתן קאַמף פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף לענ־גערע וואָכן תפיסה. נאָר לויט די איבערגעבליבענע טערקישע געזעצן, קאָן אַן אַרעסטירטער פֿאַרבייטן זיין אַרעסט מיט... אָפּאַרבעטן פֿאַר דער מלוכה, אָדער באַצאָלן אַזוי פֿיל, וויפֿל

עס באַטרעפט, אַז אַן אַנדערער זאָל אָפּאַרבעטן. זיצן האָבן, אַלזאָ, ווייניק חשק געהאַט, און אָפּצאָלן אַ צען לירעס פאַר דעם חודש איז אויך שווער — שפּאַנט מען זיך איין אין דער אַרבעט.

דער קאַמף איז אײַנגעדעקט, נאָר נאָך נישט דערשטיקט. אָט דאָ, ווי אין כפר סבא. די הייסע פּאַטריאָטן, די „גוטע" ציוניסטן ווילן דוקא אַראַבישע אַרבעטער. זיי וואָלטן געוועזן פאַר... „יידישע אַרבעט" אויך, ווען עס וואָלט זיי געקאָסט אַזוי פיל, אדער אַזוי ווינציק, ווי די אַראַבישע... די אָרגאַניזירטע הסתדרות-אַרבעטער קעמפן קעגן דעם, אָבער נישט מיט די מיטלען, וואָס אַרבעטער דאַרפן באַנוצן: מיט אָפּווישן דעם איבל פון פרייַזן־קאָנקורירונג דורך אָרגאַניזירן די אַראַבישע אַרבעטער, נאָר מיט פאַרבייטן זיי מיט „פּיקעטן", מיט נישט דערלאָזן.

דערפאַר קען מען חדרה. חדרה איז אַ תמידיקער „שלאַכט-פעלד". עס איז איינע פון די עלצטע, אָבער רייכסטע קאָלאָניעס אין לאַנד. דאָס זאָגט עדות דער אופן פון דער באַזעצקייט אין דער סביבה. עפּעס אַ מין באַגומענקייט און רחבות. עס אָטעמט דאָ אַ קלאַס פון „פּאָמיעשטשיקעס", גוט־באַזיצער, מיר דאַכט, עס איז עפּעס פאַראַן אַ גאווה אינם שטעטל, אַ מין גרויסהאַלטן זיך נישט נאָר קעגנאיבער אַנדערע שטעטלעך, נאָר קעגנאיבער זיך אַליין, קעגן אירע אייגענע מיטאייַנוווינער די פּועלים, די אַרבעטער, די חוצפּהניקעס...

ברייטע גאַסן. דאָרפס־וועגן. נאָך נישט קיין ברוק, קיין אַספאַלט. טיפע זאַמדן. דאָך אַ שטעטל, אַ פאַרויסזאָג פון אַ שטאָט.

פאַרשידענע ווינקלען. אָט איז געבליבן דער כאַראַקטער פון דער אַמאָליקער קאָלאָניסטישער שטוב. פּשוט, אייַנפאַך, דאָרפיש. און אָט רייסן זיך פון די ווינקל־גאַסן הויכע צוויי, דריי און פיר שטאָקיקע בנינים. אַ שטיקל שאַרלאָטנבורג האָט זיך דאָ פאַרקליבן, אַ אָפּשפּרינקל פון מאָדערנעם תל־אביב. ניי און לוקסוסדיק. דאָ זעען זיך שוין אַפילו די באַקאַנטע עלעגאַנטע וועראַנדע־קאַפּעען מיט ברייט געעפנטע ראַשיק קאָליר־

טע פֿאַראַסאָלן איבער די טישלעך... און צו דעם איצטיקן קינאָ-געבוי, וואָס איז דערווײַל אין בנין פֿון דער הסתדרות אוידיטאָריע, קומט שוין צו דער ניי־געבויטער קינאָ־זאַל נישט ערגער און נישט מיאוסער, ווי אַזאַ זאַל אין וועלכער ס'איז גרויסער שטאָט...

און ווען איך זע פֿאַר אַ ניי אַפּאַרטאַמענט-הויז, וואָס בויט זיך אין די זאַמדן, ליגן אַ צוויי טוץ וואַנעס פֿאַר דער טיר, מען זאָל אַרײַננעמען און אויסריכטן, קאָן מען דרייסט זאָגן: אנשטאט „עס אַמעריקאַניזירט זיך", עס „פּאַלעסטי־ניזירט זיך". די אײַנוווינער, וועלכע זענען הייסע „פּאַט־ריאָטן" פֿון חדרה, דערציילן מיט חדווה: ווי לאַנג איז עס דען גאָר, אַז חדרה איז געווען אַ גרויסער, אַ אומגעהויערער גרוי־סער זומפּ. די מאַלאַריע, דאָס קדחת האָט דאָ געשניטן מיט אַ צוויי שאַרפֿיקער קאָסע. דער ערשטער בנין, וואָס איז דאָ גע־שאַפֿן געוואָרן, איז געווען אַ... שפּיטאָל, אַ מעדיצינישע הילפֿס־סטאַציע, אויף דעם דאַמאָלסטדיקן פּרימיטיוון אופֿן. דאָס ער־שטע, וואָס מיר האָבן דאָ אין דער ערד פֿאַרזייט, איז געווען... קברים. קברים און קברים פֿון פּיאָנערן. מ'האָט עקשנותדיק געבויט. זעט די עקאַליפּטוסן! באמת, א וואַלד אַ גאַנצער, אַ גרויסער פֿון די „יידישע בוימער", ווי די אַראַבער רופֿן עס אָן. דער קאַמף איז געווען גרויס. דורך לעבנס, יונגע לעבנס איז חדרה געבויט געוואָרן, איז חדרה רייך געוואָרן. מיין וועג-ווייזער איז אַנציקט פֿון חדרה. ער חלומט פֿון אַ גרויס חדרה, פֿון גרויס־שטאָט. דער אָנהויב איז שוין דאָ.

נאָר צי חלומען אַזוי די „עלצטע פֿון חדרה? די גרוי־כע לאַטיפֿונדיסטן? די מאַראַנץ־פּלאַנטאַטאָרן, די ערד־באַזיצער? פֿאַר זיי וואָלט גלייך געווען, ווען חדרה איז ווי עס איז גע־ווען. וואָלטן זיי זיך בעסער אָנגעזען. דער גרויסער שטיק באָדן, וואָס איז קהלישער אייגנטום, דער לאָמיר אַזוי זאָגן, שטעטלדיקער פּאַרק, איז איצט אַן אָביעקט פֿאַר אַרומרייסענישן, באָדן איז געשטיגן. דער פּאַרק איז ווערט אַ פּופּציק טויזנט פֿונט. די פּריצים פֿון דער „מושבה" ווילן דאָס „לוקסוס" אָפּ־

שאַפן. מען דאַרף עס פאַרקויפן. ארץ ישראל איז קליין, יע־יעדער פיק ערד איז גאָלד!... תל־אביב האָט אויך נישט קיין פאַרק.

און די דאָזיקע „איכּרים“, די גרונטבאַזיצער זענען די פאָרשטייער פון קהל און זאָגן דעות. זייער „ועד מושבה“, דער מאַגיסטראַט איז אַ מין קליינער פאַרלאַמענט. דאָס איז די פעסטונג פון פינסטערניש. אויף די ווענט הענגען די פּאָרט־רעטן פון דער גאַנצער „פּני“. וואָס מער געלט — אַ גרעסע־רער פּאָרטרעט.

אין קעגנזאַץ צו דעם „ועד המושבה“, דאָס שטעטלדיקע „ראַטהויז“, וואָס איז געבויט אין עפּעס אַ מאָדנע גאָטישן סטיל, מיט פאַרשפּיצטע פענסטער, אָקספאָרדיש אויסמעבלירט, איז דער אַרבעטער־פלאַץ.

ווי דערמאָנט, דער קינאָ־זאַל, אַ נייע בעטאָן־געביידע, געדעקט מיט געקאַרבטן בלעך, משופּע, האַלב קיילעכדיק, וואָס זעט אויס פון ווייטנס, ווי אַ וואָקזאַל... און אַרום דעם — הילצערנע, לייכטע בנינים, די ביוראָס און אַנשטאַלטן פון „הסתדרות“. דער דאָזיקער ווינקל — דער באַלעבאָסטער, דער צאַפּלדיקסטער און שטרייט־גרייטסטער. פאַרנאַכט, ווען דורך די זאַמדיקע וועגן ציען זיך אַהער אַרבעטער פון פאַרשידענע פּאַכן, צי איז דאָס פון אַ פּרדס, צי איז דאָס פון אַ וואַר־שטאַט אַרויס, צי פון אַ בנין אַראָפּ. מען קומט אַ הער, דאָ איז דאָס אויסלעבן זיך אין קאַמף. די שלאַבעריקע טריט פון מידע פיס שאַרן זיך אין זאַמד און דערנענטערן זיך. דאָ איז תּמיד נייס, דאָ איז תּמיד דאָ בײַ וואָס צו קאָכן זיך. די קאָנצעלאַריעס פיבערן מיט טעטיקייט. די אויגן פון די דרויסנ־שטייענדיקע זענען צוגליט. יעדער טאָג ברענגט אַ נייע פּראָ־וואָקאַציע און יעדער אָוונט איז גורם אַ נייעם קאַמף־באַשלוס. די פלאַנטאַטאָרן קרעכצן ערגעץ אין זייערע פיין אײַנגעאָרדנטע פּאַלאַטלעך: נישטאָ די צייטן פון אַמאָל, ווען הענט זענען גע־ווען אַ סך און דער לוין — ביליק. היינט איז אַרבעט דאָ אַ סך, גאָר אַסך. מ׳האָט צוגעקויפט נייעם באָדן און די פּלאַנצן

גערטנער האָבן זיך פאַרגרעסערט. די ברייטע וועלט וויל האָבן פאַלעסטינער אַפּעלסינען, נאָר די ימח־שמוניקעס, די אַרבעטער ווילן הויכע לוינען און ביליקע אַראַבטשיקלעך לאָזט מען נישט צונעמען. צו וואָס איז דאָ אַ יידישע פּאָליציי אין שטעטל? טאַקע — צו וואָס?...

נאָר אויף דער יידישער פּאָליציי, וואָס זענען גראָד דאָ אין אַ גרויסער צאָל, איז זיך נישטאָ וואָס צו באַקלאָגן מצד די גבירים. זיי דערפילן זייער עובדה „געוויסנהאַפט", די גומי־שטעקעלעך אַרבעטן. מ'דאַרף נישט אָפּשטיין פון די „ענגלענ־דער", מיטינגען ווערן צוטריבן און פאַרזאַמלונגען — אויפגע־לייזט, אַרעסטן און פאַרשיקונגען, תפיסות און שטראָפן — עס איז טומלדיק אין חדרה.

אין אַזעלכע פאַלן געווינט דער צד, וואָס איז אויפ־געשטאַנען קעגן דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט — דער „ביתר". ער האָט קלוג, געשיקט און דיסציפּלינירט אויסגענוצט די שלאַבערדיקייט און נאָכגעלאָזטקייט פון דעם הסתדרותניק, וואָס איז גרייט אונטערצוהאַנדלען און נאָכצוגעבן. די קאַמפּן אַרום דעם הייזער־בוי, ווו מען האָט נישט דערלאָזט דעם ביתר, זענען פאַרשפּילטע. די מאַכט, דאָס געזעץ, די באַלעבאַטים און אַרבעטסגעבער זענען געווען אויף דער זייט פון שטרייק־ברעכער. איצט קלעטערן די דאָזיקע נעאָ־אַרבעטער איבער די רושטעוואַניעס פון די זיך בויענדיקע הייזער און אָנשטאָט דאָס רויטע און ווייס־בלויע פענדל, וואָס מען פלעגט אויפהענגען בעת אַ דאַך איז פאַרענדיקט געוואָרן, פלאַטערט איצט בלויז דאָס בלוי־ווייסע פענדל. זיי זענען אפשר קאָנסעקווענטער...

אַרום חדרה, אַ צוואַנציק מינוט גאַנג, געפינען זיך עט־לעכע קיבוצים, אַרבעטער־קאָמונעס. דאָס זענען גרופּן אַרבע־טער, חלוצים, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט אויף די קאָמונע־יסודות. נאָר אָן אַ ווירטשאַפט. דאָס זענען דרויסנדיקע אַרבע־טער, טאָג־לוינער. דער פרימאָרגן צוטרייבט זיי פון זייער געמיינזאַמען נעסט צו פאַרשידענע אַרבעטן איבער דעם שטעטל און דאָרף. דער פאַרנאַכט ברענגט זיי צוריק צום געמיינזאַמען

טיש. זייער פאַרדינסט, ווי אין אַנדערע ענלעכע אינסטיטוציעס, געהערט נישט זיי, נאָר דער געמיינשאַפט. עס איז אַן אָנהויב פאַר אַ ווירטשאַפט אויך. עטלעכע אַזעלכע קיבוצים זענען דאָרט איינגעאָרדנט, איינס לעבן דעם אַנדערן. פאַרמעל איז נישטאָ קיין אונטערשיד, איינער קומט צום צווייטן אַמאָל צום טיש און אַמאָל פאַר אַ שמועס.

נאָר הינטער די קיבוצים פון די אַרבעטער געפינט זיך נאָך אַ קיבוץ. זעט עס אויס, ווי אַ געפאַנגען־לאַגער. אַרומגע־נומען מיט שטעכיקע דראָט און באַוואָרנט מיט אַ „וואַך". איך בין נייגעריק אויף דער דערשיינונג. נאָר באַלד ווערט מי־ קלאָר, ווען איך זע אויף א הויכן, אייזערנעם מאַסט־שטאַנג פלאַטערט די בלוי־ווייסע פאָן, און די איינוווינער פון דעם קיבוץ, די מיטגלידער פון דער קאָמונע זענען געקליידט אין די אימיטירטע מונדירלעך־ברוין.

דאָס זענען זיי, די ביתר'אָוועס. דאָ איז זייער לאַגער. פון דאַנען שטאַמען עס די צרות, די פאַרשפילטע שטרייקן, די דורכגעפאַלענע אַקציעס.

דאָ, אין שכנות פון דעם קיבוץ „אַמעריקאַ", אין דער נאָענטשאַפט פון אַמעריקאַנער יונגע חלוצים, האָבן זיי זיך איינ־ גענעסט. נישט זייער שולד. דער קרן־קימת, וואָס האָט דאָ אין זיין באַזיץ באָדן, האָט עס אויסגעליגן די ערד־פאַסן פאַר די „קאָמונעס" — האָט די איראָניע אָפּגעשפילט אזאַ שטיקל אַרבעט.

אַזאַ אונטערשיד אין איינשטעל: די אַמעריקאַנער יינגע לייט, טאַטע־מאַמעס קינדער, וואָס האָבן דאָך זיך איבערגע־ בראָכן און איינגעגאַנגען אויף אַזאַ לעבן—זיי האָבן די גאַנצע גוטמוטיקייט פון ז־ער לאַנד מיטגעבראַכט. דו רעדסט, דו פרעגסט, מען ענטפערט דיר. מען פאַרבעט דיך צום טיש — ביזט אַן אייגענער.

אין ביתרישן קיבוץ. עס איז אייגנטלעך נישט קיין קיבוץ. עס איז אַ קאַזאַרמע. עס איז אַ „מפלגה", אַ צוויי יאָר דינסט, די קינדער דאָ אימפּאָנירט די „סאָלדאַטשיניע", דאָס מונדירל, דאָס שטיין אויף דער וואַך מיט דעם דראַנג אין דער האַנט

(וואָס עס אימיטירט אַלס אַ ביקס) אַרום דער פּאַן. דער סיגנאַל־טרומפּייט. דו זעסט קיין שמייכל נישט ביי די דאָזיקע יינגעלייט. מען קוקט אויף דיר פון אויבן אַראָפּ, ווי בכלל מיליטער קוקט אויף אַ „ציווילן", מען איז דיך חושד אין... „שפּיאָנאַזש". ביזט אפשר געקומען אויסנאָרן זייערע „סטראַטעגישע" פּלענער.

אַלץ איז שטרענג, אָנגעכמורעט, דיסציפּלינירט־אָנגעצויגן. איך וויל וויסן, וואָס עס באַדייט די דראָט־פּאַרצוימונגען? דער ענטפער קומט ,אַז עס זענען געשען אינצידענטן. די אַמעריקאַנער חלוצים האָבן ליב פאַר יעדער אַרויסרופונג אויסצופּרובן די הענט...

און דער „גענעראַל שטאַב" אַרבעט, פּלאַנעוועט, צייכנט אויף דער מאַפּע די „קריגס־ליניעס", וועלכע פּאָזיציעס צו פּאַרכאַפּן און פּאַרפעסטיקן. זיי נוצן טאַקע אויס די שוואַכקייט און לוילעכע אָריענטאַציע פון זייער גרעסטן שונא—די הסתדרות, און רייסן אָפּ פּאָזיציעס, מיליטעריש גערעדט.

און איינע פון זייערע וויכטיקע דערגרייכטע פּאָזיציעס איז טאַקע — ח ד ר ה.

נאָר די מאַסע, דער סתם אַרבעטער, דער וואָס קלויבט זיך נישט פונאַנדער אין פּאָליטיק, דער וואָס אין האַרץ ווייסט ער נישט חושד צו זיין זיינע פירער אין שלאַבערדיקייט און נאָכגיביקייט, דער וואָס פאַרשטייט נישט דעם זין פון פּשרות, אַז וואָס עס האָט דער ענין פון כּשרות, שבת־רו צו זיין אידעאָלאָגיע,—דער דאָזיקער גיט זיך נישט אונטער. ער ווערט אָנגעגאָסן מיט צאָרן, ער ווערט אָנגעצונדן בעת מען שטעלט זיך אים אין וועג. בעת מען וויל זיינע, דורך מי און האָפּנונג דערגרייכטע צונעמען אָדער אַוועקגעבן.

די מערסטע טייל פון די דאָזיקע, הגם זייער לעבן איז אַ פּשוט און אַפילו אַ באַגרענעצט, ווי דאָס לעבן פון אַ טאָג לוינער. דאָך פילט ער, אַז ער האָט געבויט חדרה. אַז חדרה איז אויסגעוואַקסן אויף ז־נע הענט, פון זיינע מאָזאָ־

ליעס. מיט מיר שפּאַצירם אַן אַרבעטער און ווייזט מיר דאָרט ערגעץ אין האָריזאָנט:

איר זעט דעם באַרג? ביז אַהין ציען מיר דעם ישוב. יעדע סוף גאס מוז זיך ענדיקן מיט אַ באַרג, און אַז ס'וועט נישט סטייען, וועלן מיר די בערג אויך שניידן, אָט ווי מיר האָבן זומפּן געטרוקנט!

פּרדס חנה

באַשערט געווען, אַז פילאַנטראָפּיע זאָל קריגן איר אייגנטלעכן אויסדרוק, איר „שכר", און די „פּיקאַ", די פּאַלעסטינער יידישע קאָלאָניזאַציע־אַסאָציאַציע, וואָס האָט געשעפט אירע פאָנדן פון באַראָן הירש, זאָל איצט זיין דער גרעסטער לאַנדפונדיסט אין ארץ־ישראל און איר פאַרמעגן זאָל באַשטיין פון אַ ממש לעגענדאַרישער ציפער.

וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט עס געהאַט צו זיין אַ מאָל, אַמאָל און אַמאָל אַ פילאַנטראָפּ אין ארץ־ישראל? ערד האָט מען געקאָנט אויסקויפן ביליק, שפּאָט־ביליק. שטיקער ווילדקייטן זענען געלעגן אויסגעשפּרייט פון גרעניץ ביז גרעניץ, טייל — הפקר אין רשות פון דער אָטאָמאַנישער רעגירונג, טייל — אין באַזיץ פון עפענדיס און שייכן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין נויטווענדיקייט און קיין סטימולירונג דאָס צו באַאַרבעטן; האָט מען עס פאַרקויפט פאַר פּרוטות. עס האָט זיך נישט געחלומט, אַז עס וועלן אַמאָל זיין „משיחס צייטן", ווען יעדער שפּאַן ערד וועט זיין אַ שפּאַן גאָלד, ווען אין טיפע זאַמדן וועלן זיך הויבן שטעט, וועלן בליען פּרדס־ים, וויינגערטנער און אפילו ווייץ־פעלדער.

באַראָן ראָטשילד און זיינע מענטשן, אָט פונקט ווי באַראָן הירש אין אַרגענטינע, האָט אָפּגעקויפט וויפל עס האָט זיך געלאָזט. מען האָט אין זין געהאַט אַ גוטע זאַך; קאָלאָניזירן יידן, שאַפן אַ ערד־אַרבעטער־קלאַס ביי יידן, ס'קאָסט ביליק

און די פּערספּעקטיוון זענען גרויס. וויפל עס האָט זיך געלאָזט, האָט מען קאָלאָניזירט. צו דעם האָט מען אויך נישט צוגעצייגט. מען קאָן זיין אַ פילאַנטראָפּ און נאָך פאַרדינען. די רויע, ווילדע ערד איז פרוכטבאַר געוואָרן, געשטיגן און זיך געטייערט. דער קרן און דער פּראָצענט, וואָס מען צאָלט דעם „באַראָן", ברענגט אַריין אחוץ עולם הבא, אויך אַ היבשן, גאָר היבשן חלק ריוח-עולם הזה... נאָר נישט דאָס איז דער עיקר. דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס לעבן די באַאַרבעטע פעלדער, לעבן די אויסגעוואַקסענע קאָלאָניעס, זענען די נישט באַאַרבעטע געשטיגן, מוראדיק געשטיגן אין פּרייז, צו פאַרדינגען אויף ניין-און-פערציק און ניין-און-ניינציק יאָר.

אָנהויבנדיק פון חדרה, ציען זיך די פּיקאַישע גיטער העט ווייט, ווייט אַרויף איבער דער לענג און דער ברייט, איבער בנימינה, זכרון יעקב ביז אטליט, און דערנאָך קומט גליל. זי איז איצטער די רייכסטע באַרן געזעלשאַפט, די פּיקאַ, און שפּעקולירט נישט ווייניקער, ווי אַ פּריוואַטער גרונט־באַזיצער.

„פּרדס חנה" איז איינע פון אירע יונסטע קינדער, און אפשר פון די גרעסטע אויך. דער גליל איז נישט מזלדיק. ראש פינה האָט אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט ווייניק גליק געהאַט און מעטולא ליגט נאָך אַלץ אַן איינגעדאַרטע, און צו כפר גלעדי האָט זי שוין צוגעטראָטן אַרום פופציק טויזנט פונט.

נאָר עס לוינט. פון דער איצטיקער פאַכט וועט זיין „פעטע מילך", אין דעם איצטיקן שייער וועט מען אַריינברענגען אַ סך שניט. עס איז „פּראָספּעריטי" אין לאַנד. עס רינט איבער די מיילער.

דער נאָמען „פּרדס חנה" איז טייטש „חנה'ס אָראַנזשעריי", חנה איז געווען אַ טאָכטער, אָדער אַ שוועסטער פון באַראָן. עס איז אַ יונג דאָרף, געבויט לויט דער פולער קאָנסטרוקציע פאַר אַ פאַרמעגלעכן קלאַס, פאַר אַזעלכע, וואָס זאָלן זייז צופרידן אי פאַר דאָס, וואָס זיי צאָלן אַוועק דעם „באַ־

ראָן״, אי פֿאַר דעם, וואָס עס בלײַבט איבער. ווארים אין די ערשטע צייטן האָט מען נאָר געדאַרפֿן איינצאָלן אַ פֿינף הונדערט פונט, און מ׳האָט געקראָגן אַ „מגרש״ — אַ פּלאַץ פֿון פֿינף דונאַם, אויף וועלכן מען האָט געבויט אַ הויז, אַ שטאַל און אַ אָפּדאַך פֿאַר אַ שטיקל ווירטשאַפֿט. חוץ דעם — מחוץ דעם שטוב אַ היבשן באָדן פֿאַר פּלאַנטאַציעס פֿון פּאָמעראַנצן.

נאָר בעלנים זענען געווען אויף דער מציאה, האָט מען עס געמאַכט אין דער פּיקא-אַדמיניסטראַציע און געהויבן אין פּרייז. די נייע „סעטלער״, וואָס זענען געקומען אין ערגערע צייטן, האָבן שוין פֿאַר דעם זעלבן געדאַרפֿט איינצאָלן... אַכט הונדערט פונט. נאָר אָט האָט היטלער אַ שאַר געטון מיט זיין בייטש איבער די פּלייצעס פֿון די דייטשע יידן — איצט קאָסט שוין פֿופֿצן הונדערט פונט, און — מ׳צאָלט.

דערקענט מען אין פּרדס חנה די דריי מדרגות. די געגנטן זענען טאַקי אַזוי אין נאָמען: יענע גאַס איז די פֿינף הונדערדיקע. די גאַס איז אַן אַכט הונדערדיקע, און דאָרט — די פֿופֿצן הונדערדיקע

און די פֿופֿצן הונדערדיקע גאַס איז טאַקע שיין. די ברייטע וועגן מיט פּאַלמעס פֿאַרפּלאַנצט. די הייזקעס, לויט מאָדערנע לעצטקייט פֿון לוקסוס און באַקוועמלעכקייט טונקען זיך אין גרינס און אין בלומען. די ראַדיאָס הילכן אַרויס זייערע נגונים און צוטראָגן זיך ווייט איבער די ברייטע זאַמדיסטעפּעס, די נאָך נישט באַאַרבעטע, נאָך נישט פֿאַרדונגענע שטחים. דער אויטאָמאָביל איז איצט שוין אַ נאָענטער גאַסט איבער יענע נאָך האַלב רויע וועגן. די ספּאָרט-מאָדעל-אויטאָס שטייען ביי די טירן, וואַרטן אויף זייערע באַלעבאַטים.

פּרדס חנה האַלט נאָך אין ווערן. עס גייט נאָך אָן אַ געראַנגל צווישן דער ווילדער נאַטור, וואָס וויל זיך נישט אונטערגעבן. זי ברענגט קאַפּריזן, זי שיקט אָן שלענג און אינזעקטן, טרוקנט אויס דאָס וואַסער. נאָר דער בויער קומט דאָס אַלץ ביי. פּרדס חנה וועט מסתמא באַשערט זיין צו שפּילן אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך אין זיך בויענדיקן ישוב.

צופוסנס פון פרדס־חנה געפינט זיך די יונגסטע זידלונג מיטן נאָמען „תל צבי". עס איז אייגנטלעך אַ טייל פון פרדס־חנה, נאָר ס'איז געבויט און געשאַפן געוואָרן פאַר אַן אַנדערן קלאַס — פאַר דעם אַרבעטנדיקן מענטש.

דאָס איז נאָך געווען אין דעם גאַנצן „אַנומלט", מיט צוויי יאָר צוריק, ווען מען האָט נאָך נישט געחלומט, אַז עס וועט געשען אַזאַ איבערבראָך אין דייטשלאַנד. דאַן ווען די פיקא האָט געוואָלט, ווען זי האָט געמוזט שאַפן זידלונגען, פאַרוועגדן אירע ערדן, שאַפן נייע ישובים. האָט מען געזוכט פּיאָנערן, עס האָט געלוינט צו געבן ספּעציעלע באַדינגונגען פאַר פּיאָנערן, אָט ווי עס לוינט אַ הויז־אייגנטימער, אַ פּלאַץ באַזיצער פון שטאָט אָפּצוגעבן אַ שטח פאַר אַ גאַס דורכצו־פירן. זיין באָדן שטייגט, זיין דירה־געלט פאַרמערט זיך. אומ־דירעקט, צי דירעקט, דורך דער איניציאַטיוו, אָדער דורך דער פאַרמיטלונג פון דער פיקאַ איז געשאַפן געוואָרן אַ געזעלשאַפט אין דייטשלאַנד מיטן נאָמען „יאפּע־פּלאַנטיישאָן". דער אָנפירער, אַ דר. ב ר י ן פון דייטשלאַנד. די מערסטע אַקציאָנערן — דייטשע יידן, וועלכע האָבן אונטערגעשטיצט אַזאַ זאַך: „טאָמער ווי עס מאַכט זיך", הגם מ'האָט אַליין נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון באַזעצן זיך אויף דער „פּלאַנטיישאָן", אָדער ווען עס איז ציען אַ פיאַסטער ריווח.

דער באָדן פאַר דער געזעלשאַפט איז געדונגען געוואָרן פון : ער „פיקא" אויף ניין־און־פערציק יאָר.

פאַר אַ האַלבער אייביקייט !...

נאָר כדי דער דאָזיקער קאָלאָסאַל גרויסער שטח באָדן זאָל באַקומען אַ תיקון, מוז מען אים קולטיווירן. עס מוז גע־שאַפן ווערן לעבן. לויט די געזעצן פון פּאַלעסטינע, געהערט דער באָדן צו די, וואָס באַאַרבעטן אים. מוז מען שאַפן מענטשן, וואָס זאָלן דעם באָדן דורכאַקערן. מען דאַרף אָפּנאַרן (דאָ ווערט עס אָנגערופן פּאָליטישע באַאַרבעטונג). איז מען געקומען צו א הסכם מיט דער אַמעריקאַנער בראַנדעיס־גרופּע, וועלכע

האָט אַנדערע פּלענער פֿאַר קאָלאָניזירן הויפּטזעכלעך אַרגע־טער, אָדער אַזעלכע, וואָס וועלן אַליין באַאַרבעטן די שטיקלעך פֿעלדער און די קליינעווירטשאַפֿטן.

די בראַנדייס־גרופּע האָט געגעבן געלט פֿאַר הייזער־בוי. עס איז געשאַפֿן געוואָרן אין יאָר 1932 די דאָזיקע זידלונג, וואָס רופֿט זיך „תל צבי".

פֿופֿצן משפּחות זענען זיי. פֿופֿצן אַרבעטער. טאָג־לוינער, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען צו פֿאַרשקלאַפֿן ביי... זיך אַליין. דאָס זענען די ערשטע פּרופֿער. זיי האָבן טאַקע אין דעם גאָרנישט, חוץ מי און אַרבעט נאָך אַרבעטס שעהן, גאָרנישט אַריי.גצלייגט. מען האָט זיי געגעבן צו פֿינף דונאַם זאַמד־באָדן, אויסגעבויט אַ קליין, אָבער פֿאָרט אידעאַל־הויז פֿאַר אַ קליינער אַרבעטער־משפּחה: צוויי צימערן מיט אַ קיך. אַ געגאָסענער בעטאָן־שטאַל פֿאַר איין קו. אַ וואַש־קאַבינעטל. באַרעכנט איז דאָס אַלץ געוואָרן אין הונדערט־פֿופֿציק פֿונט, אויף פֿופֿצן יאָר אויסצוצאָלן. אָנהויבן וועט מען צאָלן נאָך זעקס יאָר, ווען די פֿינף דונאַם באָדן וועלן זיך באַהענגען מיט גאָלדענע באַלעמס, פּאָמעראַנצן. נאָר איין קלייניקייט: פֿאַר די הונדערט פֿופֿציק פֿונט וועט מען דאַרפֿן אָפּצאָלן... דריי הונדערט; דער טאָפּלט איז פּראָצענט.

פֿילאַנטראָפּיע האָט דאָ דערגרייכט אַ טאָפּלטן צוועק: אי גוטע געשעפֿטן — אין משך פֿון ניין יאָר (זעקס יאָר דאַרפֿן זיי דאָך סיי ווי וואַרטן ביז דער באָדן גיט ריוח) אַ פֿאַרגרע־סערונג צווייפֿאַך פֿון קאַפּיטאַל. אי מ'האָט אומשעדלעך געמאַכט די אומגיצגנט, פֿאַריאָגט אַלדאָס ביין, פֿאַרטריבן פֿון אַרום די פֿלאָנקנדיקע בעדואינער, פֿאַרוואַנדלט אַ מדבר אין אַ ישוב־די מיטגלידער פֿון דער „יאַפּע־פּלאַנטיישאָן" וועלן איצטער קו. מען אין אַ „ציוויליזירט אָרט" און נישט זיין אויסגעוויזן אויף געפֿאַר. די פֿופֿצן משפּחות, וועלכע מ'האָט סטראַטעגיש אַרומ־געזעצט ביי די ראַנדן פֿון דעם זיך בויענדיקן ישוב, וועלן עס דאַרפֿן זיין אַ שוץ־וואַנט פֿאַר די, וואָס קומען איצט אַלס גרויסע פּלאַנטאַטאָרן.

יאָ, מ׳האָט צוגעזאָגט די אַרבעטער־זידלער, אַז נאָך פֿינף דונאַם באָדן דערוואַרטעט זיי אין דער נאָנסטער צוקונפֿט. די אַנדערע פֿינף דונאַם באָדן וועלן אָבער, לויטן פּלאַן, אויב מען וועט זיי געבן (מ׳דאַרף לייענען: אויף אויסצוצאָלן פֿאַר גוט געלט), וועלן זיי זיין ווייט פֿון זייערע איצטיקע ווױן־פּלעצער. ווען אַן אַרבעטער וועט זיך פֿאַרגלוסטן אויפֿצוגעבן זיין מלאכה און לעבן פֿון דער קליינער ווירטשאַפֿט, באַגרענעצטער פּלאַנטאַציע, וואָס ביי צען דונאַם קאָן עס קלעקן, וועט ער זיך אָבער מוזן אָפּזאָגן, ווייל עס וועט פּשוט נישט זיין צוועקמעסיק און באַקוועם אַזוי אַרום אַליין, לויטן אָפּמאַך, אָן געדונגענע מענטשן, צו באַאַרבעטן.

נאָר פֿונדעסטוועגן, געפֿינען זיי אַ „טרייסט“, עס וועט נישט קומען דערצו. קיין נאָך פֿינף דונאַם וועט מען נישט קריגן. די ערד וועט שוין דאַן שטייגן. די געגנט וועט ווערן באַפֿעלקערט.

דער „פּיקא“ וועט נישט פֿעלן קיין בעלנים פֿאַר גוטע געלט.

איך זע פֿאַר זיך אָט דאָס אַנדער־האַלבן יעריקן דערפֿל. עס איז שווער צו גלויבן — אַ שורה מיט פּופּצן קליינע וויליצהייזקעס, אָפּגערוקט איינס פֿון אַנדערן מיט נישט קיין גרויסן שטח, איין שטיקל פּלאַץ פֿון אַנדערנס איז אָנגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט. אַ סימן פֿון שטרענגער פּריוואַט־אייגנטום. עס ווילט זיך קוים דאָס גלויבן, אַז דאָ, ווו עס גרינט און בליט און עס וואַקסן אַרויס די יונגע שיין געגרעפּטע ביימלעך, דער אָנזאָג פֿון פּאָמעראַנצן אין דריי פֿיר יאָר אַרום, אַז דאָ איז געווען אַזוי ווילד, אַזוי מדבּרדיק, ווי אין דעם גאַנצן אַרום, ווו נאָר עס פֿעלט דאָס אויג.

די אַרבעט פֿון די אַרבעטער־קאָלאָניסטן איז אַ פֿיבערהאַפֿטע. איך האָב געזען, ווי פֿיר פֿאַרטאָג איז מען שוין אויפֿן שטיקל פֿעלד. אַליין און מיטן ווייב. די קינדער זענען נאָך יונג און העלפֿן אויך צו. מען דאַרף אַריינכאַפּן אַ דריי שעה אויפֿן פֿעלד, איידער מען פֿאָרט אַוועק אין די דערבייאיקע שטעטלעך, אָדער נאָענטע פּרדסים צו דער געוויינלעכער אַרבעט. פֿאַר דעם טאָגלוין. און אַז מ׳קומט שפּעט פֿאַרנאַכט פֿון דער

אַרבעטן פֿון בנין־בוי, פֿון וואַרשטאַט, כאַפּט מען נאָך אַריין אַ שעה צוויי אויפֿן אייגענעם פֿעלד, ווי לאַנג די זון איז אַ גוטע און זינקט נישט אַרונטער ערגעץ ווייט, אין דער זייט פֿון ים...

און שבת, און יום־טוב, און דער רו־טאָג ווערט פֿאַר־וואַנדלט אין אַ שטיק מיזאַמקייט. אַ צו גרויסער קרבן קאָסט עס, דאָס „פּריוואַטע ווירטשאַפֿטל", וואָס קומט אַלס רעזולטאַט פֿון פֿילאַנטראָפּיע און דיפּלאָמאַטישער קונץ מצד בורזשואַזע געזעלשאַפֿטן. עס האָט אפֿשר אַ באַוווסטזיניקן צוועק: פֿאַר־וואַנדלען דעם אַרבעטער אין אַ קליין בירגערל. אָפּציען זיין פֿרייע צייט פֿון קאַמף און אויפֿקלערונג. ער דאַרף באַגראָבן דאָ זיין ענערגיע צוזאַמען מיטן ביסל שווייס, וואָס איז נישט אויסגערונען ביי דעם גיסן בעטאָן, אָדער אַרומגראָבן בוימער ביי דעם רייכן פֿלאַנטאַטאָר. עס איז אַ מעשה מיט אַ „מאָראַל", קיין געדונגענעם אַרבעטער טאָר מען נישט האַלטן. דאָס איז דער „אלף בית", וואָס די סוחריש־פֿילאַנטראָפּישע געזעלשאַפֿט האָט אָפּגעקינדיקט. מען דאַרף אַליין זיך איינשפּאַנען אין יאָך. אַרומאַרבעטן אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט ביי דעם, ביז עס וועט נאָכדעם אוממעגלעך זיין אָנצוהאַלטן און אָנצוגיין מיטן קליי־נעם „פּאַלוואַרק". און וועט מען עס מוזן אָפּלאָזן, דאַן וועט קומען דער פֿילאַנטראָפּ, דער „נדיב" און וועט עס מיט איין שאַר מיט דערהאַנט צונעמען. עס איז דאָך זיינס. ער וועט עס קענען האַלטן פֿאַר זיך, אָדער פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַ גוטן מקח. עס איז דאָך שוין מער נישט קיין ווילד שטיק ערד. עס איז איצט אַ גן־עדן, געשאַפֿן געוואָרן מיט שווייס, מידע אויגן פֿון אַ נאַכט נישט שלאָפֿן, מידע הענט פֿון אַ טאָג אַנדערע אַרבעט. אַזאַ שטיקל באָדן איז פּרוכטבאַר. בלוט און שווייס — אַ גוט שטיקל „קינסטלעכע באַמיסטיקונג".

— — — — — — — —

תל צבי וועט שוין, ווי אַנדערע ענלעכע ישובים, אויפֿ־בליען. אַ פֿראַגע נאָר, צי וועלן די, וואָס זייען איצטער מיט אָנשטרענגונג פֿון פֿאַרטאָגן און שפּעט אָוונטן, זיין די, וואָס וועלן שניידן די פּרוכט?...

אַ זאַלץ־דאָרף

די ערד אין אַטלית געהערט צו דער „פּיקאַ". די איינוווינער פון דעם „מושב" רופן עס פּשוט: דעם באַראָנס ערד, הגם ער האָט זי געקויפט פאַר פילאַנטראָפּיש־קאָנסטרוקטיווע צוועקן, איז אָבער דער באָדן געשטיגן. פיל־פאַכיק געשטיגן איז דעם באַראָנס פאַרמעגן.

אויף דעם דאָזיקן באָדן געפינען זיך די קינסטלעכע זאַלץ־אָזיערעס, וואָס געהערן צו דעם פאַלעסטינער זאַלץ־מאָנאָפּאָל. עס איז דאָרט אַ מאָדערנע זאַלץ־פאַבריק, אַ זאַלץ־דאָרף.

אַטלית איז איינגעטיילט אין דריי טיילן, און הגם עס איז נאָענט, אינגאַנצן אַ פופצן מינוט באַן־רייזע פון חיפה, זעט עס אויס, ווי אַ ווייטע, פאַרוואָרפענע געגנט, אַ מדבר.

אַטלית איז געווען די פעסטונג פון די קרייצפאָרער, דאָ האָבן זיי טאַקע אויפגעבויט זייערע פעסטונגען און פאַלאַצן. עס האָט זיי געלאָקט די פּאָזיציע, וואָס די רוימער האָבן דאָ פאַרנומען, אין שכנות פון די אַלטע היילן, אונטערערדישע קאַזאַרמעס, זיי האָבן געפונען שוץ און זיכערהייט אין די טיפע פעלדזן־אויסהוילונגען, רו און מנוחה אויף דעם פּרעכטיק־ווייסן זאַמד ביים ברעג פון ים.

פון דעם אַלעם איז געבליבן אַ שטאָט פון חורבות, אַ בנין פאַר אַרכעאָלאָגן, אַ פרייער מוזעום פון אַלע אָפּיצירישע קברים, זעלנערישע קאָשאַרן, פערד־שטאַלן פון פאַר טויזנטער יאָרן צוריק. מענטשלעכע סקעלעטן, ביינער פון פּרעהיסטאָרישע צייטן און איינגעגראָבענע דיקע, דיקע שטיינער־וואַלן, שוץ־ווענט, שפּייכלערס און אַרסענאַלן.

און צו דעם אַלעם שטייט נאָך אַ „יונגע" חורבה. די פעסטונג און פאַלאַץ פון די קרייץ־צוג־פאָרער, זיי שטאַרצן אַרויס אין דער לופט, פאַרוואָרצלט אויף פעלדז, אויף זאַמד און אין ים־וואַסער, אַ סקעלעט פון אַ גראַנדיעז ווערק, פון אַ וואָלקן־קראַצער. וויפל ערד־ציטערנישן עס זענען שוין אין יענער געגנט געוועזן, און דאָך — האַלטן זיך די חורבה־ווענט

און דער חורבה־טורעם, און מער ווי ער איז איינגעפאַלן, פאַלט ער נישט איין, און מער ווי ער איז איינגעשאָטן, צושיט ער זיך נישט. באַטראַכסט די ווענט, — געקליבן, סעלעקציאָנירט שטיין צו שטיין, צונויפגעקלעבט דאַכט זיך מיט מאַרך פון קינדערישע קעפלעך, מיט בלוט פון טויזנטער, טויזנטער שקלאַפן.

די לופט אין אַטליט איז פול מיט גליענדיקן מדבר־זאַמד און מיט זאַלץ. דער זאַלץ לייגט זיך אויף דער הויט, ווי אַ דינער שיכט פון געמאָלענעם זילבער, עפּעס גלאַנצט־אויף קעגן דער זון און ס'דאַכט, אַז ביזט איינגעדעקט געוואָרן אין זיל־בערנעם שטויב. נאָר דער „שטויב" עסט זיך אָבער איין אין פליש, אין בלוט, און רייסט און ברענט.

די געזאַלצענע לופט האָט פאַרטריבן די פויגל פון די פעלדזן אַראָפּ אין די היילן אַריין, אין די פאַרבאָרגענישן פון די רוימישע אונטערערדישע לאַבירינטן. די פייכטע פינצטער־ניש פון דער אונטערערדישער וועלט האָט אינגאַנצן פאַרענ־דערט די מראה פון די פייגל. בעת איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אין די אונטערערדישע „קאַנאַלן" מיט אַ ליכט אין דער אויפ־געהויבענער האַנט, האָב איך זיי געזען: צעשראָקענע פויגל מיט מאַלפּישע פנימער און בלינדע אויגן. זיי האָבן זיך נישט גערירט, נישט זיך צושריגן, געווען פאַרשטעקט אין די אַרויס־געשטאַ־צטע ווינקל־שטיינער, צונויפגעגאָסן מיט דעם חשכות. ערשט ווען מיר זענען שוין געשטאַנען ביי דער צווייטער זייט פון אַרויסגאַנג, האָט זיך דערהערט אַ מאויםדיק קראַקן, ווי קראָען־געשפּעטסטער, נאָכשיקנדיק אונז, די וואָס האָבן די לופט „געזאַלצן", טויטלעכע קללות מסתמא...

און די געזאַלצענע לופט, וואָס שניידט אונטער יעדע שפּראָצונג און געוויקס, האָט עס צונויפגעבראַכט גרופּן מענטשן צו דער אַרבעט פון פאַרשידענע טיילן אין לאַנד און פאַרשי־דענע שטעט אין אויסלאַנד. קינדער פון פאַרשידענע פעלקער, יידן און נישט־יידן. טייל — אויף שטענדיק, סטאַביל, אַנדערע — צייטווייליק. טייל האָבן דאָ זייער נעסט געבויט, אַ תמי־דיקע היים געמאַכט אין צייטווייליקע באַראַקן, אין הילצערנע

שטיבלעך, און אַנדערע—אַפילו אין הייזקעס פון שטיין און בעטאָן.

אַטליט, דאָס זאַלץ־דערפל, ליגט צוגעטוליעט נאָענט ביי די וואַסער־באַסיינען. דאָרט וואוינען אַן ערך עטלעכע דרייסיק משפחות. דאָס זענען די, וועלכע אַרבעטן אַ „גאַנץ יאָר". די וואָס האָבן כסדרדיקע פאָסטנס. פאַר דעם זכות פון כסדרדיקע שטעלן אַרבעט מען פאַר דעם „נאָרמאַלן" לוין, אַרום פינף און דרייסיק פיאַסטער אַ טאָג. די אַרבעט איז נישט קיין לייכטע, אַ אומגעזונטע, אַ שעדלעכע. די הויפּט־אַרבעט קומט פאַר צוויי מאָל אין יאָר און דויערט צו עטלעכע צוואַנציק טעג. דאַמאָלס דאַרף מען האָבן הונדערטער, הונדערטער הענט. מען דאַרף לייגן דאָס זאַלץ אין „פּיראַמידן", מען דאַרף עס פירן אין טאַטשקעס, מען דאַרף עס אָנשיטן אין בערג. דאַמאָלס ווערט דאָס שטילע, הייסע זאַמד־זאַלץ־דערפל אויפגעלעבט, אויפגע־וועקט די זאַלץ־באַלעבאַטים אַנאָנסירן אין די צייטונגען, אַז מען דאַרף „הענט", און ווייל עס הייסט, אַז ביים פירן זאַלץ פאַרדינט מען גוט, אַן ערך פיר דאָלאַר אַ טאָג, (מען צאָלט אָבער נישט פון טאָג, נאָר פון שטיק, פון דער „טאַטשקע". וויפל טאַטשקעס, אַזוי פיל צענער מילימס), יאָגט מען איינס איבערן אַנדערן. מען פירט דאָס וועגעלע זאַלץ איבער אַ שמאָל ברעטל, וואָס הויבט זיך באַרג־אַרויף, איבערן באַסיין צו דער קופּע, די טאַטשקע איז שווער און נישט איינער דרייט זיך אַ בער אין וואַסער אַריין, און נישט איינער ווערט דערפאַר אָפּגעזאָגט.

אַמאָל האָט מען צו דער אַרבעט גענומען די, וואָס זענען פאַרמשפט געוואָרן אויף שווערע תפיסה־אַרבעט, נאָר זינט מען האָט אָנגעהויבן „גוט" צו פאַרדינען דערביי, קאָנ־קורירט מען מיט די קאַטאָרזשניקעס. נאָר סיי־ווי, עס דער־ציילן אַרבעטער, אַז מער ווי אַ צען טעג קאָן מען ביי דער אַרבעט, ביים פירן דאָס זאַלץ, נישט אויסהאַלטן. ווונדן, שווערע ווונדן ווערן אויסגעגעסן אין לייב, נאָר די אַרבעט ברענט. עס האָט זיך צוזאַמען מיט דער פאַרגרעסערונג פון ישוב פאַרמערט די באַדערפעניש אויף זאַלץ. דאָ, אין דעם זאַלץ־דערפל, קאָן מען זען דעם וווּקס פון לאַנד, דאָ איז

פאַראַן אַ „דיאַגראַם". דער דיאַגראַם פון דער פּראָדוקציע־שטייגערונג. פ ן צוויי הונדערט טאָן זאַלץ אין די ערשטע צייטן איז ביז־איצט געשטיגן אויף צען טויזנט טאָן אַ יאָר. דאָס פאַרמעגן פון דעם זאַלץ־מאָנאָפּאָל פאַרגרעסערט זיך אויף אַזאַ קאָלאָסאַלער הויך. די רווחים פון דעם „מאָנאָפּאָל" זענען קאָלאָסאַלע. די עקספּלאָאַטאַציע ווערט אָבער גרעסער פון מאָל צו מאָל. פון די צוגעזאָגטע ווייזונגען פאַר די אַרבעטער, פאַר די שטענדיקע פּועלים, פאַר די 35 פּיאַסטערדיקע, האָט מען זיך באַגנוגנט מיט באַראַקן, ווי זיי הייסן דאָ „צריפים" — קעמערלעך צונויפגעשלאָגענע פון ברעטער.

אַמאָל איז דאָ געווען אַ ברייט געזעלשאַפטלעך לעבן צווישן די אַרבעטער גופא, אַ געמיינזאַמע קאָאָפּעראַטיווע קיך, נאָר עס איז אונטערגעגאַנגען. אינדיווידועלער, האַלט מען, איז באַקוועמער. די קינדער שיקט מען אַוועק אין „מושב", אין דער פּיקאַ־קאָלאָניע, וואָס געפינט זיך איבער דער צוויי־טער זייט באַן־ליניע. אַליין. נאָך דער אַרבעט, אָדער אין אַ שבת, זויערט מען זיך אויגערקעס, קאָנסערווירט מען גרינצייג פאַר די ווינטערדיקע טעג.

איצט איז שטיל אין זאַלץ־דערפל, דאָס וואַסער „שטייט זיך נאָך אָפּ" אין די ריזיקע סאַזשעלקעס. באַלד קומט אָן דער סעזאָן, עס זענען שוין אַראַנזשירט די אַראַבישע „ספּעציאַליסטן" פון פּיראַמידן־לייגן, וואָס דאַרפן אָנקומען פון מצרים. עס איז אַ כשרע געלעגנהייט פאַר די באַלעבאַטים צו האַלטן אַראַבער, ווייל עס וועט קאָסטן ביליקער. באַלד וועלן די זאַמד־ברעגעס ביים ים ווערן אָנגעפּראָפּט מיט יינגע מענטשן, וועלכע וועלן זיך שפּאַנען אין די טאַטשקעס, שפּאַנען אין די וואַסערן, קריכן אין זאַלץ און שלעפּן אויף בערג, גליענדיק פון דער מדבר־היץ און ברענענדיק פון די אייגענע ווונדן. דער־ווייל איז נאָך דער אויבערפלאַך פון די באַסיינען „געפרוירן" מיט די פאַרמירנדיקע זאַלץ־דעקן, וואָס זעען אויס ווי אַ דינער שיכט אייז, וואָס זילבערט זיך און גלאַנצט ווי אַ מאַטע גלאַז־דעק אַקעגן דער זון.

ע.מ ק

פֿון דער הויך, אויף די בערג פֿון נצרת, זעט אויס דער „עמק“, ווי מען קוקט פֿון אַ גאַלעריע אַראָפּ אויף אַ מיניאַטור־פּלאַן פֿון אַ געגנט, געמאַכט ספּעציעל פֿאַר אַן אויסשטעלונג.

גרין, טיף גרין, גלאַטיק ווייך פֿאַרן אויג, אַ שטילע דערפֿרישונג. די גרינקייט קילט, גלעט, ווערסט אייגגעהילט אין גילדקייט.

דער „עמק“ — אַ שיסל, אַ ריזיקע שיסל, אין וועלכער עס איז צעוואָרפֿן געוואָרן אַ היבש ביסל פּונקטן, קיבוצים, קבוצות, קאָלאָניעס און „מושב׳ס“.

אויף דעם גרינעם גרונט בלייבן זיך אַרויס אַט זי פּונקטן ווייסע בנינים, רויטע דעכער, עקאַליפּטוס־וועלדלעך.

זעסט פֿאַר זיך דעם ווייטסטן פּונקט. די לופֿט איז דורכזיכטיק, לויטער. דו זעכסט די ענד פֿון דריי שעה באַן־רייזע, ווי עטלעכע ווייטערדיקע שפּאַן. זעסט, ווי די זון צעשפּילט זיך איבער די דעכער פֿון בית שאן און די עטלעכע „טויבן־שלאַקן“ — די קבוצות בית אלפא און עין חרוד.

אַרום און אַרום געשיצט מיט די ווענט־וואַלן — די ריזן־בערג דאַכט זיך, אַז דער „אגד“־אויטאָבוס פֿאַלט אַראָפּ אין גן עדן התחתון, אין טאָל פֿון פֿרייד, אין אַן אַמפֿיטעאַטער פֿון אייביקן פֿרילינגס־פֿאַרגעניגן.

דער עמק יזרעאל האָט געקראָגן דעם פֿאַרקירצטן נאָמען „עמק“ מחמת ליבשאַפֿט און צערטלעכקייט. דער „עמק“ איז די מעקאַ פֿון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, די קרוין פֿון אויפֿטון, די גלאָריע פֿון מעשים!

די צווייטע פֿראַגע, וואָס מען וועט שטעלן אַן אַ־ייגגעקומענעם אין ארץ־ישראל, איז... צי האָט מען שוין באַזוכט דעם „עמק“.

דער עמק איז דאָס שפּיגעלע אַרומגעפּאַסט אין גרין־גאָלדיקן ראַמעלע.

איבער גאַס און וועג, שטאָט און דאָרף באַגעגנסטו,

חברותאָהדיק מחנות שפּאַנען אין ריטם פון אַן אײנטאָניק ליד, וואָס באַשטייט פון דריי ווערטער:

„עמק, עמק עבודה!"

די דריי ווערטער ווערן שטאַרק עקספּלואַטירט, געדרייט אין אַלע זייטן, און עס ווערט נישט נמאס צענדליקער מאָל צו זינגען און הונדערטער מאָל, ניין, טויזנטער מאָל צו הערן און מיטזינגען און מיטשפּאַנען: —

„עמק, עמק עבודה — דער עמק, דער עמק פון אַרבעט!...

דער צענטער פון עמק איז עפולה. אַ קליין פאַנאַנדער־געוואָרפן שטעטל' קראָמען און רעסטאָראַנען. מיטן אויפבלי פונם עמק האָט דאָ געזאָלט ווערן אַ הויפּט־שטאָט. אַמעריקאַנער האָבן אַפילו געמאַכט באַדייטנדיקע אינוועסטירונגען, נאָר עס האָט נישט אָנגענומען. נאָכאַמאָל קיין תל־אביב שאַפט זיך נישט. עס ליגט אין דעם אַ מין באַשיצונג, אַ שטיקל נס. אַ שטאָט, אַ גרויס־שטאָט אין עמק וואָלט אָפּגעווישט דעם פּויערישן כאַראַקטער פון דער אומגעגנט עס, וואָלט צוגענומען די ליניעס פון אַ באַשטימטן חן, דער „עמק" וואָלט זיך אונטערגעגעבן, אונטערגעבראָכן, כאָטש מען ווייסט נאָך נישט, ווי עס וועט זיך אויסשפּילן. די אייגנטימער פון די פאַרצעלירטע פּלעצער אויף דעם שטיקל שטח, וואָס הייסט עפולה, און וואָס די נייע באַ־לעבאָטים ווילן דווקא אָנרופן „עיר יזרעאל", גייט ווינציק וואָס אין כאַראַקטער פון דער געגנט. עס דאַרף ווערן אַן אויפשרויף אויף באָדן. עס דאַרף אַרײנבריינגען רווחים, עס דאַרף אַ יאָג טון זיך דער פּרייז.

נאָר דערווייל איז נאָך עפולה נישט מער, ווי אַ מין שטיקל סטאַציע פאַר דער באַן, אַ דורכפאָר־פּונקט, אַן אויטאָ־בוסן־קנופּ צווישן חיפה און ירושלים, אַן אָרט פאַר אַלערליי מעקלערס, אַן אכסניה פאַר מנחם־מענדלס.

פילסט שוין דאָ, אין שוואַכן זאַק, ווי זאַפטיק, אימ־פּולסירנדיק עס טרייבט דאָס בלוט אין די אָדערן — אין די קיבוצים, זעסט פאַר זיך דעם עכטן, דעם אידעאַל־דערהויבטן טיפּ,

דעם מענטש פון סערפ און קאסע, דעם פארוואָרצלטן פעלד־מענטש, דעם פויער־טיפ, דעם נישט־געקינסטלטן, דעם נישט זיך איינגערעדטן מאָדע־אידעאַליסט.

דיר דאַכט, אַז די, וועמען מען באַגעגנט אויף דער סטאַציע, אין באַן־וואַגאָן, אין רעסטאָראַן, זענען די פויערים פון עטלעכע גענעראַציעס. דיר דאַכט, אַז אויפן פנים ליגט דאָס צעאַקערטע פעלד, אויף די צעקאָרבטע, פון היץ איבערגעשפּאָלטענע, ליפּן ליגט אַ גליענדיקער זומער־טאָג. דורכגעטרוקנטע ווי אַ בוים, וואָס וואַרט אַ לאַנגן זומער אויף אַ טראָפּן רעגן־וואַסער; זענען די ברעמען, די וויעס פאַר די אויגן ווי פאַרדאַרט, פאַרוועלקט גראָז. שטיקער שטויב, ווי האַרטער פעלז.

באַגעגנט מען פרויען — זענען זיי אין דער אַרבעט פאַרמאַנספאַרשוינט. עס האָט געמוזט אַ גרויסע רעוואָלוציע פאָרקומען אין אייגן בלוט איידער די פרוי האָט זיך אונטערגעגעבן; אָפּגעשיילט פון איר ווען דאָס צאַרטע ווייבלעכקייט און זיך איינגעשפּאַנט צוגלייך מיט איר בחור אין אָט דער אויסערלעך האַרטער, רויער אַרבעט, וואָס האָט אינעווייניק אַ ווענטלעך געזאַנג, אַ מילדקייט און פּאָעזיע.

די בלויע לייוונט־בלוזע; די שטאַרקע צייג־הויזן; דאָס דאַשעק־היטל — דאָס איז די „טראַכט” פון עמק. דאָס קאָפּ־טיכל פאַרבונדן איבער די אויערן; די שוואַרצע סאַטין־לייוונטענע ברייטע און קורצע הייזעלעך; די איינפאַכע בלוזע מיט די נאַקעטע אָרעמס — די באַשטענדיקע הלבשה פון דער פרוי. די דערקענסט זיי פון דער ווייט. זיי מאַכן דיר נאָענט, דער ווינטל לויפט אַריבער איבער זייערע פאַלדן און ברענגט דיר אַ נאָענטקייט, אַ היימישקייט.

איין שעה מיט דער באַן, צי מיטן אויטאָבוס פון חיפה און עס איז אַזאַ ווייטקייט, אַזאַ פרעמדקייט. דיר דאַכט; אַז האָסט שוין קיין שטאָט נישט אָנגעזען פאַר טעג לאַנגע רייזעס עס ווירקט די סביבה, עס ווירקט די אומגעבונג, עס ווירקט דער כאַראַקטער פון דער אומגעגנט.

און גלייכצייטיק זעסטו שוין דעם פאַרביסענעם ארץ־ישראל

וואָס האָט מיט דער אַלטער היים איבערגעריסן אַלע פעדים. פֿאַר אים דאָ עקזיסטירט נישט דער מין „חוץ לארץ" אין ברייטער אויפֿפֿאַסונג. ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט פֿון דעם „דאָרט", און במילא פֿון דעם „גלות־לשון". דאָ איז ער, דער עמק־מענטש, מער קאָנסעקווענט פֿון זיין חבר ערגעץ־ווו, ביי דער וועב־שטול אין רמת גן, אָדער ביי דעם פּאָמעראַנצן־בוים אין פּתח־תקוה, ביי דער בעטאָן־גאַס אין חיפה, אָדער ביי דעם שטיין־קריץ אין ירושלים. דאָ ווערט קיין יידיש וואָרט נישט געברענגט אויף די ליפּן. אַלץ, וואָס דאָס יידישע לעבן האָט געשאַפֿן און אויפֿגעטון אין גאָר דער וועלט, איז אים פֿרעמד, דעם עמק־מענטש. דאָס האָט גורם געווען אַפילו צו אַ געוויסער גאווה, דער עמקער האַלט זיך בכלל פֿאַר דעם אויסדערוויילטן, פֿאַר דעם „הארץ און נשמה" פֿון ארץ־ישראל, דאָס צאַפּל־קינד פֿונם ישוב. פֿעלט במילא אַ טייל פֿונם אינערלעכן ציטער ביי יעדער נייער דערשיינונג, איז במילא נישטאָ דער העלער אויפֿפֿלאַקער, וואָס ברענגט אָמאָל צוימען און מאַכט מענטשלעכע טעותים. אין עמק איז מען באַזאָרגט און מיושבדיק. מיוחסים. נאָר דער יחוס־בריוו איז דאָס באַאַרבעטע פֿעלד, דער מיט אָנשטרענגונג געזוכטער און געפֿונענער ברונעם, דער גרין „געפֿאַרבטער" טאָל פֿון באַרג ביז באַרג, די גאָלדענע שטראַלן, וואָס קומען פֿון דער ערד — די זאַנגען.

אַלץ פֿאַר דער ווירטשאַפֿט! — דאָס איז דער געבאָט, די לאָזונג. ווען מען זאָל קענען זיך אַליין איבעראַקערן און איבעראַנדערשן, וואָלט מען עס, דאַכט זיך, מיט שמחה געטון. עס איז פֿאַראַן אַ ציל אַזאַ, אַן אומבאַשטימטער ציל, אַ הערלעכער. נישט קיין יחיד־ציל, נאָר אַ קאָלעקטיווער באַגריף. עס מוז היי־יאָר צוקומען אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל איינפֿירונגען אין קיבוץ. דער איינצלנער וועט נישט געניסן, זיין פּאָרציע פֿלייש וועט נישט פֿאַרגרעסערט ווערן, זיין אַרבעטס־צימער וועט נישט פֿאַרקלענערט ווערן, ער וועט נישט באַרייכערט זיין מיט באַקוועמלעכקייטן. עס איז נאָך אַלץ נישטאָ קיין גענוג צימערן צו וווינען און מען „לעבט דורך" אין הילצערנע באַראַקן.

דערפֿאַר ווערן געבויט עס־צימערן, שפּ־זאַלן — זענען עס פּאַלאַצן גאַנצע מיט קאָמפֿאָרט, ווי אין ערשטקלאַסיקע האָטעלן, ווי אין פֿאַרווייל־ונגס־ערטער. דער עס־זאַל אין עין־חרוד מאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ קאַסינאָ אין אַן עלעגאַנטן פּענסיאָנאַט, געבויט לויט דער עסטעטיק פֿון לעצטן וואָרט אין דער בוי־קונסט, און דער לייען־זאַל אין בית־אלפא זעט אויס, ווי אַ געמיטלעכער ווינקל אויף אַ רייכער לוקסוס־יאַכט־שיף.

דער לייען־זאַל, דער עס־צימער, די בהמות־שטאַל, די הינער־נעסטן, דאָס זענען בנינים פֿאַרן כּלל. דער כּלל איז דער ערשטער—דער קיבוץ איז בילכער. אַז אַלץ וועט זיין באַזאָרגט, וועט מען בויען הייזער אויך געווג פֿאַר זיך, פֿאַר די אייגענע מידע ביינער, זיי זאָלן זיך אויסרוען אין דער געמיטלעכקייט פֿון אַן אינדיווידועלן צימער נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט.

נאָר פֿונדעסטוועגן האָב איך באַמערקט אַ געוויסן שבט־אָפּשניט פֿון קיבוץ צו קיבוץ. ווייל דאָ זענען די קיבוצים נעענטער, צוגעטוליעטער איינס צום אַנדערן, און געוויסע פּראַגן פֿאַרגעמיינזאַמען זיי. איז דאָך פֿאַראַן אַ לאָקאַלער פּאַטריאָטיזם, וואָס דערגייט אַפֿילו צו שנאה פֿון איינעם ביזן אַנדערן. אָפּטמאָל איז דער גייַסט איבערצושטייגן די אַנדערע, וואָס האָבן זיך שוין אָרויפֿגעאַרבעט אויף אַ לייטישן „עס־צימער“, גרויס און ברעגגט נוצן. אָבער אין ת״ך איז פֿאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס ס׳קאָן ביי אַ פֿאָרזיכטיקער באַאָבאַכטונג אויסגעטייטשט ווערן, ווי מורא פֿאַרן קאָנקורענט. „תל יוסף“ און „עין חרוד“ ליגן ממש, ווי צוגעטוליעט איינס צום צווייטן. עס איז עטלעכע מינוט גאַנג פֿון איין קיבוץ אין אַנדערן, נאָר עס איז אַ מהלך ווייט אין באַגריף. דורך אַ נישט פֿאָרזיכטיק איבערגעלאָזענער טיר־שפּאַרע האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער אינדיווידואַליסטישער בעדויִנישער שבט־גייסט.

דער יחיד עקזיסטירט נישט, אָבער דער כּלל אין ברייטן באַגריף—אויך נישט. דער יחיד איז דער קיבוץ. אַ משפּחה: אַ גרעסערע צי אַ קלענערע, אָבער יעדער גליד פֿון דער קיבוץ־משפּחה שטרעבט, אַז נאָר זיין גוט זאָל זיך פֿאַרגרעסערן, דאָס

האָב פון זיין קיבוץ זאָל זיך פאַרמערן. עס איז ענגער, ווי פּאַטריאַטישקייט. עס איז משפּחהשאַפט. מיר דאַכט, אַז אַ חוץ דער געשריבענער אידעאָלאָגיע פון די קיבוצים איז נישט פאַראַן דאָס אינערלעכע אמת־אָרגאַנישע, וואָס זאָל מאַכן דאָס קאָלעקטיווע לעבן פאַר אַ באמת אידעישן קאָלעקטיוו.

בית אלפא רעכנט זיך פאַר דער קרוין פון עמק. בית אלפא איז טעריטאָריעל, ווי אַצוגויפגעוואַקסענער צווילינג מיט אַ צווייטן קיבוץ–„חפצי־בה". כמעט איין הויף, נאָר צוויי באַזונדערע ווירטשאַפטן און מיט באַזונדערע, מעגלעך קעגנזייטלעכע אינטערעסן. בלויז דאָס קינדער־הויז, די שול איז אַ געמיינזאַמע; און דאָס אַליין איז שוין צום גוטן.

אין בית אלפא איז פאַראַן עפּעס, וואָס מאַכט אָנגענעם און מילד. מילדער און גלעטנדיקער אויפן האַרץ, ווי אין אַסאַך אַנדערע „קיבוצים". עפּעס איז דער סאָציאַלער מאָמענט דאָ ווירקנדיקער און מען דערפילט אים. עפּעס טראָגט זיך דאָ אַרום אין דער לופט אַזוינס, וואָס ס׳האָט צו טון מיט גייסט אין העכערן, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, אין הימלישערן זין. געווען צייטן דאָ, ווען יעדער פון קיבוץ איז געווען אַ בעל־חלומות. עפּעס האָט מען זיך אַרומגעטראָגן מיט אויסטערלישע אידייען, אַ גאָט־זוכעניש אין דער באַהעפטונג מיט דער ערד. דאָס גרויסע געטלעכע האָט געדאַרפן קומען אין די באַנייטע לעבנס־פאָרמען. פון דעם פאַרזייטן שווייס אין דער ערד האָט געדאַרפן אַרויסשפּראָצן צוזאַמען מיט דער זאַנג אויך יענער פאַרהוילענער אמת, וואָס מען האָט אים געזוכט איבער די אומענדלעכע פעלדער און אויף די אומדערגרייכבאַרע הויכקייטן פון די קאַרפּאַטן־בערג. אַרום דער אייגענער שוועל ביי דער טיר פון דער אַלטער היים האָט געבושעוועט די אַסימילאַציע. נאָר די אַסימילאַציע האָט נישט באַפרידיקט. די תכלית־זוכעניש פון די עלטערן האָט קיין צוועק נישט דערגרייכט. די יוגנט איז געקומען אַהער צו טרינקען דאָס פאַרהוילענע ליכט, וואָס דאַרף זיך דאָ אין דער אָנזיכט פון די גלעד־בערג אַנטפּלעקן.

און אַז עס האָט זיך נישט אַנטפּלעקט, האָט יעדער אָנגעהויבן אין זיך אַליין זען דעם עיכּוב, די סיבה פון אויפהאַלט. און אין דער אויפריכטיקייט פון דער דערוואַרטונג האָט מען זיך אַליין מתוודה געווען איינער פאַרן צווייטן און דער יחיד פאַרן כּלל. דאָס אַלטע אָפּגעבלייכטע וואָרט פון די נביאים האָט זיך, ווי עס האָט זיך אָט די יוגנטלעכע גערעדט, ווידער אָנגעצונדן. קאָן זיין, אַז יעדער אין דער שטיל האָט געטראַכט, אָדער ער האָט זיך געמאַכט טראַכטן, אַז ער טראָגט אין זיך דעם ניצוץ פון אַ נייעם משיח־געבורט. עס איז שיעור נישט אַנטשטאַנען אַ סעקטע, אַ רעליגיעז־פילאָזאָפישע סעקטע, וואָס האָט אין געדאַנק דורכגעמאַכט עקספּערימענטן פאַר אַ נייער לעבנס־פאָרם. איז גוט אַ מאָראַלישער סאָציאַליזם? איז גוט גייסטיקער תּיקון אין ערלאָטישער געמיינזאַמקייט. נאַטירלעך, די פּראַקטישע צייט און דער בויענדיקער לעבנס־אימפּעט האָט זיי, די בעלי־חלומות אַראָפּגעצויגן פון די הימלישע פעלדער צו די ערדישע. בית אלפא איז נישט אָפּגעשטאַנען, ווי ערגעץ אַנדערש; גאָר אומגעקערט. מען האָט דעם וועג געפונען אויף רוי־ערד, צווישן שטיינער און איבער זומפּן. די בית־אלפא׳ער גרינס־פּראָדוקטן האָבן אַ שם אין די גרויסע שטעט. דער בית־אלפע׳ר שאָפּן־קעז איז פון ערשטער קוואַליטעט, און פאַר אייער, וואָס טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל „בית־אלפא״, צאָלט מען אַ העכערן פּרייז.

נאָר עפּעס איז געבליבן פון דעם אַמאָליקן גייסט־מצב, עס האָט זיך איצט אויסגעדרוקט אין קונסט־פאָרמען. צווישן די אָן אַ שיעור קיבוצים, וואָס איך האָב דורך דער צייט באַזוכט, האָב איך נישט געזען אַזוי פיל באַגאַבטע יוגנטלעכייט. זייערע געשריבענע זשורנאַלן זענען די באַשטעט־קונגען צו דער באַהויפּטונג. די עקספּראָמט־צייכנונגען, מאָלערייען און קאַריקאַטורן פון די אייגענע קינסטלער, וואָלטן, ווען דאָס וואָלט געווען נישט קיין אַקערבויער־קיבוץ, נאָר אַ קינסטלער־קרייז, שוין פאַרנומען אַ גאַנץ אָנגעזען אָרט.

דער צופאַל אַליין האָט שוין צוגעשפּילט, אַ מאָל אין יענע גייסטיקע צייטן״ וואָלט מען דאָס אָנגענומען פאַר אַ

צייכן, אַ סימן פון אַנטפּלעקונג, וואָס גראָד אויף דעם הויף פון בית־אלפא – האָבן עטלעכע קיבוצניקעס, גראָבנדיק אַן אָפּלויף־קאַנאַל פאַר די בערג־וואַסערן, אָנגעטראָפן אויף דער מאָזאַיק פון אַ... שול. איצט געפינט זיך שוין דער גאַנצער מאָזאַיק־פּאָל מיט די פאָרמען און פונדאַמענטן, די הערלעכע פיגורן־אויסלייג, טעפּיכער און באַצירונגען, געמאַכט פון די קלענסטע שטיינדעלעך מיט דער גאַנצער פרישקייט פון אַרום אַנדערהאַלבן טויזנט יאָר צוריק, אין רשות פון ירושלימער אוניווערזיטעט, איינגעדעקט מיט אַ מאַסיוון־צעמענט־בנין, אויף וואָס די רעגירונג האָט אויסגעגעבן קנאַפּע טויזנט פונט.

דער עמק גרויסט זיך מיט זיין קולטור־שווונג, מיט זיינע פעסט־שפּילן אין ברייטער פאָרם אויף דער פרייער נאַטור: די מאַסן־אויפפירונג פון „דיבוק", פון „גולם", פון דער „גאָלדענער קייט", און איצט הויבט זיך, ווי אַ ריזיקער טורם צו די וואָלקנס די זיך בויענדיקע אָפענע פעלד־בינע פאַר טעאַטער־פאָרשטעלונגען, פאַר פעסט־פייערונגען, פאַר שפּיל־יום־טובים

מאַלעריש איז עס אַ גרויסער דיסאָנאַנס: אַ בינע פון קאָנקריט, אייזן־צעמענט און שטאָל. עס איז אַזוי האַרט און פרעמד עלימענטיש קעגנאיבער דער נאַטירלעכער בינע – דער אַמפיטעאַטער, די גלבוע ריזן, וואָס האָבן איצט איבערגעטוישט דאָס באַטאַגיקע, גרין־געלבלעכע קלייד און זיך אָנגעגאָסן אין ראָזלעכן פּורפּור – אַ הערלעך ראַמפּע־ליכט, געגאָסן פון דער זינקנדיקער זון.

צפת — אַ שטאָט אַ טאַרבע

אַן אימיטאַציע פון אַלט־ירושלים, אַ פיליע פון מאה־שערים, אַ שטאָט, וואָס איז שטיין געבליבן אַ פאַרעקשנטע און אַ פאַרשלאָסענע. ווי מיט דורות צוריק, אַזוי איצט.

צפת. עס טראָגט זיך אַן אַטלעסענער רויש, ווי דער שאָרך פון בית־עולם־ביימער, ווי אַ האַלב־נאַכט־געמורמל פון בלעטער. פאַר לאַנגווייל זענען די מתים אויפגעשטאַנען, אַרויס

פון זייערע קברים און שפּאַצירן איבער די שמאָלע געסלעך, אָנגעלעגטע אויף די שטעקעלעך, אויסגעדאַרטע די טריט, ווי די קנאָכן־ביינער וואָלטן שוין געהאַט איינגעגאַנגען, נאָכ־געלאָזטע זאַוויאַסעס...

די לופט איז דאָ קיל, פריש. אין די הייסטע היצן אָטעמט דאָ אַ באַרג־ווינטל, וואָס טראָגט אָן שמעקנדיקע ריחות פון ווילדע געוויקסן. צפת ליגט אויף אַכט־הונדערט מעטער הויך, נאָר דער מענטש דאָ איז שלאַבעריק און מהיכא תיתאָ־דיק. דער רויש פון בויענדיקן לאַנד האָט דאָ אַהער נישט דערגרייכט. עס איז אַלץ, ווי געווען. עס האָט זיך גאָרנישט געענדערט.

זשופּיצעס, ברייטע גאַליציאַנער קאַפּעליושן, ירושלימער געשטרייפטע שלאָפראָקן, ווייסע זאָקן און לאַטשן. פּאות, בערד, אַלערליי בערד, פאַרקאָלטענטע און פאַרקרייזלטע, לאַנגע און שפּיציקע. פּאות ביז אויף די אַקסלען ביי יונגע קינדער, לאָקן אַראָפּגעלאָזטע ביז די אַקסלען, איבער די אַקסלען, אַרבע־כּנפותלעך ברייט צופלאַטערט. גליענדיקע אויגן פון בלייכע פּנימלעך אַרויס. אַ פּויליש־יידישער „עך” און „יאַך”, „עטץ” און „ענק” -- אַפילו פון צוויי־דריי דורות געבוירענע דאָ. גמרא־ניגון דריידלט זיך אַרויס פון געעפנטע שמאָלע פענסטער, וואָס זיצן אין די ווינקלען פון דיקע מויערן. הייטערער פּילפּול וועגן „רב טרפון און רב פפא...” הייזעריקער, אָן צייי־נערדיקער פאַרטייטשן אַ שטיקעלע „נדה...” דאָס אַקצענטירן מיטן טראָפּ ביים מעביר זיין די סדרה, און פון ערגעץ ערגעץ אונטער אַ פלויט פון אַ „חדר” בעתן שפּילן אין „גריבלע” רייסט זיך דורך אַ „וועלטלעך” געזאַנג פון קינדער, וואָס פאַרגעסן זיך: --

„עמק עמק עבודה!...”

. . . .

צפת איז פון דער פּראָפּעסיע פרום. עס איז די פעסטונג פון דער „חלוקה”; איבער דער וועלט זענען אין פרומע, צי אין נישט־פרומע יידישע הייזער צעהאָנגען פּושקע־

לעך; פושקעלעך פון ר׳ מאיר בעל נס און פון אנדערע „בעלי־ניסים״. שטילע און גאטספארכטיקע ווייבער ווארפן דארט אריין א מטבע און כיטרע משולחים פארן ארום איבער שטעט און שטעטלעך און זאמלען צונויף אט דאס צדקה־געלט. די גבאים פון די כוללים צוטיילן עס גלייכע חלקים; א העלפט בלייבט ביי זיי און די אנדערע העלפט „גייט פאר ארץ־ישראל״. דער משולח נעמט ווידער פון דער אנדערער העלפט מער ווי א העלפט פאר זיך, און פון דעם קנאפן פערט־חלק קומט אן קיין צפת צו די דאזיקע גבאים א העלפט און זיי צוטיילן עס ווידער...

נאר איך בין שוין נישט מחויב צו קריכן אין די טי־פעניש פון דער חלוקה־מאטעמאטיק. איך פארלאז זיך אויף די יידן, וואס לעבן פון „חלוקה״. אזעלכע דארף מען נישט זוכן. זיי פלאנטערן זיך ביי די דורכפארנדיקע אויטאס, זיי קריכן אום ביי די האטעל־טירן און שלייכן זיך איבער די גאסן. זיי זענען צופרידן אויסצורעדן זיך „דאס הארץ״ פאר א צופעליקן דורכפארער. אונטער די לאנגע ברעמען, וואס זעען אויס ווי שפינוועבס פון עקזאטישע שפינען, גליען־אויף שאטנס פון פייערלעך, אפשפיגלונגען פון ווייטע פלאמען. דאס איז זייער פראטעסט, זיי הויבן אויף די שטעקעלעך און טייטלען סימבאליש, ווי שטראפנדיקע נביאים און ווייזן אין אלע פיר ווינקעלעך פון דער שטאט: די און די מויער געהערט צו דעם און דעם חלוקה־גבאי פון דעם און דעם כולל!... און טאמער מאכט עס נישט קיין ווירקונג, דערציילט מען אין בילדערי־רישער שפראך וועגן דער פארשווענדעריש רייכער חתונה, וואס יענער און יענער גבאי פון יענעם און יענעם כולל האט גע־מאכט פאר זיין טאכטער, וועגן לעגענדארן נדן און איבער־געטריבענעם אויסשטייער.

הויבסטו זיך אן צוהערן צום „פראטעסט״ — דאס אנ־צייענדיקע מויל זוכט אן אויסדרוק פון צארן, נאר געפינט נישט. מיטאמאל הויבסטו אליין אן ווערן אים פארדעכטיק, עפעס באדאכט ער זיך, אז אייגנטלעך שטייט דאך פאר אים

אַ דייטשל... אַ נישט דאָ געדאַכט, אַ חלוץ!... אָט אָ די, וואָס האָבן געבראַכט דאָס אומגליק אויף דער וועלט און בפרט אין ארץ הקודשה... גיט ער אַ שפּײַ אויס, לאָזט דיך שטיין און אַנטלויפט.

אָט דער דאָזיקער חלוקה־ייִד, וואָס לעבט אַ גאַנץ לעבן פון „נעמען״, האָט אַוועקגעלייגט זײַן חותם אויף דער שטאָט. ער האָט נישט דערלאָזט דעם אָפּקלאַנג פון ווייטן האַמער אײַ־בער זײַנע מויערן. ס'איז שווער צו וויסן, צי איז מען אין צפת אויף אַן אמת פרום. עפּעס האָב איך נישט קיין צוטרוי פאַר „פרומקייט פון באַרוף״... נאָר שנאה איז פאַראַן צו די היינטוועלטיקע, און די גבאים געוועלטיקן איבער דער שטאָט. לעבן אויס זייער פויל לעבן. אַ מאָל האָט צפת געהאַט אַ נישט־קשהדיקע פּרנסה פון... שטאַרבן. מען האָט געמאַכט אַ לעבן פון טויט. עס זענען געקומען זקנים פון אַלע וועלט־עקן דאָ שטאַרבן. די שמשים, אויך איצט, אַז זיי דערזעען אַ „נײַ פּנים״, באַפאַלט מען אים מיט פאָרשלאָגן: „יונגערמאַן, איר זוכט אײַער זיידן? אײַער עלטער־זיידן? זאָגט מיר נאָר, ווי ער האָט געהייסן, און מיר פירן אײַך צו אים״. הויבסט אָן טראַכטן: ווער ווייסט, אפשר ליגט דאָרט אויף דער שטייניקער באַרג־ערד אַ סקעלעט פון אַן אור־זיידע? פאַר עטלעכע פיאַס־טער וועט ער אײַך פירן. אַ דאַמע, וואָס שטייט־איין אין מײַן האָטעל, נאָכדעם, ווי זי האָט זיך צוריקגעקערט פון בית־הק־ברות, האָט נעבעך פאַר מיר אויסגעדריקט איר ספק, צי איז זי טאַקי געווען בײַם קבר פון איר עלטער־זיידן? זי איז ספּע־ציעל געקומען פון אַמעריקע: אַ סברא, אַז מען האָט איר אָפּ־גענאַרט...

גאַס, געסל, באַרג־אַראָפּ, נידעריקער טאָל, אונטן, אינטן... גייסט איבער דער אַלט־שטאָט, און ס'דאַכט, אַז ערגעץ פירן דיך געפלאַסטערטע שטיינער, וואָס זעען אויס, ווי טרוקענע, גלאַנציקע ביינער, אין אָפּגרונטן, אין תהומות אַרײַן. שמאָלע געסלעך, פאַרצייטיקער שניט. צווישן מויער און מויער — אַ גע־

דיכט שפּין־געוועב. מיט עקשנות זעגט דורך די זון אַ ווינקל פון אַ וואַנט. דורך וואַנען און פון ווו האָט דער שטראַל־בליק זיך גענומען? ווער ווייסט! אַ געשטאַנק פון שעפּסן־פלייש, פאַרלייגט פון פליגן, הענגט אין פּראָנט פון דער יאַטקע. געוועלב־לעכער. שטיין־טרעפּלעך, וואָס פירן ערגעץ ווו אין אַן אויסהויל אַריין, וואָס רופט זיך „ווינונג". אין די רינשטאָקן וואַלגערן זיך קישקעלעך פון קעלבער, בלאָטיק, און זעען אויס, ווי טויטע שלאַנגען. דו גייסט אַלץ באַרג אַראָפּ, אַראָפּ, נידעריקער, זינקענדיקער, און מיט דיר גייען מיט אַראָפּ די אַלטע שווערע מויער־הייזלעך, געקאַלעכט אויף בלוי... אונטן... אונטן!..

אָט ווייזט מען דיר דעם נייעם „האַנדלס־צענטר". ס'האָט די שטאָט געוואָלט מאַכן אַן אויפטו. אַרויסלעפּן דעם סוחר פון די פּגרים־שטשאָנקעס און אַריינזעצן אין נייע, ליכטיקע, גרוימע, בעטאָנירטע מאָדערנע קראָמען. מיט אַ פּלאַזע אין פּראָנט. נאָר די סוחרים האָבן זיך נישט געאײַלט דעם אָנבאָט אָנצונעמען. מען האָט זיך נישט גערירט פון די ערטער. דער „מרכז" שטייט געשלאָסן, ווי אַ גרויסער ליידיקער באַזאַר אין אַ קליין שטעטל. צפת וועט נאָך לאַנג נישט איינפירן קיין נייע רעפאָרמען.

און די עטלעכע יונגעלייט פון די ווינציקע אין שטאָט דערציילן מיט ביטערקייט, אַז אין יענע טעג, איידער יידן האָבן זייערע העלוזער אויסגעשטרעקט פאַר דער שחיטה, האָט מען וועגן דעם אין די קיבוצים געוווסט. די זעלבסט־שוץ האָט דאָס אויסשפּיאָנירט און מען איז מיט לאַסט־אויטאָס געקומען גרייט צו העלפן און פאַרטיידיקן. איז די קהילה פון עיר הקדושה צפת אַרויס מיט שטעקנס און קללות צו פאַרטרייבן די פושעים, מען האָט נישט געוואָלט אָננעמען די הילף און נישט אַריינגעלאָזט די שיצער אין די סטראַטעגישע פּונקטן, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעוויילט אין יידישע הייזער. די זעלבסט־שוץ איז אַוועק. דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעפאַנגען און דער טויטן־שאָטן פון יענע טעג הענגט נאָך היינט איבער דעם ליידיקן, לאַנגווייליקן און אומעטיקן צפת.

מען זאָגט מיר, אַז דער גליוועד איז געבליבן אַזוי זינט דער שחיטה פון 1929, אַז דער קאַפּיטאַל, וואָס רינט אַריין אין לאַנד און צעגייט זיך אין די אָדערן פון תּל־אביב און חיפה, שטייגט נישט אַהער. עס ליגט אַרום אַ נאַטור, וואָס קאָן קראַנקע געזונט מאַכן, עס ליגן אַרום די בערג אין טויזנט פאַרביקן כּישוף, טויזנטער ניואַנסן צעשפּילן זיך דאָ בעת זון־אויפגאַנג און נאָך מער — ביי זון־אונטערגאַנג. קאָן זיין, אַז אַמאָל, אין פופצנטן יאָר־הונדערט האָבן די פאַרטריבענע פון שפּאַניע זיך דאָ זייער אָפּרו אויסגעוויילט. אין פּראַכט פון די בערג, אין די לאַנגע, אומענדלעך לאַנגע שאָטנס פון די בערג־שפּיצן, וואָס לייגן זיך איבער דער צושרפּהטער ערד, האָט מען געמיטלעכקייט געפונען. און שפּעטער שוין, אין דעם ווינקל, פון וואַנען גאָטס שיינקייט אַנטפּלעקט זיך מער ווי ערגעץ־אַנדערש־ווו, האָט מען די ישיבות געבויט — און מענטשן, שווייגער ווי די נאַטור אַרום, האָבן אין די בערג־אַרומגאַרט־לונגען אַרומגעבלאָנדזשעט אויף טעג פאַרפאַלן געוואָרן ביז זיי זענען געוואָרן אַ צונויפגאָס מיט אָט דער נאַטור און עס איז לייכט געווען, אַז זייער מוח זאָל יעדעס ווינטעלע אויפ־כאַפּן, ווי איבער־קול, ווי אַ שטים־אָפּרוף, ווי „דאָס וואָרט פון גאָט" דורך רמזים און פאַרהוילונגען.

און צפת איז פול געוואָרן מיט די בעלי־קבלה.

נאָך איצט איז פון דעם אַ גראָשנדיקע פּושקע, אַרום וועלכער עס זענען זיך מתעסק אַ פּאָר פול־לעפּצנדיקע און פעטבייכיקע גבאים, וואָס שטעלן זיך שוין אין די אויבערשטע גאַסן ווייסע שטיינערנע מויערלעך און „גיבן נאָך" די טעכטער גרויסע דנ׳ס. עס איז אַ שטאָט. — אַ מושב־זקנים מיט הינגעריקע גיריקייט נאָכצוקוקן און נאָכצוחשבונען דעם פולן באַטרעף פון דער פּושקע. דאָ זיצן כיטראַקעס אַזעלכע, וואָס צושיקן „קול קוראס" איבער דער וועלט צו נאַאיווע יידן, וואָס מיינען, אַז אויף אַ קישעלע ירושלים־ערד, אונטערגעבעט מיט אַ צפתער קאַפּיטל תהילים, וועט גרינג זיין און זיס זיין צו שלאָפן דעם אייביקן

שלאָף איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר. דער קול-קורא-שרייבער האָט בײַ זיך אַ „פּאַרמעג״, אַן אַדרעסן-ביכל פון רײַכע אַמעריקאַנער ייִדן. עס גייט אָן אַ מסחר מיט אָט די „ביכלעך״. מען טרעט אָפּ, פאַר גוט געלט, אײנס דעם אַנדערן אַזאַ ביכל, אײַנגאַנצן אָדער טיילווײַז, טײל ליקווידירן דאָס „עסק״ און אַנדערע גיבן עס איבער אין אַרענדע...

די אַדרעסן-ביכלעך גייען איבער בירושה. פאַראַן משולחים, פון קיינעם נישט געשיקט, וואָס לאָזן זיך אַרויס אין די מרחקים אויפצוקלויבן אַדרעסן. די אַדרעסן זענען נישט סתם אַזוי זיך נעמען, נאָר נעמען פון פרומע, גאַטספאָרכטיקע, און דער עיקר — פון פרויען צדקה-טײלערינס. און מען שרײַבט צו זיי, מען פאַרגעסט נישט צוצושיקן געכתיבהטע צעטעלעך, געדרוקט אונטער אַ רעם פון אָרנאַמענטלעך, אַלט ארץ־ישראלדיק, מיטן בילד פון דער מאַמע רחל׳ס קבר. מען אַפּעלירט צו זיי וועגן אַ ישיבה, וועמענס בחורים זענען שוין לאַנג בײַ די קי-שטאָלן אין די ווירטשאַפטן, אָדער אין די ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס פון חיפה... מען דערציילט זיי, די בעלי-האדרעסן, וועגן תורה און חכמה, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעטאָן פון דער הייליקער שטאָט צפת, און מען שיקט, און צייטן גוטע, צי ערגערע, מער אָדער ווייניק. מען שיקט.

און אויף פּאָסט האָב איך זיי געזען, די מיט די נאָכשאַרנדיקע טריט און פאַרשאָטנט פײַער אין די אויגן. מען האָט מיט ציטערדיקע און אײַפערדיקע פינגער אָפּגענומען די בריוו, די געלט-איבערווײַזונגען. מערסטנטײל איז עס פאַר אַ יום טוב. דערבײַ קוקט די קנאה אַרויס פון איינעם צום צווייטן. און אין די שטיבער, בײַ צונעלייגטע לאָדנס, חשבונט מען איבער, וויפל י ע נ ע מ ס אַדרעסן-ביכל האָט דאָס מאָל אַרײַנגעבראַכט...

און מען זיפצט אויף שלעכטע צייטן. איבערהויפט אויף די שלעכטע צייטן אין אַמעריקע. נישט די געשעענישן אין „1929״, נאָר דער קריזיס אין אַמעריקע האָט אַ תל געמאַכט פון צפת.

אַ שטאָט — אַ טאָרבע, וואָס גייט איבער די הײַזער פון דער

וועלט, זיצנדיק אין קרעלץ ביי די רינשטאָקן פון ענגן געסל, עס זענען פאַראַן האָטעלן, אַ הדסה־שפּיטאָל, קראָמען, חדרים און ישיבות, נאָר עס דאַכט, אַז דאָס אַלץ זענען אָפּטיילונגען פון דעם בית־עולם, ווו ס׳רוען די ביינער פון אַלטע יידן פון אַלע וועלט־טיילן.

טבריה

שוין ביים אַרויספאָר פון צפת אַנטפּלעקט זיך פאַרן אויג דער ים־כנרת. עס דאַכט, אַז אונטן, טיף אונטן גרייט מען צו פאַר די געסטער אַ שפּייז אַזאַ, צעקאָכט זילבער, עטוואָס צו־געבלויט, און דאָס „מאכל" כוואַליעט זיך אין קליינע „בלעזע־לעך" אין דער ריזיקער שיסל...

איבעריקנס, די שיסל, אָדער דאָס „בעט", אין וועלכן עס דרימלט דער כנרת, איז גאָר נישט אַזוי ריזידיק גרויס. עס איז ב״דע ברעגן אַזוי דייטלעך, זעסט, ווי ער קייַלעכדיקט זיך אויס ביים „געזעס" און פאַרנעמט זיך שמעלער, שמעלער אַרויפצו צו נהרים. ווי ער ווערט אויס, ווי ער ווערט ערגעץ פאַרלוירן אין ירדן־שטראָם. נאָר דו זעסט באַשיימפּערלעך, אַז די, וואָס האָבן זיך פאַרצייטנס אָפּגעגעבן מיט געבן נעמען, האָבן געהאַט אַ סאַך פאַנטאַזיע אין אויג, קלוגן איינפאַל און טרעפלעכן פאַרגלייך.

אַזוי און נישט אַנדערש האָט מען געדאַרפן אָט דעם מערקווירנדיקן „ים", וואָס האַלט עטלעכע קילאָמעטער די ברייט, אָנרופן: „כנרת" — אַ פידל, אַ שפּיל־אינסטרומענט. דאָ, פון דער הויכקייט איבער די צפת־בערג, זעט מען די גאַנצע פאָרם פון אַ פידל, נאָר אַ פידעלע, וואָס שפּילט אייביק, — פון די „גייענדיקע" סטרונעס, דער ירדן, וואָס קומט פון ערגעץ, גייט זיך דורך מיט אַ גלייכן שטראָם דעם כנרת, „נעמט נישט צו און לאָזט נישט איבער" קיין טראָפּ פון איר וואַסער, קומט אַרויס בשלום און גייט זיך ווייטער...

דאָס איינציקע, וואָס ער לאָזט איבער, איז אַ ווירבראַציע, אַ ציטערדיקן באַריר פון כוואַליע אויף כוואַליע. דעם דאָזיקן ריר, סטרונע־אויפצאַפּל זעט מען נישט, נאָר מען הערט, מען הערט נישט, נאָר מען פילט. עס איז אַ שפּיל פון גאָלד, זילבער, שטראַל־בלוי, ראָז און פורפור. ווי לאַנג עס האָט געגומען דאָס אַראָפּקומען מיטן אויטאָ פון די בערג, אַזוי פיל מאָל האָט זיך די פאַרבן־סימפאָניע פונם כנרת געביטן פאַרן אויג. אַ טאַנץ אַזאַ אין נעבלדיקע שלייערן.

מיט יעדער רגע בייט זיך די לופט. דער וועג, בערג אַראָפּ איז זיגזאַגיש, דאָס לינדע ווינטל, וואָס האָט אויבן געגלעט מיט מילדקייט און פרישקייט, האָט מיך נאָר אַרויסבאַגלייט ביז הינטער דער שטאָט און זיך צוריקגעקערט אויבן. פון דאַנען קומען אַנדערע ווינטלעך, שוין דורכגעוועבט מיט פייער־פעדים, אָטעמסט שוין מיט גליענדיקן מדבר־זאַמד. אַ גרוס פון קאַלטן און שוועבל טראָגט דיר דער טאָל אַנטקעגן, און דער כנרת אַנטפּלעקט זיך און פאַרשווינדט, באַהאַלט זיך און קומט ווידער קאַפּריזער.

די צוויי שעה פאָרן מיטן אויטאָ פון צפת ביז טבריה פאַרוואַנדלט זיך אין אַ קליידאָסקאָפּישער בונטקייט. עס שווימען אַנטקעגן אַראַבישע טיפּישע דערפלעך מיט די „הינטנס״ צום שאָסע. די תמידיקע מורא, אַז עס זאָל חלילה נישט פאַלן די שיין פון אַ מאַנסבילייש אויג אויף זייערע ווייבער, האָט גורם געווען, אַז מען זאָל קיין פענסטער נישט אָנזעען אין פראָנט פון זייערע שטיין־ליימיקע אהלי־הייזער. שוואַרצע ליי־ונט־געצעלטן פון בעדואינישע וואַנדער־שבטים, און עס זידן אויף הייסע אויגגאַפּלען פון אַ פּאַסטוך מיידל ביי אַ שטיינערנעם ברונעם. מיר פאָרן דורך מיט אַ אויטאָמאָביל אין דער עפּאָכע פון אברהם אבינו!...

און אָט זענען יידישע דערפער. ראש פינה מיט אירע טיפּישע דאָרפס־יידן, מיט פופציק יאָר פעלד־ריח איינגעקריצט אין די ווינקלען אַרום די ליפּן, מיט האַרטן, קרומלעכן טריט, וואָס דערציילט, אַז די פיס זענען נישט געוווינט אויף גלאַטיק

געפּלאַסטערטע וועגן צו גיין. אַ לאַקאָנישער גרוס, אַן אומ־זיסט אַרויסגעוואָרפענער „שאַלאָם“, וואָס וועט קיין ענטפער נישט אַרייַנברענגען.

אַט ציט צו די אויפמערקזאַמקייט דער נאָמען מ ג ד ל, עפּעס איז פאַראַן ווייכקייט און שרעקעוודיקייט; מ ג ד ל ה, און די טראַנספאָרמאַציע פון דעם נאָמען און באַגריף — מ אַ ג ד אַ ל ע נ אַ. מיר דאַכט, אַז פון די בערג אַראָפּ וועט זי אַ פלאַקער טון מיטן רויטן טוניק, אַט די מאַריאַ מיטן שטילן שמייכל פון צניעות און פאַרקויפטער ליידנשאַפט, פון נשמהדיקן איבערגוס, שטייגנדיק אויף די טרעפּ צו אַלטאַרן. מיר דאַכט, אַז זי, מ ר י ם, מיט די געקרויזטע בלאָנדע האָר און רויטן שטערן־באַנד, אַ שוואַרץ פאַפּירן „פינטעלע“ אויף דער בלייכער גאָמבע (אַזוי „מאָדערנע“ שטעל איך זי מיר איצטער פאָר), וועט צו מיר און מיטשיקן אַ גרוס און אַ דאַנק פאַר אַלע יידישע פּאָעטן, וואָס האָבן זי אַזוי שיין, אַזוי מ ע נ ש ל ע ך באַזונגען...

נאָר אָנשטאָט מאַריאַ מאַגדעלענאַ קומען אַנטקעגן עטלע־כע יידישע מגדלערינס, אָנגעטון אין קירצע שוואַרצע הייזלעך, מיט רוק־זעק אויף די פּלייצעס, חלוצקעס, וואָס זענען דאָ צוגאַסט געווען ביי זייערע לאַנד־סמיידלעך. מגדל איז אַ יידישע קאָלאָניע מיט אַ פערטל טויזנט נפשות, וואָס באַאַרבעטן זיבן הונדערט דונאַם.

פון מגדל ביז טבריה איז שוין אַ „שפּרונג“. געפּינסט זיך שוין אויף דעם „ים־פּלאַך“. אַ געהייצטער קאַלך־קעסל, דער ווינט בלעזט מיט פייער־צונגען, עס דאַכט, אַז מען געפינט זיך אין דער נאָענטקייט פון אַ שטאָט־שׂרפה. נישט קיין חידוש, וואָס פון די באַרג־שפּאַלטן שטראָמען אַרויס אָנגע־היצטע כוחות שוועבל־מינעראַלן.

ט ב ר י ה

אַ שטאָט האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי די פיס פון כנרת, צונויפגעפּלאַטשט און געענגט. איך בין געווען עטלעכע טעג פ אַ ר דער פאַרפלייצונג און נ אָ ך דער פאַרפלייצונג.

די נאַטור דאָ האָט אפשר געטון אַ „טובה" אָט דער שטיקע־ניש. איצט איז שוין „גוט", איצט שטייען זעלנער און פּאָליציי־לייט אין גומענע שטיוול, ביז צו דעם גאַרטל אין די בלאָטעס, און קאָמאַנדעווען דאָס איינלייגן פון די אַזוי אויך חרוב גע־וואָרענע פּאַסטקעס, וואָס האָבן זיך אַמאָל אָנגערופן מיטן קלינגנדיקן נאָמען — הייזער.

טבריה און צפת, דאָס זענען צוויי צווילינג־שוועסטער, נאָר פאַרשידן אין כאַראַקטער, אין אויסזען, אין „טעמפּעראַ־מענט"; דער תוך איז אָבער דערזעלביקער, דער אופן פון חיונה די אַלץ איינסעדיקע. נאָר טבריה מיט איר היציקייט האָט זיך פאָרט די לעצטע טעג אַ כאַפּ געטון. די נאַטור האָט איר אויפגעשפּילט, אין די געדערים פון די בערג ליגן אוצרות, ליגט גענעזונג, ליגט הילף פאַר קראַנקע און שטאַרקייט פאַר שוואַכע. אַמאָל האָט מען דערפון נישט געוווּסט און נישט גע־האַלטן. פאַרוואָרלאָזט און נישט אויסגענוצט. ווי אין צפת, האָבן דאָ, אויף די בערגלעך מיסט „געבליט" די ישיבות און „שטיב־לעך" און דערנערט האָט מען זיך פון דער „פּושקע". דער קאַרגער גראָשן, וואָס משולחים האָבן צוריקגעבראַכט, האָט גע־קלעקט אויף אַן אָרעם, טרוקן ברויט. און וואָלטן די ווייבער נישט געווען „צוגעהאַנדלט" מיטן אַראַבער פון יענער זייט ירדן, וואָלט טבריה אויסגעשטאָרבן. נאָר נויט לערנט זיך אַי־בערברעכן. דער עבר־הירדן איז אָפּגעצוימט מיט אַ גרעניץ — אַ באַזונדער לאַנד קוקט צוהער פון איבערן כנרת, אַ „ווייט" פאָלק וואוינט דאָרט, אין דער הויך אויף די בערג.

נאָר אַז מען קומט אַרויף פון די דורכשפּאַר־געסלעך אין אַלט־שטאָט צו — דעם נייעם שטאָט־טייל, פּילסטו באַלד, ווי עפּעס איז אַנדערשדיק. אַ גרויס־שטאָט, שטאָט אין מיניאַטור, אַ באַהאַלטענער אימפּעט, אַ דערווייל געצוימטער טעמפּעראַ־מענט. ביי די איבערגעליבענע מויערן פון די ביבלישע צייט־פעסטונגען ווערט צובליט אַ מאָדערנע שטאָט, אַ ריז־ברייטער בולוואַר אַספאַלטירט און גרויסאַרטיקע געשעפטן מיט איירא־פּעישע ליכט־רעקלאַמעס, עלעגאַנטע רעסטאָראַנען אויפן אַמע־

יקאַנער שטייגער. אַ פּלאָנטער פון טראַכטן: דער חלוץ מיט אָפּגעקירצטע הויזעלעך און דער ייד מיט דער לאַנגער בעקעשע, ווייסע אָנצוגער און אַראַבישע טורבאַנען. אויטאָמאָביל און קעמל.

דער נייער פערטל „קרית־שמואל", וואָס האָט זיך אויפגעבויט אויפן קאַרק איבער דער שטאָט, לייכט אַראָפּ מיט די לוסטיקע פּאַלאַצעלעך און לופטיקע ווילליעס. זיי, די „שאַרלאָטונבורגישע" וווינונגען, זענען שוין גוט פאַרזיכערט פאַר דעם צאָרן פון דער נאַטור... עס וועט קיין וואָלקנבראָך דעם אייזן־בעטאָן נישט אָפּשווענקען. „קרית שמואל" איז די טאָן־געבערן פון דער נייער שטאָט, דאָרט וווינט די אַריסטאָקראַטיע און באַאַמטנטום, אָפּגערוקט, הויך, ווו ס'איז קילער און מילדער.

טבריה וועט זיך איבערבויען. די רייכע וועלט וועט אַהער ברענגען מחלות, רעוומאַטיזם און איבערלאָזן געלט. די „בעדער" זענען נאָך דערווייל פאַר באַשטימטע, פאַר אויסדערוויילטע. אין סעזאָן־צייט, ווינטער, ווען ס'איז מעגלעך פאַר אַ קיל־קלימאַטיקן צו אָטעמען דאָ, איז אַלץ מיט גאָלד צו וועגן. פון שטיין אין אַ האָטעל, אַ פּענסיאָן, איז אָפּגערעדט; צו די וואַרים־בעדער קאָן מען נישט צוקומען — אַ יקרות!

איך האָב געזען אַרום די „חמי־טבריה" ביי די באָד־אַנשטאַלטן מחנות אָרימע, איינגעבראָכענע פון לאַנגע יאָרן פון דער שניידנדיקער קרענק. זיי זענען געשטאַנען ביי די נאַטירלעכע בערג־קאַנאַלן, פון וואַנען עס פליסן אַרויס די ריטשקעלעך פון הייסן שוועבל־וואַסער, זיי האָבן זיך געשטופּט איינס אויפן אַנדערן, זיך געריסן פאַר אַ טראָפּ „היילונג". געשעפּט מיט די אָפענע פויסטן, ווי מיט לעפל, דעם זודיקן מינעראַל און עס צוגעטראָגן צו די קראַנקע אויגן, צו די ווייטיקדיקע פיס...

ביז מיט ערשט נישט לאַנג איז נאָך כּלל דאָס מין היילבעדער נישט געווען אַנטוויקלט אין טבריה. עס איז געווען בעסער, דערציילן מיר עטלעכע דערשלאָגענע: עס איז געווען

אַ גאָט־געשאַנק און יעדער האָט זיך פריי געקאָנט באַנוצן דערמיט. עס איז אויפן אָרט פון דער היינטיקער מערב־וויינ־קער באַקוועמער באָד־געביידע, געשטאַנען עפּעס אַ ביידל, מען האָט זיך פריי געבאָדן און געגעזן געוואָרן אויף אַ שטיקל צייט. אויף עטלעכע יאָר. נאָר זינט מען האָט אַוועקגעגעבן די קוואַלן אַלס אַ קאָנצעסיע פאַר אונטערנעמער, עקספּלאָאַטירן זיי גאָטס מתנה. איצט קומען גוידערדיקע דאַמען, מען פאָרט צו צו די „בעדער" אין פּרעכטיקע אויטאָמאָבילן — אַלץ איז געוואוויגן און געמאָסטן.

אין זייער „זכות" בויט זיך דאָס נייע טבריה, פאַר זיי־ערטוועגן איז אויפגעקומען „קרית שמואל". דער מיטלמענטש האָפט אויף יענע צייטן, און דער, וואָס האָט „שכל", מאַכט גרויסע אינוועסטירונגען, קויפט־אָפּ אַ סאַך פּלאַץ, וואָס מער פּלאַץ, וואָרים טבריה וועט זיך נישט פאַרגלייכן צו צפת!...

טבריה האָט צוויי גרויסע „אַטראַקציעס" פאַר טוריסטן, דאָס זענען די קברים פון רמבם און ר' מאיר בעל־נס. פון רמבם ווייסן ווייניק פון אָט די באַזוכער. איך האָב פאַרגע־לייגט אַ סימפּאַטישער דאַמע, אַ קאָמפּאַניאָרקע פון מיין אויטאָ, צו באַזוכן דעם רמבם׳ס קבר, האָט זי גאַנץ פאַרוואונדערט גע־פרעגט: ווער עס איז, אָט דער „ראַמבאַ"ן. נאָר מיר צו הילף איז געקומען אַן אַמעריקאַנער מיסטער, וועלכער האָט דער־קלערט, אַז דאָס מוז זיין דערזעלבער „רעמבעם", וואָס האָט... אַ נאַנצע גאַס אין תל־אָביב...

וועגן רב מאיר בעל נס ווייסט מען יאָ. אַ וועלט מיט פּושקעלעך קלינגען אויס זיין נאָמען אין פרומע, פאַרהויקער־טע יידישע הייזער. „רב מאירס" קבר געפינט זיך אויבן־אויף, אויף די בערג, איבער די הייל־קוואַלן. עס איז אַן אידעאַל אָרט פאַר די „אַלרייטניצעס". מיט צוויי שפּאַן, נעמענדיק אַ באָד, קען מען שוין אויך דאָרט אָנטרעטן. עס איז געבויט אין דעם זעלביקן כאַראַקטער, ווי די „מערה" אין מירון. דאָ גילטן

די זעלביקע מנהגים פון „הדלקות" אין יאָר־צייט טאָג. די זעלבע ווילדע עקזאָטישע שטיק. אַ לאַנגער הויף, ווי אַ הקדש, מיט איין שטאָקיגע בנינים, די וווינונגען פאַר שמשים און גבאים, גאַניקעס און באַלקאָנען פאַר צוליאַבערטע ווייבער, זאָגערקעס און שלעפּערקעס, מען רייסט פון די פּאָלעס און מען שיקט נאָך קללות. ביז דו קומסט אַריין צו דעם קבר־זאַל, גייסטו ממש דורך אַ גהנום־בראַנד. אינעווייניק אונטער אַ קראַטן־וואַנט בלייכט זיך דורך די מאַרמאָר־מצבה מיט די גאָלדענע אויסקריץ־אותיות, דאָס פרעגטענע טויער איז אָפן און קענסט צוגיין. ביי לאַנגע טישן זיצן נאָר די „תלמידי־חכמים" מיט אויפגעשוואָלענע בייכער פון נישט באַוועגן זיך און פון קנאַפּע תענתים, זיי זיצן מכלומרשט פאַרטיפט אין די גמרות, נאָר קוקן כיטרע דורך די לאַנגע וויעס, ווער עס איז דער פאַרשוין, וואָס קומט־צו בעטן... באַלד וואַקסט אויס אַן „אל מלא" מאַכער און נאָכן דריטן וואָרט שטרעקט זיך שוין די האַנט אויס נאָך פדיון.

און אויף דער ערד וואַלגערן זיך אַרום ווייבער און קינדער, מערסטענטיילס די „פרענקישע" יידענעס. פון די אָפּגעצערטע פנימער גליען אויגן. טעג, וואָכן לאַנגע וואַלגערן זיי זיך אַרום מיט זייערע קינדער, אַרויפגעצויגענע פאַרמעטלעך אויף ווייכע דינע ביינדלעך. פּרימוס־מאַשינקעס זידן, טעם קאָכן, פאַרע זעצט, ריח פון ציבעלעס, רעטעך און נאָך אַזוינע „קרייטעכצער", אויסגעמישט מיט פאַרלאָשענע חלב־ליכט, ברענענדיקן בוימל, פאַרהאַמערט און פאַרשטיקט די לופט. נישט איינער קאָן דאָ געהאָלפן ווערן מיט אַ רפואה שלימה.

אין „נס" האָב איך יאָ געזען ביים קבר פון ר' מאיר. דער פאַנאַטיזם און פינסטערער אַבערגלויבן האָט אויסגעגלייכט, האָט אַ פּשרה געמאַכט צווישן יידישע און אַראַבישע ווייבער. ווי, די אַראַבער גלויבן אויך אין דער הייליקייט פון „בעל־נס" און קומען דאָ אויך געזען ווערן. אָט קומט אַ „פאַמיליעלע": דריי פרויען, וואָס געהערן צו איין מאַן. יעדערע מיט איר בינטל קינדער. זיי זענען שטאָטישע, דאָס דערקענט מען

פון דער שוואַרצער קליידונג און די וואַלן איבער די פנימער. די עלטערע פרוי, וואָס איז, ווייזט אויס, שוין אַן אַפּטע „פּאַציענטין" דאָ, ווייסט, ווי זיך נוהג צו זיין. זי לערנט די יונגערע. דאָ, אין דער סביבה פון לויטער הייליקייט, געטלעכקייט דאַרף מען נישט מורא האָבן זיך אָפּצודעקן דאָס פּנים. דער יצר הרע רוט איצטער זיכער נישט אויף זייערע פּנימער און ציט נישט די בליקן פון די הייליקע אַלטע לייט... זיי נעמען אַרום דעם שטיין מיט אינערלעכן ציטער, קושן אויס יעדן אות פון די העברעישע פּסוקים, דאָס אומפאַרשטענדלעכע לשון ווערט זיי פאַרשטענדלעך.

אָן בושה פאַרשאַרצן זיי די קליידער אַזוי הויך, ווי נאָר מען קאָן, און אָן חרפּה צוקנעפּלען זיי די אַקסלען, וואָס מער די טונקעלע הויט פון זייער לייב זאָל זיך אַנטפּלעקן. זיי שפּאַרן צו דאָס נאַקעטע פלייש צו דעם קאַלטן מאַרמאָר פון דער מצבה. דרוקן צו אַ צונויפפּרעסונג פון לייב אויף מאַרמאָר — מסתמא, אַ סגולה. אוודאי טוט זיי ווי אין די נאַקעט־אַנטפּלעקטע ערטער.

זיי אַרט נישט, אויב מען קוקט: עס זענען דאָ לויטער מלאכים, בפרט אַז זיי, די „מלאכים" אין געשטאַלט פון אַלטע מערידנדיקע יידן, ווערן אַזוי גוט און שאָקלען אַזוי בנעימות מיט די קעפּ בעת די דריי אַראַבישע פרויען וואַרפן אַריין זייער חלק אין דער פּושקע איבער אַלע פּושקעס, אין דער פּושקע פון רב מאיר בעל הנס!...

פתח תקוה

אַ „מושבה", וואָס קלאַפּט אויס מיט צענדליקער האַמערס דעם ריטם פון דער צייט, פון בוי, פון אַרבעט. און די רעדער פון עקספּלאָאַטאַציע דרייען זיך דאָך אין פּתח תקוה מיט שווינדלדיקער שנעלקייט.

דאָס איז „קאַסרילעווקע" אין אַ נייער אויפלאַגע און מיט אַ קאַפּיטאַליסטישן פאַרנעם.

דער קלײנער פּלאַץ, דער צענטער פֿון שטאָט, נעבן פּאַרק איז איבערפֿולט מיט מענטשן. פֿאַרנאַכט און אין אָוונט איז אוממעגלעך זיך דורכצושטופּן. עס איז בערזע־צײַט.

אמת, דאָס בילד איז אינגאַנצן אַ געביטנס. עס איז נישט די מעקל־בערזע ערגעץ ווו אויף אַ נאַלעווקעס, וווּ מען זעט די „שטעקעלעך" ייִדן. די היגע מעקלערס האָבן, גרויס וועלטיק, זייערע ביוראָס, אָפּטמאָל אין שכינות מיט אַדוואָקאַטורן. די מעקלערייען, ס'רוב ביי שטאָטישע בוי־פּלעצער און פּאַרטיקע הייזער, ווערן דורכגעפֿירט אין די גאַלאַנטע קאַפֿעען פֿון תּל אָביב, אונטער דזשאַז־מוזיק און העלע עלעקטרישע טיש־לאַמפּ־זשורלעך. אָבער דאָך — אַ בערזע איז דאָ, אַ רוישיקע, אַ פּאַרביקע, אַ אַנזעעוודיקע. דאָס לאָזן זיך אַרויס די פּועלים פֿאַרדינגען זייערע הענט פֿאַרן מאָרגנדיקן טאָג, און די קלײנע אונטערנעמער — אַ באַשטעלונג צו קריגן.

עס בלײַבט קײנער נישט אָן אַרבעט. בלויז נאָר די, וואָס ווילן אויסקאָמבינירן עטלעכע פּיאַסטער טײַערער אויף זייער לוין. אַז ס'איז קײן ברירה נישטאָ, קריגט מען; און אויב נישט — לוינט אַ טאָג נישט צו אַרבעטן, אײדער גײן דורך דער „הסתּדרות" פֿאַר דעם מינימאַלן שכר.

איך פֿרעג אַ באַקאַנטן אַרבעטער, אַ חבר מײַנעם, וואָס שטײט שוין דאָ עטלעכע שעה, אַנגעטאָן אין די קורצע הויזלעך און בלויער רובאַשקע. ער האָט זײַן גאַנצע פֿרײַע צײַט געפּאַטערט וואַרטנדיק דאָ, און כאָטש אַרבעט איז דאָ גענוג, דאָך קוקט ער זיך די אויגן אויס נאָך יענעם „מלאך", וואָס דאַרף אַ מעסט־טון זײַנע מוסקולן מיט אַ געניט אויג און אײַנוועגס אַ „מאָס" נעמען פֿון זײַנע פּלײצעס. איך פֿרעג אים, למאַי פֿאַרלירט ער אַזוי פֿיל צײַט, טײַערע, פֿרײַע צײַט נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט אין אַ „פּרדס"? ענטפֿערט ער מיר: עס איז אַן עבֿירה היזק צו האָבן אַ שילינג אויפֿן טאָג. ער דערקלערט מיר פּשוט:

— אַלס חבר פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע „הסתּדרות" איז מײַן לוין... צוואַנציק פּיאַסטער אַ טאָג, און אַלס נישט אָרגאַניזירטער אַרבעטער — מיט פֿינף פּיאַסטער טײַערער

מיידט מען אויס די הסתדרות־פֿאַרמיטלונג בײַם באַקומען אַרבעט. די באַלעבאַטים זענען נישט אידעאַליסטיש און וואַרפֿן נישט מיט קיין פּרייזן. זיי האָבן קיין ברירה נישט. די הסתדרות האָט אַן אײַנגעשטעלטן טאַריף פֿאַר לאַנד־אַרבעט: איין דאָלאַר. זי „מוז" אַקייגן קומען די באַלעבאַטים און מאַראַנצן פּלאַנטאַטאָרן כּדי צו שטאַרקן די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע אינדוסטריע. די פּתח תּקווה'ער פּרדסנים, וואָס זענען דער שפּיגל פֿון זייער קלאַס, אָרגאַניזירטע גרונט־באַזיצער קעגן דער אַרבעטער־מאַכט, וואָלטן אַוודאי מער נישט געוואָלט צאָלן, ווי דער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַריין האָט באַשטימט. דאָס איז אויך אַ „קרבן" פֿון זייער זייט, וואָרים זייערע קאַפּיטאַל־קאָלעגן פֿון רחובות האָבן נאָך ביליקער: אַראַבישע אַרבעט־הענט פֿאַר העלפֿט לוין און מערער אַרבעטס־שעהן. נאָר עס איז עפּעס „פֿאַרזען" געוואָרן, וואָס מען האָט דאָ אַלנפֿאַלס נישט אין אַזאַ גרויסע צאָל אַרײַנגענומען אַראַבישע אַרבעטער.

נאָר די „ווידערשפּעניקער", די יידישע אַרבעטער אײַלן זיך נישט צו קומען אין דער „הסתדרות" צו קריגן דעם טאָג אַרבעט. מען אײַלט זיך בכלל נישט צו גיין אַרבעטן אין די מאַראַנץ־גערטנער, ווײַל אַפֿילו דאָ, אין פּתח תּקווה, אין „דאָרף" איז דאָ גענוג אַרבעט־באַשעפֿטיקונג בײַ הײַזער־בוי. דאָס דאָרף איז שוין אַ היבשע שטאָט מיטן טומל פֿון אַ גרויס־שטאָט, מיט ענגע קראָם־גאַסן און ברייטע אַלעען, מיט מאָדערנע שטאָטישע בנינים, וואָס ווערן איבערנאַכט געבוירן, מיט קאַפֿעען און טעראַסע טיי־הײַזער, קינאָ און פֿאַרווײַלונג־פּלעצער.

די צאָל פֿון צען טויזנט נפֿשות האָט מען שוין לאַנג פֿאַרגעסן. מען פֿילט די געדיכטקייט פֿון דער באַפֿעלקערונג אויף שריט און טריט. דער מאַנגל אין דירות און די ענגשאַפֿט אין די גאַסן. פּאַכן בליען, די געשעפֿטן זענען טעטיק, די קאַפֿעען זענען איבערגעפּאַקט און די ראַדיאָס הילכן אַרויס פֿון די ניי־סטיליקע ברייטע פֿענצטער פֿון די אַמעריקאַנער הויך־שטאָקיקע לוקסוס אַפּאַרטאַמענטן.

אין פּתח תּקווה זעט מען ממש, ווי עס רײַבן זיך זײַט אין

זייט צוויי קלאַסן מענטשן. דער גרויסער גרונט־באַזיצער, דער פּרדסן, דער פּלאַנטאַטאָר, וואָס נוצט אויס אי די קאָניונקטור, אי דעם „נאַציאָנאַלן מאָמענט". זיינע פּלעצער זענען אַפילו דאָ, אין פּתח תּקוה געשטיגן לעגענדאַריש, און אין זיינע פּרדסים וואַקסן גאָלדענע באַלעמס אויף די נידריקע ביימלעך. ער האָט פון זיין דאָרף געמאַכט אַ רעזידענץ, אַ ראָטשילד־בולוואַר, אַ הערצל־אַלעע, און אין זיי, אין גרינס איינגעטונקען, באַשטאַנט מיט וואַלד און בליעכץ, בונטיק צווישן רויזן און געשיצט פון סאַברע־שטעכעכץ, געפינען זיך די שטילע ווילעס און די פּרעכטיקע הייזקעס. ס'איז ז י י ע ר ארץ־ישראל.

און פון דער אַנדערער זייט — גאַסן נישט ברוקירטע, נאָך נישט געאַספאַלטעטע, הייזער־איבערבלייבעכץ פון די אַראַבישע צייטן, אָפטמאָל אָן פענסטער־שיין, אָן עלעקטריש־ליכט מיט רויען צעמענט־גאָס פאַר אַ דיל, וואָס ווינטער שניידט עס, ווי געפרוירן אייזן און אַפילו זומער קריגט מען דערפון רעמאַטיזם. נאָר דאָס איז שוין „גוט". מען וווינט נאָך ערגער, אָדער „נישט בעסער" ווי אין תל־אביב, אין „צריפים", אין ברעטלדיקע קאַסטנס. דאָס קאָסט אויך נישט ביליק. עס איז „פּראָספּעריטי" אין שטאָט־דאָרף, און דער אַרבעטער קאָן צאָלן...

דער נייער „ריסטאָקראַט" איז עס דער פּרדסן. אַ געוועזענער מנחם־מענדל, וועמען עס האָט „אָפּגעגליקט". זיינע קינדער זענען עס די, וואָס רעדן אויף פרעמדן לשון, מערסטנטיילס „פראַנצויזעריש", וואָרים אַ מאָדע געוועזן אַזאַ, צו שיקן די קינדער אין דער גרויסער וועלט לערנען. פּאַריז איז געווען איין „לייכט טורם" פאַר אַזעלכע דורשט־לעכצנדיקע יוגנט. נאָך הייַנט זענען דאָ אַ סאַך פון די „אַדונים", וואָס האָבן די קינדער אין „אויסענלאַנד". מען שיקט געלט, וויפל מען דאַרף. עס איז אַ „בעסערער טאָן" אין דער געזעלשאַפט: צו האָבן קינדער אין אויסלאַנד, בפרט נאָך טעכטער. אַ סאַך פון די „קינדער" קומען צוריק — ווער צייטווייליק און ווער אויף תמיד, ווער איבערצונעמען די אויפזיכט איבער עלטערנס פאַרמעגן וואָס האָט זיך קיין עין־הרע, געמערט, און ווער — אַליין אָנ־

צוהויבן זעלבסטשטענדיק געלט מאַכן, אויסנוצן די „קאָניונק־טור". וואָרים ווי טייער עס זאָל שוין נישט איצט שטיין „דער דונאַם", איז ער נאָך אַלץ, לויט שפּעקולאַטיוו־ביטרער אויס־רעכנונג, ביליקער, ווי עס וועט זיין מיט דריי יאָר שפּעטער. טאָ, צו וואָס זיך פאַרנעמען דאָרט מיט לערנען, שטודירן? מען דאַרף אַריינכאַפּן.

אָט די יונגע־לייט שטעלן זיך נישט אַוועק אויף דער אַרבעטס־בערזע אין קורצע הייזעלעך, בלויע בלוזע און מיט פאַרבונדענע הענט, וואָס זענען בייטאָג צעריסן געוואָרן. זיי פּלאָנטערן אַרום איבער דער שטאָט אין די נייסטע, לעצטע מאָ־דעלן פון די לוקסוסדיקסטע אויטאָמאָבילן. מען פאַרבעט מייד־לעך, באַלעבאַטישע טעכטערלעך, מיט געפאַרבטע ליפּעלעך און בייטע, דורכזיכטיקע ווייסע זומער־קאַפּעליושן, און די געלעכ־טערס פון די „בת ציונס" צוקלינגען זיך איבער די שמאָלע, פאַרשטויבטע געסלעך פון פתח תקוה׳ס צענטער.

און אין דערזעלביקער צייט איז עס נישט קיין נייט צו זען, ווי אַרבעטס־מיידלעך, אפשר מיט אַ ביסל מער איינגעבוי־רענער אינטעליגענץ, ווי די איבערשע טעכטער און מיט וויסן אוודאי מער, שטייען צוגלייך מיט זייערע חברים, מענער, ביים בנין־בוי, צוגלייך מיט יענע, אָנגעטון אין בלויע אַרבעטס־הויזן, און טראָגן ציגל אויף די רושטעוואַניעס, מישן קאַלך און גיסן צעמענט. די „גאָלדענע יוגנט" דערציילט וועגן „פּאָלעי בורזשעי" און „קאַזינאָ דע פּאַרי", און פּיקאַנטע מעשיות פון פּאַריזער „די בלאָנדעל", און די דאָ, דערציילן וועגן אָרגאַניזירן אַן אַראַבישן שטרייק, און וועגן אַ משפט אין דער „הסתדרות" און פון עט־לעכע טעג תפיסה.

נאָך דער הסתדרות־געביידע, איז די „אַרבעטער־קיך" די וויכטיקסטע אינסטיטוציע, דער צענטער, וווּ אַרבעטער מיט אַר־בעטער טרעפן זיך אָפט און אָפילו צוויי מאָל אין טאָג.

אַ גרויסער זאַל, וואָס איז לכתחילה געבויט פאַר אַ קינאָ, שפּעטער פאַר אַ טאַנצקלאַס, האָט געקראָגן זיין תיקון. ברייטע

פֿענסטער, פּאַסאַזש־אַרטיק מיט גריכישע קאָלומנעס. ריין, גרויס און היימיש. אַפֿילו די פֿייגעלעך, וואָס האָבן אונטער די סופּיט־געזימסן זייערע נעסטן געמאַכט, פֿילן זיך היימיש און צוגע־לאָזן... שטעלן זיך אָן מורא אויף די פֿיר־קאַנטיקע טישלעך און זענען טועם־טעם פֿון אַן אַרבעטער־מיטאָג...

ניטאָ אַ פּלאַן וועגן דעם – צווישן טעלער און טעלער – דורכגעטראַכט, נישט איין באַשלוס ווערט דאָ אָנגענומען. און די פּריצים פֿון פּתח־תּקווה שטרעקן באַהאַלטענערהייט די פֿויסטן קעגן די שורה ברייטע פֿענסטער, העל באַלויכטן צו דער גאַנצער גאַס, פֿון וואַנען נישט איינמאָל צעטראָגט זיך אַ געזאַנג, אַ ליד, וואָס זאָגט עפּעס אָן אַ דראָונג אָט די אַמעריקאַנער לוקסוס־אַפּאַרטאַמענטן!

***

און ווי איבעראַל, ווו עס זענען קאָנצענטרירט די גבֿירי־שע פּני, איז דער קלער אויפֿן זאַטל. פּתח־תּקווה איז די פֿעס־טונג פֿון אָט דער פֿינסטערניש. צוהילף דעם פּלאַנטאַטאָר קומט דער קאָלפּיק. די גרויסע שול מיט דער אָנגעצונדענער מנורה אימפּאָנירט זיך, די ישיבה מיטן גרויסאַרטיקן פּראָנט־אַריינגאַנג גרויסט זיך און רייצט זיך. געווען צייטן, ווען פּתח־תּקווה האָט זיך שבת אָנגעטאָן אין קייטן און נישט דורכגעלאָזט קיין פֿור און קיין אויטאָ איבערן שטעטל. נאָר די „גליקלעכע" צייטן זע־נען פֿאָריבער. נישט די „פֿרייע" האָבן עס אויסגעקעמפֿט. ניין, אין דער פּשוטה־וויג מיטן שטריימל פֿאָדערט מען נישט אַזעלכע זאַכן. דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפֿט אַרט נישט, וואָס שבת קומען נישט און גייען נישט אַוועק קיין אויטאָבוסן קיין תּל־אָבֿיבֿ, ווו אַרבעטער זאָלן זיך האָבן אַ מעגלעכקייט צו זען מיט פֿריינט. ס'איז שבת! מען קאָן גיין צופֿוס די צוועלף קילאָמעטער, אָדער מיטכאַפּן זיך מיט פּריוואַטע אויטאָס... די פּריוואַטע אוי־טאָס בלייבן שטיין הינטער דער שטאָט; אין שטאָט האָט מען נישט די העזה אַריינצוקומען. אויסגעפֿנט דעם וועג פֿאַר די שבת־דורכפֿאָרער האָט גראָד די ר ע ג י ר ו נ ג, וועלכע האַלט, אַז אַ ווען קאָן בכלל נישט צוגעשלאָסן ווערן מיט קייטן. פֿון

דעמאָלט אָן איז אָך און ווי צום „שטריימל”, און דעם „אָר־ באַוויינט מען מיט גרויסע פלאַקאַטן אויף די ווענט און די אי־ פרים, די גוט באַזיצער טרייסטן זיך:

— עס וועט נאָך קומען אַ צייט אויף זיי, די אַפּיקורסים.

נאָר מיינען מיינט מען:

„ווען מען וועט קענען אַראָפּדינגען אַ שילינגל פון טאָג־ שכר, אָדער — — — ווען מען וועט שוין דאָ, ווי אין דרום־ יהודה, קענען באַשעפטיקן אַראַבער פאַר בלויז אַכט־צען פּיאַסטערלעך אַ צען־שעהדיקן טאָג.

———

נאָר דערווייל איז אין פּתח תקוה היימלעך. אַ דאָרף — אַ שטעטל, אַ שטאָט, אַ גרויס־שטאָט פאָרמירט זיך. זי וועט מיט דער צייט זיך אָנשליסן אין איין רינג מיט תל אָביב. תל־ אָביב פון איין זייט און פּתח־תקוה פון דער אַנדערער, וועט מען איינשלינגען די אַלע איצט אויפגעקומענע ישובים: שפּינת־ באָראָכאָוו, רמת גן, בני־ברק. עס וועט ווערן איין כּרך. דעמאָלט וועט באָדן, וואָס איז לרוב אין אייגנטום פון די איצטיקע פּרי־ צים, פיל־פאַכיק שטייגן. דאָס איז אויך דער סוד פון דער קינסט־ לעך־אויפגעקומענער שטאָט פון אַ דאָרף. קאַפּיטאַל האָט אויף אַלץ אַ קעשענע חשבון.

און די בערזע איז פול. אַרום דער בערזע האָבן זיך גע־ מערט קלייטלעך און זיסוואַרג־שטעלן, רעסטאָראַנדלעך און גאַ־ זאַז קיאָסקן. דערווייל איז די אַרבעט־בערזע דער לעבעדיקסטער נערוו, דאָס הילכיקע ווינקל און דער צענטער פון פּתח תקווה.

אַ „מאַראַליש” בילד בײַ מוטער רחלס קבר

אויף די אָנזיכטס־קאַרטלעך איז פאַראַן אַ בוים, אַ דיקער שאָטנדיקער בוים ביים אַריינגאַנג צום „מוטער רחל קבר”. אָבער אומזיסט וועט מען דעם בוים דאָ זוכן. אַרום און אַרום איז באַרג־פעלז. פון איין זייט אַ אָנוואורף פון שטיינער —

אַ פֿאַרקאַן, און פֿון דער אַנדערער זייט – אַן אַראַבישער בית עולם. דאָס שליסט זיך צונויף מיט דעם ווייסן דאָפּל־שטיבל אין אַראַבישן סטיל. מיט געפּראַמפּעטער בויגן־טיר און בויגן־פֿענצטער האַרט בײַ דעם גלאַנציקן אַספֿאַלט שאָסיי, בײַ דער שוועל פֿון בית־לחם.

מענטשן, וואָס פֿאָרן פֿאַרבײַ צום הונדערטסטן מאָל קיין חברון און באר שבע, די וואָס פֿאָרן אין אויטאָבוסן, אָדער די וואָס ציען מיט די קעמל־קאַראַוואַנען, ווענדן נישט אָפּ זייערע בליקן פֿון יענעם דאָפּל־שטיבל, וואָס איז תּמיד בלויליך אָפּגעקאַלעכט, באַשיידן און פֿרום – די „מוטער רחלס קבר".

און פֿון די טרעפּלעך־נידער, פֿון הייל־טונקלעניש גיט אַ ווונק אַ קרענצל פֿלעמעלעך, בלוט־ליכטלעך אויף אַ טיף שוואַרצן פֿאָן.

תּמיד שטיל, געפּרעסט, ווי בײַם צוקאָפּנס פֿון אַ שטאַר־בנדיקער מאַמע, אײַנגעהאַלטן.

אינעווייניק, אַ רונד־אַרום הויכע קאַפּליצע. ענג, נאָר עפּעס לופֿטיק און אויפֿגעראַומט, אַ צאַרטקייט בלײַכט אַראָפּ פֿון די ווענט, אַ אָטעם פֿון ווײַבלעכקייט: מאַמעדיקס.

פֿון אַלע היסטאָרישע ערטער איז דער „קבר רחל" דאָס אײַנדריקלעכסטע ווינקעלע, וואָס עס רעדט צום געמיט, וואָס עס מאַכט אויפֿזינגען אַן אײַנגעשלאָפֿן קינדיש געזאַנג פֿון אַמאָל, אַמאָל בײַם קליין־שטעטלדיקן מלמד בעת די פּרשה „ויחי", בײַם אויסטײַטשן דעם „ואני–––".

דאָ שוועבט דער הויך פֿון פֿאַלקסטימלעכקייט, באַגלייט פֿון יענעם מלמד־ניגון און פֿאַרטײַטש:

„...ואני – יאָך. און כאָטש יאָך בין דיך מטריח

מיט מײַן קבֿירה, אָבער מיט דײַן מוטער רחל האָב יאָך

נישט אַזוי געטון, נײַערט–––".

און תּמיד, בײַ דער פּרשה, אין משך פֿון די עטלעכע קינדערישע יאָרן, בעת איך האָב געלערנט, האָט דער ווײנענ־דיקער ניגון געבראַכט מיך און נאָך עטלעכע יתומים פֿון מאַ־מעס צד, צו טרערן, דער דאָזיקער מאָמענט איז ווידער אויפֿ־

געשוווּמען ווען כ׳זע דאָ, ביי דער גרויסשטאַרצנדיקער מצבה, וואָס איז ענלעך צו אַ גרויסן אָפּגעקאָלעכטן ציגל־ראַוויון אין אַ בית המדרש, שטייט אַ ייד אַ זקן, צוגעפּרעסט צו דעם שטיין, ביידע הענט אויסגעשפּרייט, אַרומגענומען, און פון די אויגן טריפן טרערן. שטיל און שנעל פּאַלן זיי, לאָזן איבער אויפן קאַלך בלויע ריטשקעלעך, וואָס שלענגלען זיך אַראָפּ, אַראָפּ ביז צום באָדן און פאַרלירן זיך ערגעץ. איך זע פאַר זיך נישט קיין ייד אַ זקן, נאָר אַ קינד אַ יתום, וואָס איז איבערגעפּוּלט מיט מאַמישער בענקשאַפט און זיין האַרץ גייט איבער מיט קינדישער בענקשאַפט.

איינע פון די הערלעכסטע לעגענדע־פּלעצער, וואָס קלינגט אָן אויף די אינטימע סטרונעס אין מענטשלעכן האַרץ. דער גאַנצער קאָלאָריט פון ראָמאַנטיק שטייגט אויף, אין דיין פּאַנ־טאַזיע שטייט אויף די צאַרטע רחל, פאַר וועלכער יעקב האָט געאַרבעט פערצן יאָר, און דאָן איר יונגער טויט, „דער פאַר־שניטענער בוים אין מיטן בליען", „דאָס פאַרלאָשן ליכט", לויטן נוסח פון די פּרימיטיווע מצבה־קריצער אין די פּויליש־ליטווישע קליין־שטעטלעך.

ס׳איז שטיל דאָ. נאָר נישט די שטילקייט פון אימה, פון דרך ארץ; אַ שטילקייט פון ליבע. מיט דער זעלבער ליבשאַפט האָבן צאַרטע פרויען־הענט געהאָפטן פּרוכת׳ן פון סאַמעט און זייד און דערמיט באַדעקט, באַהאָנגען די נאַקעטע ווענט. עס זאָל איר געצעלט באַצירט זיין, פּירהענגליך, שפּיצן און געשטריקטע „לאַנדשאַפטן" פון וולטשקע און גאָלדפעדים.

דאָס איינשרייב־בוך, וואָס ליגט אין פאָדערהויז, האָט אויף זיינע בלעטער די באַדייטנדיקסטע חתימות פון וועלט־נעמען. פּופציק טויזנט מענטשן טרעטן איבער יאָר־יערלעך די דאָזי־קע שוועל. און חוץ אין בוך, ווערן די אונטערשריפטן אָוועקגעלייגט אויף דער מצבה. אָט שניידט זיך אַרויס אַ אונטערשריפט, אויף וועלכן דער שמש הייסט ספּעציעל לייגן אַכט: דזשאָרדזש בערנאַרד שאָו.

וואָס האָט דער דאָזיקער אַלטער וועלט־חכם געטראַכט, בעת ער האָט זיך געפונען דאָ, אין דער אַטמאָספער פון ליבע

און געוויין, געבעט און צאַרטקייט, געדעמפּטקייט און געזאַנגז

האָט ער אויך אפשר געטראַכט, ווי אַ סך פון זיינס גלייכן, אַז אַ לעגענדע איז דורכן לעבן באַפליישט און באַ־ביינערט געוואָרן און איז געוואָרן נאָך ווי אַן אמת, אַ גע־פילפולער אמת?

וואָרום, ווי דער שמש דערקלערט, געפינט זיך דער קבר אַן ערך פערציק מטער טיף אונטער דער ערד, אונטער דעם „אהל”. עס איז טאַקע אמת, זאָגט ער, אַז עס פירן צראָפּ שטיין־טרעפּ, און זיי פירן פאַרביי אַ וואַסער־קוואַל, ווו עס לעשן זייער דורשט די טויזנטער מענטשן, וואָס קומען אין די הייסע טעג זיך קילן אין שאָטן פון די דיקע ווענט. אָבער צי די טרעפּ פירן ווייטער ערגעץ, ווייסט ער נישט. עס האָט נאָך קיינער זיך נישט איינגעשטעלט ווייטער צו גיין אַראָפּ־צו־צו. און אגב איז טאַקע פאַראַן ערגעץ־ווו אַ פּלוגתא, אַז דאָס איז נישט דער ריכטיקער אָרט, אַז פּדן אַרם ליגט אַ ביסל ווייטער, איז פאַראַן אַ אַנדער סברא, אַז אויף דעם אָרט דאָ, אויפן וועג קיין בית לחם האָט יעקב זיין הייס געליבטע רחל מקבר געווען.

נאָר וואָס איז דען וויכטיק, צי עס שטימט היסטאָריש? ס'איז איינס פון די שענסטע פאָלקס איינגלויבונגען, אַ שטיק ליטעראַטור, וואָס מען לייענט נישט אין בוך, נאָר עס פאַלט גלייך אַריין אין אויג. עס איז אַ קינסטלערישער אמת אויס־געפאָרמט פון פאָלקס דמיון, עס איז אַ שטימונגפול ווינקל, וואָס ציט צו אי דעם נייגעריקן טוריסט, אי דעם גלויביקן סתם מענטש.

און פאַר דעם נישט גלויביקן איז פאַראַן דאָ אַ שטיק נאַטירלעך פאַרביקער אויסגוס פון שפּיל און געזאַנג. דאָ, אין דעם ענגן, הויכן קופּל־רונדיקן צימערל איז דער טרעפפּונקט פון אַלערליי „יודנטומס” אין גאָר דער וועלט. יידן פון צוויי־ליזירטן מערב ביז צום אָפּגעשטאַנענסטן מיטל־מזרח, דער אַמעריקאַנער און דער אַפגאַניסטאַנער. דער פוילישער און דער תימנער. אָדער ווי דער שמש רופט זיי אָן: יידן פון אשכנז

און פון בבל. סוחרים פון פערסיע און שקלאַפן פון אַביסיניע, פאַבריקאַנטן פון לאָדזש און פעדלערס פון סודאַן, גאָלדשמידן פון מאַראָקאָ און בריליאַנטן־הענדל־ר פון האָלאַנד. יידן כינע־זער און יידן אַראַבער. יידן קאַלטע, שטייפע, העלע, פון דע־נעמאַרק און נאָרוועגיען און יידן הויכע, געזונט־שטאַרק פון קאַרפאַטן־רוס, טשעכיע און טראַנסילוואַניע. יידן און יידן, אין פאַרשידענער קליידונג און טראַכט, מיט לשונות און מנהגים. איינס קאָן נישט דעם צווייטן און איינס איז פרעמד פאַרן אַנדערן. עס קומען יידן מיט צילינדערס און בראָן טיטלען, עס קומען יידן מיט שטריימלעך און יידן מיט טורבאַנען, מיט סטודענטישע היטלעך פון וועלט־אוניווערזיטעטן און רויטע פעסקעס מיט באַנדן פון בעדואינישע שבטים. פאַראַן אַזעלכע, וואָס טראָגן אויערינגלעך אין די אויערן און נאָז־לעכער און אַזעלכע — מיט גילדענע שווערדלעך און מעדאַלן. אַלץ פליסט אַהער, אַלץ קומט צו דער מאַמע, יעדער מיט זיין זיפץ און זיין טרער.

„מאַנגאָליאַ סטריט" איז נס־ציונה

דער יידיש־ענגלישער שריפטשטעלער ל. גאָלדינגער האָט אָנגעשריבן אַ בוך, וואָס הייסט „מאַנגאָליאַ־סטריט" און דאָס ווערק איז געוואָרן די ליטעראַרישע סענסאַציע אין ענגלאַנד.

אפשר נישט אַזוי צוליב דעם בוך, ווי צוליב דער טעמע, און אפשר נישט אַזוי ווייט צוליב דער טעמע, ווי צוליב דער „עקזאָטישער" סביבה, וואָס ווערט געשילדערט אין ראָמאַן — מאַנגאַליאַ־סטריט.

ווו ליגט דאָס מאַנגאָליאַ־סטריט?

נישט ערגעץ אין אַן אויסגעטראַכט פאַנטאַסטיש לאַנד, נישט איבער געהיימניספולע טייכן, איבער שרעקעוודיקע בערג, נישט אויף אומבאַקאַנטע אינזלען און אומאַנטדעקטע קאָנטינענטן. מאָנגאָליאַ־סטריט געפינט זיך אין מאַנטשעסטער, אין האַרץ

פון דער ענגלישער אינדוסטריע, דאָך איז פאַראַן עפּעס אומ־באַקאַנטס, פאַרהוילנס אין דער גאַס, דאָס זענען די צווי... טראָטואַרן. די צוויי גאַס־זייטן.

איין זייט איז באַוווינט דורך קריסטלעכע מענטשן און די אַנדערע זייט — פון יידן!

עס זענען דורך דורות. איינס דעם אַנדערן האָט נישט געקענט, איינס דעם אַנדערן האָט נישט געוווּסט, נישט דאָס אינערלעכע און נישט דאָס אויסערלעכע. חוץ דעם געוויינלעכן שאַבלאָן, פון זען זיך יעדן פרימאָרגן און זיך באַגריסן אויף אַ לאַקאָנישן אופן, האָט איינער צום צווייטן נישט אַריינגעבליקט, נישט טיפער אַריינגעבליקט, כּדי זיך צו דערקענען און באַנעמען.

ביז ס'איז געקומען דער קינסטלער, דער דיכטער און געמאַכט אַ רייזע איבער ביידע זייטן טראָטואַר און אַנטפּלעקט, סיי פאַר דער וועלט און סיי פאַר די איינוווינער פון ביידע רעסן, דאָס קעגנזייטיקע לעבן, דעם לעבנס־שטייגער פונם אַנדערן צד.

עפּעס ענלעכס, נאָר מער פאַרנעפּלט, קומט פאָר אין נס־ציונה. עס איז איינע פון די מערקווירדיקסטע דאָרף־שטעטלעך. צי דער גורל, צי דער צופאַל האָט עס אַזוי געאָגראַפיש צוזאַמענגעשטעלט, אַז ס'איז אויסגעקומען אַ מין „מאַנגאָליאַ־סטריט". קומסט אָן צופאָרן אין שטעטל און פאַרן אויג אַנט־פּלעקט זיך אַ מאָדנע בילד: די הויפּט־גאַס, דער „כּביש", וואָס פירט פון ראשון לציון קיין רחובות, איז ווי אַ גרענעץ־שאָסיי, וואָס איין זייט געהערט צו אַ ציוויליזירטער וועלט און די אַנדערע זייט — צו אַן אָפּגעשטאַנענעם לאַנד. פון איין זייט לענג אויס, לינקס, ציען זיך אַ ריי קלייטלעך, קרעמלעך, יאַטקעס און קאַפע־שטיבער. עס איז קלאָר צו דערקענען פון ערשטן אויגן־בליק, אַז דאָס איז אַלץ אַראַביש. דאָס באַקאַנטע בילד פון אַלט־ירושלים, פון נידער־חיפה, פון עכּו, דאָס בילד פון הונדערטער אַזעלכע ליימיקע, בלינדע דערפלעך. אַ שטיל טומלדיקע און מאָנאָטאָנע אַזיע. די גוט־באַקאַנטע געסט, אויסגעזעצט אויף קליינע שטרוי־געפלאָכטענע בענקלעך פאַר די טירן מיט די פּנימער צו דעם וועג, מיט די נאַרגילעס אין די מיילער, רוי־

כערן, טראַכטן, און הערן זיך איין אין די צעצויגענע איינטאָניקע געזאַנגען פון אַלטמאָדישע גראַמאָפאָנען.

און אין דער צווייטער זייט, קעגנאיבער, איבערן שאָסיי — דער אויפשוווּנג פון אייראָפּע. נייע הייזער, ניי־מאָדיש איינגעאָרדנטע געשעפטן און קאַפעען. לוסטיק, הילכיק, זויבער און עלעגאַנט.

צוויי פעלקער, איינס קעגנאיבער דעם אַנדערן, וואָס קוקן זיך זעכצן לאַנגע שעהן פון יעדן טאָג אין פּנים אַריין און פאַרשטייען זיך נישט. עטלעכע שפּאַן נאָנט און אַזוי פיל ווייטקייטן. תהומות גאַנצע ליגן אין אָט די עטלעכע שפּאַן פון איין זייט שאָסיי ביזן אַנדערן!

אין דער זייט לינקס, אין דער אַראַבישער זייט, אַזיצ מיטן קנאַק! אין דעם אומבליק פון קעגנאיבערדיקן „אייראָפּע" זעט מען ערשט דאָס אָרעמקייט און אָפּגעשטאַנענקייט פון דעם „הייזלעך" פון טרוקענע צווייגן, אָדער האַלב צעראַבער. פּרעסענע פון די ווערם, וואָלענע טיכער. אַ מאַרק־פּלאַץ, ווו עס פּלאָנטערן זיך קי, קינדער, שעפּסן, דערוואַקסענע, אייזלען, ווילדע, הונגעריקע קעץ, בלינדע זקנים, כיטרע בעדואינער, צען־יאָריקע „ווייבער" מיט דעם גאַנצן עול פון אַ... פאַמיליע־לעבן אויף איר קינדעריש קעפּל און אַלט־געמיטיקן מוח... איז עס אוממעגלעך דורכצוגיין און זיך נישט צוצוהאַלטן די נאָז. פון די געצעלטן זעצט דער „ווייררויך" פון זייער הייצונג — קי־מיסט דורכגעפּעצט מיט אייל.

און דאָס מערקווירדיקסטע איז, וואָס די באַוווינער דאָ, פון דעם שטאָט־טייל, זענען אַרבעטער, טאָג־לוינער, בעלי־מלאכות, ערדלאָזע און דאַכלאָזע, אַזעלכע, ווי די פון יענער זייט שאָסיי. ווי יידישע אַרבעטער, זוכן זיי אין די פאַרנאַכטן דעם מאָרגנדיקן טאָג פּרנסה. נאָר זייערע מוסקולן זענען ?? פּנים פון ביליקערן מאַטעריאַל, ווייל פאַר זייער מי צאָלט מען ווייניקער, פיל־ווייניקער. דער זעלביקער באַלעבאָס, דער יידישער, וואָס טראָגט אַלע „איינפלוסן" מצד „נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן", אַז ער זאָל נאָר יידישע אַרבעטער באַשעפטיקן, באַשעפטיקט ער פונדעסטוועגן אַראַבישע אַרבעטער. ער טוט עס נישט מחמת הו־

מאָניטאָרע געפֿילן, נישט אַפֿילו מחמת פּאָליטישע טעמים, דער פֿרדסן, אָדער פֿאַבריק־אייגנטימער ווייסט גאַנץ גוט, אַז תמיד, אייביק, וועט אַזוי נישט קאָנען זיין, ווי ס׳איז איצט, אַז צוויי פֿעלקער זיצן איינס קעגנאיבער דעם אַנדערן, מוז מען זיך לערנען פֿאַרשטיין און אַנבינדן קעגנזייטיקע באַציונגען. אַנדערש קומט עס אויס, ווי צוויי פֿיינדלעכע לאַגערן זענען דאָ אַוועקגעשטעלט, וואָס איינער שטשירעט די ציין אויפֿן אַנדערן און קוקט אויס די מינוט, וואָס איינס וועט אויפֿן אַנדערן קאָנען אָנפֿאַלן.

ער ווייסט גאַנץ גוט, דער אונטערנעמער, וואָס איז צוגלייך אַ פּאָליטיקער, נאָר נישט דאָס איז די סיבה, וואָס ער גיט דעם שכן פֿון „קעגנאיבער״ עפּעס צו פֿאַרדינען, וואַרפֿט אים צו אַ טאָג־אַרבעט. די סיבה איז אַ פּשוטע. דער לוין־שניט, דער נידריקער שכר און די לאַנגע אַרבעטס־צייט, וואָס ער קריגט אַרויס פֿון דעם „קעגנאיבערדיקן״...

און דער קאַמף גייט מצד... דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע הסתדרות. פֿאַרשטייט זיך, צוויי לאָזונגען קעמפֿן איינס מיטן אַנדערן, איינס וויל פֿאַרטושן דאָס אַנדערע, פּסוק מיט פּסוק ראַנגלען זיך, „פּראָלעטאַריער פֿון אַלע פֿעלקער פֿאַראייניקט אייך״ און... „כּיבוש עבודה״, „עבודה עברית״... דאָס אויסדערוויילטע פֿאָלק פֿון גאָט האָט רעכט אויף אַרבעט. די אַנדערע נישט, נישט מחמת זיי זענען לוין־דריקער, נאָר מחמת זיי זענען... נישט קיין יידן. אין נס־ציונה זעט מען דעם געראַנגל פֿאַר די אויגן. עס איז צו נאָענט, קעגנאיבער. גאַס איבער גאַס. צוויי פֿעלקער קוקן זיך יעדן טאָג אָן. אַ גאַנצן טאָג, און אַ שטיק אין דער נאַכט.

און איך טראַכט וועגן דעם, וואָס עס טראַכטן אַט אָ די, פֿון „קעגנאיבער״, די פֿון „אַזיאַטישן״ טייל פֿון נס־ציונה? מיט וואָס פֿאַר אַ קנאה עס פֿלאַקערן זייערע אַזוי אויך גענוג פֿייערדיקע אויגן, בעת זיי זעען, אַז אין דער „אייראָפּעישער״ זייט פֿון שטעטל, אָט אָ דאָ, איבערן שאָסיי, ווי פֿיל־ווייניק עס באַוועגט

זיך דער יידישער אַרבעטער. בעסער און ציכטיקער אָנגעטאָן,
דער עיקר — די מיידלעך, די יונגע יידישע פרויען. נאָך דער
אַרבעט און אין רו־טאָג, אַ שטענדיקער, בריוחדיקער „גרויש" אין
דער קעשענע, זיצט אין אַ ריין־ציכטיקן רעסטאָראַן, זיצט אין
אַ פאַרהעלטנישמעסיק לייטישער דירה, און שבת, יום־טוב, פאָרט,
מען קיין תל־אביב פאַרברענגען.

ער, דער אַראַבישער, בעדואינישער אַרבעטער, וואָלט עס
אויך געוואָלט, נאָר ער ווייסט נישט די סיבה, פאַרוואָס ער
האָט עס נישט. איבריקנס, ער האָט זיך שוין די סיבה דער־
ווסט: עקספּלאָטאַציע! דער יידישער אַרבעטער ווערט אויך
עקספּלאָאַטירט, נאָר נישט אַזוי, ווי ער. און אין זיינע טיפע
מזרח־אויגן צייכנט זיך אַ פראַגע. אַ פראַגע פאַרוואָס?: פאַר־
וואָס האָבן די יידישע אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אפשר ביי איין
אונטערנעמונג מיט אים, יאָ אויפגעבויט פאַר זיך אַ פּרעכ־
טיקן, מאָדערנעם אַרבעטער־בנין, די ווייסע ווענט, און די
ברייטע פענסטער דערציילן וועגן עפּעס אַן אָאַזיס צווישן די
שוואַרצע ליוונטענע און טרוקענע צווייגן געצעלטן. דאָס איז די
נייע שכונה, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פון אַרבעטער, פון
„איראָפּעישע" אַרבעטער, דאָס הייסט פון יידן, און האָט זיך
אַרומגענומען בוכשטעבלעך מיט שטעכיקן דראָט, שוץ־פאַרצוי־
מונגען פאַר פרעמדנס טריט און פאַר אַן אַראַבישן חברס אויג!—
פאַרוואָס זיי יאָ, און איך, דער אַראַבישער אַרבטער נישט?!

ער, דער אַראַבישער אַרבעטער, פרעגט זיך טויזנט „פאַר־
וואָס'ן" און האָט אויף זיי קיין ענטפער נישט באַקומען. אים
איז פרעמד פאַרלויפיק דאָס, וואָס ערגעץ אַנדערש נעמט מען
נישט צו (לייען: מען לאָזט נישט צו) זיין ראַסן־ברודער צו
קיין אַרבעט. אין נס־ציונה איז שוין דאָס אַ טראַדיציע, ווי
בכלל די טראַדיציע אין „דרום־יהודה" צו אַרבעטן מיט אַראַ־
בישע הענט. איין זייט פון דער מטבע איז שוין דערגרייכט,
נאָר... אָננעמען זיך פאַר דעם „אַזיאַטישן" ברודער, העלפן אים
אָרגאַניזירן, אַוועקשטעלן אַ העכערן סטאַנדאַרט פאַר זיין לעבן—
דאָס נישט.

נאָר דער „אַזיאַט" איז עפּעס אַליין געוואָר געוואָרן פון אַזאַ זאַך, וואָס ס'מיינט „שטרייקן". עטלעכע, געציילטע ראַדיקאַל־געשטימטע הסתדרות מיטגלידער און חברים פון אַן אָפּאָזיציאָנעלער פּאַרטיי, וואָס האָבן נישט פאַרקלעפּט דעם לאָזונג פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט מיט אַ שאָוויניסטישן לייב־צו־דעקל, פון דורכויסיקער יידישער אַרבעט האָבן געהאָלפן דעם אַראַבישן אַרבעטער דאָס געוואָר צו ווערן.

עס איז געווען אַ סענסאַציע און אַ סיורפּריז. עס איז געווען אימפּאָנירנדיק אין דער גאַנצער פּרימיטיווער אומבאַהאָלפנקייט, ווען אַראַבישע אַרבעטער זענען אַרויס אין אַ שטרייק. זיי זענען נישט אויפגעשטאַנען, ווי די „שטרייקערס" אין גרויסע אינדוסטריעלע צענטערס, מיט מוט און איבערגעגעבנקייט. דער קלאַסן־באַוווסטזיין האָט זיכער נישט געווירקט אין זיי. אַזוי ווייט זענען זיי נאָך נישט דערגאַנגען. נישט זייער שולד איז עס, נאָר אין אונטערבאַוווסטזיין, אינטויאיטיוו האָבן זיי דאָס אין זייערע מוחות געטראָגן. זייער שטיין אויף די שטרייק־פּאָסטנס, זייער פעסט־געקלאַמערטקייט אין זייערע פאָדערונגען האָט זיי געמאַכט ווירדיק אין זייערע אייגענע אויגן. האָט אָנגעגאָסן שטאָל אין די מוסקולן, זייער זיג איז אַ צו מינימאַלער, אַ צו קליינער, אַז זיי זאָלן זיך קענען אויסגלייכן מיט די יידישע אַרבעטער, הן אין שכר פאַר אַרבעט, הן אין באַדינגונגען פון אַרבעט. אָבער דער אָנהויב איז געמאַכט. „מאָנגאָליאַ־סטריט" האָט זיך אַ רוק געטון צו דער אַנדערער זייט, אַ דערנענטערטן שפּאַן געמאַכט איבער דער גרעניץ — דער אַספאַלט שאָסיי.

צום שטאַרקסטן זעט זיך דער קאָנטראַסט אין נס־ציונה פרייטיק־פאַרנאַכט. דער שבת רייט אַריין אין דאָרף־שטעטל און פאַרקערעוועט זיך נאָר אויף איין זייט, אויף דער רעכטער זייט. קראָם נאָך קראָם ווערט געשלאָסן, אין פענסטער נאָך פענסטער צינדן זיך אָן די בענש־ליכט. פרום איז מען נישט, נאָר דער פלאַנטאַטאָר, דער הויז־אייגנטימער, דער קרעמער און

דער מעקלער האַלטן שטאַרק פון טראַדיציע. דאָ, אין נס־ציונה שניידט זיך דאָס, אויפן פּאָן פון קייגנאיבערדיקן קוויטיקן אַראַבישן מאַרק, בולטער אַרויס. דאָס יונגוואַרג, וואָס לערנט אין תּל־אָביב, אין רחובות, אין ראשון־לציון, קומט אַ הער. די ·ווייסע רובאַשקעס בלענדן אין דער בלויליך־פּורפּורנער ערב־טונקלקייט. דער גלאַנציקער שאָסיי ווערט פאַרפּלייצט מיט שפּאַצירנדיקע, מיט געזאַנגען און אַפילו האַרמאַטענץ.

און אין דער צווייטער זייט — לינקס, איז דער „אינדערוואָכן", עס איז דער אַראַבישער מוצאי־שבת. די „פּולע וואָך רוקט זיך ביי זיין אָן", די אומגעלומפּערט·גרויס־גרויסע קאַפּע־שטיבער זענען אָפן. פון אינעווייניק שפּאַרט זיך אַרויס אַן אומהיימלעך·צאַנקענדיק ליכט פון נישט רעגולירטע לוקס-בענזין־לאָמפּן. אָפּגעריבענע פּלאַטעס פון גראַמאָפאָנען רייבן־אַרויס שטיקער צעריבענע, מאָנאָטאָנע שלשלת־ניגונים. צענדליקער, צעטרענצלטע נאַכט־שטיקער קוקן אַרויס מיט פינסטערע אויגן. עס זיצן די אַראַבישע באַלעבאַטים מיט צענומענע פיס אויף קליינע, געפלאָכטענע שטרוי־בענקעלעך, סמאָטשקען די נאַרגילעס און פון זייער ציען, בלעזלט זיך דאָס הייסע וואַסער אין די גלעזערנע באַניעס. מען קוקט מיט קנאה צו דער קייגנאיבערדיקער זייט גאַס.

און יונגע קינדער, אין שטיקער אָפּגעריסענע נאַכט אויף זיך, אַראַבישע מיידעלעך, קינדער, וואָס טראָגן אַליין אויף זייערע הענט קינדער, שטעלן זיך אויס אין אַ שורה און אויך זיי קוקן אַריבער מיט די אייטערדיקע אויגן, אַ מין אייטערדיקע קנאה צו די שטיבער מיט די ווייס־געדעקטע טישטעכער און שבתדיקע ליכט.

די אַראַבישע קינדער רעדן יידיש, נישט ערגער פון העברעיש און נישט בעסער ווי אַראַביש. עס איז פאַראַן ביי זיי אַן אונטערטעניקייט צו, יענער זייט, און די אונטערטעניקייט דריקט זיך אויס וואָס צו יעדן באַקאַנטן אָדער באַקאַנטע פון קייגנאיבער, באַגריסן זיי:

— שבת שלום!... גוט־שבת!

אַ וויזיט בײַ אַן עפֿענדי

איך באַשרײַב דאָ צוויי וויזיטן צווישן אַראַבער, נישט דערפֿאַר ווײַל איך וויל בלויז ציען „פּאַראַלעלן“ פֿון צוויי קלאַסן, אַן אָרעמען און אַ רײַכן. בײַ אַראַבער, ווי בײַ אַנדערע פֿעלקער, שנירלט זיך דורך אַט דער פֿאָדעם, כאָטש שאַרפֿער און אונטערגעשטראָכענער. איך באַשרײַב עס בלויז פּשוט, ווײַל איך האָב נעכטן אָוונט און הײַנט אַ גאַנצן טאָג פֿאַרבראַכט מיט זיי. דער דאָזיקער מעת לעת קלאַפּט איצטער אַרויס אויף די ווײַסע בענדלעך — די ווערטער פֿון דורכגעלעבטן.

מיט אַ קלײנער גרופּע האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט נעכטן אָוונט, אויף דער אַראַביש־נאַציאָנאַלער אויסשטעלונג אין ירושלים.

דער שאָוויניסטישער מאָמענט שפּילט בײַ די אַראַבער, נישט קיין קלײנע ראָלע, שיער נישט אַזוי ווי... בײַ די ארץ־ישׂראלדיקע ייִדן. די אַראַבישע עקזעקוטיווע, וואָס באַשטייט פֿון שײַכן, עפֿענדיס, גרויסע ערד־אײַגנטימער, פֿאַבריקאַנטן, עקספּאָרטערן, פּלאַנטאַטאָרן און פּראָפֿעסיאָנעלע פּאָליטיקער, שוין נישט רעדנדיק פֿון לערער און אַדוואָקאַטן, זי פֿירט די „גראַנדע“. די ייִדישע מיט־נאַציאָנאַליטעט אין ארץ־ישׂראל איז אַ געפֿאַר פֿאַר זייערע קלאַסן־אינטערעסן. דאָס איז קלאָר. בעל כּרחו מוזן ייִדישע אונטערנעמער צאָלן טײַערער זייערע אַרבעטער, ווײַל די אַרבעטער זענען אָרגאַניזירט. דער פֿאַל אין נס־ציונה, דער שטרײַק פֿון די אַראַבער האָט אָפּגעקלונגען אין פּתח־תּקווה און עס האָט זיך אָפּגערופֿן בײַם ים־המלח. דאָס איז ייִדישער אײַנפֿלוס. מען דאַרף אַלזאָ נישט לאָזן דעם ייִדישן אײַנפֿלוס קריגן אַן איבערגעוויכט.

די אויסשטעלונג אין תּל־אָבֿיבֿ האָט געקענט ווערן אַ שאַרף געווער אין די הענט פֿון די ייִדישע עקספּאָרטערן און אימפּאָרטערן. דער גאַנצער גלאַנץ, פּראַכט, וועלטלעכער שווונג און פֿאַרנעם פֿון דער תּל־אָבֿיבֿער אויסשטעלונג האָט געקענט דאָס ייִדישע לעבן אין פּאַלעסטינע אַרויסרוקן אין פֿאָדערגרונט. דאָס האָט נישט געטאָרט דערלאָזט ווערן און די „עקזעקוטיווע“

האָט אויף דער שנעל אָראַנזשירט אַ... קעגנאויסשטעלונג, אַן אַראַביש־נאַציאָנאַלע.

אויף דער שנעל צוגעגרייט, מיט „פּראַטערישע־קוני־איי־לאַנדער" באַפּוצונג. פאַרביקע עלעקטרישע לעמפּלעך, טאַנצנדיקע פייער־שילדן. אַן אָרקעסטער אין פראַנט און דער ריזיק־גרויסער פּאַלאַסט־האָטעל אין ירושלים האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אויסשטעלונג.

די פּלאַקאַטן אויף די ווענט פון ירושלים און חיפה, האָבן גערופן דעם אַראַבישן עולם מיט קינדער און קינדס־קינדער.

און דאָרט האָב איך דאָס געשלאָסן מיין באַקאַנטשאַפט.

נישט צופעליק. מיינע דריי באַקאַנטע האָבן פאַר מיר פאָרגעשטעלט דריי כמעט אַדעליקע אַראַבער.

דורכאויס איירָאָפּעיש. גאַלאַנט, פעדאַנט גאַלאַנט אַפילו. פון דער איינער אָנגעטוענער הענטעקע אויף דער לינקער האַנט, אין וועלכער עס איז געלעגן די אַנדערע, די נישט אָנגעטוענע. פון דעם העל ראָבלע־שטעקעלע מיטן ווייסן ביין־קיילעכדיקן „קאָפּ", פון דעם שאַרפן קנייטש אין די ווייסע הויזן, און דאָס גוט אָנגעפּאַסטע בלויע, צוויי־רייאיקע קנעפּ־רעקל, דער שנאָל אויפן פּאַסעק מיט אַ מאָנאָגראַם, דאָס בלויע געשפּריצטע שלייפל, דאָס גלאַט־ראַזירטע פּנים, אויספּערפומירט און געפּודערט. דאָס האָט קיין צווייפל נישט געלאָזט, אַז עס ווערט פאַר מיר פאָרגעשטעלט אַ קאַוואַלער פון פּאַריזער מאָדע־סאַלאָן אַרויס.

בלויז נאָר די רויטע פעסקע, מיטן שוואַרצן, אַראָפּהענ־גנדיקן זיידענעם טראָלד, האָט אונטערגעצייכנט, אַז כ'האָב פאָרט נישט צו טון מיט אַן עכטן איירָאָפּעער.

זייערע נעמען געדענק איך נישט. שווער נאָכצוזאָגן, כאָטש ביי איינעם פון זיי, ביי דעם עלעגאַנטסטן האָב איך דעמזעלבן אָוונט פאַרבראַכט ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.

ער איז אַ מענטש מיט העכערער בילדונג. ער האָט זיין בילדונג באַקומען אין ביירוט, קאַיראָ, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ער האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון פּאַריז. און אין די־

דיפּלאָמאַטישע אָנגעלעגנהייטן געווען עטלעכע מאָל אין לאָנדאָן.

איך פרעג נישט, אין וועלכע דיפּלאָמאַטישע אָנגעלעגנ־הייטן. דיפּלאָמאַטיע איז אַ סוד, איך רעכן אָבער, אַז ער האָט געמוזט מיינען „פּאָליטישע ענינים".

נאָר זאָל דער גרייז אים וואויל באַקומען.

נאַטירלעך רעדן מיר ענגליש. ער קען אויך פּערפעקט פראַנצויזיש, אַ ביסל שפּאַניש, אויסגעצייכנט העברעיש, נאָר לשם קאָקעטעריע — וואַרפט ער אַריין אַ פּאָר יידישע ווער־טער מיט ווייכע למדן...

איך פאָר דער גרופּע בין וויכטיק. אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַן אויסלענדישער צייטונג. עס איז פאַראַן אַסאַך „עוולות", וואָס מען דאַרף זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ.

אדרבא.

אָט זיצן מיר ביים בופעט פון דער אויסשטעלונג. צוויי טישלעך איז צונויפגערוקט געוואָרן. מיר זענען שוין איצטער זיבן פּערזאָן. עס ווערט גערעדט אויף אַכט לשונות. יידיש דעצידירט און העלפט אַרויס.

איינער פון זיי איז אַן אַדוואָקאַט, איינער אַ לערער אין אַן אַראַבישער גימנאַזיע. דער דריטער, דער מיינסטנס צוגעלאָזענער — אַ פּראָפעסיאָנעלער פּאָליטיקער.

געשפּרעך: יידן.

דער לערער האָט טענות:

— למאי זוכט נישט די באַפעלקערונג די דערנענטערונג צווישן אונז מיט זיי? למאי האָט מען איינגעפירט אין די העכערע קלאַסן פון די העברעישע שולן דאָס לשון פון אָקו־פּאַנט, פון מאַנדאַטאָר — ענגליש. און דאָס לשון פון די ברייט־טע מאַסן, פון די אַלטע באַזעסענע, די אַראַבער, איז שטום אין די אויערן פון יידישן קינד. ס'וואַקסן צוויי דורות אין איין לאַנד. צוויי פעלקער אויף איין ערד, נאָר איינס דעם אַנדערן, וועט זיך נישט פאַרשטיין, נישט צונויפקומען.

— גערעכט. — זאָג איך. — אָבער פאַרוואָס לערנט מען נישט אין די אַראַבישע שולן העברעיש?

— אין די אַראַבישע שולן לערנט מען נישט... קיין אַראַביש אויך נישט. עס איז איבערהויפּט נישטאָ קיין שולן. די ווינציקע, זענען פּריוואַטע. די מלוכהשע, וואָס זענען סוב־סידירט פון דער רעגירונג... נו, פאַרשטייט דאָך, מען קאָן נישט רעדן.

איך פרעג: זענט איר אַזוי שטאַרק פאַר אַ דערנענטע־רונג ?

דער לערער, ווייזט אויס, איז אַן אָנגעשטעקטער מיט ראַדיקאַלע געדאַנקען. זיין פּאָסטן איז אַן אויסגעקעמפּטער. אויך אַ פּריוואַטע שול. ער האָט סיי ווי צו טון מיט קריסט־לעכע אַראַבער־קינדער. דאָרט איז אינגאַנצן שוין עפּעס אַן אויסגעמיש.

פון שול שפּרינגט מען אַריבער אויף אַנדערע שמועסן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער לערער איז אַ פּאָעט, איינער פון די באַדייטנדיקסטע. ליידער, ווי פון די אַנדערע, צופעליק באַקאַנט געוואָרענע, האָט זיך זיין נאָמען מיר אויך נישט איינגעקריצט אין זכרון, סיידן דאָס פאַר־וואָרט, דער ערשטער נאָמען מעהאַמעט. נאָר וואָס אַזוינס עס איז געקומען נאָך מעהאַמעט — ווייסן אפשר די צענדליקער געטער, וואָס קעניגן אין די הימלען איבער ירושלים.

נאָך דעם געשפּרעך האָט מען אָנגענומען די איינלאַדונג פון דריטן „כאַוואַדזשאַ”, דעם עלעגאַנט, וואָס האָט בכלל נישט געלאָזט אַרויספירן דעם געשפּרעך אויף אַ פּאָליטישן שטעג. ער האָט פאָרגעשלאָגן:

— באַזוכט מיין היים. מיין פּאַלאַץ. עס איז איצטער בלי־צייט, עס שמעקט ביי מיר אַזוי, פון צעוויקלטע רויזן.

אַ גרויסער לוקסוס־אויטאָ, וואָס איז געשטאַנען אין גאַס. קעגנאיבער דער אויסשטעלונג. מיר זענען אַלע באַקוועם אַריין און צוגעפאָרן. ערגעץ אונטער דער שטאָט, אויף אַ בערגל. אַ פּאַלאַץ האָט אַרויסגעשטאַרט ווי פון אַ בלוי־זילבערנעם נעבל. אַ מעשהלע פון טויזנט און איין נאַכט. מיר זענען אויפגעשטיגן אויף אַן אַ שיעור טרעפּ, שטיין־טרעפּ, ברייט און

האַלב אויסגעקײלעכדיקט. בײ יעדן אָפּרו־פּונקט אַ מאַרמאָר־באַנק. איבער װעלכער עס האָט זיך געהויבן אַ נאַטירלעכע חופּה פון געשלענגלטע בלעטער, דורכגעהאַפּטן, דורכגעװאָרפן מיט בלומען און פון יעדער זײט — אַ בלומען־װאַזע, פון װאַנען עס האָבן אַרויסגעגלײט שאַרף רויטע און בלײך־װײסע רויזן.

אינעװײניק. ד״ר פּאַלאַץ איז אין אַראַביש־ביזאַנטינישן סטיל. אַ קאָמבינאַציע פון אַלט־חלום, און מאָדערנע װאָר. די נײעסטע אײנריכטונג, פון אַן עלעקטרישן אײז־קאַסטן ביז אַ אַרמאָרענעם באָדי־באַסײן פאַר די אויסגעװײלטע װײבער. פון אַ זעכצן לאָמפּנדיקן ראַדיאָ ביז אַ פערשלאָסענעם האַרעם. איך װײס נישט װיפל װײבער עס האָט, מײן נײער פרײנט, זײן אײגנטום. נאָר לויט די טירן פון די שלאָף־צימערן בין איך זיך משער אַז נישט װיניציקער װי פיר, איך האָב זיך אָבער שפּעטער דערװוסט, אַז ב ל ו י ז דרײ.

אַלע חדרים, זאַלן, קלענערע און גרעסערע, אַפילו אַ װונדערבאַרער, דורכויס אָריענטאַליש־אײנגעאָרדנטער שפּיל־צימער פאַר קינדער, מיט אַלערלײ שפּילצײג: פון אַ האַרמאַטל, ביז אַ מאָדעל־קאָפּיע פון אָמאַר־מאָשעי־מעטשעט. די קינדער זענען איצטער נישטאָ. ער, דער בעל־הבית פון דאַנען איז אַן „אײראָפּעישער״ מענטש און װײסט די אײראָפּעישע דערציונגס־מעטאָדן: קינדער מוזן גײן שלאָפן שפּעטסטנס זײגער זיבן. לויט דעם שפּילצײג, שטילעכלעך, טישעלעך קאָן מען זיך משער זײן, אַז דאָ איז בײטאָג אַ גאַנצער... קינדער־גאָרטן. נישט װיניציקער װי צװעלף קינדער האָבן אים זײנע װײבער געשענקט, פאַרלויפיק. די קינדער צימערן געפינען זיך אין שכנות פון זײערע מאַמעס שלאָף־חדרים.

מיר זיצן איצט אויף אַ טעראַסע אויף נידעריקע פון זעלטן שטרוי געפלאָכטענע בענקעלעך. די אַנדערע צװײ אַראַ־בער זיצן נאָר אויף אַ שטויס פון קלײנע, ראַש־פאַרביקע קישעלעך. פאַר זײ װערט „סערװירט״ אַ נאַרגילאָ.

אונזער שמועס האָט זיכער אָנגעשלאָגן אין די פאַרהאַ־מערטע טירן און אַרײנגעדרינגען אין יענער זײט, אין די

בודואַרן פון די דריי פרויען — וואָס „געהערן" צום מאָדער־נעם, אוניווערזיטעט־געענדיקטן שפּראַכן־קענער, ציוויליזירטן פּאָליטיקער. זיי, די פרויען זיינע, וועט ער אָבער נישט איינ־לאַדן, פּשוט, אַרויסלאָזן זיי פון זייערע אין קאָמפאָרט־איינגע־אָרדנטע שטייגלעך, וואָס הייסן שלאָף־צימערן — דאָס איז נישט לויט דער עטיקעטע, נישט לויט דעם מנהג און נישט לויט זיינע אַזיאַטישע אויפפאַסונגען.

ער אַליין, דער באַלעבאָס, מיט דער מיטהילף פון זיינס אַ דינער, וואָס איך האָב דעם איינדרוק אַז ער איז אַ... טריס, פּאָרען זיך אַרום מיט כבוד. מען איז מכבד פון שענסטן און בעסטן. פון פרוכטן, וואָס דאָס אויג האָט נאָך נישט געזען און אויף טעלערס, וואָס שניידט ווונדער אין בליק.

דערצו קאַווע, עכטע טערקיש־אַראַבישע קאַווע. שטאַרק און מעליק אויף דער צונג. מיר גייען איבער אין געזעלשאַפטס־זאַל, אַך, וויפל געשמאַק עס האָט אָט דער אַראַבישער הער וויפל לוקסוס און רחבות.

זיין קאַבינעט. אַ ביבליאָטעק אויף עטלעכע שפּראַכן אמת, צום מיינסטנס אַראַביש, אָבער גראָד די אַראַבישע ביכער זענען מיט איינפּאַכע, לייוונטענע ביבליאָטעק־באַנד, דאַקעג. די פרעמד־שפּראַכיקע ביכער זענען אין טייערסטע שלאַנגען, לעדער און גאָלד־געלייש געבונדן. בילדער אויף די ווענט־נישט פון מאָלער, נאָר פון האַנט־קינסטלער, מאָזאַיק־אויסאַר־בעטונגען, בראָנז־אויסגעשלאָגענע פיגורן, מאָדעל־קאָפּיעס פון די הייליקסטע ערטער פון ירושלים און מעקאַ.

נאָר זיינע ווייבער זעען מיר נישט. זיי זיצן אונטערן שלאָס און ריגל. זיי וואַרטן, אַז דער „האַר און געביטער" זאָל קומען צו זיי. זיי קענען זיך נישט באַווייזן, דערשיינען, אַרויסקומען, עס זענען פאַראַן פרעמדע מאַנסבילן אין הויז...

און דער דאָזיקער, מאָדערנער מענטש, דער געבילדעטער, דער פּאָליטיקער, האַלט אין איין רעדן וועגן פּראָגרעס און ציוויליזאַציע, וועגן אייראָפּעישע איינפלוסן אויפן נאָענטן מזרח. ער רעדט וועגן די ברייטע אָרעמע אַראַבישע מאַסן, פאַר וועל־

בע ער „שטעלט זיך איין". ער רעדט מיט שוים וועגן יידישע אנעקסיעס און זוכט פריינדשאפט ביי א יידישן זשורנאליסט, ער חנדלט זיך צו יידישע ווײַבלעך און האלט זיינע אייגענע ווייבער הינטערן שלאס. ער רעדט וועגן דער נויט פון זיינע פעלאכן־ברידער און טרייבט זיי מיט א בייטש. ער רעדט זיס, צוקערדיק, האניק־טריפנדיק און טראגט אונטער דער צונג גיפט, פייער און האס צו די, וואס זענען ארעמער און דער־שלאגענער פון אים.

אן אראביש דארף

אן אראביש דארף. א צונויפגעקלעפטע מאסע ליים־שטיין־פארקאן־געסלעך, אן אנהויב און אן אויסלאז. גרינע אויסשניט־טירלעך אין די דאזיקע גאסן־ווענט, ווי טירן צו תפיסות. קיין הויז זעט מען נישט, קיין פענסטער קוקט נישט אין גאס אריין. איבער א פארקאן שטארט ארויס א הויז־געזימס. פארמאכט, פארהעמערט. די גייסט דורך א אויפגרוב אין א געל־זאמדיקן בארג. ערגעץ־ווו איז דער טומל פון דעם אריענטאלער איינגעצאנגען. ערגעץ איז דער געשריי פארשטעקט.

הייסער נאכמיטאג. דער גאנצער דארף־בארג שמעלצט זיך ווי אין א מעשענער פאן. דער זאמדיק־שטיינערנער באדן בריט אדורך די שיך און די היץ זעצט אין די שלייפן. אויף די ליפן א דיקע, „קארע" פון פארטרוקנטן־שוים. דאס גייען מיר, דריי טוריסטן, שוין היבשע עטלעכע שעה, די גאלד־בלויע דורכזיכטיקע לופט האט אונזערע בליקן פארפירט. גע־מיינט, אז דאס „דערפל" איז אט־אט. עס האט א מיראזש א בלענד געטון אין אויג און איצטער גייען מיר און גייען צו דעם דאזיקן „מיראזש" א באקאנט אראביש דארף פאר אייגעם פון די, וואס פירן אונז, א יידישער שומר.

מיר גייען אייגנטלעך זאלבע „פיר". איך, א חבר מיינער, א חבר פון מיין חבר – דער שומר אונז... זיין פערד.

מיטן שומר זענען מיר זיכער אין אַ דער מדבר־דיקער וויסטעניש. ער קען יעדעס שטעגעלע און יעדן שטיין. מיר גייען איבער בית עולמס. דער שומר ווייסט אַפילו ווער עס ליגט דאָ אין די קברים. די קברים, באַדעקט מיט קאָפּ־און־פיס־שטיינער, ווי ער, דער שומר, לייענט איבער פלינק און גיך די נע־מען און טיטלען פון די, וואָס רוען אונטער די שטיין־„וויגעלעך".

ער, דער שומר איז אַ גאַנצער „מיניסטער" ביי די אַראַבער. ער איז דאָס „שלום־צווייגל" צווישן דער יידישער „מושבה" און דעם אַראַבישן דאָרף. ער איז דער „דיפּלאָמאַט". ווי האָבן גערן זיינע חניפה־רייד און ער, מוז זיין געדולדיק און אויסהערן זייערע חניפה־ווערטער. קומט מען דורך, טאָלע־רירט מען זיך.

און מחמת דעם, וואָס אונזער שומר האָט אַ ווילד פערד, וואָס נאָר ער, קען אים צוימען און באַהערשנדיק רייטן אויף אים, איז ער בכלל אַ חסן אין זייערע אויגן. און וויל ער טראָגט שטענדיק אַ קינזשאַל אין זיין גאַרטל און אַ ביקס אויף זיין אָרעם — האָט מען פאַר אים דרך־ארץ, נעמט מען אים אויף ווי אַ אָנגעלעגטער גאַסט מיט כבוד. און נישט נאָר אים, נאָר אויך זיינע געסט זענען אָנגעלעגט און יחסנים.

אונזער שומר רעדט גוט אַראַביש, אַלענפאַלס, מיינען זיי, די אַראַבער, אַז ...ער רעדט גוט אַראַביש. רעדט שנעל, פלינק און שיט מיט זייערע פילאָזאָפישע ווערטלעך און עפּי־גראַמען. זיי קוועלן פון דעם און עס פאַרשאַפט זיי הנאה.

דער שומר האָט צוויי יאָר געלעבט מיט זיי, צווישן זיי. אַוועק פון יידישן ישוב, זיך אַריינגעצויגן אין אַ ביידל ביי אַ בעדואינער. געפּאַשעט זייערע שאָף און געגעסן זייער ברויט. איצט קען ער אויסגעצייכנט אַלע זייערע געדאַנקען־פאַרבאָר־גענישן. אַ בליק אין אויג און ער ווייסט וואָס אין הארץ קומט פאָר. דערפאַר האַלט ער דאָס גלייכגעוויכט צווישן די אַראַבער און די יידן פון גאַנצן געגנט אַרום און דעם דיפּלאָ־מאַטישן שלום.

מיט דעם שומר גייען מיר איצטער אין דער פולער זיכערהייט.

נאָר אָט, מיר זענען בײַ דער גרעניץ פון אַ דאָרף. דאָס דאָרף ליגט נישט בײַ קיין וועג, עס ליגט אויף אַ „סטראַטעגישן" פּונקט, העכער און העכער, ווי אויף אַ קופּע שטיינער. מיר וואָגן נישט אַרײַנצוגיין. אָט פּונקט ווי אָן אַ [illegible], אָן אַ מאַכט־דערלויבניש אין אַ פרעמדער מלוכה. דאָס דאָרף האָט איר מלוכה־סדר, און געזעצן וואָס גילטן הונדערטער, הונדערטער יאָרן.

עטלעכע קלעפּ איין הענט אין דער אַנדערער, דער „פּאַראָל" וואָס נאָר דער שומר ווייסט. און באַלד, אויפן בערגל ווײַזט זיך אַן אַבאַיע. אַ פּאָר פּאַלעס פלאַטערן אין דער גאָלדענער לופט. דער „עלצטער" פון דאָרף קומט אָן. עס איז אים פאַרדעכטיק די גרופּע, וואָס שטייט אונטן, צופיסנס. נאָר ער גייט, אָט שרייט מען זיך איבער, דער שומר און דער עלצטער. ער קומט צו. אַ פאַרנייג זיך. אַ פינגער אויפן שטערן און אויפן האַרץ:

— אַללאַ גריסט אײַך אין אונזערע גרעניצן!

דער שומר שטעלט אונז פאָר: זײַנע פרײַנט. דער ראש פון דאָרף גרייכט די הענט:

— די פרײַנט פון מײַן פרײַנט, זענען מײַנע פרײַנט!

— ער פאַרבעט אונז.

נאָר דאָס ערשטע נעמט ער דאָס פערד בײַם צוימל, אָט ווי אַ פּילאָט. בעת ער פירט אַרײַן אַ פרעמדע שיף אין זײַנע וואַסערן, אַזוי, פירט ער, דער עלצטער פון דאָרף, דאָס פערד מיט זײַנע הענט אין די געמאַרקן פון זײַן רעזידענץ.

מיר כאַפּן דערווײַל אַ קוק אויפן דאָרף און אויף דער ווירטשאַפט.

אָט איז דאָס „גאַסטהויז", אַן אכסניה פאַר פרעמדע, פאַר דורכגייער, פאַר מידע וואַנדערער. פיר ווענט פון ליים און שטיינער. אַ דאַך — פון שטרוי און צווייגן. אָן פענצטער. אָנשטאָט טיר — אַ לאָך אין דער פראָנט־וואַנט אַרײַנצוגיין און אַרויסצוגיין.

די מידה פון הכנסת־אורחים איז זיי נאָך געבליבן פון

די פּאָר־היסטאָרישע צייטן. מען בויט נישט קיין דאָרף, און קיין הויז אין אַ דאָרף, אויב מען בויט נישט אויף צום אַלעם ערשטן אַ הקדש, אַ הויז וואָס געהערט נישט צו קיינעמען און איז אַלעמענס.

אינעווייניק אין דער פייכטער טונקלניש, אויף די קילע אויסגעסדר׳טע שטיינער, שטיין ליים־נאָרעס, קריגן מיט וואַסער, ליגט אַ פּלעצל־ברויט מיט זאַלץ, אַ פּאָר שטרויען. דאָס אַלץ, וואָס אַן אָרעמע געמיינדע, אַ פאַרוואָרפן דאָרף, קאָן געבן די פרעמדע פאַרביי־וואַנדערער.

און קוים ווערט דאָס ברויט פאַרצערט, ווערט תיכּף אַריינגעלייגט אַן אַנדערס און דאָס אייגענע איז מיט וואַסער. דער הקדש שטייט בײַ דער גרעניץ פון דאָרף. כּמעט בײַם ברעג, און איז תּמיד מיט דורכגייער, תּמיד מיט הונגעריקע און מידע. מען פרעגט נישט קיינעם פון וואַנען און וווהין ער ציט, ווי לאַנג ער וועט דאָ זײַן. איצט, ליגן אויף „ראָגאָזשעס״ עטלעכע אַזעלכע וואָגלער, באַשיצט פון דער היץ און זון.

דער עלטסטער פון דאָרף, וועמענס געסט מיר זענען פון דעם מאָמענט אָן, זינט ער האָט איבערגענומען דאָס פערד אין זײַנע הענט און עס צוגעבונדן צו אַן אַרײַנגעשלאָגענעם סלופּיק, פירט אונז, ער גייט שווייגנדיק עטלעכע שריט פאָרויס, כּדי צו ווײַזן, אַז דער וועג איז זיכער און מיר זענען באַשיצט.

מיר גייען נאָך. אין לאַבירינט פון געלע ווענט. גאַנצע גאַסן און געדרייעכצן פון אָט די ווענט. מיר קומען צו צו זײַן הויז. אייגנטלעך אַ פאַרקאַן, נאָר ער איז געפּאַרבט אָדער געקאַלכט אויף בלוי. מיר מוזן בייגן די קעפּ אַרײַנצוגיין, זיך דורכצושפּאַרן דורך דעם לאָך, וואָס הייסט טיר.

אַ קליין הייפל, אַ פּאָדער־הייפל, און פון דאָרט, דורך אַ פאַרקן־אויסהויל פירט צו נאָך אַ הייפל. אין פּאָדער־הייפל בלײַבן מיר שטיין. דער באַלעבאָס בעט אונז איבער, ער פאַר־שווינדט אַ ווײַל און מיר הערן אַ גערעדעריי פון ווײַבער, ווי ער וואָלט זיי צוזאַמענגעטריבן אויף איין אָרט. אָט, ווי מען טרײַבט צונויף הינער. דער שומר דערקלערט, אַז ער באַ־

האַלט זיי, זיינע ווייבער, איצטער. עס זענען דאָ פרעמדע מאַנסבילן.

נאָר אָט קומט ער צוריק, דער באַלעבאָס. מיר גיין אַריין אין זיין „שטוב", עס איז אייגנטלעך קיין שטוב נישט, נאָר אַ לאָך, אָט ווי מיר וואָלטן אַריינגעקראָכן אין אַ „הרובע", וווּ מען לייגט אַריין האָלץ, מען מאַכט אַ פייער און ס׳קאָכט זיך. אינעווייניק איז פאַראַן אַ געוועלבטער סופיט, נאָר מען דערזעט נישט די הייך פון דעם סופיט מחמת די טיפע שוואַרצקייט וואָס הענגט איבער אונזערע קעפּ. די ווענט זענען שוואַרץ, געסמאָליעט, סאַזשע, אַ רויך אויף רויך. ווּ זענען מיר דאָ?...

דאָס איז די וואוינונג פון ווירט. קיין מעבל איז נישטאָ. קיין בענקלעך און קיין טיש. בלויז נאָר אַ „ראָגאָזשע" און עטלעכע פאַרביקע און פאַס־קאָלירטע קישעלעך, וואָס געפינען זיך אין אַ „פּראַמערקע" פון דער וואַנט. דער באַלעבאָס איז אונז מכבד מיט אָט די „העסע־בעטן", מיר זעצן זיך אויס. דער שומר איז דער „דאָלמעטשער", נאָר ער גיט אים נישט איבער אונזערע באַמערקונגען און אונז גיט ער נישט איבער זיינע ברכות, בלויז נאָר:

...דער באַלעבאָס זאָגט, אַז ער האָט איבערגעגעבן זיינע רעכט, און פון דעם מאָמענט אָן, זינט מיר געפינען זיך אונטער זיין „דאַך", זענען מיר די באַלעבאַטים און ער — דער קנעכט. מיר קענען טון, וואָס עס איז וואויל פאַר אונזערע הערצער, און וואָס עס געפעלט אונזערע אויגן.

נאָר פונדעסטוועגן „טוט זיך אַנדערש, ווי עס רעדט זיך". אַריבער דעם מויער־פאַרקנדל דערלויבט מען נישט צו גיין, דאָרט, אין „שטייג" האָט ער צונויפגעטריבן זיינע צוויי ווייבער און אונזער בליק טאָר אויף זיי נישט פאַלן.

ער אַליין, דער באַלעבאָס, איז אַלזאָ די באַלעבאָסטע. ער פאָרעט זיך אַרום, שמייעט און גרייט צו „כיבוד". ערגעץ אין אַ צווייטן „לאָך" איז פאַראַן די „קיך" דאָרט צולייגט ער אַ פייער, פון קי־מיסט, געמישט מיט בייליקן אייל. דאָס אונטערצינדן הויבט אָן זעצן אין מוח און רייסן אין האַלז. נאָר מיר זענען געפאַנגען צו זיין העפלעכקייט. איידער מיר געניסן

און „זיצן אָפּ" פֿון דעם געניסעכץ. טאָר מען נישט אַוועקגיין. דאָס וואָלט געווען אַ באַליידיקונג. קאָן זיין, אַז ער, דער אַראַבער וועט גאָרנישט טון, דערפֿאַר, אָבער די „גוטע באַציונגען" צווישן אַראַבישן דאָרף און דעם יידישן „מושב" זענען אין אַ סכנה...

דער באַלעבאָס קומט צוריק און אַנטשולדיקט זיך, וואָס ער האָט נישט קיין קאַווע. אַלַלאַ, האָט אים גראָד אויסגעליידיקט דאָס קאַווע־זעקל, ער איז נישט ווערט וואָס איבער זיין שוועל זענען אַריבערגעטראָטן אַזעלכע געהויבענע געסט, פֿריינט פֿון זיין פֿריינט, וואָס זענען זיינע פֿריינט. מיר וועלן זיך מוזן באַגנוגענען מיט בלויזע טיי.

דער שומר, רעדט אין אונזער נאָמען, נאָך עטלעכע אַזעלכע „באַפֿליגלטע" רייד, מסתמא זאָגט ער, אַז טיי איז נאָך בעסער פֿון קאַווע, און זיין פֿריינטשאַפֿט איז זיסער פֿון זיס. און אַז מיר פֿילן זיך אויסגעצייכנט גוט, כאָטש דער געשטאַנק פֿון קי־מיסט אויפֿן פֿייער ווערגט און שטיקט...

נאָר אָט איז די טיי פֿאַרטיק. פֿיר טעפּעלעך אויף אַ טאַץ ווערט אַריינגעטראָגן. אין יעדן טעפּעלע געפֿינט זיך מער ווי די העלפֿט הייס־וואַסער, אַ סימן אַז עס איז ריין, געוואַשן. מיר אַליין גיסן אויס דאָס וואַסער, און דאַן ווערן די טעפּעלעך ווידער ערגעץ פֿאַרשווונדן און קומען צוריק שוין אָנגעגאָסענע מיט טיי און אַוועקגעשטעלט אויף דער „ראָגאָזשע" פֿאַר אונזערע פֿיס.

מען מוז טרינקען, כאָטש דער האַלז איז פֿאַרשלאָסן. אַ „מושבה" איז אין דיפּלאָמאַטישער געפֿאַר. נאָר נאָך מער ווי דער האַלז, די קעל, קאָן זיך די נאָז נישט צוגעוווינען צו דעם מאָדנעם „מיתה־משונה טעם", עס איז עפּעס אַזוי זיסשמעקנדיק־נודנע. דער באַלעבאָס, וואָס טרינקט מיט געשמאַכטן אַפּעטיט, כדי צו ווייזן, אַז דער טיי איז גוט און געשמאַק, דערקלערט, אַז נישט נאָר פֿעלט אים אויס קאַווע, נאָר אויך די בעסטע בשמים צו דער טיי, און כדי עס זאָל שמעקן, האָט ער אַריינגעגאָסן טראָפּנס פֿון די טייערסטע... פּערפֿומען וואָס

זיין יונגסט ווייב האָט געקראָגן אַ חתונה־מתנה פֿון איר ברו־דער, וועלכער האָט זי אגב פֿאַרקויפֿט צו אים, דעם באַלעבאָס.

נאָך גוט, וואָס ער האָט אונז אויפֿגעקלערט, פֿון וואַנען דער „גן עדן" טעם נעמט זיך, שוין נאָכדעם, ווי מיר האָבן געהאַט אויסגעטרונקען. נאָך טיי זענען מיר שוין, לויט דער עטיקעטע, נישט מחויב צו טרינקען, הגם, עס איז פֿאַר אים חשובֿער, ווען מען טרינקט יאָ.

דאָס „אָפּזיצן" איז גראָד יאָ געווען אינטערעסאַנט. אויף וויפֿל מען קאָן קאָן גלויבן אַט אַזעלכע רייד און וויפֿל מען קאָן אַרויסדרינגען אָפּנהאַרציקייט פֿון אַ פֿריינטלעכן אַראַבישן מכניס־אורח, ווייזט זיך אַרויס, אַז דער פּאָליטישער געווירבל, וואָס גייט אָן אין ל נד, איז פֿאַר אים נישט פֿאַרהוילן און ער איז נישט אַזוי אומוויסנדיק, ווי מען מיינט עס אויבן־אויף.

אונזער באַלעבאָס, וועמענס פֿאַרנאָמען עס איז מוהאַמעט, ווייזט אַרויס אַ אויסגעצייכנטע אָריענטאַציע אין גאַנצן דיפּלאָ־מאַטישן שפּיל. ער קען זיין סיטואַציע, ער ווייסט דעם באַטייט פֿון יידישן אויפֿשוווּנג. ער באַדויערט דאָס אויסקויפֿן דורך יידן אַראַבישן באָדן, נאָר, ווי לאַנג עס איז אַזאַ אָרדנונג, נוצט נישט דאָס קעמפֿן, ער אַליין האָט פֿאַרקויפֿט ערד, אַ סך ערד, ער דאַרף נישט געהאַט וואָס צו טון מיט דער ערד־באַאַרבעטן אַזוי פֿיל איז נישטאָ מיט וועמען. מער ווי צוויי ווייבער האָט ער זיך נישט געקאָנט קויפֿן. וויפֿל קינדער איז דאָס דאָ פֿון צוויי ווייבער? דערצו זענען זיי נאָך קליין. די ערד איז ווילד, פֿאַרזייט מיט טיפֿע, איינגעוואַקסענע שטיינער, ווער קען עס אַזוי פֿיל לאַנד אָפּוואָרצלען. האָט ער פֿאַרקויפֿט. גענומען אָפּילו אַ סך געלט, נאָר ווו איז דאָס געלט? עס האָבן זיך געיאָוועט יורשים, אָן אַ שיעור יורשים. עס האָבן זיך, אויפֿגעזוכט פֿאַרלעגענע שטייערן. די אַדוואָקאַטן און די גע־ריכטן האָבן אויך געריסן אַ פּאַס. שוחד־געלט, די נאַציאָנאַלע אַראַבישע פּאָליטיקער האָט מען אויך געמוזט פֿאַרשטופֿן ס׳מויל. און זיין ווייבס ברודער האָט גאָר, נאָך דעם, ווי זי האָט שוין געהאַט פֿון אים צוויי קינדער, חרטה געקראָגן אויפֿן שידוך.

ער האָט זי טאַקי אָפּגענומען ביי אים. נאָר אַ גוטער פריינט פון אים האָט זי געפּאַקט און צוריקגעבראַכט. עס איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג. עס איז דערגאַנגען צום געריכט. דער ריכטער האָט געפרעגט ביי ער, מוהאַמעט, האָט פאַר איר באַצאָלט? לייקענען האָט דער ברודער אירער נישט געקענט, וואָרום אַלע ווייסן דאָך, אַז ער האָט גענומען געלט פאַר איר, פאַר זיין שוועסטער, וואָרום קיין טאַטן האָט זי נישט, ווער דען זאָל נעמען געלט?...

האָט דער ריכטער צוגעפּסקנט, אַז זי מוז גיין אין איר האַרס הויז. פּאָליציי האָט שוין אַכטונג געגעבן, אַז אַזוי זאָל געשען לויט די רייד פון שופט. נאָר פונדעסטוועגן, האָט מוהאַמעט אַליין איינגעזען, אַז ס׳איז קיין יושר נישט, אויב ער האָט פאַרקויפט אַ גרויס שטיק לאַנד, גענומען אַ סך געלט, די אַדוואָקאַטן, די שטייער־רייסער יאָ, פאַרוואָס אים, זיין ווייבס ברודער נישט? האָט ער אים דערלאַנגט אַן אפּוטיקע, כדי אים איינצושטילן.

שוין. און דאָס איבריקע האָט ער פאַרגראָבן אין אַ לייםענעם טאָפּ אין דער ערד. וויפל עס איז דאָ, ווייסט ער נישט. אַלנפאַלס, די וואָס האָבן געציילט, זאָגן, אַז נישט קיין סך. די ערד האָט ער אָבער שוין נישט. איצט, זאָל מען זען, וואָס עס איז פון זיין פאַרקויפטער ערד געוואָרן. צובליט, צעוואַקסן, אַלץ האָט די ערד באַגליקט.

פאַר אונז זיצט אַ שטיק אור־אַלטס, צונויפגעפּאָרט מיט „1934“, ווי יונג, ווי פּרימיטיוו די וועלט איז נאָך אין צייט פון „יאָר־הונדערטער פּראָגרעס“!...

אַ ווייטער אָפּהילך פון אַ מעטשעט־טורם, פון וואַנען אַ „מעדזואין“ האָט גערופן צו דער אָוונט־תפילה און האָט דאָס דאָרף אַרויסגעטריבן אין דרויסן, פאַר זייערע געצעלט־טירן. מיר האָבן געוואַרט אויף דעם צוריקקער פון אונזער באַלעבאָס. נאָר אָט איז ער צוריקגעקומען מיט דער בשורה, אַז אַ שעפּס איז לכבוד אונז געשאָכטן געוואָרן פאַר נאַכט־מאָל.

נאָר מיט דעם געבראַטענעם שעפּס האָט זיך געטיילט

כמעט דאָס גאַנצע דאָרף, וואָס איז געקומען אויף אַ „פאַנטאַ־
זיאַ", צונויפגעריפן דורך אַ קלינג אין אַן אייזערנעם ראָד אין
מיטן יאַריד־פּלאַץ. מען איז געקומען מיט אייזלען, אויף פערד,
און עטלעכע אויף אויסגעצירטע קעמלען.

די „פאַנטאַזיאַ" איז געווען אַ קאָלאָסאַלער ספּעקטאַקל,
געדאַרפט האָבן זיי, די אַראַבער, ווייזן פאַר אונדז קונצן,
טאַנצן אויף דער שאַרף פון שווערדן. מאַכן אין דער לופט
מיט שפּיזן, זינגען און זיך דרייען. נאָר די „אַטראַקציע" איז
גראָד געווען אונזער שומר, ער האָט עס געוויזן ווילדע שטיק
אויף זיין פערד, קעגן אַלע אָנגענומענע מנהגים, האָט ער,
צוזאַמען מיט באַוווּנדערונג, אויך שוין אַרויסגערופן די ווייבער.
די אַראַבערינס, וועלכע זענען, נישט דרייסט און מיט שרעק
פאַר זייערע הערן און מענער, געשטאַנען נאָנט צו די לאָך־
טירלעך פון די וואוינונגען, גרייט צו אַנטלויפן.

אָנגעצונדענע שטורקאַצן, פייערלעכע אויסרופן האָבן אונדז
באַגלייט ביים צוריקוועג ביז די גרענעצן פון דאָרף.

יפו

וועלכע זענען די גרענעצן, וואָס טיילן אָפּ איין שטאָט
פון דער צווייטער, נישט נאָר תל־אביב פון יפו, נאָר אייראָפּע
פון אַזיע, קורפיסטענדאַם פון טאַנגאַניקאַ, ניי־צייט — פון
מיטלאַלטער?

שפּאַנסט איבער דעם נייעם, מאָדערנעם ליכטיק־העלן תל־
אביב, באַוווּנדערסט די ברייטע, לוקסוס־אַרטיק מיט סחורה־
אויסגעשטעלטע שוי־פענצטער, באַטראַכסט די יונגע בנינים,
וואָס זעען אויס ווי פאַנטאַזיע קאַרטאָן־קעסטעלעך פון באָמ־
באָניעריס, באַגעגנסט אייראָפּעיש עלעגאַנט־געקליידעטע מענטשן
און פלוצלונג, דו ווייסט נישט ווי אַזוי, ווען און ווו,
דיך נעמט אַרום אַ אַנדער אַטמאָספער, דו באַנעמסט אַנדערע
קולות, זעסט אַנדערע מענטשן, פאַר דיר שטייען אַנדערע מוי־

ערן, אַנדערש-סטיליקע, פֿאַלסט אַריין ווי אין אַ אַנדער לופֿט־
כוואַליע, אויב דו בלייבסט פּלוצלונג שטיין—קאָן ווין אַז איין
פֿוס איז געבליבן אין תּל־אביב און דער אַנדערער טריט באַ-
טרעט יאַפֿער טעריטאָריע.

אין מיטן תּל־אביב שטייט יאַפֿע. אַט ביזטו ערשט אויף
דער טומלדיקער כּרמל־גאַס, צוויי־דריי שריט פֿון אַלנביי־צענטר
און מיטאַמאָל, דער גלאַנציקער אַספֿאַלט--שאָסעי, די צעמענט-
טראָטואַרן ווערן אונטער דיר פֿאַרלוירן. אנשטאט דעם — נישט
ברוקירטער ברוק, שטויב, און גרויער זאַמד. שוין שטייען אַראַ־
בישע סוחרים ביי זייערע קראָם־וועגעלעך, שוין זיצן אַראַבישע
„הענדלערקעס" די פֿיס אונטער זיך ביי אַ „שטעל", וואָס ליגט
אויסגלייגט אויף דער ערד אונטער אַ אויסגעשפּרייטער פֿאַרבי־
קער דעק, און זינגט אויס איר סחורה מיט אַ ניגון. שוין זעסטו
די ברייטע, געוועלבן מיט קיילכדיק געוועלבטע סופּיטן, און אָט
זענען די אָפֿענע פֿלאַזע-קאַפֿעען אונטער פֿאַרצויגענע „ראָגאָ־
זשעס„ און פֿולע מאַנסבילן זיצן איבער נאַרגילאָס און ציען
קליינע רויכעלעך אין מויל אַריין און שפּייען מיט קליינע, פֿע־
טע וואָלקנדלעך אין גרויען שטויב אַרויס.

לענג אויס דעם ים ווי אַ האַלבע רייף, הויבט זי זיך
אָן, יאַפֿע. אויך דער ים ברעג ווייסט נישט, וווּ תּל־אביב ענ־
דיקט זיך און וווּ יאַפֿע פֿאַנגט זיך אָן. מוזט עס דערפֿילן
בלויז אין ריח, אין ריח פֿון פֿייכטער פֿוילקייט, אין ריח פֿון
געצווּנדענעם קי—מיסט, אין געסמאַליעטן פֿלייש. דערפֿילסט באַלד
אין די שפּלדיקע אייזעלעך, וואָס שטייען צוגבונדן אין אַ ווינקל
צו אַ הויז, אין די קויטיקע קינדער, אָפּגעריסן, געוויקלט אין
שמאַטעס מיט טריפֿנדיקע אייגעלעך, און די זלידנע פֿליגן־מח־
נות, וואָס שטעלן זיך דווקא אויף אָט די אייטערדיקע אויגן,
די לאַבירינטן פֿון שמאָלע געסלעך, שטייגלעך—אָנשטאָט שטובן,
שטאַלן אָנשטאָט וואוינונגען, מחנות פֿאַרוואָרלאָזטע ציגן, אומ־
פֿלייט. געשטאַנק, שנעלע און געדיכטע רייד פֿון איבער געל־
ליימיקע פֿאַרקאַנעס, וואָס עס זעט אויס, ווי מען קריגט זיך,
אָדער ווי מען זינגט...

ביזט אין יפו, כאַטש אונטער דיינע פּלייצעס שפּאַרט נאָך אָן תּל־אביב. די סטיליזירטע פּענסיאָנען, די האָטעלן און אַפּאַרטאַמענט הייזער ליגן דיר מכּוח אויפן אויג, נאָר נאָך צוויי שפּאַן און דער לאַבירינט פון די יפוער געסלעך כאַפּט דיך אַריין טיפער און טיפער, ווי אַ מיסטעריעזע שפּין. דיין טריט ווערט אַלץ געדיכטער ווי אין עפּעס אַ זומפּיקן קעסל־ראָד. תּל־אביב שטייט פאַר די אויגן ווי אַ פאַרבלענדע־ניש, ווי אַ מיראַזש, מיט די הענט אָנצוטאַפּן, נאָר קאָנסט עס נישט דערלאַנגען, ביזט געפאַנגען אין אַ מין מויל־וואָרם־גרופּן, קאָנסט נישט אַרויס, מוזט גיין ווייטער, ווייטער...

אָט דאָס איז פּאַלעסטינע, דאָס ריכטיקע און אייגנאַרטי־קע, אָריענט. אָט בין איך פאַרפלאָנטערט איבער געמאַרקן און באַזאַרן, ברייט, אומענדלעך ברייטער שטח. תּל־אביב פאַרגינט זיך אַפילו נישט צו האָבן קיין שטאָט־גאָרטן, אַ פּלאַזשע. אַ פּאַרקל, ער ווערט געמאָסטן אויף דעם „פּיק" כמעט אויפן סענטימעטער — מיט גאָלד גלייך אויף דער וואָג, און דאָ, אונטער דער וואַנט פון תּל־אביב, אַזעלכע ברייטע, ווילדע אומגעלומפּערט־אויסגעצויגענע באַזאַר־פּלעצער, קאַפע־רוימען, מאַרקן און קראָם־פּאַסאַדן.

אַ האַנדלס־גאַס. שמאָל ווי אַ קאָרידאָר, נישט דורכצו־גיין, מוזט אָפּרייבן די ווענט מיט דיין אַרבל. קרעמל לעבן קרעמל און די סחורה דאַכט זיך זינגט זיך אַליין אויס, און רופט אויף פאַרשידענע אינסטרומענטן דעם קונה. דער מיט גלעקלעך, און דער אויף אַ פּאָנאָגראַף. דער סתם מיט געזאַנג און יענער — מיט ראַש־פאַרביקע בענדער. און פּלוצלינג שניידט זיך אַריין אַ מעטשעט וואָס שטייט אייביק פאַרהאַ־מערט און קלוגע לייט, די זקני העיר, זיצן אונטער שטרוי־געפלעכטעכץ און קוקן מיט אַ טריפנדיקן בליק אין דער וועלט אַריין, און אָט, לעבן דעם געריכט־הויז שטייען אויסגעשטעלט טישן, און די „סופרים" זיצן, די שוין געלערנטע באַוואָפנט מיט פעדערס און טינטערס, זענען גרייט צו שרייבן אַ „גע־זוך" פאַר יעדן איינעם, וואָס דאַרף אָנקומען צום משפט.

און זינט ערד איז געשטיגן סיי אין יפו און סיי אַרום יפו, וואָס איז נאָך נישט אָפּגעקויפט פון יידן, איז דאָס בית־המשפט איבערגעפּילט. מעשיות מיט שפּעקולאַציע, מיט יורשים, מיט געזעצלעכע אייגנטימער, מיט קאָמפּליקאַציעס. די תמיד־דרימלענדיקע אַראַבער האָבן זיך אויסגעכאַפּט, דער העלער אָפּבילד פון קעגנאיבערדיקן תל־אביב, האָט אַריינגעשטעלט פרוזשינעס אין זייע׳ע פיס, זיי זענען ריירעוודיקער געוואָרן. אין די ביוראָ־צימערן פון ערד־פאַרקויף און וואָרט־זאַל פון „טאַבאָ״ זענען זיי פול, אין אַלערליי טראַכטן, מיט אַלערליי סימנים פון ראַנג און יחוס אויף זייערע היטלען, די שפּראַך פון קויף און פאַרקויף, דאָס לשון פון היפּאָטעק, באַנק, פּראָצענט, „מגרש״, „דונאַם״, האָבן זיי שנעל זיך אויסגעלערנט, און ס׳איז זיי אפשר חשובער ווי די הייליקע פסוקים פון קאָראַן...

וואָרום יפו איז אַלץ די הויפּט־שטאָט פון ראַיאָן, און נישט תל־אביב, זי איז די מעטראָפּאָליע. די פּאָליציי, דאָס געריכט, די תפיסה האָט דאָ זיך באַזעצט און דאָ רעזידירט זי און ס׳האָט די אַלטערטימלעכע שטאָט אויפגעוועקט.

——————

קאַנסטאַנטינאָפּל אַרויס אין צענטער פון דער שטאָט, זעסט ממש פאַר די אויגן, ווי דער איינפלוס פון איבער דער שוועל פון זיך בויענדיקן תל־אביב, האָט דאָ אָפּגעהילכט און עס דאַכט זיך אַפילו, אַז עס איז דאָ אַ טענדענץ תל־אביב איבערצושטייגן.

צו די הייזער לאָזט עס זיך פאָרלויפיק נישט אויס. די אַלטע ווערן נישט אַראָפּגעריסן כדי אויף זייער אָרט צו בויען נייע, מאָדערנע, אויב עס איז דאָ אַן אָנדייט אויף דעם, זענען עס יידן, וועמענס צאָל איינוואוינער אין יפו איז היפּשלעך גרויס.

דערווייל לאָזט עס זיך אויס צו די גאַסן. דער קינג־דזשאָרדזש־בולוואַר איז באמת אַן איבעראַשונג און אַ צירשטיק פאַר אַ שטאָט.

ברייט אַספאַלטירט, אינד ערמיט, לאַנגע טעראַסן־געֶרטנער, פון וואַנען עס שטייגן אויף אין הויכקייט אַ מענגע גלייכע

פּאַלמען־בוימער, און ביי זייערע וואָרצלען — בלומען, גלייך און זאָרגפעליק געשניצטע גראָזן און בונטע בלומען. דער בולוואַר דערמאָנט אַן ענלעכע אַוועניִדאַ אין דער שענסטער וועלט־שטאָט ריאָ דע זשאַנעיראָ.

דער בולוואַר ציט זיך איבער דעם צענטער פון דער שטאָט און פאַרלענגערט זיך וואָס אַמאָל מער און מער, צום נייעם שטאָט־טייל, ווי עס ליכטיקן זיך שוין אַרויס תּל־אבֿיבֿ־סטיליקע הייזער, אָט דאָרט ווו יפו הויבט זיך אָן צו „אייראָפּעזירן".

פונדעסטוועגן איז עס כאַראַקטעריסטיש פאַר יפו, אַן אַראַבישע שטאָט מיט אַ טראַדיציע פון אור־אַלט, זי פילט זיך ווי אין קלעם, זי מוז זיך בייטן און בלייבן ווי זי איז. אַ הויכער באַאַמטער פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט מיר געזאָגט, אַז תּל־אבֿיבֿ איז פאַר יפו אַן אומגליק און אַ גליק, זי האָט זיך אַ סך צו לערנען פון איר יונגער שוועסטער, זי ווערט אָבער איבערגעפירט פון אָט דער שוועסטער. די איצטיקע דאגה פון די שטאָט־פאַרזאָרגער איז, אַז יפו זאָל נישט ווערן עפּעס פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, עס זאָל נישט זיין אַן עקזאָטיש פאָרשטעל פון אַ מאָדערנער ציוויליזירטער לוקסוס־אַרטיקער שטאָט, מען מוז כאָטש אויסערלעך זיך צופּאַסן צו די איצטיקע פאָדערונגען, תּל־אבֿיבֿ האָט שוין אַרומגענומען סטראַטעגיש יפו פון אַלע זייטן. מיר מוזן בלייבן אין קלעם.

יאָ, די „בעסערע" אַראַבער, אָט די, וואָס האָבן נאָכגעטון דעם בייִשפּיל פון יידישן פּלאַנטאַטאָר, די אַראַבישע בורזשואַזיע, זי איז עלאַסטיש, פּאַסט זיך צו, פאַרברענגט אין די גרויסאַרטיקע האָטעלן, זענען שטאַם־געסט אין די פיינסטע קאַפעען און קונים אין די טייערסטע מאַגאַזינען.

דער יידישער קרעמער, מאַכט דאָ נישט קיין אונטערשיד צווישן אַראַבער און ייד, ווער עס גיט אים צו לייזן, דעם נעמט ער שיין אויף. אָבער, פאַר אַן אַראַבישן אַרבעטער זענען די טויערן פון תּל־אבֿיבֿ פאַרשלאָסן.

נישט פאַרשלאָסן זענען די טויערן אויך פאַר אַראַבישע

קינדער, וואָס קומען צו די ברעגן פון יפו־תל־אביב. גאַנצע טעג, שפּרן זיי מיט זייערע שמוציקע הענט אין די קעסטלעך מיסט, אָדער קלויבן אויף די שריים פון אויסגעוויכערטע ציי־גאַרעטן, די „מונדשטיקן". מען זאַמלט עס אין גרויסע לייווענטענע זאַק־טאָרבעס און אין די פאַרנאַכטן טראָגט מען דאָס אַ היים, אין יאַפע, פאַרשטייט זיך, נישט אויף קינג דזשאָרזש בולוואַר, נאָר אין די באַרגיקע לאַבירינטן, אין שכנות פון די שטיקנדיקע פּאָרט־וואַכערן, און די „פאַברי־קאַציע" הויבט זיך אָן.

איך בין אַראָפּ אַזאַ הויז, איך זאָג אַראָפּ, ווייל דאָס פראָנט־טירל, די „פורטקע", וואָס איז אויפגעקומען ציגלייך מיט דער גאַס, האָט אונז אָפּגעגאַרט, מיר זענען כמעט אַראָפּ־געפאַלן אין אַ גרוב אַריין, וואָס ס'האָט געהייסן „שטוב", ווי אויף עפּעס אַ פּראַמערקע איז געזעסן אַן אַלטער אַראַבער און געזאָגט פּסוקים פון קאָראַן און אַרום. אויף אַ שטרוי־געפלעכט, אויסגעשפּרייט אויף נישט גלייכע שטיינער, זענען געזעסן פיר־מינדעריעריקע קינדער. צוויי יינגלעך און צוויי מיידלעך, די מיידעלעך האָבן צופּנט די שטיקלעך אויסגערוי־כערטע ציגאַרעטן און די יינגלעך האָבן דאָס צומישט דעם „טאַבאַק" און אויסגעשטופּט נייע ציגאַרעטן, מאָרגן וועלן די דריי קינדער זיך ווידער לאָזן צונויפקלויבן דעם „רוי־שטאָף" און איינס, וועט די אויסגעאַרבעטע „פּראָדוקציע" פאַרקויפן איבער די יפוער גאַסן...

ווער איז דער אַלטער? דער פאָטער. מיט זיינע פּסוקים דערמונטערט ער זיי אין דער אַרבעט. מאַכט זיי פאַרגעסן אין דעם שווערן לעבן, וואָס זייערע יונגע יאָרן האָבן אויסצוי־שטיין. די מיידלעך מוז ער סיי ווי אויסנוצן, וואָס מער און שטאַרקער, ווארום ער האָט זיי שוין פאַרקויפט. נאָך אַ יאָר צוויי און זיי גייען אַרויס פון זיין רשות, דערפאַר איז די עקספּלואַטאַציע פאַר אים פאַרשטענדלעך און באַרעכטיקט.

דער מאָנאָטאָנער ניגון פון קינדער, דאָס ענלעכקייט פון מעביר זיין די סדרה, וואָס האָט זיך געדרייט אין דער לופטן

אין אַ בלינד געסל, האָט צוגעצויגן מיין נייגיר. טראַכט איך אין פלוג: וווינט דאָ ערגעץ אַ דרדקי־מלמד, אין דער געדיכטעניש פון דער אַראַבישער פּרוואָרלאָזטקייט און אָרעמקייט? איך גיי צו, ווי אין אַ אויסהוילעכץ פון אַ ריזיקן בוים, אַ לאָך אנשטאָט אַ טיר. פון דרויסן פאַלט אַ שמאָלער פּאַס זון און באַלייכט דעם „חדר".

אויף דער הוילער ערד, האַלב אין אַ קרייז, אַ בויגן, זיצן אויסגעזעצט די קינדער, די פיס אונטער זיך, אַלע אין היטעלעך, פאַרשידענע היטעלעך, זיי שאָקלען זיך, וויגן זיך, הין און צוריק, אין דעבײַ, ווי פון אַ טריפנדיקן בוים טריפט פון די אייגעלעך דער אייטער... איינגעריסטע פּנימער, בלאַטיק, שמוץ און עיפּוש, דער „מלמד" אַ יונגער שלאַנקער אַראַבער אין שוואַרצן כאַלאַט פאַרקנעפּלט ביז צום האַלדז, ווי אַ מאַנטל פון אַ גלח, ער איז סיי ווי אַ „הייליקער", דאָס זעט מען פונם סימן אויף זיין היטל, ער דרייט זיך אַרום, נערוועיש, מיט אַ קאַנטשיק אין האַנט, אַט אַזאַ, מיט אַ שעפּסן פיסל, ווי מיין מלמד אַמאָל... און צווישן די קינדער זיצט איינער, אַ בלינדער יינגל, און זאָגט מיט איין אָטעם, אין איין מאָנאָטאָנעם קול דאָס געלערנעכץ. די איבעריקע קינדער הערן אויס און וויגן זיך לאַנגזאַם צו צום טאַקט.

דער מלמד באַגריסט מיך. אין די צוויי ענגלישע ווערטער וואָס ער קאָן, דערקלערט ער מיר, אַז דאָס לערנט מען דעם קאָראַן. ווי ענלעך עס איז דאָ צו מיין קינדהייט!

און אין דרויסן זע איך מאַרשירן אַנדערע אַראַבישע קינדער, סקויטן, אָנגעטאָן נישט ערגער ווי אין ענגלאַנד, אַמעריקע. פראַנקרייך. עס איז דער זעלבער סדר, נאָר אונטער אַ אַנדער פאָן. רויט־ווייס, גרין־שוואַרץ, די אַראַבישע נאַציאָנאַלע פאָן אין פאָרויס, אויפגעהויבן, באַגלייט פון שומרים, אַן ערן־דיוואַך, עס איז עפּעס אַ נאַציאָנאַלער יום־טוב.

אַ נאַציאָנאַלער יום־טוב? ס'הייסט אַ פּאַלעסטינער יום־טוב. אַ פּאַטערלענדישער. וועמענס פאָטערלאַנד איז עס? דאָ, אין יאַפאָ

איז עס״ פּאַלעסטינע. איבער דער שוועלי״ הייסט עס ארץ-ישראל. צוויי נאָמען, צוויי פּנים, צוויי שפּראַכן, צוויי מאָל פאָטערלאַנד און איין לאַנד....

דאָ, איבער די גאַסן פון יאַפע, זעסטו ווי נישטיק עס איז דער תּל-אביבער באַגריף פון „מולדת״ — יידיש פאָטערלאַנד!...

די סקויטן, די רייכע קינדער פון די יאַפער פּלאַנטאַטאָרן און ערד-באַזיצער, עקספּעדיטאָרן און הויז-אייגנטימער, זיי דער-פולן עס די פּאַטריאָטישע פונקציע. פאַר זיי זענען פאַרהאַן די בעסטע פּריוואַט-שולן—נעסטן פון שאָוויניסטישן גייסט— זיי גליי-כן זיך אויס מיט די יידישע קינדער פון די העברעאישע שולן אין פּאַטריאָטיזם און אין קעגנזייטיקער שנאה.

מער, ווי אומעטום, זעט מען קינדער איבער די יאַפער גאַסן, אַראַבישע קינדער עלעגאַנט און פיין געקליידעט, באַ-גלייט פון זייערע מוטערס, הגם אין שוואַרצע אָדער ברוינע שלייערן פאַר די פּנימער, דאָך, עלעגאַנט. מען זעט דאָ די קינ-דער פון די פּאָרט-געסלעך ווי היימלאָזע הינטלעך. די גאַס קאָן מען נישט דורכגיין. פון זיי און פון זייערע אָנבאָטן איז שווער זיך אויסצודרייען. קינדער טרעגער, קינדער הענדלער מיט פּלעצלעך און בייגל און לימאָן. זיי קוקן אייך אין די אויגן אַריין, פאָרשן, אפשר זענט איר אַ בעלן אויף אַזוינס, וואָס נאָר זיי, און די וואָס שיקן זיי אין גאַס אַריין, ווייסן וועגן דעם. זיי זענען דורכגעטריבן און כיטרע, פאָרשן יענעמס ווילן און זענען גרייט צו פירן אין פאַרבאָטענע פּלעצער בלויז נאָר פאַר איין פּיאַסטער.

און די „פאַרבאָטענע״ פּלעצער זענען דאָ אין יאַפע, גיט אַזוי פאַר זיך, ווי פאַר דעם בירגער פון „קליין-פּאַריז״ — תּל-אביב. תּל-אָביב איז „אָנשטענדיק״. זי קאָן זיך פאַרגינען צו האָבן אַלס שבת-גוי אַ גאַנצע שטאָט — יאַפע. זי, תּל-אביב קאָן זיך פאַרגינען, אַז אירע „נאַכט הייזער״ און „לוסט-פּלעצער״ זאָלן זיך געפינען אין יאַפע.

יאַפע פאַר זיך פּראָדוצירט נישט, אַ שטאָט פון העכער פערציק טויזנט איינוואוינער האָט נישט קיין קינאָ, קיין טעאַטער, די צוישבעטע מאָסן דאַרפן עס נישט, דאָרט איז נאָך דער מיטל־אַלטער, די רייכע קומען קיין תל־אביב אָדער פאָרן קיין קאַירע. דערקעגן קאַבאַרעטן פון אַלערליי סאָרטן — יאָ. אי פאַר זיך, אי פאַר דעם „יאַהוד"—דעם ייד. און דער מעקלער, פאַבריקאַנט, סוחר און באַאַמטער, אַז ער, דער תל־אביבער וויל זיך לאָזן ווילגיין, צום מיינסטענס אין די פּרייטיק־צונאַכטן, ווען ביי זיך, אין שטאָט, אין תל־אביב, לאָזט ער אַפילו נישט קיין קינאָ שפּילן, קיין אויטאָבוס פאָרן, זעצט ער זיך איין אין זיין טייערן אויטאָמאָביל, און מען פאָרט קיין יאַפע זיך ווײַלן מיט אַ האַלב נאַקעטער טענצערן און שיכּור־הייזעריקע זינגערן...

ער זוכט עקזאָטיק, ביי זיך אין „גרויס בערדיטשעוו" האָט ער עס נישט. עס איז דאָ „איראָפּע". אין יאַפע וועט ער עס האָבן. דאָרט, אונטער די ביליקע קאָלירטע עלעקטרישע לאַמפּלעך, אין דער גרויסער, גרוימער קאַבאַרעט קאַפע, איז ער דער תל־אביבער, גרויס, אָדער קליינבירגער „סאָלידאַריזירט" מיט דעם מענטשן פון דער אַנדערער העלפט נאַציע פון זיין פאָטערלאַנד, מיט דעם אַראַבער. ביידע אַפּלאָדירן דער זינגערן. דער ייד מיינט נאָר, אַז זי איז אַן אַראַבערין, אין דער צייט, וואָס דער אַראַבער ווייסט גאַנץ גוט, אַז זי, די טענצערין־זינגערן, איז אויך אַ יידישע....

דער עלנד און קריזיס אין דער וועלט, די „פּראָספּעריטי" און גוטע קאָניונקטור אין ארץ־ישראל האָבן צונויפגעטריבן אויך אַט די אומגליקלעכע און עלנדע טעכטער. פאַר זיי איז מסתּמא קיין באַגרענעצונג נישט געווען. מען קומט פון קאַירע און פון ביירוט, פאַרשטעלט און פאַרשלייערט אַלס אַראַבערינס, עס איז טאָפּלט גוט. דער יידישער כּבוד ווערט נישט פאַרשוועכט און צו פּרנסה איז עס אַ סגולה... דער בעל גוף פון שדרות ראָטשילד. פון הדר הכּרמל. פון עין־כּרם דאַרף נישט אַנדערש נאָר צו האָבן אַן אַראַבקע אויף צו קיצלען זיינע אַפּעטיטן...

נאָך אַ ווינקל אין יאַפּע: דער פּאַרט.

עס שרייבט זיך אַזוי „פּאָרט" נאָר עס זאָגט זיך אַנדערשׁ־שמאָלע, אייביק פייכטע געסלעך, שטיין־טרעפּ, גליטשיק, ליי־מיק, צעוואָרפן, חרבות. אַ געשטאַנק נישט אַריבערצוטראָגן. אַ טומל־טויב צו ווערן — דאָס איז דער פּאָרט.

גרינע, מאָכיקע אַרויסשטאַרצנדיקע פעלזן, די שיפן שטעלן זיך פון דערווייטן, קליינע חעסל־שיפלעך, שניידן זיך אַהין און צוריק. אַראַבישע שיפער יאָגן זיך איבער די וואַסערן, ווי אויס־טערלישע מעוועס מיטן שטענדיקן געשריי און זשעסטיקולירן מיט די הענט — ווי דאָס פאַכן פון וואָראָנע־פליגל.

אַ שפּייכלער וואָס רופט זיך פּאָרט־סטאַציע, טונקל־גרויער בעטאָן אומהיימלעך און שרעקעוודיק.

און לענג אויס הונדערטער טרעגער און שלעפּער פון משׂא. אַ געלויף מיט די קעסטלעך פּאָמעראַנצן אויף די פּלייצעס, ווי אַ צוטריבענע טשאַטע פייגל איבער אַן אויסגעשאָטן קאָרן־פעלד. און אָט זיצן עטלעכע, די אויפזעער, פּונקט ווי דער „טאַבאַק־פאַבריקאַנט", וואָס האָט געזונגען פּסוקים פון קאָראַן פאַר זיינע קינדער־אַרבעטער, זיי זאָלן זיין פלייסיק, אַזוי דאָ, די אויפזעער זינגען זיי פון קאָראַן צי עפּעס אַנדערש, און די קעסטלעך מיט פּאָמאָראַנצן גליטשן זיך איבער די אַרבעטערס פּלייצעס מיט אַ ריטם, גלייך איינס נאָך איינס עס זאָל זיך אָפּציילן וואָס מער, וואָס מער.

און אפשר איז דאָס געזאַנג פון די אויפזעער אויך די רוט, די בייטש, מיט וואָס מען וויקלט איבער זייערע פיס, זיי זאָלן גיכער לויפן, און שנעלער איינלאַדעווען. אפשר איז עס דאָס געזאַנג ספּעציעל אַזוי, כדי נישט צו לאָזן הערן די שטילע שמערצפולע קרעכצן פון אָט די אויסגעבלייכטע, אייגגעדאַרטע, אָפּגעצערטע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע ארבעטער?

נישט אפשר, נאָר זיכער אַזוי.

הפקר־קינדער

אויף אַ גאָרטן־טירל, אין פראָנט פון אַן עלעגאַנטע ווילע אַרום ראָטשילד־בולוואַר, איז געהאָנגען אַ שילדל מיטן אויפ־שריפט „היט זיך, דאָ זענען פאַראַן בייזע הינט“ און כּדי דאָס צו באַשטעטיקן, איז טאַקע אויפן זעלביקן שילדל אויפגעמאָלן אַ כּלב, וואָס איז אייך גרייט צו פאַרטיליקן, אויב איר וועט דערוועגן אַריבערצוגיין די שוועל פון דער טיר.

מיין תּל־אביבער פּאַטריאָט באַקלאָגט זיך:

— הינט זענען שוין פאַראַן, וואָס היטן אַ פרעמדנס טריט... ווען האָט מען עס איז תּל־אביב געוווּסט גאָר פון שלעסער און ריגלען? פריי און אָפן איז יעדע טיר געווען. היינט?...

יאָ, היינט, באַגעגנט מען שוין אויף דער זעלביקער שדרות ראָטשילד, אין דער שאָטנדיקער אַלייע, דעם באַקאַנטן פּרויען־פּליסטער פון פאַריזער מאָנמאַרט אַראָפּ - אַ „צאַרט“ וואָרט צו אַ שפּעט פאַרבייגייענדיקן מאַנסביל. תּל־אביב האָט געחלומט צוויי ראָזע חלומות, אַז אין אירע גרענעצן וועט קיין תּפיסה נישט זיין און אויף אירע גאַסן וועט מען קיין פּראָסטיטוטקעס נישט זען...

גאָר איצט צערינט דער חלום, איינס איז גורם דאָס צווייטע. אויב עס עפנען זיך איינס נאָכן אַנדערן די „דאַנסינג־פּלעצער“ און „דאַך־גערטנער“ פאַר אונטערהאַלט און פאַרווייליגנג, פאַרוואָס זאָל דער רעזולטאַט נישט זיין יענע רופנדיקע שושקעריי אין די שאָטנדיקע בולוואַרן?...

אָט לויפט מען איבער די גאַסן און מען פאַרטיילט פלוג־צעטלען אַזש אין דריי שפּראַכן: העברעיש, ענגליש און דייטש. דאָ איז מען מודיע דעם עולם, אַז עס האָט זיך געעפנט אַ נייער טאַנץ־סאַלאָן אונטערן נאָמען „טאַנגאָ“. אַן „עכטער“ העברעיִשער נאָמען.

און אָט לייכטן אַראָפּ, רעפלעקטירט פון העלע ליכט־סנאָפּעס די שילדן פון דער טאַנץ־קאַפע „סיטי“, אַז דאָרט וועט

מען גאָר פאַרטיילן „פּרייזן" פאַר די בעסטע טאַנץ־פּאָרלעך. און ווי ווייט איז דען דער מאָראַלישער מהלך פון קאַבאַרעט און לוקסוס־האָטעלן מיט די „שלאַגער"־לידלעך, ביז יענעם רופנ־דיקן שעפטש אין די שאָטנדיקע בולוואַרן ?

ציווי טריט. אונטער דער פראָנט־וואַנט פון אַלענבי פּאַלט מען אַריין אין השכּות אין געמיינסטן זין פון וואָרט. עטלעכע שפּאַן, און דו ביזט אין אַן אַנדער וועלט. אין קרומע געהוי־קערטע געסלעך. קיין ברוק און קיין אַספאַלט, אַפילו אָפּגעפּרעסטע ערד אויך נישט. מען טאַפּטשעט אין טיפע, בלאָטיקע זאַמדן, בלאָטעס פון דעם אומריינס, וואָס ווערט אַרויסגעגאָסן פאַר דער טיר... ס׳איז פינסטער. רוטנבערג, וואָס האָט מיט זיין עלעק־טריפיקאַציע דערגרייכט אין אַלע פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון לאַנד, האָט נאָך דאָ, אַנדערטהאַלבן מינוט גאַנג פון אַלענבי, פון נחלת־בנימין נישט אַריינגעדרונגען, נישט אין די געסלעך און נישט אין די שטיבער. ערגעץ, אויף אַן אָפּגעשיילטער וואַנט אויף אַ ראָג ברענט אַ נאַפט־לעמפּל. אין אַן אָנשויבנדיקער לאָמטער פלאַטערט דאָס פלעמל, געטריבן פון ווינט. ליכטיקער איז פון דער „גאַס באַלייכטונג" נישט, אומגעקערט, עס פאַר־שטאַרקט נאָך די פינצטערניש, עס שטרייכט נאָך אונטער די שוואַרצקייט.

און מחנות שוואַרצע ציגן נעכטיקן דאָ אין די געסלעך, צוגעטוליעט איינס אין אַנדערן אַריין, און אַלע, ווי אָנגעקלעפּט אָן די שוואַרצע ווענט. אַ מיסטיש בילד פון אַ פוטוריסטישן מאָלער „לעבעדיק" אוועקגעשטעלט כּמעט אין מיטן פון תל־אביב.

דאָס איז געטאָ, דאָס איז כּרם התימנים, די אַראַבישע פּערטלען, וואָס זענען געבליבן עקשנותדיק אין זייער „פּרע־היסטאָרישן" צושטאַנד. די געטאָ לעבט זיך איר אייגן לעבן, איר פינצטער לעבן.

אַ גאַנץ אַנדערע וועלט. מיר גייען איבער די „הויפן"

פון די „געטאָ״־איינוווינער. דאָס זענען די טיפּישע „צריפים״ מערסטנטיילס הייזער — סוכות, צונויפגעשלאָגן פון ברעטער און איבער דעם קאָפּ א דאַך־געדעק פון דאַכלקעס אָדער בלעך. יעדע „וווינונג״ באַשטייט פון איין חדר מיט א קליינע לענג־לעכע שפּאַרע אַלס פענצטער. די „קיך״ איז אויפן הויף. א שמאָל ביידעלע פון עטלעכע זעק־פאָרהענג... אין דאָזיקן „צימער״ נעכטיקן קרוב צו צען „זעלן״, פאָטער, מוטער און העכער א האַלב טוץ קינדער. קינדער ווי טרעפּ לויט זייערע יאָרן פון צען־עלף יאָר ביז איין חודש... דער גאַנצער דיל, וואָס באַ־שטייט פון אָנגעטרעטענעם ליים, ווערט פאַרוואַנדלט איבער נאַכט אין א בעט...

די איינוווינער פון דער געטאָ זענען מערטנטייל די „מזרח־עדות״: תימנער און כורדים, בוכאַ ער און סתם „פרענקן״. דאָס זענען אַרבעטער, שווער־אַרבעטער — לאַסטי טרעגער. נאָר דער גייסט פון „פּראָספּעריטי״, פון אַרויפאַרבעטן זיך, פון שפּעקולירן מיט געקויפטן באָדן, האָט דאָ אויך אַסאַך אָנהענגער. בעת א וויזיט מיינער אין אַזאַ „פרענקישער שטוב״, בעת איך האָב מיט באַדויערן אָנגעמערקט די אומדערטרעגלעכקייט פון אַזאַ לעבן, און בעת דער באַלעבאָס פון דער דירה, א „פרענק״ מיט א הדרת פּנים באָרד, מיט אַן אויסקוק ווי א „חכם״, וואָס *מאַכט א לעבן״ דערפון, וואָס ער פאַרקויפט געפּרעגלטע הערינג פאַר די חדר יינגלעך, יאָ בעת מיין באַזוך איז „צופעליק״ אַריינגעקומען א מעקלער פון „מגרשים״ און האָט אים אָנגע־זאָגט די בשורה, אַז פאַר זיין פּלאַץ דאָ און דאָ, וויל מען שוין געבן פיר טויזנט לירעס. דער „פרענק״ האָט זיך נישט איבערראַשט, נישט געוואָרן אויפגעברויזט פון אַזאַ בשורה: פיר טויזנט פונט! ער איז זיך ווייטער געזעסן אויף דער ערד, די פיס הינטער זיך און פילאָזאָפירט אויפן מזרח־אַרט: „דאָסזעלבע מויל וועט מאָרגן אָנביטן פיל מער״...

דאָס געטאָ לעבט זיך זיין אייגן לעבן, און די געטאָ־קינדער

וואַקסן אין דער שוידערלעכסטער הפקרות. איבער יענער זייט וואַנט, אויף אַלענבי, פעלן אויס שולן פאַר קינדער.

די אַלט-פרענקישע תלמוד-תורות מיטן קאַנטשיק און מלמד בליען דאָ אין דער אַמאָליקער פּראַכט. פון די דאָזיקע תלמוד־תורות גייען אַרויס איבער די געמאַרקן פון דער ערשטער און איינציקער יידישער שטאָט קליינע פאַרברעכער. דאָס געטאָ שטעלט צו פּאַרלויפיק קליינע גנבימלעך, גאַנצע מחנות פון הפקר־קינדער גאַגצע „געגנג" פון „כח־גייער", קאָרטן־שפּילער, קוישן־כאַפּער טאַשן־ציער, קינדער-אַנאַניסטן און פּראָסטיטוטן. שוידערלעך!

אין קאָכנדיקן ווינקל פון האַנדלס צענטער, אויף הערצל־ גאַס, נעבן דער אויטאָבוס־סטאַציע „אגד" איז פאַראַן אַ אויס־ געקראָכן שטיקל פּאַרקל, וואָס איז אַ טייל פון שדרות רוטשילד דאָרט האָבן זיי, אַ טייל פון די געטאָ־קינדער זייער אָנפלאָג.

די בעזערע פון זיי לויפן אַרום מיט צייטונגען איבער די גאַסן. די, וואָס קריגן נישט קיין צייטונגען, אָבער האָבן נישט קיין חשק צו „אַרבעטן", געפינען זיך דאָ, אויסקוקנדיק, אַז עמיץ פון די פּאַסאַזשירן וועט וועלן אַ גאַזאָז-טרינק, וועלן זיי עס אים באַזאָרגן פון דער נאָענטסטער סאָדע-בודקע. אָדער מען וועט עפּעס פאַרדינען אָדער מען וועט עפּעס צולקחענען...

צייטנווייז טראָגט מען אונטער אַ פּעקל. נאָר די מערסטע צייט ליגט מען אויסגעצויגן אויפן הארטן זאַמד און מען שפּילט קאָרטן.

מען שפּילט אין ביינדלעך, און אַנדערע אַזאַרד־שפּילן און דערביי גליען די שוואַרצע אויגן אונטער די ברוינע שטערנס. מען קוקט זיך אַרום — טאָמער גייט אַ „שוטר". פאַר דעם פּאָליציי־מאַן האָט מען מורא, כאָטש מען שרעקט זיך נישט. עס

טרעפּט, אַז גרופּן פון אַט די קינדער קומען פאַר דער „משטרה", די פּאָליציי־צענטראַלע, און גיבן זיך אַליין איבער, אויסקלערנדיק אויף זיך אַלערליי בולבולים, כדי זיי זאָלן האָבן עפּעס איבער־צוכאַפּן און זיך אָפּרוען. וואַרפט מען זיי אַרויס

און די פאַרטריבענע צעוואַרפן זיך פונדאָסניי איבער די רווישיקע גאַסן פון דער שטאָט. זייער העברעיש רעדן קלינגט שוין עכט־גאַסנדיק און צווייַדייטיק. די וואָס האָבן געשטרעבט אַז די הייליקע תנך־שפּראַך זאָל ווערן אַ וואָכעדיקע, אַפילו אַ וווּלגאַרע שפּראַך, קענען זיך גרויסן דערמיט: אין די מיילער פון די הונדערטער פאַרוואָרלאָזטע קינדער איז זייער חלום אויפגעגאַנגען.

מען זעט זיי זיצן אויף די ברייטע שטיגן־טרעפּ נעבן די קינאָס. און נישט תמיד, נאָר ווען עס שפּילט אַ בילד, וואָס איז נאָענט צו זייער געמיט: אַ גענגסטער בילד, אַ באַנדיטן־בילד, דעטעקטיוו־געשיכטן, אַנרעגונג. זיי זוכן זייער עמאָציע.

אין געטאָ קומט מען איבערשלאָפן, אויב זיי האָבן צוויי מענטשן, אַן „ער" און אַ „זי", וואָס רופן זיך טאַטע־מאַמע. אַ גרויסער טייל פון די קינדער האָבן דאָס אויך נישט. וואַלגערט מען זיך מחוץ דער געטאָ אַמאָל אין אַ הויז, וואָס האַלט זיך אין בויען. און אַנדערע קלויבן זיך אויס אַ מקום־מנוחה אין אַ גרויסן מעבל־קאַסטן, וואָס דייטשע יידן האָבן געבראַכט פונם „רייך"... און אַ גרויסער טייל בלאָנקעט אַרום, ווי די הינט, אי־בער די געפּוצטע, געגלאַנצטע גאַסן צון תל־אביב.

אין די „אַרבעטס־שעהן", מערסטנטייל פאַרנאַכט, זענען זיי „טעטיק" אויף דעם „שוק", די מאַרק־גאַס אויף רחוב הכרמל, דאָרט, ווו מען האָט אַלס „זכר לחורבן" איבערגעלאָזט אַלץ אין „אַזיאַטישן" צושטאַנד, אַן ברוק און אָן סדר. דער „שוק" האָט

אַ שם אין דער גאַנצער שטאָט, אַז מען קריגט דאָרט מציאות-ווייבער פון אַלע קוואַרטאַלן לאָזן זיך אַהין, אויף דעם „מאַרק" פון כרמל קויפן ביליק. נאָר אויף יעדן האַנט-בייטל, אויף יעדער קעשענע, אויף יעדן קובער לויערן צענדליקער יונגע גליענדיקע אויגן! נישט אָפּצוזאָגן זיך פון זיי, די קליינע גנבימלעך. אָפּגעריסענע, אָטגעשליסענע, וואַלגערן זיי זיך אין שטויב. אין אַ „פרייער מינוט" שלאָגט זיך איינס מיטן אַנדערן. „באָקסט" מען זיך אַזוי דורך די יונגע נאָך ווייכע ביינער. און באַפאַלט מען עמיצן, איז זיך נישט אָפּצוזאָגן, ווי פון אַ מחנה וועלף. דאָמאָלט וועט שוין קיין פּאָליציי אויך נישט העלפן.

מיט איינעם פון זיי האָב איך היינט „קענטשאַפט" געשלאָסן אויף אַ פּשוטן אופן: איך האָב ז י י ן האַנט געטראָפן אין מ י י ן ק ע ש ע נ ע. נאָר אַזוי ווי זיין דאַר הענטל האָט דערפילט מיין האַנט אין מיין אייגענער קעשענע, האָט ער עס ווי אַ מייזל אין דער פינסטער, ווען מען מאַכט פּלוצים ליכטיק, געזוכט אַרויסצוכאַפּן פון דער געפאַר. נאָר איך האָב אים שוין נישט אָפּגעלאָזט. ער, דער „יונגערמאַן" פון אַ יאָר צעלף, האָט אין מיר גלייך דערזען אַ „טיפּש", אַזאַ וואָס וועט אים גאָרנישט טון. איז ער נישט אַוועק, נישט אַרויסגעריסן זיך, נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד. גענומען גליען אויף מיר מיט זיינע הייסע שוואַרצע אויגן־אַפּלען, וואָס פאָטער און מוטער האָבן אים איבערגעגעבן אַ מתנה פון באַגדאַד. זיין פּנים איז געווען דאַר און דער שמייכל האָט זיך געשטעלט אין דער קרום, ווי ביי אַן אַלטן דעגענערירטן טיפּ.

אַ דערציער פון פּוילן, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ באַדייטנדיק ווערק, אַ באַשולדיקונגס-אַקט קעגן די פילאַנטראָפּישע דערציונגס־מעטאָדן אין די יתומים-אַנשטאַלטן, האָט זיך דאָ אין תּל-אביב, פאַרנומען מיט דעם פּראָבלעם פון קינדער-פאַרברעכער.

אַלע פּרוּוון צו ראַטעווען די סיטואַציע און היילן די קינדער־פֿאַרברעכער פֿירן צו גאָרנישט. דער פֿאַרשימלטער סיסטעם פֿון פֿילאַנטראָפּיע וועט גאָרנישט אויפֿטון, פּונקט ווי ער האָט אין ערגעץ גאָרנישט אויפֿגעטון. די „היים", וואָס איז פֿון דער שטאָט געעפֿנט געוואָרן פֿאַר די „דאַכלאָזע קינדער", ערגעץ געבן ירקון, איז נישט מער, ווי נאָך אַ נעסט פֿאַר די הפֿקר־קינדער פֿון וויטן צפֿון־טייל פֿון דער שטאָט. מיט דער הילף פֿון אויבנדערמאָנטן לערער, וואָס האָט זיך „איינגעלעבט" מיט זיי און געוווּנען זייער צוטרוי שוין דערמיט, וואָס ער האָט פֿאַר אָט די עטלעכע הינדערט קינדער אויסגעפּועלט אַ פּאָר פֿרייע פֿאָרשטעלונגען אין די קינאָס — מיט אים איז מיר מעגלעך געווען אָט די פֿאַרוואָרלאָזטע קינדערגעמטער צו באַטראַכטן; לויט די באַדינגונגען פֿון זייער לעבן זענען זיי נישט ענלעך צו די גנבימלעך פֿון אַ סמאָטשע אָדער באַלוט. נישט בלויז די נויט טרייבט זיי צום פֿאַרברעכן, נאָר אָפֿט מאַנגל אין השגחה און אַ מאָל פּשוטע שנאה צו דעם נישט־ייִד, צום אַראַבער: עס הייבט זיך אָן מיט אַ געוויינלעכן „שפּאַס" — אויפֿשניידן דעם דורכגייער דעם זאַק אויף זיין פּלייצע, אַראָפּכאַפּן אַ ראָד פֿון זיין וועגעלע, אָדער צעשיטן די פּאָמעראַנצן פֿון זיין אייזעלע, און דערנאָך גייט עס אַריבער צו באַוואַרפֿן מיט שטיינער, צו כּתּם אַ געשלעג און שפּעטער... דער וועג איז שוין גלייך און גלאַט.

אָפֿטמאָל האָב איך דעם איינדרוק, אַז די קינדער־באַנדעס האָבן שטאַרק הנאה פֿון זייערע „מעשׂים". זייער געשיקטלעכקייט מאַכט זיי שטאָלץ. בעת אַ באַזוך ביי זיי אויפֿן „שוק", דעם הויפּט־פּלאַץ זייערן, האָט איינער פֿון זיי אונדז פֿאַרבעטן צו אַ סעודה... מען איז אַוועק ערגעץ אויף אַ ליידיקן פּלאַץ, אונטער אַ וואַנט פֿון אַ צריף, כּהרף עין זענען געשטאַנען אין זאַמד געעפֿנטע פֿלעשער וויין, וואָס יעדער האָט ערגעץ „געקראָגן".

מען האָט געטרונקן פונם פלאַש־העלזל... די בעסטע סאַרדינען און געריכערטע פליישן, קוכן און פרוכט. די אַנטיילנעמער פון דעם מאַלצייט זענען אַלט געווען צווישן 7 און 14 יאָר. אַ 9־יעריקער בחור האָט מיט אַנטציקונג אויסגערופן:

— אסור צו די בורזשואַזיע — זיין אויסדרוק: „בורגנים"

— ווייסט דעם טעם פון אַזאַ שמחה...

ביי זיי, ביי די הפקר־קינדער עקזיסטירט שוין אַ געוויסע אויסגעאַרבעטע „מאָראַל", וואָס דאָס באַדייט, אַז עס עקזיסטירט שוין אַ געוויסע „טראַדיציע" און אַפילו אַ „סטאַזש" ביי די עלטסטע פון זיי, אַ דיסציפּלין. זיי פירן דורך „משפטים". דער „משפט" איז אויטאָריטאַטיוו און ווערט אויסגעפירט

די קינדער זענען כיטרע און ציניש. איבערהויפּט לגבי די מוסר־זאָגער, לגבי די „פילאַנטראָפּן", אָט די, וואָס ווילן זיי אַרויספירן אויפן „גלייכן וועג". זיי האָבן זיך אויסגעלאַכט פונם סאָוויעטישן פילם „דער וועג צום לעבן", זיי האָבן די גאַנצע זאַך געהאַלטן פאַר „יאָלדיש". זיי, די הפקר־קינדער פון תל־אביב וועט מען נישט נעמען מיט אַזעלכע זאַכן פון איבערבויען זיך...

די מערסטע פון זיי האָבן שוין אין געריכט, אין דער פּאָליציי זייערע „רעקאָרדן". נישט בלויז אַלס גנבים און שלעגער, נאָר אויך אַלס אונטערצינדער און אַמאָל מער

טייל פון זיי זענען שוין אָנגעשטעקט מיט ווענערישע קראַנקהייטן. דער טעם פון דעגענעראַציע איז צו זיי אויף דעם אָדער אַנדערן וועג געקומען. עס איז דאָ אַ בונד צווישן זיי, די קינדער פונם קרן התימנים מיט די קינדער פון נוה שלום, פון שכונת שפירא, פון עלינת טשלענאָוו — געטאָס אַזעלכע, אָדער געגנטן, וואָס זענען באַהאַפטן מיט יענעם געטאָ. נישט אַלע הפקר־קינדער זענען פון די מזרח־עדות, אַ סך פון זיי, אַרום 20—30 פּראָצענט, אשכנזישע. מאַמעס זענען פּאַריאַגט, טאַטעס זענען אין די פאַבריקן. שוין קאָסטן טייער, דאָס גאַסן־לעבן ווירקט. מען נעמט זיך אָן, מען שטעקט זיך אָן.

אָפיציעל ווייסט נישט די שטאָט פון זיי. דערפאַר נעמט מען נישט אונטער קיין שום שריט. די פּאָליציי האָט שוין אַרויסגע־

געבן מורעית מיט דעם באַקאַנטן לאָזונג: „היט זיך פאַר קע־שענע־גנבים" — „האַלט די טירן פאַרשלאָסן"! דערווייל ווייסט מען פון אַ פּאָר הונדערט אַזעלכע פאַרברעכער קינדער. פון זיי וועט זיך אָבער שפּעטער פאָרמירן אַ היפּשע אונטערוועלט. דאָס וואַקסן אויס גנבים, אַלפאָנסן, פּראָסטיטוטקעס, קאָסע־ברעכער, מעסער־העלדן, — פריי זיך תּל אָביב, וועסט זיין אַ שטאָט מיט שטעט צוגלייך!..

דער, וואָס האָט געחלומט, אַז תּל־אָביב וועט זיין אַנדערש, ווי אַלע אַנדערע „פאַרפוילטע" שטעט, ענטפערט איצט, אַז דאָס אַלץ, וואָס איז דאָ, דער דזשאַז־געבראַזג אויף די קאַפע־דעכער, די „פּיפּאַ קלאָק טיי־דאַנסינגס" אין די האָטעלן, די פריזן־פאָרלעך, טעראַסן־דוואַלגערס אונטער פּיאַלעטן־ליכט, די לוסטיקע נעכט אין טאַנץ־קלובן — דאָס אַלץ איז אויסלענדישע אי־בערפלאַנצונג, אַ שטיק פאַרפוילטער „גלות". נו, מעגן זיי זיך טרייסטן: די פּאָר הונדערט הפקר־קינדער, די צוקונפטיקע אונ־טערוועלט, דאָס איז עכטע נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע, עכטע „תּוצרת הארץ"!..

טראַנסיאָרדאַניאַ

אָפיציעל איז טראַנסיאָרדאַניאַ אַן אַנדער מדינה, אַן אַנדער לאַנד, אַ קיניגרייך און איך וואָלט נישט געדאַרפן די בלעטלעך אַריינגעמען אין מיינע פּאַלעסטינע רעפּאָרטאַזשן, בפרט אַז מען קאָן מיך נאָך חלילה חושד זיין אין לאָיאַליטעט צו יענעם דוטשע וואָס האַלט דוקא פון אַ יידישער מלוכה פון ביידע ירדן זייטן, נאָר אַזוי ווי איך האָב באַרייזט און באַזוכט עבר־הירדן אין משך פון מיינע פּאַלעסטינע וואַנדערונגען, האָב איך פאַר די דאָזיקע בלעטלעך מיינע קיין אַנדער אָרט נישט, ווי אין דעם רעפּאָרטאַזשן בוך.

אַ שמאָלע בריק איבער דעם ירדן. אַ בריק פון אייזערנע

רען, די ברעטער אונטער די רעדער שאָקלען זיך, דונערן.
אָן אויפשריפט „אַלענבי בריק. 1919" – דאָס איז די גרענעץ.
פּאַרמאַליטעטן מוזן דורכגעפירט ווערן. אַ הויכער מאַסט, אַ בריטישע פאָן, אויף אַ בלויען גרונט מיט אַ אויפשריפט אין ענגליש „פּאַלעסטיין" אַ סימן, אַז די בלוי־ווייסע נאַציאָנאַלע פאָן איז גוט פאַר שמחת תורה... אויף דער וואַך ביי די גרעניצן פון דער „יידישער היים" פּלאַטצערט דער יוני־דזשעק פון גרויס־בריטאַניע...

די גרעניץ־באַאַמטע, צוויי אַראַבישע פּאָליציסטן, איינער אין גרויען בלוזע־מונדירל מיט אַרומגעשניטענע אַרבל, דער אַנדערער — אין פּידזשאַמע, אָבער מיט דעם פוטערנעם היטל אין קעניגס קריינדל אויפן קאָפּ. זיי דאַרפן דאָס דורכפירן די פּאַרמאַליטעטן: פּאַס, צאָל, אויספרעגונגען און אויספאָרשונג. אַלץ גייט צו בשלום. אין צוויי מינוט אַרום געפינען מיר זיך איבערן ירדן, ביי דער גרעניץ־וואַך פון דער מלוכה טראַנס־יאָרדאַניע.

דאָס בילד איז נישט בעסער. בלויז די געענדערטע הלבשה פון „מיליטער", עפּעס אַ שטיקל אָנדייט פון דייטש־לאַנד. די פּאָליציאַנטן, וואָס שפּילן דערווייל אין שאַך, הייסן אונז, טוריסטן אין אויטאָבוס, ווארטן, איינער מוז דעם אַנדערן געבן „מאַט" ביז דאַן – איז די גרעניץ פאַר אונז פאַרשלאָסן.

נאָר דאָס ענדיקט זיך. די פּראָצעדור איז שוין אַ איינ־פאַכע, הגם, עס שטייט בפירוש אַ שילדל „קאָסטומס", גרע־נעץ־צאָל אַמט, נאָר מען רעווידירט נישט.

און דריי מינוטן טראָגט זיך שוין אונזער אויטאָבוס אין געדיכטן קיילעכדיקן שטויב פון די עבר־הירדן צוגראָבענע פעלזן־וועגן. מען פילט זיך פונדעסטוועגן, אַז מ'איז אין אַ פרעמדן לאַנד. ענגלאַנד האָט זיך אָפּגערוקט, אַלנפאַלס, אוי־סערלעך. דער בריטישער מונדיר וואַרפט זיך נישט אין די אויגן, ווי אין פּאַלעסטינע. דעם ענגלישן פאָן קוקט מען נישט אָן. טראַנסיאָרדאַניע איז נישט קיין „קאָלאָניע", קיין מאַנדאַט־

געבּיט, עס איז אַ „קעניגרייך" פאַר זיך זעלבסט, אַ „העכערע" מדריגה, ווי פּאַלעסטינע.

ביי דער גרעניץ, אויפן הויכן מאַסט, פלאַטערט נישט דער יוני־דזשעק, נאָר די אַראַבּישע פיר־פאַרביקע פאָן. און אויפן היטל פון פּאָליציסט — דער הערב פון אַבּדואַללאַ — אַ קרוין אין געפלעכט צווישן צוויי שווערדן. און אויף די פּאָסט־מאַרקן — נישט דער ענגלישער הערב, דעם עמירס בילד — דעם הערשער פון טראַנסיאָרדאַניאַ.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָר אויסערלעך איז עס אַזוי. אַלע סמנים, אַלע צירונגען, אַלע פּאַראַדן און אָנשטעלן — כדי עס זאָל מאַכן אַ איינדרוק פון אַ זעלבסטשטענדיקער מדינה. בלויז די פינצטערע בעדואינער־מאַסן, וועמען מען באַגעגנט מחנות־וויין וואָגלען אויף די צעקרומטע וועגן, קאָן מען דאָס איינ־רעדן. בלויז די פעלאַכן, די אָרעמע, דערשלאָגענע פויערים קאָן מען עס אַריינהאַקן. דער שטאָטישער, דער סוחר, דער בעל מלאכה, דער אינטעליגענט, ער ווייסט עס שוין גאַנץ גוט. ער ווייסט, אַז נישט אין פּרעכטיקן, מאָדערנעם און לויט לעצטער מאָדע לוקסוס־אַרטיק איינגעאָרדנטן פּאַלאַץ פון עמיר ווערט דעצידירט דער גורל פון ווילדן שטיק לאַנד און פּרימיטיוון בעדואינער־מענטש, נאָר גראָד אין אַלט מאָדישן פּאַלאַץ פון בריטישן גובערנאַטאָר אין דער שטאָט עממאַן.

דער וועג פון ירדן ביז צו דער קרוינשטאָט איז נישט אַזוי ווייט, ווי עס נעמט אַ סך צייט. דער שאָסיי איז טייל־וויַיז אַ נייער, און מערסטנטיילס — אַ צובראָכענער. אַ קעמל־וועג, אַ אייזל־שטעג צו פאַרוואַנדלען אין אַ שאָסיי פאַר ברייטע אויטאָבּוסן און לוקסוס־אויטאָס איז נישט לייכט ביי די פּרימי־טיווע באַדינגונגען פון לאַנד. דאָך, זעט מען מאַסן אַרבעטער, באַשעפטיקט ביי די וועגן, וואָס גראָבּן אין די פעלזן און האַקן שטיינער. דער עמיר מוז זיין רייזע קיין ירושלים דורכ־מאַכן אין צוויי שעה!

עס זענען אייגנטלעך די זעלביקע פעלזן וואָס אין פּאַ־לעסטינע, נאָר עס דאַכט זיך אויס, אַז דאָ זענען זיי ווילדער

רויער, די אָפּגרונטן זענען טיפער, אומענדלעך תהומותדיקער וויסטער מדבר. די גיגאַנטישע פעלזן־ריזן, שטייען דאָ פאַרמירט פאַרן אויג אין פאַרשידענע געשטאַלטן. אָט דאַכט זיך אויס, אַז אַנטקעגן שווימען אָן פאַנטאַסטישע פאַלאַץ־ווענט, גאָטיש געשפּיצטע שניצערייען, אָרנאַמענטן. און אָט — עוג׳שע לייבן, פאַרשטיינערטע און גאָר אַן אָנשיט איינס אויפן אַנדערן — ווי הייסע שטורמס וואָלטן אין מיטן געיעג פאַרשטיינערט געבליבן, און עס שטייען אַזוי, די שטורעמס, איינגעגליווערטע טויזנטער, טויזנטער יאָרן.

דערווייל זענען מיר דערשטוינט: וואָס איז דער יחוס פון עבר הירדן, וואָס דער ייִדישער ברוינער „דוטשע" גאַרט נאָך אים אַזוי שטאַרק צוליבן וואוילטאָג פון פאָלק ישראל? ווו איז בכלל מעגלעך דאָ צו לעבן און אָטעמען? ווו האַלט זיך דאָ אויף אַ באַפעלקערונג און פון וואָס לעבן גאָטס פיר־פיסיקע באַשעפענישן, בהמות און חיות? פון וואָס ציען זייערס דערנערונג געוויקסן און פלאַנצן?...

פון די דאָזיקע רעיונות קאָן מען זיך נישט באַפרייען דעם גאַנצן וועג ביז אַממאַן איבער סאַלט און זשעראַש, די ערשטע, די כמעט ערשט לעצטנס אויפגעקומענע רעזידענץ פאַרן איצטיקן הערשער אַבדואַלאַ און די לעצטע — אַ חורבה־שטאָט נאָך פון די רוימישע צייטן.

זשעראַש, און צומאָל אַממאַן, באַווייזן אָבער, אַז טראַנס־יאָרדאַניאַ איז אַ פרוכטבאַר לאַנד, אַנדערש וואָלטן די רוימער, וואָס האָבן געהאַט אַ זין פאַר עולם הזה, זיך נישט באַזעצט אין יענער געגנט. זיי זענען נישט געקומען אַהין כדי סתם, צייטווייליק צו אָקופּירן דאָס לאַנד, נאָר זיך דאָרט איינגעפעסטיקט און געשאַפן שטעט, כדי צו געניסן פון דעם לאַנד, ווי זיי פלעגן געניסן פון אַנדערע טיילן פון דער אימפּעריער — רוים.

זשעראַש דאָס איז אַ וווּנדער אין דער מדבר, דאָס איז, נאַטירלעך, דאָס צוציונג־אָרט פאַר טוריסטן און רייזענדע, אָבער זשעראש לאָזט איבער אַ טיפן איינדרוק. אין מיטן נאַ־

קעט.ר פעלזיקער וויסטע וואַקסט אויס אַ סקעלעטן־שטאָט פון אור־אַמאָל. גאַנצע גאַסן, אויף קילאָמעטערס די לענג, געפלאַסטערט מיט גלאַטע שטיינער אין פלאַנמעסיקער צו־יגינג, און פון ביידע זייטן — קאָלומנע־זיילן. זיילן און זיילן, פון מצרימשן גראַניט, און אויף די זיילן, ליגן אין באַפעסטיקונג געזימס שטיקער פון געקריצטן שטיין. און וואָס עס רייסט צום מערסטן דאָס אויג, זענען די קראַנצאַלירונגען ביי דער פאַרענדיקונג פון די שטיין־זיילן, יעדער דעטייל — מיט אַזוי פיל פיעטעט און אומגעהויערן געדולד געשניצט, געקריצט. נישטאָ קיין פרימיטיווקייט אין דער שטיין־הויעריי, נאָר ווי עס וואָלט דאָס היינט אַ מאַשין געטון, אויסגערעכנט מיט גענויקייט אין יעדן מינדסטן פרט.

לאַנגע גאַסן פון זיילן און קאָלומנעס, ווי ס׳וואָלטן פאַנטאַסטישע ביימער פאַרשטיינערטע אַזוי געשטאַנען און קאַפויער־געשטאַרט אין דער בלוי־גילדענער לופט, חוץ דעם, שטייען נאָך אין כמעט פרישער פעסטקייט די טויערן און ברייטע טרעפ־שטיגן, וואָס פירן אַרויף, אַרויף צו די פילע טעמפלען, באַד־באַסיינען, סינאַגאָגן, אַרענעס, פאָרומס, צירקן און אַמפיטעאַטערן!

דאָס אַלץ איז נאָך אין דער הערלעכער פאַרפוצונג פון אַמאָל, פון העכער צוויי טויזנט יאָר צוריק, די לאַנגע צייט האָט נישט אָפּגעווישט די מי, וואָס איז אונטער דער בייטש אַרויסגערופן געוואָרן פון קינסטלער־שקלאַפן, וואָס האָבן דאָס אַלץ געשאַפן, און איצט שטייט זי, די אַלטערטימלעכע שטאָט אין מיטן דער פעלזיקער ווילדעניש צו שאַפן תענוג פאַרן דורכפאָרערס אויג, פאַר אַנדערטהאַלבן דאָלאַר וועט אייך דער שומר פון היכטאָרישן זשעראַש אַרומפירן, און אויפמערקזאַם מאַכן אויף יעדן מינדסטן מאָזאַיק שטיינדעלע, וואָס איז מיט ציטערדיקע פינגער און פיבערדיקע אויגן אַריינגעפאַסט געוואָרן אין דער ערד.

נישט ווינציקער „אַנטיקוואַר” איז דאָס „נייע” זשעראַש, דאָס בעדואינישע שטעטל, לעבן דער אַמאָליקער רוימישער רע־

זײדענע. די אָרימקײט, דער דחקות, ליגט אויף די װעגן אין פאָרם פון אײנגעקװרטשעטע זקנים, פאַרהונגערטע מאַנסבילן און אָרומשלײכענדיקע קינדער. מאָמענטאַל װערט דער אויטאָ אונזערער אָרומגערינגלט מיט הונדערטער, הונדערטער בעטלער־קינדער. און באַלד װאַקסן אויס אַ האַלב טוץ פּאָליציאַנטן, װאָס באַװאַכן אונז, דורכפאָרער מיט די ביקסן אויף די אָרימס און קינדשאַלן אין די הענט. מיט אָט דער װאַך פאָרן מיר אַדורך דאָס שטעטל און מיט אַזאַ ענלעכער װאַך פאָרן מיר דורך אַלע אַנדערע שטעטלעך.

אַ פּאָליציאַנט דערקלערט אונז, אַז ער פאַרשטײט נישט, װאָס עס איז דער געיעג פון די הפקר־מענטשן, אַז זײ קריגן פינף ראָטל, אַן ערך פופצן קילאָ מעל, פון דער רעגירונג אַ חודש און נאָך האָבן זײ װײנציק. אַזעלכע שנאָרערס!

— מען הונגערט בײ אײך, פרעגן מיר נײגעריק דעם פּאָליציאַנט.

— נו, אָבער נישט אַזױ פיל װי אַמאָל. דער עמיר זאָרגט פאַר זײנע אונטערטאַנען. ערד איז דאָ אַ סאַך, נאָר נישטאָ װאָס צו טון מיט איר. אין „באַלעסטין” פעלט אויס אַרבעטער, און דאָ, זעט װי דער באָדן פוסטעװעט.

און װירקלעך, אַרויפצו צו אַממאַן, הויבן שוין אָן אַרויס־קריכן די שטחים לאַנד פון אונטער דעם שטײנערנעם דרום. די פּעלדער דערפילן זיך פרײער און אויפגעלעזט. קװאַלן שלאָגן דאָ אַ סאַך, אויף טײל ערטער — גרינען און בליען װילדע געװיקסן פון זיך אַלײן. אײן טראַקטאָר, װען ער גײט דורך איבער דער ערד, װאָלט ער געבראַכט שפע און זאַטקײט פאַר די עטלעכע הונדערט טױזנט פאַרהונגערטע בירגער פון טראַנס־יאָרדאַניע־לאַגד.

נאָר צו דעם קומט עס נאָך נישט. אָט פונקט װי עס האַלט נאָך װײט, אַז אסמאַן, די „קרױנשטאָט” פון לאַנד; די רעזי־דענץ פון „הערשער” און זײנע „מיניסטאָרן”, זאָל האָבן עלעק־טערישע באַלויכטונג. עס מאַכט אַ מאָדנעם אײנדרוק, בעת מען קומט אָן אין אָט דער „מעטראָפּאָליע” און גראַד זענען מיר

קומען קעגן נאַכט. עפּעס דאַכט דיר, אַז אין דער שטאָט דאָ קומט פאָר אַ געשטויס. די עטלעכע ענגלענדער וואָלטן געוואָלט די שטאָט „אייראָפּעאיזירן", נאָר די שטאָט גיט זיך נישט אונטער. די צוואַנציק טויזנט איינוואוינער, וואָס די „הויפּט־שטאָט" ציילט, זענען נאָך ווייט פון אייראָפּעישער ציוויליזאַציע. איבער די גאַסן הענגט אַ פינסטערניש, דאָס טונקעלע ליכט פון די בענזין־לאָמפּן אויף אויסגעהויקערטע סלופּעס, וואַרפן וויגנדיקע שאָטנס, איבער שטאָט. עס שוואַרצן זיך די בעדואינישע געצעלטן פון טונקעלע דעקן און עס זעט אויס, ווי מחנות שוואַרצע ציגן דראַפּען זיך אויף די בערג. און אויף די הויפּט־גאַסן. וואוינונגען פון נאַפט־בלעכלעך, אָבער גלייכצייטיק נייע, שטיינערנע, צוויי־שטאָקיגע בנינים. ברייטע אָפענע קראָמען, רעסטאָראַנען, טיילווייז עלעגאַנט און אַ ברונעם אין מיטן מאַרק־פּלאַץ, ווו מען קומט אָנפילן די קרוגן און אָנטרינקען די אייזל ן. אַ פראַגמענט פון תנך...

די „האַנדלס גאַסן" אַט פונקט ווי אין אַלט־ירושלים, ווי אין עכו. נישט די עטנאָגראַפיע, נישט דער כאַראַקטער פון דעם טראַנסיאָרדאַנער, שיידט זיך נישט אונטער פון דעם פּאַלעסטינער אַראַבער. בלויז די רייכע, די רעגירונגס־פּקידים, די באַאַמטע, און ממילא די סוחרים אונטערשיידן זיך דאָ מיט זייער עלעגאַנטער קליידונג. אין זיי וואַכט דער באַוווסטזיין, אַז טראַנסיאָרדאַניע איז אַ זעלבסטשטענדיקע מדינה מיט אייגענער פּאָליטיק און פון דער פּאָליטיק מאַכט מען אַ שיין לעבן.

איין זאַך איז אויפפאַלנדיק: פּאָליציי. אין די גרעסטע וועלט־שטעט זעט מען נישט אַזוי פיל פּאָליציי, באַוואָפנטע, ווי אין אַממאַן. ווי אין די פּאָריקע שטעטלעך אויפן וועג אַהער, אַזוי אויך דאָ, ביי אונזער אַרייַנקומען אין שטאָט, ווערט דער אויטאָ באַוואַכט פון פּאָליציאַנטן, וואָס פירן אונז אונטער דער „וואַך" אַרויס פון שטאָט־צענטער, צופוסנס פונם אַמאָליקן רוימישן אַמפיטעאַטער, אין איינעם פון די כישוף־פאַרבנרייכסטע ווינקעלעך אויף גאָטס ערד, דאָרט שטייט דער אייראָפּעישער האָטעל מיטן קלינגענדיקן נאָמען „פילאַדעלפיע".

און אַזוי ווי די פּאָליציי, אַגב, העברעאיש אָפיצירן, וועלן אַ טייל פון אונזער געזעלשאַפט, ווערן בכלל די צונגען באַ־ריידעוודיקער און דאָס וואָס מיר דאַרפן מאָרגן אויסגעפינען, דערוויסן מיר זיך שוין איצט אַט טאַקי פון די שומרים גופא.

* * *

הגם אַטמאַן איז אַ קרוין־שטאַט און הגם דער עמיר, פּרינץ אַבדואַלאַ איז אַן אייראָפּעאישער, ציוויליזירטער מענטש, איז פונדעסטוועגן פאַר אַן אייראָפּעער געפערלעך דורכצוגיין די שטאָט. די גאַנצע באַפעלקערונג איז באַוואָפנט. אָפיציעל האָט קיינער נישט מער, ווי אַ ביקס, אַ פּאַס מיט קוילן, אַ קינדזשאַל און אַ רעוואָלווער. אַפילו דער אָרימסטער, דער וואַנדערדיקער בעדואינער, דער פּאַסטעך אויף די בערג, אַלע, אַלע גייען זיי מיט אַ ביקס אויף דעם אַקסל, מיט אַ קוילן־פּאַס אויף דער ברוסט, און אַ קינזשאַל אין דער גאַרטל.

מעגלעך אַז דאָס איז דער „טשערקאַסישער איינפלוס". אין טראַנסיאָרדאַניע זענען פאַראַן פיל פון זיי, פון די טשער־קאַסן, אַ איבערפלאַנצונג נאָך פון די טערקישע צייטן. דער טשערקאַס האָט זיך אויסערלעך נישט אַסימילירט. זיין הלבשה, די פּאַפּאַכע, די שטיוועלעך, די רייטהויזן און דער לאַנגער סורדוט, איז נאָך אַלץ די מאָדע סיי פון זיידן און סיי פון אייניקל. דאָס ביסל טעכנישע ציוויליזאַציע וואָס עס איז פאַראַן אין טראַנסיאָרדאַניע האָט מען אויך אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען די טשערקאַסן, און צווישן דעם — אויך די מאָדע פון באַוואָפנונג.

מיינע מיטפאָרער זענען גרייט צו מאַכן אַ ווייטערדיקן אויספלוג אין דער געגנט. מיין זשורנאַליסטישער נייגיר פירט מיך אָבער אויף דעם וועג צום עמירס פּאַלאַץ, מיך אינטערע־סירט צו וויסן, ווי עס וווינט און לעבט דער ראש פון אַזאַ גרויסן שבט און אַ קנעכט פון בריטישן אימפּעריאַליזם.

עס איז גאָרנישט אַזוי שווער ווי כ'האָב זיך פאַר־געשטעלט. מיין „כישוף־פּאַס", די אינטערנאַציאָנאַלע זשורנאַ־

ליסטן קאַרטע, האָט דאָ אויך אַרויסגערופן צו זיך דרך־ארץ. דעם עמירס אַדיוטאַנט, מיט וועמען מיר האָבן אין אָוונט, אין האָטעל, געכאַפּט אַ פֿיינעם שמועס מיכּוח זיינע פינף טויזנט דוגאַם באָדן, וואָס ליגן ערגעץ ווייט, אין וועלכער ער חלומט שטילערהייט, אַז אַ יידישע איינוואַנדערונג וואָלט אים רייך געמאַכט און ער וואָלט אַוועק קיין לאָנדאָן, פּאַריז, אַ ביסל אַ הוליע טון, דער דאָזיקער אַדיוטאַנט איז די „בריק", וואָס איבער אים דאַרף איך אַריינגיין אין היכל פון „זיין הויכקייט". נאָר ליידער, דער עמיר האָט אַ קאַטאַר, ער האָט נעכטן נישט דערפֿילט זיינע מלוכה־פֿליכטן און אויך היינט וועט ער נישט אַרויס פון בעט. ער געפינט זיך איצט אין דעפּאַרטאַמענט פון דער יונגסטער פרוי זיינער...

איך ווער מיט דעם געהעריקן פּאַראַד און אָפּיציאַליטעט אַריינגעפירט אין אוידיענץ זאַל. איך פאַרגעס, אַז דאָ געפין איך זיך אין וויסטן אַזיע, נאָר פונדעסטוועגן איז פאַראַן אַ אָפּשפּרינקל פון די אַראַבישע מעשהלעך אינם סטיל פון דעם געבוי דאָ. איך ווער איינגעגאַנצן פאַרזונקן אין דער ווייכער טיפקייט פון שטיל־פאַרביקע טעפּיכער, אויסגעפּאַרטיקטע פון פּערסישע מייסטער־וועבער. און איבער מיר ברענט מיט נר תמידיקער בלויקייט אַ הערלעך געמעל, אויפן סופיט אַ קעניג־לעכע הויף־סצענע, אָבער אָן דער באַנאַליטעט ווי אין די פּאַ־לאַצן פון ווערסאַיל.

אַלץ איז ׃ אָ ניי־מאָדערן, עכט איי־ראָפּעיש איינפאַך, מיט געשמאַק, סובטעל, איידל. נישט־קשה, פאַר די צוואָנציק טויזנט פונט אַ יאָר און פאַר דער עקסטרע מתנה פון הונדערט טו׳זנט, וואָס די ענגלישע שאַך־קאַמער גיט אויף אויסצוהאַלטן אָט דעם פּאַלאַץ, קאָן מען זיך פאַרגינען אַזאַ עשירות און זעכציק באַדינער — אויף אויפצוהאַלטן דעם לוקסוס.

אַרום דעם פּאַלאַץ, געקאָרטשעט אין די בערג, שטייען די נאַפט־בלעך הייזלעך. מיט פינף ראָטל מעל אַ נדבה פאַר אַ משפחה יעדן חודש, קאָן מען פאַרלויפיק די מיילער פון זייערע איינוואוינער פאַרשטופן, כאָטש די מורא פאַר אומצופרידנקייט

און אַרויסטרעטונגען מיט געווער איז פאַראַן. נאָר אין זשאַרקאַ שטייט גרייט אַ אָפּטיילונג פון ענגלישן רעגימענט!..

אין דרויסן איז אַזיע, דאָ, אין פּאַלאַץ — אייראָפּע מיטן שטייפן קראַגן, ברייטן שוואַרצן שניפּס, פּרינץ־אַלבערט זשאַקעט, געשטרייפטע הויזן און לאַקיר שיך. בלויז נאָר דער טורבאַן מיט די שניר־ביגל פון שוואַרצן זייד אויפן קאָפּ, דערמאָנט צו וועלכן וועלט־טייל מיר געהערן איצטער.

איך ווער פאָרגעשטעלט פאַר דעם פּערזענלעכן סעקרעטאַר פון עמיר. אַן עלעגאַנטער כוואַדזשי מיט אייראָפּעישע מאַניערן, אָבער איינפאַך, און צוגעלאָזן.

ער קאָן כמעט אַלע ציוויליזירטע שפּראַכן פון דער וועלט און אַ היבש ביסל דיאַלעקטן פון שבטים. ער איז א פילאָלאָג, אַ שריפטשטעלער און אַן אויסגעצייכנטער פּובליציסט. נאָכדעם ווי ער ווייזט ארויס די אומצופרידנקייט צוליב די צופעליקע זשורנאַליסטן, וואָס האָבן אַגב זיינע רייד אין די אונטערוויזען אָבער דערווויסנדיק זיך, אַז זשורנאַליסטיק איז ביי מיר אַ נעבן־זאַך, איך בין אויך אַ שריפטשטעלער, אַ מיטגליד פון פּען־קלוב, איז ער בכלל ווייכער געוואָרן און ער אַליין, האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

אַ ווײַלע שפּעטער טרינקען מיר ביידע שוואַרצע, טערקישע קאַווע. דער שמועס גייט אין ענגליש. נאָכדעם ווי ער דערקלערט מיר דעם אופן פון רעגירונגס־פאָרם, דהיינו, די אויפגאַבן פון דירעקטאָרן־ראַט, וואָס דאָס הייסט אַ מיניסטאָרן־קאַבינעט און ער לויבט מיט אויפריכטיקער לויב די פּערזאָן פון איבראַהעם פּאַשאַ, דער פּרעמיער־מיניסטער, גייט ער אויך איבער די מיסיע פון בילדונגס־דירעקטאָר. און איך פאַרבייס אַ שמייכעלע, וואָס שטעלט זיך דווקא אויף די ליפּן מיינע: אַ בילדונגס מיניסטער, ווען אין דער קרוין־שטאָט אַממאַן, איז אינגאַנצן פאַראַן ...פיר אָנפאַנג־שולן. און אין די איבעריקע טיילן פון לאַנד אפשר נאָך צען־צוועלף. פון אַ גימנאַזיע חלומט מען נאָך נישט אַפילו. איבריקנס, די וואָס חלומען פון גימנאַזיעס און העכערער בילדונג, די רייכע, די עפענדיס, זיי שיקן זייערע זינדלעך אַוועק

קיין ביירוט. אָט פונקט ווי מען איז אַמאָל אַליין געפאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געניסן פון בילדונג.

פאַרשטייט זיך, אַז מי׳ באַרירן דאָס „יידישע פּראָבלעם״ און די פראַגע וועגן אַ יידישער איינוואַנדערונג אין עבר־הירדן. די פראַגע איז נישט קיין נייע. אָט דאָ, אין דעם אוידיענץ־זאַל איז דאָס נישט איינמאָל אַרומגערעדט געוואָרן מיט יידישע „פירער״. קיין ענטפער דערויף ווערט נישט גע־געבן. מען וואָלט געוואָלט יידיש געלט און נאָך מער — יידישע מי. מען וואָלט געוואָלט, אַז דער טראַנסיאָרדאַנער בעדואינער אָדער פעלאַך זאָל זיך אויסלערנען צו זיין אינטענסיוו, כדי דערמיט זאָל די מלוכה־קאַסע זיך באַרייכערן און די טויזנטער שטחים לאַנד וואָס געהערן צו לאַטיפונדיסטן זאָלן מיט אַמאָל אַ שטייג טון אַזוי לעגאַנדאַריש, ווי אין פּאַלעסטינע. מען האָט אָבער מורא, אַז דער יידישער איינפלוס וועט ווערן גרויס, אַז די דעראָבערונג פון באָדן פאַר יידן וועט זיין די דעראָבערונג פון טראַנסיאָרדאַניע פאַרן יידישן פאָלק.

דער תירוץ איז: „דער לאַטופונדיסט, דער פעלאַך, דער בעדואינער, וועלן מיט אַמאָל קריגן געלט, זיי וועלן אָנהויבן אויפצולעבן, זיך קויפן אַ סך ווייבער, צוועקפאָרן אין ביירוט, אין קאַיראָ, אַפילו אין פּאַריז. דאָס געלט וועלן זיי פאַרטאַכ־לעווען. ביים באָדן וועלן בלייבן די יידן. שפעקולאַציע וועט געטריבן ווערן. די צוקונפט פון טראַנסיאָרדאַנישן פאָלק מאָלט זיך אַזוי אָרום אַ שוואַרצע. דעריבער — זאָגט דער סעקרעטאַר — זענען מיר פאָרלויפיק קעגן פאַרקויפן ערד צו יידן״.

אָבער, אַז די גרויסע גרונטבאַזיצער, די עפענדיס, מאַכן שוין שותפות מיט די ירושלימער יידישע ערד־שפעקולאַנטן, דאָס פאַרגעסט ער צוצוגעבן. שטילערהייט פאַרקויפט דער עמיר זיין באָדן, וואָס די שטאָט אַממאַן האָט אים געשאָנקן אַלס מתנה, צו פּאַלעסטינער יידן. אָפיציעל פאַרבאָט מען דאָס, אַלענפאַלס פאַרביט מען דאָס דעם אָרימען פעלאַך, ווייל דאַן וועט דאָך שוין נישט זיין וואָס ביי אים שפעטער צוצונעמען, ווען דער ערד־פּרייז וועט אויפגעשרויפט ווערן.

אונזער געשפּרעך ווערט דורכגעשפּיזלט מיט פאַרשידענע טאַנגאַ מאָטיוון, ווינער וואַלצערס און אַפילו אַמעריקאַנער דזשאַז. אין די דעפּאַרטאַמענטן טאַנצט מען. צווישן די זעכציק דינער פונם עמיר זענען פאַראַן באָנעס, גוווערנאַנטינס, דאָק־טוירים, הויף־דאַמען און קאַוואַלערן. נישטאָ וואָס צו טון, איז תּמיד יום טוב. דאָס גראָד האָט מען איבערגענומען פון אייראָפּע.

פאַרן פאָלק איז גענוג צוויי קינאָס, וואָס זעען אויס ווי איבערגעמאַכטע פון קי־שטאַלן, עטלעכע פינצטערע קאַפע־שטיבער, אַ פּאָר מעטשעטן, און פאַר די געבילדעטע – צוויי צייטונגלעך, וואָס דערשיינען צו צוויי מאָל אין דער וואָך, מאָגערע פיר זייטן, וואָס אַ גרויסע העלפט פון דעם ווערט אָפּגעגעבן צום רום און לויב דעם עמיר און זיינע מיניסטאָרן.

נאָר אַלץ איינס, דאָס פאָלק ווייסט סיי ווי נישט, וואָס אין זיי שטייט. דאָס פאָלק ווייסט אַפילו נישט, מיט וואָס מען עסט אַזוינס „וואַלן”. אָט דאַרפן פאָרקומען וואַלן צום „פּאַרלאַמענט”, דעם לעגיסלאַטיוון־ראַט. דאָס פּאַרלאַמענט־הויז, דער „פּאַלאַץ” פון מיניסטאָרן־קאַבינעט זעט אויס, ווי אַ קליין בית־המדרשל, אין אַ קליין שטעטל. די גאַנצע מלוכה איז ווי אַ היבשער וויך.

ענגלאַנד איז אָבער אַ מייסטער אויף אַזעלכע „וויצן”, אָט דרייט זיך איבער די שטויבן פון קליין־אַזיע נאָך אַ „מלך” דער קעניג אַלי. דעם היגן עמירס עלטערער ברודער. גייט אָן אַ שטילע און פאַרביטערטע מלחמה צווישן אָט די צוויי גע־זאַלבטע פון אַללאַ, נאָר ענגלאַנד וועט שוין מסתּמא נאָך ער־גיץ ווו געבן א שניט, אָפּרייסן א שטיק מדבר און אוועקזעצן דעם אַלי אויף אַ כּסא מלכות, וואָרום ווען נישט אַזוי, ווען דער עמיר וואָלט נישט געווען קיין געטרייער קנעכט פאַר גרויס־בריטאַניע און א קלוגער און כיטרער דערצו – וואָלט ענגלאנד זיך נישט געשפּילט אין אָט דעם קינדערישן שפּיל פון אַ „קעניגרייך” אין עבר הירדן.

די טויזנט טראַנסיאָרדאַנישע פּאָליציילייט, באהעלמט און פארפאנצערט, זענען א גוטער שטיצפּונקט פאר די בריטישע אינטערעסן אין קליין־אזיע.

אונזער וועג איז נאָך א ווייטער. טראַנסיאָרדאַניע איז גרויס. אין מזרח־זייט, ווערט דער באָדן ווייכער און גלעטנ־דיקער פארן אויג. ברייטע פּרייִרעס, גאָר נישט קיין באַרבע־טע. וואַנדערנדיקע בעדואינער־מחנות זעט מען פאַרבײַציִען מיט זייער „האָב און גוטס", א סטאַדע דארע ציגן און מאָ־גערע אייזעלעך. קינדער, מיידעלעך, דאָס פאַרמעגן פון זייע־רע טאַטעס — מערקווירדיקע שענהייטן. זיי ווייסן אַפילו נישט פון דער „מידה", ווי עס ווייסן די פּאַלעסטינער־אַראַבישע קינ־דער, אויסצושטרעקן די הענט נאָך אַ „באַקשיש", נאָך אַ נדבה.

אונז באַגריסן זייערע שייכן, די עלטסטע, מאָדנע, וואָס ביי אַ גרויסע טייל פון די שייכן האָב איך באַמערקט גאָלדע־נע ציין אין די מיילער, בראַנזאָלעטן און סיגנעטן פון גאָלד אויף די הענט. אַ פּנים די שייכן און עפענדיס, דעם קעניגס מקורבים און פּאָליטיקער — זענען איינס און דאָס זעל־ביקע...

דער העכסטער פונקט. מיר פאָרן ענדלעך אַרויף אויף דעם חד נבוס. לויט דער לעגענדע איז דאָ משה רבינו גע־שטאַנען, פון דאַנען אויס האָט ער געזען ארץ ישראל. די אַנטיק־היטער אויף יענעם באַרג, די רעגירונגס־באַאַמטע, ווילן אונז פאַר אַ „באַקטיש" איינרעדן, אַז פון דאַנען זעט מען גאַנץ ארץ ישראל, נאָר אויסער דעם ים המלח און דעם ירדן גאַרטל, זעט מען קיין זאַך נישט. יאָ, אין דער זייט, אין טראַנסיאָרדאַניע זעט מען גרויסע, אומגעהויערע גרויסע בערג, אַ בלויער נעפּל ים אין די ווייטע האָריזאָנטן עטוואָס ראָז און פּורפּור געדעמט, אַ שרייענדיקע שטילקייט, אַ פאַרשטיינערטע וועלט. אַ פאַרגליווערטער שטורעם.

דאָס נײַע ירושלים

אַ בינטל שטעטלעך, וואָס דאָ ווערן זיי אָנגערופן „שכונות״, קלימפּערן ווי אַ בינטל שליסעלעך, אויפגעצויגן אויף איין דראָט. אַ בויגן, וואָס נעמט אַרום די „וואַנט״, פאַרפלייצט די אויס־ווייניקסטע זייט פון דער „מויער״, נעמט אַרום אַלט שטאָט פון אַלע זייטן — דאָס איז גרויס ירושלים!

שטייט מען אויף אַ דאַך, אויף אַ טורעם, אויף אַ רו־אינע, אָדער אויף אַ באַרג־שפּיץ, אַנטפּלעקט זיך פאַרן אויג איינע פון די וווּנדערבאַרסטע פּאַנאָראַמעס — אַ גרויס־שטאָט, אַ שטאָט מיט פאַרמעסט, שיִער נישט אַ שטאָט — אַ גיגאַנט.

די אַלט־שטאָט זעט דאַן אויס ווי אַ בית־עולם אין מיטן גרויס־ירושלים, אַרומגעצוימט און אינעווייניק, אין דעם בית עולם, גייען נאָך דערווײַל אַרום די מתים, אָדער אַז מען וויל, די שאָטנס פון די מתים.

עטלעכע קופּאָלן שטאַרן פון דאָרט אַרויס, דער ריזיקער טונקעלער קײַלעכדיקער קופּאָל פון דעם אָמאַר־מאָשעי, וואָס זעט אויס ווי דער דאַך פון אַ פּאַנאָפּטיקום, אָדער גאָר, אַז מען וויל זיך שפּילן אין פאַרגלײַכנישן, מאַכט עס דעם אײַנ־דרוק פון אַ פויגל־שטייג, מיט אַ רינג אין דער מיט, אין סאַמע שפּיץ, אַט אַזוי זיך, „אַ פינגער פון הימל״ זאָל עס קענען נעמען און איבערטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט...

אָבער דאָס בינטל שפּיצן פון קלויסטערס, צלמים, מינאַדזין־טורעמס מיט דעם גרויען מויז־קאָליר, פאַרלירן יעדן רייץ פאַרן בליק, ווען צווישן געלע שטיין־פּלעצער, שטײַגן אויף ווײַסע מויערן, מאַסיוו, גלײַך, פעסט און זיכער, און זיי טײַטלען אַרויס מיט זייערע פינגער אין דער בלויער דורכ־זיכטיקייט אַרײַן, דאַן דערפילסטו ווי אַ נײַער ניגון שפּרייט זיך אונטערן הימל, הערסט דעם קלאַנג פון אַ יונגער, זינגנדיקער שטאָט, קוקסט אַראָפּ אין די „שפּעלטעלעך״, אַרײַן פון דעם אָנגעוואָרף, די קווער־געשניטענע גאַסן, און עס גלאַנצט אַרויף צו דיר אַ טיף־שוואַרצער שפּיגל, דער אָנגעשאַרפטער אַספאַלט,

פּאַלירט פון די גומענע אויטאָ־רעדער, זעסט די לאַנגע שורות מיט אויטאָמאָבילן און אויף די סקווער־פּונקטן, אונטער שוץ־דעכלעך די פּאָליציי־לייט, וואָס רעגולירן דעם פּאַרקער, פּאַרד געסטו, אַז אַט אַט, ציט זיך אַ קאַראַוואַן מיט קעמלען, אַז מען טראָגט נאָך אַרום וואַסער צו פאַרקויפן, געווייכטלעך, קוואַל־אָדער רעגן־וואַסער אין לאָגלען, געמאַכט פון שעפּסע־נע פעלן; אַז פרויען גייען נאָך פאַרהאָנגען די פנימער, און אַז די ברידער פאַרקויפן זייערע שוועסטער אַלס ווייבער צו פרעמ־דע מענער פאַר געלט, אָדער פאַר אייזלען, וואָס זענען ווערט געלט...

* * *

אַט גיט אַ לייכט אויף אַ ווייסער טורעם, פאַרטראָגט עס צו די וואָלקנקראַצערס אין נ׳־יאָרק — דאָס איז דער אַרויס־רופנדיקער און לאָקנדיקער בנין פון די „יאָנג־מען קריסטשנס אַסאָסיישן". געבויט, זאָגט מען, פאַר יידיש געלט. דאָס לייגט זיך אויפן שכל, נישט אומזיסט האָט מען אין דעם פראָנט־וואַנט מיט סטיליזירטע העברעישע אותיות אויסגעקריצט: „ד׳ אלוהינו ד׳ אחד".

אָבער אַ האָטעל איז עס אַ וווּנדערבאַרער—אַט דער „יאָנג־מען", עס איז איינע פון די שענסטע קאָמפּאָזיציעס אין דער בוי־פּאָעזיע, און איך וואָלט זיך אַפילו אונטערגענומען צו זאָגן, איינע פון די שענסטע געביידעס אין דער וועלט, אַלנפאַלנס אַ ענלעכע צו דעם האָב איך נישט געזען מיט אַזאַ דורכגעטראַכטן צוגאַנג צו דעם סטיל, אַ צונויפמענגלעכט פון אַלט יידישער אָרנאַמענטיק מיט דער קריסטלעכער גאָטיק, ליניעס פון ביזאַנטין קומען זיך צונויף און בילדן אַ מעטשעט, און פון דעם אַלעם איז עס גאָר אַ ניו־יאָרקער הימל־קראַצער, אַ קינאָ־פּאַלאַץ, אַ קאַסינאָ, אַ כישוף־שלאָס, אַ פאַנטאַסטישער־האָטעל, וואָס נישם?

און קעגנאיבער — דער „דוד מלך האָטעל" איינפאַך און אימפּאָזאַנט, אימפּאָנירנדיק און גרויסשטעטיש.

פאַרוואָס דער האָטעל הייסט אַזאַ קעניגלעך־היסטאָרישן

נאָמען, איז קיין סוד נישט, אויב דאָ ליגט נישט אין דעם קיין אַמעריקאַנער געלט, ליגט אַלענפאַלס אַמעריקאַנער גייסט. פאַר די אַמעריקאַנער געלט־טיימטערס איז אַנגענעם אַזאַ נאָמען. דער עיקר, די בריוו־בויגנס און קאָנווערטן מיט דוד המלכס טורעם, וואָס מען שיקט צו גוטע פריינט אַלס גרוס פון דער הייליקער שטאָט, אימפּאָנירן. די אייגנטימער פון דעם האָטעל, וואָס האָבן מיט איין קנאַק אַרויסגעוואָרפן אַלע יידישע אָנגעשטעלטע, סיי די פון אָרקעסטער, סיי די קעלנער און איינפאַכע אַרבעטער פאַר דעם איינציקן חטא, וואָס זיי געהערן צום פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. באַמיען זיך פון דעסטוועגן, אַז דער האָטעל זאָל זיין יידישלעך. ווי אין די צייטן פון היכל האָט מען אַראָפּגעבראַכט די גרעסטע קינסטלער. אַזוי האָט מען דאָ, אַראָפּגעבראַכט מייסטער אין טעפּיך־אַרבעט פון פּערסיע, וואָס האָבן קאָפּירט די דיוואַנען פון שלמה המלכס צייטן, אויסגעאַרבעט סצענעס און סימבאָלן פון די שבטים. דאָס זעלביקע מיט די מנורות, קאַנדעלאַברעס, מעבל־שטיקער, אַפילו דער סטיל פון די ווענט, די געמעלן זענען נישט סתם אַזוי זיך, עס האָט אַ זין פון תנך. די ענגלישע אַריסטאָקראַטן אָנערקענען דאָס און האָבן דעם האָטעל געמאַכט פאַר זייער לייטנדיקן האָטעל. די יידישע שמענדריקעס פון שיקאַגאָ, פון לאָנדאָן, פון יאָהאַניסבורג, פון ריגע אימפּאָנירט עס אויך.

עס האַלט נאָך גאָר נישט שלעכט מיט דער „גריכיש אָרטאָדאָקסישע קירך". פאַראַן נאָך מלוכות, חוץ רוסלאַנד – וואָס לאָזן נישט זייערע „פּאַסטוכער" און „פּאַסטושקעס" פאַרהונגערן אין דער „הייליקער שטאָט". די גאַסן פון נייעם ירושלים זענען איבערפילט מיט אָט די טיפּן... אַלערליי משונהדיקע הוטן און פּאַרוקן, אַלערליי פריזורעס און מיצן. די אַסקעטישע טיפּן פון גלחים, די נזירים זעט מען כמעט ווי גאָרנישט. אויף די טראָטוואַרן זעט מען זיי, די אויסגעפּוצטע, איבערהויפּט פּראַוואָסלאַוונע „פּאָפּן", זיי זענען גאָרנישט אויס אַזוי פאַרהונגערט, אומגעקערט, די הייליקע לופט „דינט" זיי נישקשה. אַלע האָבן

שפּיציקע בייכלעך, גלאַנציקע, אויסגעפּעצטע פּנימער, די בערד זענען מיט פּעדאַנטישע אָפּגעהיטקייט פונאַנדערקעמט. טייל פון זיי טראָגן נאָך גאָלדענע צלמים מיט ווערטפולע שטיינער, אַנדערע — גרויסע בריליאַנט־רינגען, עס איז זיי איצטער, דערקלערט מען מיר, בעסער ווי אַמאָל, ווען זיי האָבן ווען עס איז געמוזט צושטעלן אַ חשבון צום סינאָד פאַר די דער־האַלטענע געלטער, און אויב נישט קיין חשבון אין געלט, איז כאָטש אַ חשבון פון די מעשים טובים, וואָס זיי האָבן דאָ גע־טון אין דער „הייליקער שטאָט". איצט זענען זיי פריי פון דעם. קיין באַלעבאָס איבער זיך. און אין די קירכן איז נאָך געבליבן געגנוג איידל־שטיינער און טייערע חפצים, וואָס מען קאָן ביסלעכווייז אויספאַרקויפן און קיינעם נישט אָפּגעבן קיין חשבון פאַר דער פאַרנומענעם געלט.

גלחים און גלחים. יעדע מלוכה האָט דאָ אירס אַ „טע־ריטאָריע": אַ קאָנווענט, אַ סעמינאַר, אַ שפּיטאָל, אַ שול, אַ מאָנאַסטיר. און יעדע פון די „טעריטאָריעס" האָט איר אייגע־נע קאַפּליצע, מיט איר גלאָק. אַ פאַרנאַכט צוקלינגען זיך אָט די אַלע גלאָקן, צוליאַרמען זיך מיט זייערע קופּערנע געשריי־ען, און דער מוסולמענישער מועדזין שווייגט אויך נישט, און אין די יידישע שולן, שטיבלעך, מנינים איז אויך נישט שטיל, לייגט זיך עפּעס אַזאַ צודריקנדיקע שווערקייט אויפן געמיט, דאַכט זיך דיר, אַז אַ וואָלקן פון הייזעריקן שפּרייט זיך איי־בער דיר, לאָזט זיך אַראָפּ, מאַכט ענג, און דריקט, דריקט.

ירושלים איז אַ שווערע שטאָט, יעדער איינער פילט עס, כאָטש מען ווייסט נישט פאַרוואָס. אין די יידישע גאַסן אויך אַזוי — כאָטש עס איז נישטאָ קיין סיבה דערפאַר. דאָס נייע ירושלים קאָן זיך פאַרט נישט אָפּיאָגן פון די שאָטנס, וואָס קומען פון די גרויסע מויזן־לעכער אַרויס ערגעץ. ווי נאָר די נאַכט גיט פּלוצלינג אַ פאַל צו, אַזוי פאַלט אַראָפּ אַ בלייערנע דעק אויף שוואַרץ געפאַרבט. יעדער מענטש וואָס שפּאַנט אין מיטן גאַס, פון איין „שטעטל" אין אַנדערן אַריין, פון איין „שכונה" אין דער צווייטער, פּלאָנטערט ווי אַ שאָטן, אָדער ווי

דער שאָטן וואָלט געגאַנגען פּאָרויס, ווי ער וואָלט געווען דער עיקר און דער מענטש — אַ נאָכשלייכלער.

אפשר איז דאָ שולדיק דער כאַראַקטער פון דעם געבוי, אפשר די אַטמאָספער פון אַ באַרג-שטאָט מיט אירע קילע, אָדער קאַלטע אָוונט־ווינטן, נאָר פאַרט, עס פעלט די היימ־לעכקייט, די יונגקייט, דאָס פרייע און געמיטלעכע.

ירושלים איז אַ שטאָט אַ יחסנטע. נישט נאָר דערפאַר, ווייל זי איז דאָס וויגעלע פון דער וועלט און די מוטער פון די רעליגיעס... אַזאַ שטאָט ביי לייטן וואָלט שוין לאַנג געווען אַ מוזעאום און מען וואָלט זי געהאַלטן אונטערן גלאָז... נאָר דאָ גרויסט זי זיך, וואָס זי איז אַ רעזידענץ-שטאָט. אַ רעגירונג-שטאָט.

וואָלטן דאָ רעגירט אַנדערע און נישט די ענגלענדער, וואָלט מסתמא דער כאַראַקטער אויך געווען אַן אַנדערער. איך שטעל זיך נישט פאָר, אַז ביירוט זאָל זיין אַזוי אַנגעצויגן, ווי ירושלים איז. אפילו דער חלוץ, דער פועל, וואָס פאַרגינט זיך געלעגנהייטלעך, אין יום-טוב־אָוונטן צו טאַנצן אין די גאַסן, טאַנצט דאָ נישט אַזוי, ווי אין חיפה, ווי אין תל־אָביב, פאַרקערט, ער איז דאָ געצוימטער, ער איז דאָ באַצוווּנגענער „טטאַטעטשנער"...

דאָס ביסל ענגלענדער, דער רוב באַאַמטע אָדער די, וואָס לעבן פון באַאַמטע, שוין צוזאַמען מיט זייערע טוריסטן, האַלטן „שטאָט" אין ירושלים. עס איז שאַטנדיק אין זייערע רעזידענץ־פּאַלאַצלעך פון דעם ליכט, וואָס גיסט זיך קאַרג דורך מאַטע געקעסטלטע שויבן. מען האָט אויסגעשפּרייט אַן אַריס־טאָקראַטיש ליילעך איבער דער שטאָט. און די שטאָט גייט אונטער דעם ליילעך. דער ענגלענדער לעבט זיך אָפּגעזונדערט, שאַפנדיק פאַר זיך שטילע און אידעאַלע רויקע גאַסן, בוימער און גרינס, בלומען און גראָז, גערטנדלעך, פאַרקנדלעך, טעניס־גרונט, פוטבאָל־פּלאַץ, פערד־געיעגן, קלובן, פאַראַדן און וויזיטן...

דאָס פאַרגעפלטע לאָנדאָן האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף דעם באַגילדעטן ירושלים, און האָט מיטגעבראַכט אין אירע פאַלדן די נעפלדיקע שטימונג.

די חזקה אויף ניי־ירושלים האָבן נישט בלויז די ענג־לענדער. עס זענען פאַרמירט געוואָרן קוואַרטאַלן, אָדער קאָ־לאָניעס פון אַנדערע פעלקער אויך, און אויך זיי האָבן צוגע־טראָגן עפּעס אייגנאַרטיקעס צו דער שטאָט. און אַמיינסטן האָבן עס געטון די גריכן, דייטשן און איטאַליענער. יעדעס פאָלק האָט זיך צוגעטוליעט צו זיין קלויסטער און קאָנסול, טראָגט צו זיין ביסל פאַרעלטערטע אָרנאַמענטיק, גייענדיקע אָרנאַמענטן, געזימס־שטיקער פאַר דער אַלטער, הייליקער שטאָט.

אָבער מער פון אַלץ, צו דעם חלק ניי־ירושלים, טראָגט דאָ צו דאָס יידישע לעבן. אויסערלעך מאַכט ירושלים נישט דעם איינדרוק פון אַ יידישער שטאָט, ראַסן און נאַציעס קו־מען זיך דאָ צונויף אויף די געמיינזאַמע גאַסן, פּלאָנ־טערן זיך איינס אין אַנדערן אויף די ראָגן, דאָך, פילט זיך אינם אימפּעט פון נייעם אויפבוי דער יידישער נערוו און טעמ־פּאָ. אַביסל געלאַסענער און איינגעהאַלטענער, ווי אין תל אביב אָדער חיפה, אָבער דער אימפּעט איז דאָ.

אויב די פעלקער און ראַסן, וואָס באַוווינען ניי־ירושלים, מאַכן אַ בונטן־איינדרוק, טראָגן אַריין די יידישע איינוווינער אַ פאַרשידנאַרטיקייט, און עס מאַכט אַ רושם פון אַ שטאָט אַ קרעטשמע, אַ יאַרידיפּלאַץ; וואָס יעדעס אָפּשפּרינקל פון וועלכן עס איז שבט, איז דאָ געקומען בלויז פאַר דעם צוועק צו באַווייזן זיין פילפאַרביקייט און אייגנאַרט.

נישט בלויז אין אַלט־שטאָט פאַרפלייצט פון די „אַכצנער־ליי יידנטומס”, נאָר אויך די ניי־שטאָט. אָבער די „אַכצנערליי יידנטומס” פון דער ניי־שטאָט שטאַמען נישט פון פאַרשידענע לענדער און געגנטן, נאָר ס׳רוב פון איין געאָגראַפישן פונקט — מזרח־אייראָפּע, אָבער די באַגריפן, די הלבשה, דער לעבנס־שטייגער איז אַ אַנדערער, אַ פאַרשידנאַרטיקער.

עס האָבן דאָ, אויף זייער וועג צו דער אַלט־שטאָט; צו דער אייגנטלעכער „עיר הקודש”, זיך אָפּגעשטעלט דערוויי־ל

„שטעטלעך״, אָט אַזוי ווי זיי שטייען און גייען אין דער אַל־טער היים. נישט משפּחות זענען דאָ בלויז געקומען, גאַר טאָקע גאַנצע שטעטלעך און אָפּטמאָל „גובערניעס״ און האָבן זיך דאָ איבערגעוואָרצלט געאָגראַפיש, אָבער נישט עטנאָגראַפיש. דאָ קומט פאַר די פאָרטזעצונג פון ד אָ ר ט, די זעלביקע מדות און לעבנס־שטייגערס.

איינע פון די עלטסטע „שטעטלעך״ אין נײַ־ירושלים איז זיכער מאה שערים. מאה שערים איז דער טייטש „הונדערט טויערן״, מען קאָן עס אויך טייטשן „הונדערט מאָל אַזוי פיל״. וואָס די גרינדער פון דעם פערטל האָבן געמיינט מיט דעם נאָמען איז נישט באַקאַנט, נאָר אַז דער פערטל האָט טויערן, דאָס זעט מען. נישטאָ קיין אַנדער צוגאַנג צו „מאה שערים״, נאָר דורך טויערן, פון אַלע זייטן טויערן. ווי אין אַ פעסטונג אַריין, אין אַ שאַנץ. עס מאַכט עפּעס א אומהיימלעך־דריקנ־דיקן איינדרוק, אַ פאַרפאַנצערט ווינקל, ווו עס לעבט אַ קליי־נע עדה שוין אַזוי העכער אַ האַלב יאָר־הונדערט.

מאה שערים איז אַ שטעטל מיטן קנאַק, אָט ווי אין ליפּסק אָדער ווי אין טשעפּעליעוו. מיט מאַרקן און רינשטאָקן, מיט אָפענער אָרעמקייט און באַהאַלטענער עשירות. אַ שטעטל אין מיטן שטאָט, וואָס לעבט פון קצבה אין דער אָדער אַנדערער פאָרם, פון „ח׳וקה״, וואָס דער כולל אָדער יענער כולל גיט. אַ שטעטל בלויז מיט שולן, בית־מדרשים, קרעמלעך און שטעלן אַ פעסטונג פאַר דעם רבונו של עולם און אַן אויסרייד פאַר משלוחים־שנאָרער, וואָס וואַנדערן איבער די געמאַרקן פון ישראל איבער אַלע ווינקעלעך פון גלות מיט רויטע פאַטשיי־לעס און באַנק־ביכלעך.

„מאה שערים״ פאַרמעסט זיך מיט דער וועלטלעכקייט, מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס עקזיסטירט אין ארץ־ישראלדיקן שול־וועזן. שוין ביים אַריינגיין, הענגט אַ מודעה, און דוקא געדרוקט אין יידיש מיט אומגעפער אַזאַ אינהאַלט: „יודען, מיר וועלען אייך פירשעלטין אויב איר וועט שיקן אייערע קינדער אין די שולין פון די אַפּיקורסים האָט רחמנות אויף

די תּנוקות של בּית רבּן און שיקט זיי נור אין די תּלמוד־תּורות".

אין מאה שערים בּליט דער פאַנאַטיזם, מען איז אָבער דאָ פּראָפעסיאָנעל פרום, די יוגנט רייסט זיך אַרויס פון אי־בּער די טויערן צו דער ברייטער וועלט, צו די ברייטע אָס־פאַלטירטע שאָסיי־בּרוקן, ווו גאַנץ אָפּט, פאַרענדיקט מען אַן אַרבּעטס־טאָג מיט אַ טענצל.

מאה שערים גיט דעם טאָן. צופּיסנס און צוקאָפּנס פון מאה שערים, מחוץ אירע טויערן האָבּן זיך שוין אויסגעבּויט צענד־ליקער „שטעטלעך" אַזעלכע, און אַלע טראָגן די בּוימלדיקע נעמען, ווי זכרון משה, יגיע כּפּים, אבן יהושע, נחלת צבי און נאָך ענלעכע צענדליקער, וואָס נאָר דער אָרימער פּאָסטרעגער, מוז זיי נעבּעך געדענקען. — אַ מיניסטאָרישן קאָפּ מוז ער האָבּן, דער פּאָסט־טרעגער, וואָס מוז חוץ די דריי שפּראַכן, וואָס ער איז מחויב צו קאָנען לייענען, ענגליש אַראַבּיש, העבּ־רעיש־ אויך האָבּן אַ גאָניאַלן זכרון צו געדענקען די נעמען פון די הויז־אייגנטימער...

די דאָזיקע „שטעטלעך" די שכונות, האָבּן נישט גע־קענט ווערן די „רעזידענצן פון דעם העכערן קלאַס" פון די אויבּערשטע שיכטן פון די נייע „בּני ירושלים", די „העכערע" שיכטן זענען אין ניי־ירושלים דאָ מער ווי אומעטום, דאָ זעט מען זיי אויף טריט און שריט. דאָס זענען נישט נאָר די נגידים און אדירים, נאָר די בּאַאַמטע פון מלכות־ישראל... די פּקידים פון די פאַרשידענע אינסטיטוציעס בּיי דער ציוניסטי־שער ־ייטונג. דאָס איז אַ קלאַס, וואָס פאַרגלייכט זיך און שטייגט נאָך איבּער דעם ענגלישן ל:כה־בּאַאַמטן. דער אַזוי־גערופענער פּקיד, ער פאַרקערפּערט דאָ אין זיך דעם זין פון דער יידישער מלוכה. דעם בּאַאַמטער פון קרן־קימת, אָדער פון קרן־היסוד, אָדער פון דער „אַגענץ", אָדער ווי זיי זאָלן אַלץ נישט הייסן די אינ־סטיטוציעס, האָבּן אייגנטלעך צוליבּ פּשוטן טאַקט געדאַרפט לעבּן צווישן די מאַסן. דאָ רעדט זיך נישט וועגן אָרימקייט, וועג אַלטשטאָט, אָדער וועגן מאה שערים, נאָר וועגן די נייע פּשוטע אויפגעבּויטע קוואַרטאַלן מיט איינפאַכע שטיין־הייזקעס, ווו עס

וואוינען פאָלק מענטשן און אַרבעטנדיקע. ניין, די אַריסטאָ־קראַטיע, וואָס אין איר טאָפּ קאָכט זיך און ס'שמעלצט זיך צו דער פּקיד, איז אַנטלאָפן פון די פאָלקס־שכונות און זיך גע־שאַפן אַן אַנדער ווינקל, אָדער אַנדערע ווינקלען פאַר זומער און פאַר ווינטער. אין שכינות פון „גוי" פון די „ענגלענדער" האָבן זיי אויפגעבויט זייערע געצעלטן. רחביה הייסט די געגנט פאַר ווינטער, און תלפּיות פאַר זומער. רחביה איז שוין איצ־טער דער „שאַנז עליזעי" פון ירושלים, די „פּאַרק עוועניו" פאַר די מיוחסים. אַ הערלעכע געגנט, אַ פּראַכטפולע פּאַנאָ־ראַמע, אַ וווּנדערבאַרער אויסבליק צו דער אַלט־שטאָט, נישט ווייט פון „אימקאַ"־בנין און „קינג־דעיוויד־האָטעל". דאָס איז אַ שטאָט־געגנט – אַ וויזיע, אַ חלום. טעראַסן און פּאַרקלעך, און די הייזקעס, אָט, צוגלייך ווי די ענגלישע, ניין, זיי שטייגן זיי אַריבער אין אַרכיטעקטאָנישן איינפאַל און מאָדערנעם בוי־כטיל.

אַוודאי איז דאָ שטיל. דאָ לויפן נישט אַרום די אַשכנ־זישע און ספרדישע קינדער, און אַוודאי זעט מען דאָ נישט קיין שמוציקע „פּרענקן" און קיין „חלוקה"־יידן פון קאָזשעניץ און פּינטשעוו... גאַנץ אָפט זענען דאָ די דינע געשפּאַרעטע לאָדן־שטאָרן אַראָפּגעלאָזט. ביינאַכט שיינט דורך אָט די שפּאַ־רעס גרינער אָפּשיין פון אַבאַזשור־לאָמפּן און עס פּראַלן אַרויס די טענער פון די טייערסטע ראַדיאָס...

ס'איז שטיל דאָ. דאָ זעט מען אָבער אויך נישט קיין אַרבעטער, שווער צו געפינען אַ בלויע בלוזע, קורצע הויזן און אַ צעפּאַטלטע גרושיווע. דאָ אין דער „שכונה" טראָגט מען אַפילו נישט קיין פאַרשאַרצטע אַרבל פון העמד אין הייסן ביי־טאָג, אָן אַ רעקל, ווי „דאָרט". זאָל מען באַשירמט ווערן! און אין אָוונט – טוט מען זיך אָן טונקעלע אַנצוגער, אַזוי פּאָ־דערט דער בעסערער טאָן.

דערפאַר זענען דאָ אויף די טירן אַלערליי אויפשריפטן, העברעישע נאַטירלעך, נעמען פון באַקאַנטע פּערזאָנען. אַך, די באַגעגנסט אַזוי אָפט די נעמען אין אַלע צייטונגען, פול מיט לויב פאַר זייער אויפטו און זאָרג. אָט איז אַ פּאַלאַץ פון איי־

נעם, וואָס האָט זיך אַ גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דער זאָרג פאַרן יידישן פאָלק און פאַר דער נאַציאָנאַליזירונג פון באָדן; דער פּאַלאַץ, זאָגט מען, איז נישט דער איינציקער...

גאַס און געסל, פּאַרק־וועגן, בולוואַר און הינטער דעם, ווי עס וואָלט געווען זייער באַזיץ־פעסטונג, שטייען די נייע, נאָך נישט־געענדיקטע געביידעס פון דער „אַגענץ". דאָס איז די נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע קאָנצענטראַציע פון דער ציוניסטישער לייטונג. דאָס איז אַלץ צוזאַמען אונטער איין דאַך, דער בנין, ווי אַ דריי־פערטל רינג, מאַכט אַן אומהיימלעכן און מרה־שחורהדיקן איינדרוק. עס האָט עפּעס אין זיך תּפיסהדיקס, פעסטונג־אַרטיק, און דערביי אַזוי ניי און יונג. דער בנין בויט זיך איצט, אָבער די מאַשין אַרבעט שוין אינעווייניק. עס זעט אויס ווי אַ מויזאָליי און אַ מוזעאום. אַ „קאַזיאָנער" געמאַך און אַ מאָדערנער אַפּאַרטאַמענט. אַ קעגן דעם קינג דזשאָרדזש בולוואַר גלאַנצן די אותיות פון סטיליזירטן געשניץ „קרן־קימת לישראל" און „קרן־היסוד". דערביי האָט מען שוין נישט פאַרגעסן אין די, וואָס האָבן זיך פאַר דעם געמיט, און אונטער די ווענט פון דעם „קרן" זענען פאַרפלאַנצט ביימער מיט אָנגעהאָנגענע צעטלען — נעמען פון יענע „מיענדיקע" פּערזענלעכקייטן.

דאָס נייע ירושלים איז שיין. עס האָט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס קיין שום אַנדער שטאָט אין דער וועלט האָט עס נישט. דער צושטייער פון פאַרשידענע סטילן און בוי־קולטורן פון איצט און פון אַלע צייטן. יעדעס פאָלק האָט דאָ געבראַכט עפּעס פון זיין אייגנאַרט, אַ מוסטער פון זיינע באַליבטע שטעט; עס איז אַ פראַגמענטן־שטאָט פון אַ גרויסער וועלט. עס פינקלט דאָ אַ שטיקל ווענעציע און אַ װינקל פון פּאַריז. גאָטירלעך זענען גובר די גאָטישע און קירכלעכע מאָדעלן.

שפּיטאָלן, יתומים־הייזער, מיסיאָנערן־שולן, קאָנווענטן, סעמינאַרן, קירכן, מעטשעטן, בתּי־מדרשים, קלויסטערס, צערקוועס, קאַטאַקאָמבאַן, הייל אין קברים.

קברים און קברים! אַרומגעלייגט און אַרומגענומען אויף די בערג און אין די טאָלן – קברים און קברים! – – –

און אַ שטאָט צעוואַקסט זיך איבער די קברים, אַרום די קברים, אַ שטאָט צובליט זיך הויך, געזונט, מאַסיוו און גרונט־פעסטיק.

צווישן די שוואַרצע הלבשות פון גלחים, פּאַפּן, נאָנעס, רבנים, מופטיס, רייסט זיך דורך די העלע בלויע, די בלויע, אָדער ווייסע רובאַשקע פון דער אַרבעטער־יוגנט. צוגלייך מיט דעם שוואַרצן געזאַנג אויף די מעטשעט־טורעמס פון די מועד־דזינער, גלאָקן־געקלאַנג פון די אָן אַ שיער קירכן, הערט זיך אַ גאַנצן טאָג דאָס אומאויפהערלעכע קלאַפּן פונם האַמער, וואָס גלאָטיקט אויס פּאַר דעם שטיין דעם בנין. צוזאַמען מיט די אָפּגעפּראַפּטע שולן פון דעם איבערבלייבעכץ, די חלוקה־יידן, זעטסטו געפּאַקטע אַרבעטער־קיכן און אַרבעטער־אינסטיטוציעס. דער פינצטערער „לכה דודי לקראת כלה“ ניגון, ווערט גאַנץ אָפט פאַרגאָסן מיט אַרבעטער־מאָטיוון און „אינטערנאַציאָנאַל“ געזאַנג.

רמת גן

אָפיציעל איז רמת גן פאַררעכנט אַלס לאַנדווירטשאַפט־לעכער ראַיאָן. די „לאַנדווירטשאַפט“ באַשטייט אין דעם, וואָס עס ווערן אויסגעהאַקט אַלטע מאַראַנצן־בוימער, עס ווערן אויסגעריסן פאַרצווייגטע וואָרצלען, אָפּגעווישט פּרדסים און די גאַנצע זאַמדיקע ערד ווערט דורכגעגראָבן. גראַב־מאַשינען, צע־מענט־מישערס, אייזן־שלאָגערס זינגען שוין דאָרט זייער ליד.

רמת גן, וואָס איז געווען דער חלום פון די אַרויפגע־אַרבעטע גבירים, סוחרים און פקידים, אַז דאָרט, אויף דער שיינער בערגיקער געגנט, מיט דעם בלויען אויסזיכט צום ים, מיט די פּורפּור־בראַנדיקע זון־אונטערגאַנגען, מיט די טיולענע געפלען פון די ווייטע ראַנד־בערג, וועט זיין דאָס פּלאַץ פאַר די תל אביבער „עליטע“, די „ווילִיע“ פאַר דער גוט־סיטואיר־

טער אינטעליגענץ — אָט דער חלום איז צורונען. רמת גן וועט מיט דער צייט, און אפשר אין דער גאָר נאָענסטער צייט, אויפהויבן אַ טייט־פינגער צום הימל — אַ פאַבריקס־קוימען — און אויף די שוין פאַראַנענע, זעלטענע שיינע ווילעס, וועט זי אַ שפּיי טון מיט אַ וואָלקן שוואַרצן, געדיכטן געקנוילטן רויך.

די פאַבריקס־קוימען זענען דערווייל אין פּערספּעקטיוו. אָבער פאַבריקן זענען שוין דאָרט, אין רמת גן, פאַראַן, הגם, אין מיניאַטור־פאָרם, אָבער לויט דעם פּאַלעסטינער פאַרנעם — גאַנץ אימפּאָזאַנט. אַכטהונדערט דירעקטע פאַבריקס־אַרבעטער, יונגע מענער און פרויען וואַרפן אַריין זייערע „נומערלעך" אין דעם „זייגער־קאָנטראָל" און נאָך אַ צוויי הונדערט, וואָס אַרבעטן נישט דירעקט אין די פאַבריקן, נאָר פאַר די פאַבריקן. האָט עס שוין עפּעס אַ באַטייט, בפרט, ווען „מאַנטשעסטער", ווי מען רופט רמת גן, האַלט זיך אין איין אויסברייטערן, און אינ־דוסטריאַליזירן. נאָך די גרויסע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען און חיפה, און ים המלח, שאַפט זיך אין רמת גן אַ נייער אינ־דוסטריע־צענטער.

מיר גייען פון פאַבריק צו פאַבריק. מיר פּלאָנטערן זיך צווישן טראַנסמיסיע־פּאַסן, דרייענדיקע רעדער, זשום־שטויב, ענגשאַפט, מען זעט דעם טיפּ אַרבעטער, וואָס מען גאַרט צו זען דאָ. אַ שפּאַציר פון פאַבריק צו פאַבריק נעמט שוין צו היבש צייט. אמת, די וואָס זענען געוווינט צו זען פאַבריקן אין וועלט שטעט, מיט לאַנגע טורמע־פּלויטן, מיט אייזערנע טויערן, מיט דער גאַנצער געהיימניש פון אַ תהום, וועט אַזוינס דאָ נישט געפי־נען. נישט קיין אָנהויב און נישט קיין אָנטייט. אַז פון הונדער־טער אַרבעטער אין איין אונטערנעמונג קאָן מען נישט חלומען, אַז די גרעסטע צאָל באַשעפטיקטע דאָ איז גראָד אין די שאָ־קאָלאַד־פאַבריק „עליט", און אַז כאָטש דאָרט באַשעפטיקן זיך הונדערט און פופציק אַרבעטער, קאָן מען עס נישט פאַררעכע־נען פאַר „גרויס־אינדוסטריע". אָבער גראָד נישט ווייט פון דאָרט איז פאַראַן די אַלומיניום־פאַבריק („פּאַלאַליום") מיט נישט מער

ווי 25 אַרבעטער, אָבער דער איינדרוק איז אַ שטאַרקערער. דאָ זעט מען שוין דעם באַשעפטיקן ביי מעטאַל, דעם פאַריסטן פּועל, דעם ביי די געהייצטע שמעלץ קעסלען, ביי די פאַלץ־מאַשינען, ביים לייטן און גיסן.

נישט אַלע רייסן זיך צו בוי־אַרבעט, הגם דאָס איז דאָס איינציקע געהעריק באַצאָלטע פאַך אין „פּראָספּעריטיון" פּאַלעסטינע. אפילו דער נישט קוואַליפיצירטער בעל מלאכה, דער „שוואַרצער" אַרבעטער, דער ציגל־טראָגער, פאַרדינט נאָך אַלץ בעסער, ווי דער גוטער פאַבריקס־אַרבעטער, און דאָס איז אפשר דער סוד, וואָס רמת גן, דער ארץ ישראלדיקער „מאַנטשעסטער", האָט נאָך אַלץ מער באַשעפטיקטע אַרבעטער ביי הייזער־בוי, ווי אין די פאַבריקן. דאָך, ווי קליין די פאַבריקן זאָלן נישט זיין, איז דער מאַנגל אין הענט גרויס, פון אומעטום — איין געשריי: ס׳פעלן אויס הענט! די שאָקאָלאַד־פאַבריק האָט געדאַרפן האָבן אַכציק נייע וויקלערינס, און מען האָט איר אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין געהאַט צו געבן נאָר... פערצן. די פאַבריקאַנטן דערקלערן, אַז די לאַגע איז קאַטאַסטראָפאַל. מען קאָן נישט נאָכקומען קיין באַשטעלונגען. עס איז שפע אין לאַנד. און הגם, למשל, די „צוקערדיקע" סחורה ווערט אַזוי שנעל „פאַרצוקערט", פעלט דעם באַלעבאָס נישט איין, אַז די לוינען פאַר זיינע אַרבעטער, איבערהויפּט פאַר די מיידלעך, זענען שוין גאָר ביטערע... צוועלף פּיאַסטער אַ טאָג ביז צוואַנציק פאַר אַ געאיבטע, איז אפילו נישטאָ רעכט אויף ברויט. פון דעם גייט נאָך אַראָפּ הוצאות צו פאָרן פון תל אביב אַהער, פאַר די וואָס וווינען נישט אין רמת גן. נאָר דער באַלעבאָס, ווי אַלע אַנדערע באַלעבאַטים, וואָס „בויען" אויס דאָס לאַנד, פאַרמערנדיק אָן אַ שיעור זייער פאַרמעגן, האָט נאָר פאַר זייערע אונטערגעוואָרפענע אַ פאַרציע מוסר: אין דער גרויסער וועלט איז ביטער, דעריבער דאַרף מען פאַר אים, דעם באַלעבאָס אַרבעטן אומזיסט!...

אָט איז אַ מאָדנע פאַבריק מיטן נאָמען „עצמון" אויסאַרבעטונג פון קינסטלעכן ביין, פאַרשידענע לוקסוס־אַרטיקלען.

דער באַלעבאָס איז אַ פרומער. די אַרבעטער — אויך פרום, אָן די היטלען טאָר מען נישט זיצן, און אָפּכאַפּן דעם אָטעם — אַוודאי און אַוודאי נישט.

די אויסאַרבעטונג באַשטייט אין פאַרשידענע קנעפּ צו דאַמען-קליידער, פאַנטאַזיע-זאַכן פאַר צירונג און שמוק. דאָס פאַך איז אַ שווערס און די אַרבעט — ממש קאַטאָרגע. דער שטויב פון רוי-מאַטעריאַל, פון דעם קינסטלעכן ביין, איז גרויס. די אַרבעטערינס, צום מײנסטן יונגע תּימנער מיידלעך, זענען אונטערגעוואָרפן דער געפאַר פון אַלערליי קראַנקהייטן, וואָס אַנטוויקלען זיך פון דעם שטויב, אויף די לונגען. חוץ דעם, מוז מען אונטערוקן די פינגער הארט צו דעם עלעקטרישן נאָל, וואָס דרייט זיך מיט טײַוולישער געשווינדקייט, כּדי דורכצו-בויערן אַ לאָך אָדער איינקאַרבן דעם קנאָפּ. דערצו קומט נאָך דאָס שלייפן און דאָס קריצן.

די פאַבריק, וואָס פּראָדוצירט אויסשליסלעך פאַרן איי-גענעם מאַרק, באַווייזט, אַז אין ארץ-ישראל איז שוין דאָ אַ מאַרק פאַר לוקסוס-אַרטיקלען. די פאָדערונג איז אַ גרויסע, מען קאָן עס זען אין דעם שנעלן געלויף פון שלייפשטיין און אין דעם איילי‌קן שניצן פון דעם רויען קינסטלעכן ביין-מאַטעריאַל.

— און אָט, אַ מאַשינען-פאַבריק. פאַרלויפיק אַרבעט מען אויס גאַזאָז-קעסלען, מאַשינען צו פּראָדוצירן סאָדע-וואַסער און פאַרשידנערליי פּרעציזע מאָס-אַפּאַראַטן, אַ קליינע פאַבריק, 9 אַרבעטער. אָבער דאָ זעט מען שוין פאַר זיך יענעם טיפּ פון אַרבעטער, וואָס גיט אַ באַרעכטיקונג אָנצורופן רמת גן, אַלס אינדוסטריע-צענטער.

אָט אַזוי גייט מען איבער די דרייסיק פאַבריקן און אינ-דוסטריע-אונטערנעמונגען פון רמת גן. אַז מען וויל פאַרגעסן אַביסל דאָס, וואָס עס טוט וויי, אַז דאָס אַלץ איז געבויט אויף דער אויסרעכענונג פון עקספּלאָאַטאַציע אונטערן מאַנטל פון ענגן נאַציאָנאַליזם, מיטן אויסרייד פון אויפבויען דאָס לאַנד, קוועטשט מען אויס ביים אידעאַליסטישן אַרבעטער, צוזאַמען

מיט זיין קראַפט, כּוח, אויך די באַגייסטערונג, וואָס ער האָט אַהערגעבראַכט פאַר זיין אייגענעם איבערבוי.

דערפאַר זענען פאַראַן סיכסוכים אין רמת גן, ווי יונג די אינדוסטריע זאָל נישט זיין, איז פול מיט קאָנפליקטן צווישן אַר-בעטער און אונטערנעמער. מען דאַרף אונטערשטרייכן: לרוב פון דער אייגענער איניציאַטיוו מצד די אַרבעטער, טראָגן דער גע-האַמעוועטקייט פון זייער פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. אַט איצט קומט פאָר אַ שאַרפער און פאַרביטערטער קאַמף אין דער טשוועקעס-פאַבריק „ברזלי", אין דרויסן שטייען די שטרייקנדע אויף דער „פּיקעט-ליניע" און גלייכצייטיק — פּאָליציי, אָבער אינעווייניק אַרבעטן שטרייק-ברעכער, לעגאַליזירט דורכן „נאַציאָנאַלן גע-דאַנק", די רעוויזיאָניסטן. איבעריקנס, דער שטרייק דויערט שוין היבש לאַנג, די שטרייקנדיקע זענען זיך „דערוויילע" אַוועקגע-גאַנגען אַרבעטן בײַ „בנין", דאָס הייסט בײַ הייזער-בוי, ווו זיי פאַרדינען אָנשטאָט די געוויינלעכע צוואָנציק-דרייסיק פּיאַסטער אַ טאָג — 35 און פערציק...

אין רמת גן איז כּדאַי צו פאַרצייכענען דעם טיפּ פון יידישן מיידל, וואָס האָט זיך באמת איבערגעבויט. פון אַזאַ דערשיינונג ווייסט מען אפשר בלויז אין ראַטן-פאַרבאַנד. דאָ אין די פאַבריקן זעט מען זיי, די אַרבעטאָרינס צוגלייך מיט די מענער בײַ דער שווערסטער, האַרטסטער פיזישער אַרבעט. צי דאָס איז אין דער קנעפּ-פאַבריק „עצמון", זיצנדיק צוגלייך בײַ די בויער-מאַשינען, צי אין דער קינסטלעכע זייד-פאַבריק פון זאַקס, בײַ די וועב-שטולן, צי דאָס איז אין דער „אָטיס"-אונ-טערנעמונג בײַם פאַרוואַנדלען די ארץ-ישראלדיקע פרוכטן אין געטראַנקען און קאָנסערוון, צי גאָר בײַם אויסאַרבעטן „באַלאַטן" צעמענטענע גלאַטע, פיר-עקיקע שטיינער, וואָס דינען פאַר דילן. גראַד דאָ, אין דער „באַלאַטן"-פאַבריק איז כּדאַי זיך אויך צו-אָפּצושטעלן אין דער אומאויפהערלעכער פּייכטקייט פון טריפנ-דיקן וואַסער, ליים, פאַרב. כעמישע צומישן, פּרעס-פאָרמען, צעמענט, הייך-קעסלען, דאָ האָב איך זיי געזען, די מיידלעך מיט פאָרמאָזאָליעטע, צוקאַליעטשעטע הענט, אָנגעצויגענע בלויע

אָדערן, איינגאַנצן באַדעקט מיט דעם צעמענט־שטויב, שיבנדיק אין פאָרם נאָך דער אַנדערער אין דער הייסער, געהייצטער פרעס־פאָרם. עס קומט גאָרנישט אויפן רעיון, אַז דאָ האָט מען צו טון מיט אַ „צאַרט וועזן". אומגעקערט, עס זעט אויס ווי זי, די פועלקע, יאָגט נאָך אירע חברים, באַווייזנדיק „קונצן" שלעפנדיק אויף אירע אַקסלען די פייכטע, שווערע מאַסע.

דאָ, אין דער „באַלאַטן"־פאַבריק איז דאָס יאָגן זיך שטאַרק „נאַטירלעך": מען אַרבעט אויף „שטיק", די „באַלאַטן" רייסט מען פון די הענט, און דער פאַרדינסט איז ביז 50 פיאַסטער אַ טאָג. ליגן שוין נישט אין זין די „נאַרישקייטן" פון שפּילן זיך אין אַכט „לאַנגזאַמע" שעהן.

וואָלט נישט געווען אָט די שפּעקולאַטיווע אויסרעכנונג, וואָלט מען מיט אמתער באַוווּנדערונג געקענט זיך צוקוקן צו דעם איבערגעבויטן לעבן פון אַן אומשיכטונגס־קלאַס און געשלעכט.

אַזוי וואָס ? דער שפּעקולאַטיווער „גייסט" האָט זיך דאָ אויך פונאַנדערגעשפּרייט מיט זיינע פליגל, רמת גן איז איצטער דאָס צויבער־וואָרט פון תל־אביבער בעלי חלומות. מען לויפט אַ הער קויפן ערד, שטיקלעך באָדן, מען זעט פאַר זיך אַ ווינקל מיט אַ גרויסער צוקונפט פאַר... טייער דירה־געלט. אויך אַרבעטער זענען נישט אָפּגעשטאַנען אין דעם זין. עס איז אַ געיעג פון אַלעמען, פון סוחר, פון מנחם מענדל און ליידער פון אַ טייל אַרבעטער צו קויפן „מגרשים", בוי־פּלעצער אין רמת גן. אַמאָל האָט עס נאָך געקאָסט ביליק. איצט, פון קאַרגע פאַרדינסטן שפּאָרט מען אָפּ, און מען „באַזאָרגט" זיך מיט אַ מגרש...

רמת גן בויט זיך, דריי אָדער פיר שטאָקיקע בנינים, טעראַסן ווערן געשניטן, שטיין־שטיגן אין די בערג, בלומען־גערטנדלעך פאַר די פענצטער און אונטער די טירן. דאָס גאַנצע „שטעטל" איז אַלט עלף יאָר, נאָר פון טאָג צו טאָג ענדערט זיך דער אויסזען. די פאַבריקאַנטן פון תל־אביב ציען זיך דאָ אַהער מיט זייערע אונטערנעמונגען. דאָרט ווערט זיי ענג. פאַר די ענגע פּלעצער אין שטאָט־צענטער, קאָנען זיי נעמען אַזוי פיל, וויפל עס דאַרף דאָ, אין רמת גן קאָסטן אויפבויען גרויסע, גרויסע

וואַרשטאַטן, און עס וועט נאָך בלייבן אַן עודף פֿון טויזנטער...
און לאַנג וועט נישט דויערן, אַז רמת גן וועט זיין איין טייל מיט תּל־אָביב. עס וועט זיך צונויפֿשליסן די הערצל־גאַס מיט שכונת באָראָכאָוו. תּל־אָביב וועט נאָך אַריבערלויפֿן רמת גן, און זיך אַריינגיסן אין פּתח־תּקווה. דער שטייגנדיקער וווּקס פֿון ישוב טרייבט אונטער. די שפּעקולאַנטן ווילן עס דערפֿירן. עס איז אין זייערע אינטערעסן. און אין די אינטערעסן ציען זיי אַריין הינדערטער, הינדערטער מענטשן, — ליידער אויך אַרבעטער. וואָרום איצטער חלומט מען שוין נישט פֿון דער שטילער באַרגיקער ווילע מיטן אויסזיכט צום ים, מיט די פּור־פּור־בראַנדיקע זון־אונטערגאַנגען און די בלויע טיול־נעפּלען פֿון די ווייטע ראַנד־בערג; איצט חלומט מען פֿון הויכע קוימענס, פֿון שוואַרצן רויך, פֿון אַרבעטער־הייזער, און פֿון הויכע פּרייזן אויף דירה געלט און נאָך העכערע פּרייזן אויף בוי־באָדן.

בית לחם

ס'איז נישט דער זעלביקער טויער פֿון בית־לחם־יהודה ביי וועלכן ס'איז געזעסן בועז דער האַר, דער שיין, דער לאַטיפֿונדיסט, באַזיצער פֿון גרויסע ווייץ־פֿעלדער, און צוזאַמען מיט די עלטסטע פֿון דער שטאָט, געמשפּט די איינוווינער, נאַטירלעך — די נישט געהאָרכזאַמע איינוווינער.

אפשר איז עס דאָס זעלבע בית לחם, נאָר אַן אַנדער אַריינפֿאָר. אַן אויסגעגלאָצטער אַספֿאַלט־שאָסיי, פּאָלירט ווי אַ דיל אין אַ טאַנץ־זאַל. דער אויטאָבוס גליטשט זיך שטיל פֿאַר־ביי דער „מוטער רחלס קבר״ און מיט אַ קנאַפּע האַלבע מינוט שפּעטער פֿליט מען דעם לעצטן באַרג אַרויף. מ'באַווייזט אַפֿילו נישט אָנצוזען די הערלעכע פּאַנאָראַמע פֿון די נאָענטע און נאָענטע און ווייטע בערג אַרום, פֿאַרמירט ווי אַ קראַטער. און וויילאיך טראַכט דאָ פֿון דער ראָמאַנטישער אור־שטיף־שוועסטער מיינער ר ו ת, זע איך די באַרימטע פּרויען־תּפֿיסה

בײַם אַרײַנגאַנג פֿון בית לחם: אַ װײַסער מאַסיװער סוטער מיט קאַנטיקע גראַניט־שטײנער, מיט גרינע ראַמען בײַ די פֿענסטער, װאָס זעט אױס װי אַ פּענסיאָן־הױז. איך בין אָבער שױן נאָך פֿריער אין דעם „פּענסיאָן“ געװען, באַזוכט אַ פּאָר באַקאַנטע „רותלעך“, אַרבעטער־מײדלעך פֿון פּױלן, װאָס האָבן, געטריבן פֿון נױט און פֿאַרצװײפֿלונג, געלאָזט זיך צו די „בועזעס“ שפּײכלערס, װאָס זענען נישט װײַט פֿון בית לחם, נאָר בועז פֿון „קאָלאָניאַל־אָפּיס“ אין לאָנדאָן, איז נישט אַזױ „דזשענטלמעניש“ צו די „לײדיס“ און באַפֿעלט זײַן דינער, דעם „הײ־קאָמישיאָנער“ פֿון ירושלים, מ׳זאָל שטאַרק אַכטונג געבן, און די װאָס װילן קלױבן די זאַנגען בײַ די בריגן פֿון די פֿעלדער, זאָל מען אַרעסטירן און פֿאַרשפּאַרן אין אַט דער פּרױען־תּפֿיסה און שפּעטער, מיטן טאָן פֿון נעמי צו אירע שנירן אַזױצוזאָגן: „קערט זיך צוריק צו דעם הױז פֿון אײַערע עלטערן“...

נאָר אַז „רות“ פֿון דער לאָדזשער װעבשטול שפּאַרט זיך אײַן און װיל זיך נישט אומקערן „צום לאַנד פֿון אירע אבות“, אין זדונסקאַ־װאָלאַ, צי אין שערפּץ, װײַל זי קאָן מער נישט פֿאַרטראָגן דאָס שטומעניש פֿון דער װעבשטול, דאָס געװײן פֿון הונגעריקע ברידערלעך, שװעסטערלעך און דאָס נאָגן פֿון איר אײגענעם הונגער און דעם פֿריען האַרבסט פֿון אירע נאָך יונגע יאָרן, מאַכן בועזעס דינער קײן שהיות נישט, „מ׳באַצירט“ די צאַרטע הענט פֿון די „רותלעך“ מיט אײַזערנע „בראַנזעלעטלעך“, מ׳שערט אָפּ די האָר, אָט פּונקט װי מ׳טוט עס צו די פֿאַרזינדיקטע בירגער פֿון לאַנד, װאָרעם צו פֿרעמדע בירגער זאָל אַזאַ אומרעכט נישט געטון װערן. אַזױ איז פֿאַרשריבן אין די געזעץ־ביכער פֿון „בועזן“. נאָר אַז רות װיל נישט מיטן גוטן װילן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, דאַרף אַזױ געטון װערן, כּדי די שטראָף זאָל באַװוּסט װערן צו די אַלע טעכטער פֿון ישׂראל אױף גאָר דער װעלט. אַז אָן אַ „סערטיפֿיקאַט“ פֿון בועזן טאָר מען צו די בריגן פֿון זײַנע פֿעלדער נישט קומען אױפֿקלױבן די פֿאַרגעסענע זאַנגען...

איך װאָלט אַװדאי אַזױ װײַטער געטראַכט װעגן ישׂראל

טעכטער, וואָס רייסן זיך פון אונטער די גראַטעס צו דער הערלעכער וועלט, וואָס שטייט דאָ פאַר די גרינע פענסטער אין ראָזע פיליאַטעווע, דין־דורכזיכטיק גאָלדענע טעג, צו די פלאַכע דעכער פון בית־לחם, צו די אַרויסטאַרטשענדיקע מינאַ־רעטן, צו די שאַטנס פון ווייטע טורעמס פון ירושלים, פון צווייפאַכן קלויסטער־קלאַנג פון צווייערליי גלאָק־נוסחאות: רוי־מיש־קאַטוילישן און גריכיש־אָרטאָדאָקסיש, דער קלאַנג, וואָס צעיאָגט דעם טויל־געוועב פון זוניקן טאָג. דאָ, איבער די נאַ־קעטע בערג און באַגרינטע טאָלן, וואָרעם ס'איז בית לחם יהודה, דאָס וויגעלע פון דער קריסטלעכער גאָטהייט איבער דער וועלט.

יאָ, איך וואָלט אַזוי געטראַכט די טראַכטונג פון מיינע איצטיקע לייבלעכע־און נשמה־שוועסטער אונטער די גראַטעס. ווען דער אויטאָ וואָלט מיך נישט צוגעוואָרפן צו אַ וואַנט פון אַ שמאָל, פינצטער, ברודיק און מיט ציבעלעס פאַרפּרעגלט געסל: איך בין אין הארץ פון בית לחם.

לינקס אַ ברייטע, געפלאַסטערטע טעראַסע. אַ בריק אי־בער אַ טאָל מיט שטאַכעטן און אַ זיסע אויסזיכט צו אַ אָאַזיס, לאַנדשאַפט. רעכטס אַ פּאָר שטיינערנע בנינים, „בלינדע" ווענט־שווערע מויערן און קעגן אויג — די שטיק־פליגל מויערן און דאָס נידעריקע טירל צו דער קירכע פון „הייליקער אַנטבינדונג".

אויף די שמאָלע טרעפּ־געסלעך, וואָס פירן צום מאַרק און צום נייעם טייל פון בית לחם, זענען פאַראַן קאַפּעךשטיבלעך. רחבס שוועסטערלעך פון גאָר דער וועלט, וואָס זענען אפשר געקו־מען אָהער אויסוויינען זייערע זינד ביים שוועל פון דער הייליקער גראָטע, האָבן נישט מער אויף די צוריק־הוצאות געהאַט. די שמשים מיט די הויכע שוואַרצע קרוין־היט, מיט די צעקעמטע בערד, ברייטע כאַלאַטן און פּאָפּישע ארבל, מיט קרייצן אויף די ברוסטן, נעמען צו אַלץ, אַלץ וואָס אין טייסטערל איז פאַ־ראַן. נאַיווע, אָרעמע זונות, זיי גלויבן אין גענעזונג פאַרן פרייז פון געלט, כאָטש זיי לאַכן שטיל אויס די „יאַלדן", וואָס מיינען, אַז געלט קויפט זייער ליבע. נאָר דאָ, אין דער אַט־

מאָספּער פון זיילן, נר־תמידס, אַלטאַרן, גראַטעס, וואַקס־שניצן, פילן זיי אַ דערלייכטערונג פאַר זייער פינצטער געמיט.

זיי, די אָרעמע רחבס שוועסטערלעך, „מאַכן זיך" אויף צוריק הוצאות צו זייערע „פיין־צימערלעך" אין ריאָ דע זשאַ־נעיראָ און אין באַרצעלאָנאַ. פאַראַן דאָ „הונגעריקע" טוריסטן פון „אונטער דען לינדן" און פון „פּיגאַל", אַפילו די אַקציע־סוחרים פון טשיקאַגער „סטייט־סטריט" ווען זיך אויך נישט אָפּזאָגן פון אַזאַ ווילטאָג – עולם־הזה נישט ווייט פון דער פרומער, אייביק צנועהדיק געמאָ"ענער רות, וואָס איז פאַר אַ נוטן בליק פון „עפּענדי" בועז, געקראָכן צו אים אויפן גע־לעגער. ווי הערלעך די מעשה איז באַשריבן אין דער ביבל, און ווי פאַרגעניגנדלעך ס'איז אין דער איצטיקער ווירקלעכקייט, בפרט אַז אַחוץ „פיזישער לוסט" כערווירט מען אויך „שטימונג", אָריענט־סביבה אין דער היפּער־הייליקער שטאָט: אַראַבישע מעלאָדיען, גראַמאַפאָן־פּלאַטן שפּילן דעם „פּערסישן מאַרק". די „מאַדמאַזעל פון בלאָנדעל" מיט די גע־בליטשטע האָר אויף שטרויי־בלאָנד, טאַנצט אַ בויך־טאַנץ און אונטער די פענצטער שאַרן זיך ווי שאָטנס, אין ברייטע שוואַר־צע און אין ברוינע כאַלאַטן געהילטע מאָנאַכן, פון אַלערליי קריסטלעך נזרימשע סעקטעס; זיי גייען, ווי די מלאכים אויף דעם לייטער אין יעקבס חלום, אַראָפּ און אַרויף די שמאָלע שטיין־טרעפּלעך און פאַרלירן זיך אין די טונקעלע, פייכטע געסעלעך.

נישט אַפּע פרויען ווייסן, אַז אין דער קירכע פון דער „הייליקער אַנטבינדונג" טאָר מען נישט קומען מיט נאַקעטע אָרעמס און עטוואָס לענגלעכן דעקאָלט. צניעות – דאָס איז דער ערשטער געבאָט ביים באַטרעטן יענע שוועלן פון דער געוועזענער מיל און איצטיקע קאָלומנאַדע קירכע. מענער מוזן אַראָפּנעמען די רעקלעך און צודעקן די „שאַנד", די אָרעמס און עלנבויגנס פון פרויען־לייב. דער געגיי אין דער געבורטס־קירכע איז אַ אומאויפהערלעכער. די „גיידן" ווערן ממש צע־

ריסן פון אָרבעט, בפרט אויף פסח. די טעג וואָס איך האָב זיך אויסגעקליבן מיין באַזוך דאָרט צו מאַכן.

ס'איז אודאי איינדרוקספול. ווען מ'זאָל נאָך האָבן יענעם רעליגיעזן גלויבן־ציטער, ווי אָט דאָס פּאָרל, וואָס גייט פאַר מיר. מסתמא אַ לעבן לאַנג געשפּאָרט, כדי מיט די אייגענע אויגן צו זען דאָס, וואָס די הייליקע ביכער שרייבן און וואָס גלחים זאָגן פאַר. אפשר האָט זיך אַ היבש ביסל פיין אָנגעזאַמלט אין זייערע נשמות? און אפשר ווילן זיי איין מאָל, איין מאָמענט זיין באַהאָפטן מיטן טיף פאַרהערלעכטן עקסטאַז: גאָטהייט? וואָרעם ווי נאָר זיי האָבן אַ אָטעם געטון דעם ריח פון געלן וואַקס און צעשמאָלצענעם חלב. זענען זיי ווי דורשטיקע אין אַ מדבר, פאַר אַ פלוצלינג דערשינענעם קוואַל, אַ פּראַל געטון צו דעם אָפּגעריבענעם שוועל־שטיין, צו דער נאַטירלעכער פעלזן־הייל, אָט דאָרט וווּ דאָס קינד יעזוס איז געוויגט געוואָרן, אין איין באַהעפטונג, טויטער שטיין און לעבעדיקע ליפּן, אַ צונויפקלאַמער פון שוואַכן מענטש און אייביקן פעלז — איין צונויפגאָס. נאָר אַ גלח־שמש, וואָס זיצט ביי דער שיסל, אין וועלכער ס'ליגן ערדישע צעטלען, געלט־באַנקנאָטן פון אַ טוץ לענדער, האָט דאָס דורשטיקע פּאָרל אָפּגעריסן. אין פלאַם פון זייער געאייל, אין דער קעגנאויסגעוואַקסענער ווירקלעכקייט פון זייער חלום, האָבן זיי, די נאַרישע, נישט באַמערקט, אַז איידער מ'קומט צו צו דער געגאַרטער אַנטפּלעקונג, מוז מען „עפּעס אַריינוואַרפן". וויפל זאָגט מען נישט, נאָר עס ליגט אַן אָנצוהערעניש: אַן ענגלישער פונט, אַ פינף־דאָלאַר־צעטל, אַ הונדערטער־פראַנק, חוץ „קליין געלט" פון גאָלדענע מטבעות.

דאָס איז „אָנצוהערענישן" פאַר די, וואָס קומען נאָך געזעגנונג און באַרויקונג, וויפל מ'דאַרף אַריינוואַרפן. מ'דאַרף זיך נישט נאַריש מאַכן מיט פּרוטהס, מיט גראָשנס — דער עיקר דאָ מיינט מען דאָס „גראָבע" געלט...

נאָר מיין עקסטאַזיש פּאָרל האָט קיין גרויס געלט נישט געהאַט, אפשר אַ געציילטן פעניג, — האָט מען געגעבן אַזוינס.

פון וואָסביידע גלחים האָבן צעשמייכלט די פּולע, פעטע ליפּן, ביז איינער פון זיי האָט אַרויסגענומען ביים מאַן דאָס בייטעלע און עס איבערגעדרייט מיטן מויל צום טעלער און מיטן דנאָ אַרויף, ווי מ׳שיט אויס אַ זעקל קוילן. דאָס ווייב האָט אין דעם אויך געזען אַ טייל פון איר עקסטאַז, זי האָט דערווייל געקושט די האַנט פון אַנדערן גלח.

נאָך גוט, וואָס די דינער פון אַלע דריי „שטיבלעך״, די קאַטוילישע, די עוואַנגעלישע, די פּראַוואָסלאַווגע, די גלחים, פּאַפּן און פּריסטער קענען זיך נישט אייניקן אין גרעסערע זכות־פּאָרציעס. אַרום דעם הייליקסטן פּלאַץ, איז אַ געשלעג נישט קיין נייעס, נישט נאָר צווישן די „פּאַסטוכער״, נאָר צווישן די „סטאַדעס״ אויך. דער באַזיצער פון די הייליקע ערטער, דער מאַנדאַטאָר, האַלט דאָרט אויס אַ גאַנץ באַזונדער גרויסע פּאָליציי־אַרמיי, אין די „דאָזיקע נעכט פון פּסח, אַ באַזונדערע שוץ. נאָר עס מיידט נישט אויס. די הייליקע קריג פאַרוואַנדלט זיך אין אַ גאַסן־געשלעג, אין אַ מעסער־שטעכעריי, רעוואַלווער־שאָסן פאַרשווינדן שנעל אינם געקלאַנג פון די הילכיקע גלעקער, וואָס די קירכן פון אַלע דריי סעקטעס צעלאָזן זיך צוליב דעם הייליקייט פון דער דאָזיקער נאַכט.

מסתמא נישט אַזוי דער געשלעג צוליב דעם הייליקסטן אָרט. ווי צוליב דער שיסל מיט די באַנק־צעטלעך אין פּאָדער־רוים פון דער „געבורט־קירכע״.

און דער עולם שטראָמט. אַ געמיש פון שוואַרץ און גרויע, ברייטע פלינל־קאַפּעלושן, ווי פלאַטערדיקע פלעדערמייז, הויכע, ברוינע שפּיצן־קאַפּליך־קאַפּלען, ווי דאָס געמעל פון תלינים אויף טעאַטער בילדער — אַרמענישע גייסטלעכע טאָפּלט שוואַרץ, די קליידונג און די הויט. בלויע קאָפּ־טיכער און ווייסע ברייטע קאַפּקעס פון אַלערליי „שוועסטער״, פון אַלערליי „אָרדנס״, פון אַלערליי הייליקע גראַדן און מדרגות.

בית לחם גופא איז אַ דורכאויס קריסטלעכע שטאָט פון גוצרישע אַראַבער, וועמעס פרויען באַדעקן שוין נישט זייערע פּנימער מיט שוואַרצע וואַלן, נאָר טראָגן טיפּישע ווייסע

„הייבלעך“ אויף די קעפּ מיט אַראָפּגעלאָזטע אַקסל־טיכער. עס מאַכט זיי שלאַנק און זוניק און זיי באַשיינען די געטלעך, וואָס זענען נודנע פון די קורץ־קליידלדיקע און „ניקערדיקע“ אַמעריקאַנער טוריסטן.

די טוריסטן קויפן מיט הייליקע „סוווענירס“ פאַר געזעצוונג און תשובה, וואָס מען קריגט אַזוי אין די גראָטן און קלייטלעך פון די הייליקע אַנטיקן. מערנסטנטייל באַשטייען די סוווענירס פון קריסטלעכע אויסגראַווירונגען אויף איילבערט, האָלץ און פּערל־מוטער. בילדער פון הייליקע אין מיניאַטור־פאָרם, גוטע מטבעות און „טאַליסמאַנס“. איך בין זיכער, אַז די טוריסטן און בעלי־תשובה ווייסן אַליין נישט, ווי הייליק ס׳זענען אָט די דאָזיקע אָנדענקונגס־ברעלאָקן. נישט דערפאַר, וואָס אין דינעם פּערלמוטער זענען אויסגעקריצט די פּנימער און אויפשריפטן פון דער קריסטוס־פאַמיליע, אויפשריפטן פון „טעסטאַמענט“, קרייצן און קרוציפיקס, נאָר דערפאַר הייל — נו, יאָ, ווייל איך האָב געזען דעם אופן פון דער היינטישער עקספּלואַטאַציע פון די שטילע, אין שטיין־שטויב, אין „פּערלמוטער־מעל“ איינגעטונקענע „שניצער“־קינסטלער. גאַנצע געסלעך אין פינצטערע „געוועלבן“, מחנות אַזוי אויסגעזעצט אויף דער ערד, אָדער אויף די וואַרשטאַט־ברעטער, די פּיס אונטער זיך מיטן גליטיק אין האַנט און מיטן אויג אויפן שפּיץ פון דער שאַרף. זיי מאַכן עס די קרוציפיקסן, בראָנזעלעטלעך און אַנדערע צאַצקעס. זייער פאַרדינסט איז נישט מער, ווי אַכט פּיאַסטער אַ טאָג מיט אַ שטיק נאַכט דערצו, אין יעדן אויסגראַווירן פון אַ הייליקנס פּנים אויף אַ פּערלמוטער רעדעלע, ווערט אַריינגעקריצט אַ ווייטאָגדיקער הוסט פון דורכגעפּרעסטע לונגען און שטויב — דאָס זענען אָנדענקען, געקריצטע פון הייליקן פּיין, לעבנס־לאַנג פאַרפּייניקטע אַרבעטער.

דער פּאַלאַץ פאַר אימיגראַנטן...

איך שטעל נישט דאָס וואָרט פּאַלאַץ אין גענזנפיסלעך, דערפאַר — מיט דריי פּינטעלעך, כדי נישט צו זינדיקן קעגן דער רעאַליסטישקייט פון מיין שילדערונג. דער אימיגראַנטן־האָטעל, אָדער ווי ער הייסט דאָ, אין תל־אביב, „בית־עולים", איז באמת געווען אַמאָל אַ... פּאַלאַץ.

ווי אַזוי מען האָט דעם דאָזיקן פּאַלאַץ דערטאַפּט, איז שוין אַ געשיכטע פאַר זיך, נאָר עס ווייזט אויס, אַז אימיגראַנטן, אַפילו ווען זיי באַטראַכטן זיך פאַר רע־עמיגראַנטן, וואָס פאָרן צוריק צו זיך אין לאַנד אַריין, מוזן זיך היבש אָנפּלאָגן — אויב נישט אַנטוישן זיך — אַריבערגייענדיק צום ערשטן מאָל די שוועל פון צוגעזאָגטן לאַנד!

עס איז אַמאָל געווען אַ פּאַלאַץ. געוווינט האָט דאָ אַ רייכער עפענדי, אַ מיליאָנערסקער אַראַבער. דער פּאַלאַץ איז געווען אַרומגענומען מיט אַ ליימיקער מויער, וואָס זעט נאָך היינט אויס, ווי אַ פאַרקאַן צו אַ תפיסה, וועלכע מען נוצט שוין נישט מער... גייסט אַריבער דעם מין דראָט־פאַרצוימונג און ס'דאַכט, אַז מען איז אַריינגעפאַלן אין אַ הקדש, אַן איזאָלאַציע־לאַגער פון אָנשטעקנדיקע מענטשן. ס'איז דאָס גוט באַקאַנטע בילד: אומבאַהאָלפנקייט, אומצוטרוי, נישט געוואַגטע האָפנונג קוקן אַרויס פון הונדערטער אויגן. מען שמייעט אַרום איבער דעם גרויסן שטויביקן הויף, ווו ס'איז אָנגעוואָרפן אַלערליי שמוץ.

צום ערשט די חדרים. דער „פּאַלאַץ" האָט זיך גוט אויסגעשטעלט. דער אַראַבישער אייגנטימער האָט געהאַט אַסאַך ווייבער. יעדעס ווייב האָט געהאַט אַ גאַנצן אַפּאַרטאַמענט. די אַפּאַרטאַמענטן זענען איצטער צעטיילט מיט ווענטלעך, געסדרט אין צימערלעך, אין יעדן צימערל וואַלגערן זיך די אימיגראַנטישע ביינער, אַ צוגאָב צו זייער אַמאָליקן גלות...

אָבער נישט די באַשרייבונג פון „אימיגראַנטן־פּאַלאַץ" בין איך אויסן, נאָר דאָס, וואָס ס'איז אי ז אימיגראַנטן־האָטעל.

דאָס לויזע וואָרט „קיבוץ גליות" ווערט דאָ פּיקסירט אין פּיל קאָלירנדיקער געשטאַלטונג. מען זעט דאָ דעם ערשטן עטאַפּ פון „עולה זיין", מען זעט פאַר זיך דעם רויען מענטש פון דעם יידישן, אַזוי גערופענעם, אומעטום, ביים ראַנד פון קעסל־גרוב, ווו מען וועט אים וואַרפן, אָדער ער וועט זיך אליין וואַרפן און אַרויסגיין אַן איבערגעקאָכטער.

אין דעם פאַל איז פּאַלעסטינע מיט קיין האָר נישט אַנדערש, ווי יעדעס אימיגראַציע־לאַנד, בעת דעם שטראָם ציען צו פאַרהוילענע רינעס מיט גאָלד.

וועסט אומזיסט דאָ, אין אימיגראַנטן־„פּאַלאַץ", אַלס דעם טויער פון אַ גרויסן חלום, געפינען די שטילע בענקשאַפט צו דעם חלום. מענטשן, וויפל טרוימען עס זאָלן נישט דרימלען אין זייערע אויגן, האָבן שוין דערפילט אַ ניצוץ פון יענער זייט. זיי דאַכט, אַז עס קלינגען די רידעס אין די ריגעס און אין דער צייט, וואָס עס נעמט צו דערלעדיקן זייערע פאָרמאַליטעטן, שאַרט צמיך אַנדערש אַביסל מער גאָלד צו זיך אין די קעשענעס...

איבער דעם געלב־ליימיקן פאַרקן פון דעם געוועזענעם האַרעם הויבן זיך מויערן און אויף די מויערן פון נאָך נישט פאַרענדיקטע בנינים פלאַטערן אַרום טונקעלער און שווצנט־שמיערס אויף די רושטאָוואַניעס. אַ ברעטל, אַ קעלנע קאַלך, אַ באַרשט מיט פאַרב, אַ שמיר, אַ זינג און דער נייער אימיגראַנט־דער עולה שטייט פאַרגאַפט און רייסט זיך אַרויס וואָס פריער, וואָס שנעלער צו העגגען אויף דער שטריק־לייטער, צו קלעפּן אויף אַ פענצטער, צו קלעטערן אויף אַ בלעך־רינע — דערצו איז ער געקומען.

דער אונטערשיד פון דעם אימיגראַנטן־האָטעל דאָ ביז צו ענלעכע האָטעלן אין אַנדערע לענדער איז, וואָס דאָ צייכנט זיך נישט פאַרן אויג דער פרעג־צייכן: וואָס וועט מען טון, צו וואָס וועט מען זיך נעמען?

איבער יענער זייט פאַרקן, אויף דער נאָך נישט פאַרענדיקטער עליה־גאַס, שטייען זיי שוין גרייט, די „פלאַנטאַטאָרלעך",

גרייט אַריינגעלאָזט צו ווערן, ווי אויף אַ שקלאַפן־מאַרק, און אויסקלויבן זיך פּועלים. עס וועט זיין אַ כשרע מציאה: אי מען וועט האָבן יידישע אַרבעטער, אי עס וועט קאָסטן ביליק: ביז וואָס ווען, ביז די „גרינע“ וועלן זיך אויסגרינען, וועט מען „אויסנוצן“.

די „אידעאַליסטיש״ מאַדאַמען, וועמענס מענער עס האָבן „דערוואָרבן“ צו עטלעכע הייזער ביים ים, שטייען אויך דאָ: טאָמער וועט זיך מאַכן אַ לייטישע „עוזרת“ — אַ דינסט־מיידל; דערביי פאַרדריסט זיי ביז אין די ביינער, וואָס אַ דינסט טאָר מען נישט רופן „דינסט“ און מ׳טאָר זיך נישט שאַפן מיט איר, ווי מיט אַ דינסט, און זי נישט באַגרענעצן אין די רעכט, ווי אַ דינסט. נאָר מען מוז זי באַהאַנדלען, ווי אַ גלייכע. מעי רעדט שוין נישט, וואָס נאָך אַכט שעה אַרבעט גייט זי, די דינסט, צו זיך אַהיים. נאָר ווי קאָן מען דאָס זיך זעצן ביים טיש צוזאַמען מיטן גאַנצן הויז־געזינט און... מיט דער דינסט...

די מאַדאַמען וואַרפן דערווייל אַריבער זייערע בליקן צו דער גרופּע מיידלעך, וועלכע וועלן מיסתמא גיין אַרבעטן אין... „הויז־ווירטשאַפטן“, און די מאַדאַמען טראַכטן מסתמא:

„וועמען מען וועט עס דאַרפן באַהאַנדלען, ווי גלייכע מענטשן. אַך, וואָס האָבן זיי, די לאָבוועס, געמאַכט פון דעם הייליקן לאַנד!..

פונדעסטוועגן וואָלטן די מאַדאַמען בעסער נעוואָלט האָבן די „תימנקעס“, אָדער די „פרענקינעס“, אָט יענע ברענענדיק־שוואַרץ־גליענדיק אויגיקע מיידלעך. די גאַנצע בונטיקייט פון זייער אָריענט־טראַכט שרייט דאָ אַרויס מיט די פאַרבן פון זייערע קליידער. „די תימנקעס זענען נאָך נישט אַזוי צעלאָזן, ווי די אשכנזישע — מורמלט שטיל אַ „גברת“, איינגעהילט אין אַ פעל פון אַ פוקס אַלס קאָלנער, נישט געקוקט, וואָס די היץ שטעכט דאָ אונטער די אָרעמס — כאָטש, גיט זי ווייטער צו, די פוילישע מיידלעך אַרבעטן פלייסיקער, נאָר איידער האָבן צו טון מיט די אויפגעקלערטע, די חלוצקעס, איז שוין זיכער גלייכער אַ ספרידשע...“

ווייסן זיי דאָס, די „ספרדים״, וויפל בעלנים עס וואַרטן אויף זייער שוויס, אויף זייערע הענט, אויף זייער מי? ניין. זיי ווייסן נישט. זיי זענען נאָך דערווייל פאַרנומען מיט זיך. מיט זייערע ענינים. פאַר זיי איז דאָס „ערעטץ ייזראַעל״ אַ ווייטער באַגריף. זיי גלויבן נישט, אַז זייערע פיס טרעטן שוין אויף דעם באָדן פון די נביאים און מלכים. זיי קענען זיך בשום אופן נישט פאַרברידערן מיט „זייערע ברידער״ פון אַנדערע „גלות לענדער״, נישט אין לשון און נישט אין טראַכט, נישט אין אויסזען און נישט אין מנהגים.

צווישן די עטלעכע הונדערט „עולים״ — עכטע „אַרי־שע״ יידן פון דייטשלאַנד, איבערהויבט די יוגנטלעכע, הויך און בלאָנד, בלוי־אויגיק און גלייכגעוויקסיק; יידן פון פוילן, אויך אַ געמיש־שאַטין שוין, דאָך, פילווייניק אייראָפּעער, און אַ גאַנצע „עליה״ פון תימן, צוויי הונדערט אין צאָל, צוזאַ־מען מיט זייערע ווייבער, עלטערע ווייבער און יונגערע ווײַ־בער, קינדער און קינדס־קינדער.

אין פלוג, דאַכט, עפּעס געפינט מען זיך אויף אַ עקזאָ־טישן אינזל... אַ פיין רעזשיסירטע מאַסן־סצענע. תימן מיט די פייערדיקע פאַרבן טענער, זייער טראַכט — אַ שטיק אילוסט־רירטער שיר־השירים, תנך־הלבשה, נאָר קאַריקאַטוריסטיש אינ־טערפּרעטירט.

ביי די פרויען האַלט דער „הולך״, ווי עס איז נאָך אויס דעם סטיל. אבאיעס, טורבאַנעס, שט רן־טיכער, האַלז־בענדער, אָרעם־שטיקער, שלעפּעס. פאַרב, פאַרב, פאַרב, איין טוך אויף זיך רוישיקער, ווי דאָס אַנדערע. אַמיינסטן ווײַן־רויט, אויס־געהאַפטן און אויסגעפלאָכטן אין גאָלד געשטריקט, זיי שלייכן זיך אַרום נישט דרייסטע איבער דעם זאַמדיקן הויף און צו־די שפּיצן פון זייערע טריט פאַלן אַראָפּ זייערע בליקן, וועל־כע זיי וואָלטן געוואָלט, מיט דער רויטער בושה־פאַרב פון זייערע פנימער, באַגראָבן אין זאַמד; אַזוינס האָבן זיי נאָך נישט געזען. אַזאַ הפקרות ביי די „ווייסע ברידער״ — פרויען

און מענער, ווילד־פרעמדע, אָפּגעדעקטע און מיט אָנטבלויזטע הענט און פיס אונטער דעם אָפענעם הימל. דאָס איז בבל נישט „ערעטץ ייזראָעל״...

די תימנישע מענער זענען שוין גראָד אַ ביסל „וועלט־לעכער״, הגם זיי טראָגן נאָך אַלץ די כמו אַראַבישע הלבשה, דאָך, צופעליק, האָט איינער דאָרט, אויף אַ מאַרק אין תימן געקויפט אַ העלן ענגלישן צילינדער, וואָס די לאָרדן טראָגן צו פערד־געיעגן, — איז רעכט ביי אים, ביים תימנער, אַז ער זאָל דעם צילינדער איצט טראָגן, און צוזאַמען דער־מיט זיינע קורצע ווייסע הייזעלעך אויף דעם אויסגעדאַרטן גופל, אָן אַ רעקל, בלויז אַ ברייטן טלית־קטן, דאָס שוואַרצע בערדל, די אין דער ברייט פלאַטערנדיקע פאות און דעם „דוירבי״־צילינדער. סאַראַ מערקווירדיק אויסזען!...

די דאָזיקע מזרח־יידן, די „ברידער״ אונזערע, קריגן נישקשהדיקע קאָנצעסיעס, זיי זענען דאָס דער אַרגומענט פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון דער... העברעישער שפּראַך. מיר, די אשכנזים מיט אַ פינף הונדערט יעריקער קולטור אויף דער שפּראַך, מוזן זיך אָפּזאָגן דערפון לטובת... זיי, כדי מיט זיי זיך צו „פאַרשטענדיקן״. וועלכער לץ האָט עס אויסגעטראַכט? זייער מוטער־און אומגאַנגס־לשון דאָ, הער איך גאַר, איז... אַראַביש.

אָט שטעלט מען מיר פאָר טיפּן:

דער ערשטער איז אַ ברייט־פּלייציקער, ברייט־באָרדיקער, ברייט־פּנימדיקער מיט ברייטע אָפענע אויגן, אַ האַלבער „כאַ־כאם״ ביי דעם „פאַרבּרודערטן״ שבט פון תימן. ער האָט באַ־וויזן אַ וואונדער. עס קומט אים אָנערקענונג. אַפילו אַ מעדאַל: אויף איין־איינציקן „סערטיפיקאַט״ איז ער געקומען מיט — פ ע ר צ ן נפשות. דער חשבון איז קלאָר: ער און די צוויי ווייבער זענען דריי. קינדער פוןביידע ווייבער האָט ער עלף. מיט דער עלטערער, וואָס איז אַלט זעקס־און פערציק יאָר, האָט ער אכט, און די יונגערע — וואָס איז אַלט צוויי־און־צוואַנציק, האָט אים „געגעבן״ פאָרלויפיק דריי.

און אָט איז אַ צווייטער, אַ קליינס, אַ דאַרס, אײן שטיק חושך. אַ באַיאָרטער מענטש, נאָר זעט אויס, ווי אַ יינגל, הויט און ביין, איינגעוויקלט אין עפּעס אַ העמד, אויף דעם אַ זעלנעריש רעקל. מיט זיין קליינעם גופל וויל ער פאַרשטעלן און באַשיצן זיינע צוויי ווייבער, איינע, די עלטע־רע זעט אויס צו זיין זיין מאַמע, און די צווייטע, די יונגע־רע — זיין טאָכטער.

— צו וואָס דאַרפט איר צוויי ווייבער?

ער שמייכלט פאַרלעגן און ווייסט נישט, וואָס צו ענטפערן.

— וויפל קינדער האָט איר פון דער ערשטער?

דער שמייכל ווערט ברייטער. עס דאַכט, אַז פון די אויגן פלאַמט אַרויס אַ פייערל און צינדט אונטער זיינע ליפּן. ער ענטפערט פילאָזאָפיש:

— אין דער פראַגע ליגט דער ענטפער.

דאָס דאַרפן מיר פאַרשטיין, אַז צוליב דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער מיט דער ערשטער, האָט ער, ווי אַ אָפּגעהיטענער ייד, אָפּגעהיטן ביז צו דער רגע — צען יאָר, און נאָכדעם, לויטן דין, זיך גענומען די צווייטע. די יונגע מיידעלע־ווייבעלע, וואָס שטייט דאָ פאַרשעמט און נייגעריק.

— ווי אַלט איז זי, די יינגערע?

ער ענטפערט נישט. זאָגט נישט אויס. אָבער זיין דאָ־קומענט, וואָס געפינט זיך איצט אין פאַרוואַלטערס האַנט, זאָגט שוין אויס: —

— פערצן יאָר.

און שוין צוויי יאָר נאָך דער חתונה...

נישט נאָר זי אַליין איז די יונגסטע ווייבעלע. אַ גרופּע פרויען, וואָס האָבן פאַרשטאַנען אונזער נייגיר צו די יינגע קינדער־ווייבלעך, האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ „קינד אזא", וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרשטעלן דאָס פּנים און באַהאַלטן דעם קאָפּ אין די ברייטע בוזעמס פון אירע „פאַר־שלעפער".

די ווייבער, וואָס האָבן שוין געוווּסט די „ביאָגראַפיע״ פון אַט דעם קינד, האָבן אויסגעפּראַלט:

— אינגאַנצן איז זי אַלט עלף יאָר, איז שוין דריי יאָר פאַרהייראַט.

דער באַאַמטער שאָקלט מיטן קאָפּ. ער ווייסט עס אויך. די דאָקומענטן זאָגן פאַרט, אַז זי איז געבוירן אין יאָר 1923, געהייראַט — כּוף פון 1932. און כּדי אונזער נייגיר זאָל זיך שטילן, גיבן מיר דאָס קינד־ווייבעלע אַ פרעג אויפן מאַן, און זי, אפנים, דערקענט שוין זיין טריט, אַפילו אויפן ווייכן זאַמד מיט די באָרוויסע פיס, גיט אַ טייטל מיטן הענטל, וואָס איז באַהאָנגען מיט בראַנזעלעטן פון תימנער זילבערשמידן אויסגעאַרבעט: אָט דאָרט גייט ער!

דער יונגערמאַן קומט צו: ער ענטפערט: שאַלאָם. — ווי אַלט ביזטו? ער ווייסט נישט וועגן וואָס מען פרעגט, און ענטפערט: זעכצן יאָר. ערשט ווען מען פרעגט אים, צי ער האָט ליב זיין ווייב, גיט ער אַ קוק צו זיין ווייבעלע, וואָס הויבט אויף דאָס קינדיש שוואַרץ קעפּעלע פון די ווייבערישע אָרעמס אַרויס, אָט, אפנים צו זען זיין צעטומלטקייט; ער איז טאַקע צעטומלט און שמייכלט נישט.

נישקשה, זיי וועלן זיך שוין אַסימילירן — פאַרזיכערט דער פאַרוואַלטער. יאָ, דאָס זעט מען. פאַרלויפיק פירט מען מיט זיי אַ קאַמף, זיי זאָלן זיך נעמען „שפּריצן״ און עסן מיט גאָפּלען. אין אַ יאָר אַרום וועלן אָט די יינגעלייטלעך, וואָס טראָגן איצט גאַטקעס און העמדער־יאַקעס און פּעסקעס, טראָגן עכט גאַלאַנטע אייראָפּעישע הלבשה און דווקא מיט הויכע גלאַנציקע ווייסע קראַגנס און קליינע פּאַצעטיש אויסגעבונדענע שלייפלעך־קראַוואַטן און די יידענע ברוסט־טיכעלעך אויפגעוויקלט מיט אַלע שפּיצן.

זיי וועלן זיך אַסימילירן און דאָס ערשטע זיך צוכאַפּן צו „עברית״; נישקשה, זיי וועלן שוין רעדן לשון קודש, אָבער זיי וועלן זיין די לעצטע צו לייענען אַ צייטונג, אַ בוך.

דאָס יידישע פאָלק, אָט יענע מאַסן מיט אַ לעבעדיקער

שפּראַך און קולטור, וואָס מען איז מקריב צוליב דעם מזרח־ייִדן באַטראַכט ער, דאָס תימנער זינדל, סיי ווי, ווי פרעמדע, בײַ וועלכע ער נעמט איבער די שלעכטע זײַטן, דאָס אויבנאויפיקע אייראָפּעישע; דאָס טיפע און ממשותדיקע, די ייִדישע קולטור — דאָס נעמט ער נישט און ער ווייס עס נישט צו נעמען.

אַ בין־שטאָק

נאָך די שולן אין די קבוצים, וואָס שטייען אונטער דער דירעקטער השפעה פון הסתדרות, זענען די וואַרשטאַט־שולן אין תל אביב די חשובסטע. שוין דערפאַר, ווײַל דאָס קינד קריגט דאָרט אַ דערציִונג, וועלכע איז נישט גלײַך צו דער דערציִונג פון אַנדערע שולן בײַ דער הסתדרות.

פאַרוואָס זענען די שולן אַ יוצא מין הכלל איז קיין סוד נישט. דער הויפּט־קעגנשטאַנד פון דער שול — דער וואַרשטאַט, די אַטמאָספערע און די סביבה — איז אַרבעט. דאָס איז גורם, דאָס ציט די ליניע.

אין סאַמע מיט פון תל אביב, הינטער דעם רוקן פון דער „עיריה". דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, דורך עטלעכע שטיין־טרעפּ אַרונטער צו גיין די ביאַליק־גאַס, קומט מען צו צו אַ שמאָל, ענג, נישט ברוקירט געסל, וואָס הייסט מיט אַ טשע־קאַוון נאָמען: רחוב עמיל זאָלאַ.

אויף דער עמיל זאָלאַ גאַס געפינט זיך אַ רינג פון אָט די צריפים, הילצערנע באַראַקן. דער הינטערגרונט זייערער איז אויף אַ גרויסן ליידיקן זאַמד־פּלאַץ. דאָרט זענען די בין־שטאָקן, די רעפּובליק פון אַרבעטנדיקע קינדער.

אייגנטלעך דאַרף מען עס אָנרופן אַרבעטער און אַרבעטנ־דיקע קינדער. פאָרלויפיק ווערט נאָך אָפּגעהיטן דער פּרינציפּ, אַז צוגענומענע ווערן קינדער פון אַרבעטער־עלטערן, טאָג־לוינער, הגם דאָס איז אַ „סתירה" צו די אײַנפירונגען אין הסתדרות, וווּ מיטגלידער זענען אַפילו פאַבריקאַנטן... דערווײַל,

דערקלערן מיר די לערער, איז עס אַ פּ אַ ק ט, און ביים צו־נעמען אַ קינד איז מען שטאַרק מקפּיד, צי עס איז נישט קיין בורזשואַז קינד. איבעריקנס, מען דאַרף נישט שטאַרק מקפּיד זיין. די בורזשואַזיע וואָלט סיי ווי אירע קינדער אַהער נישט געשיקט. עס געפעלט איר נישט דער אופן, לויט איר אויסדרוק, „פאַר־קריפּלען" די קינדער, פון לערנען אין בוך און לערנען מיט געצייג ביים וואַרשטאַט. זיי, די „ווויל־אַרויפגעאַרבעטע", האַלטן, אַז דאָס איז אַ שול, וואָס דערציט קבצנים. יואָרים וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, זאָגט מיר אַזאַ „מה טובהניק", קאָן ווערן פון די קינדער? זיי לערנען זיך אַ מלאכה! אמת, גוט פאַר־שטיין די מלאכה, אָבער פאָרט נישט מער, ווי מ ל א כ ה. מען לערנט זיי ליב האָבן מלאכה, און ווער עס האָט ל י ב מלאכה, ד ע ר איז שוין אַן אָ ר י מ אַ ן דאָס גאַנצע לעבן. אַלעמען איז גוט אין ארץ ישראל, נאָר נ י ש ט דעם בעל מלאכה, כ אָ ט ש ער האָט אַרבעט און פאַרדינט אויף אַ מאָגער לעבן

צום גליק הערט מען זיך נישט צו צו די „באַגרינדונגען" פון די „וווויל־האָבער", זיי שיקן זייערע קינדער אין „הרצליה", אַפילו אין „בן שמן" און אַנדערע „טעכניקומס" און אין פּרי־וואַט גימנאַזיעס. דאָ אַ ה ע ר, אין וו אַ ר ש ט אַ ט ־ ש ו ל, קומט דאָס קינד פון „עמך", דאָס קינד פון שווערן טאָג־לוין אַרבעטער.

די שול איז נישט קיין פרייע, קיין אומזיסטע. די הס־תדרות מיט איר אומגעהויער גרויסן קאַפּיטאַל, מיט אירע איינ־וועסטירונגען, וואָס ברענגען גרויסע רווחים, קאָן זיך נאָך נישט „פאַרגינען" צו האָבן אַזאַ שול פ ר יי פאַר די קינדער פון אירע מיטגלידער, אַרבעטער. נאָך גוט, וואָס דער אָפּצאָל איז אַ ראַציאָנעלער, לויט די פאַרדינסטן. פונדעסטוועגן, אַז אַ טאַטע איז „באַגליקט" מיט דריי־פיר קינדער, איז דער שכר־לימוד דאָ אין וואַרשטאַט־שול אַזאַ באַלאַסטיקנדיקער אויף אים, אַז ס'איז שווער אויפצונעמען.

און דאָך געפינען זיך אַרום צוועלף הונדערט עלטערן, טאַטעס און מאַמעס, וואָס שפּאָרן אָפּ פון נויטיקסטן

און שיקן זייערע קינדער אין דער ווארשטאַט־שול. זעקס הונדערט יונגע שפּראָצענדיקע לעבנס ווידמען זיך דעם הובל, דער זעג, דעם האַמער. זעקס הונדערט קינדער פון זיבן ביז פערצן יאָר! אַ גאַנצן טאָג זענען זיי אין ריטם פון טעטיקייט, פאַרכאַפּט אין שאַפן, פאַרטאָן אין אַרבעט.

די וואַרשטאַט־שול איז אַ „רעפּובליק" פון אָט דעם קליינוואַרג און יונגוואַרג מיט אַ באַוווסטזיין פאַר זייער טעטיקייט און דערציונג. מיט אַ בליק אויף געזעלשאַפטלעכקייט, מיט אַ שטאָלצער טראַדיציע: גראַד־וועג אין דער דערציונג, אין דער זעלבסט דערציונג.

וואָרעם מער פון אַלץ דערציט מען זיך אַ ל י י ן. דער לערער איז נישט מער, ווי דער ערשטער סטימולאַנט. דער לערער איז נישט נאָר דער, וואָס שטייט ביים שרייב־ברעט, ביים דיקטיר־טיש, נאָר אויך דער, וואָס איז נישט מער, ווי אַ געניטער פאַך־בעל מלאכה, וואָס ווייסט, ווי צו ווייזן אַ טשוואָק פאַרקלאַפּן. דער לערער, וואָס לערנט, ווי אַ הובל צו האַלטן, איז נישט קיין גרעסערער מיוחס. ווי דער, וואָס לערנט געאָגראַפיע, לגעבראַ, געשיכטע. און די, וואָס לערנט ווי נאַרהאַפטיק און געשמאַק צו קאָכן, איז נישט פון ערגערן „טייג", ווי די מוזיק־לערערן, וואָס זיצט ביי דער פּיאַנאָ. אויף זיך אַליין קוקט מען אויך נישט. ווי אויף קינדער, וואָס זיצן אויף טאַטע־מאַמעס קעסט, נאָר ווי אויף נוצלעכע „בירגער" פון אַ רעפּובליק, ווי אויף אַזעלכע, וואָס וועלן זיין דער שטאָלץ פון אַ נייער געזעלשאַפט.

עס איז נישט קיין „איבערגעטריבענע" מיינונג אַזאַ. דאָס פילט מען אין די רייד פון יונגע חברה. דאָס באַשטעטיקט זייער לעבנס־שטייגער, זייער איינשטעל. זיי ווייסן נישט פון קאַלטן „אָפּגעבן כבוד" די לערער און דערציער. מען באַנוצט איבערהויפּט נישט דאָס וואָרט „לערער". אַפילו דאָס וואָרט „חבר" באַטייט לגבי דעם לערער שוין אַ טיטל און די פרייע „רעפּובליקאַנער" זענען ק ע ג ן טיטלען... זיי רופן דעם לערער פשוט, ביי זיין פאָר־נאָמען, צומאָל נישט ביים

פֿאַמיליע נאָמען. זיי פֿילן זיך אינטים: דבורה, יחיאל, און דאָס גלייכן זענען נישט נאָר נעמען, נאָר אויך ב אַ ג ר י פֿ ן, וואָרים דבורה איז אַ לערערן און יחיאל איז אַ לערער, און דער דירעקטאָר האָט אויך געקראָגן אַ פּאָר־נאָמען צו די אַכט טעג... נוצט מען זיך מיט דעם נאָמען היימיש.

נישטאָ קיין אויסערלעכע דיסציפּלין. אוודאי און אוודאי נישט, ווי אין די געוועגלעכע שולן. מען האַלט טאַקע, אַז די קינדער פֿון דער וואָרשטאַט־שול זענען נישט „גוט דערצויגן.״ די קינדער פֿון דער דערמאָנטער שול לעבן צווישן זיך מחוץ דער שול אויך. נאָר פֿאַר די אַנדערע קינדער, אָדער עלטערן פֿון אַנדערע קינדער איז עס אַ „ווילדקייט״, וואָס אין דער וואָרשטאַט־שול לערנט מען נישט קיין... דרך ארץ, אַז דעם לערער זאָגט מען אַ מין „דו״ און נישט „אדון״, הער.

דעם „דרך ארץ״ האָבן זיי, די וואָרשטאַטניקעס, אפֿשר נישט. אָבער ב אַ צ י ו נ ג — אַ סך. פֿיל מער, ווי ערגעץ אַנדערש. עס איז איינגעגאַנגען אַ נייער טיפּ פֿון אַ פֿריי דערצויגן קינד. צו זיבן יאָר ווייסט ער שוין די געזעלשאַפֿטלעכע דיסציפּלין, וואָס ער נעמט אויף זיך אַליין. די זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג אין דער שול ווערט געפֿירט דורך די קינדער גופֿא. עס איז נישט אַ שפּיל אויף אין געזעלשאַפֿטלעכקייט, נאָר אָרגאַניש אַרויסגעדרונגען פֿון דער דערציונג. זייער געריכט איז אַן אויטאָריטעט אַפֿילו פֿאַר די לערער און פֿאַרוואַלטער. זייער סדר איז געזעץ, וועלכן די עלטערע מוזן רעספּעקטירן. זייערווירטשאַפֿט איז מוסטער־האַפֿט איינגעשטעלט. זיי פֿירן אַליין אַן מיט דער קיך, חוץ דער הילף פֿון עטלעכע עלטערע אָנגעשטעלטע ביי דער פֿיזיש גאָר שווערער אַרבעט, ווערט די גאַנצע באַלעבאַטישקייט דורכגעפֿירט פֿון די קינדער אַליין. ביים קאָכן, ביים טיילן, ביים וואַשן דאָס געשיר. די לערער און דערציער האָבן אַפֿילו נישט קיין אַנונג פֿון דער אָרדנונג, וואָס קומט פֿאָר ביי זיי, ביי די קינדער, ווער עס איז דיזשורנע און ווער עס איז דערלאַנגער. דאָס איז אַ אָרגאַניזאַציע אָן „זייטיקע איינפֿלוסן״ און אָן „פֿרעמדע״ אָנדייטונגען.

לערע און אַרבעט פֿאַרנעמען אַ גלייכן אָרט. אָפטמאָל, לויט דעם קינדס שטימונג, פֿאַרנעמט איין קעגנשטאַנד דעם אויבן אָן. דער מין צוואַנג איז איבערהויפּט נישטאָ, דערפֿאַר האָט זיך די שול אויסגעאַרבעט אַ מין אייגענע מאָראַל, אַ צוטרוי. אַ קינד האָט שטימונגען און גאַנץ אָפט אַזעלכע, אַז די שול ווערט אין זיין מוחל פֿאַרמירט אין יענעם מאָמענט אַלס אַ תּפֿיסה. וועלכעס קינד אין אַ געוועגלעכער שעה קאָן זיך דערלויבן נישט צו קומען אין שול אָן אַ „געהעריקער" סיבה?

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס קינד מוז לייקענען, סימולירן אַ קראַנקהייט. עס אַנטוויקלט זיך די געוווינהייט פֿון זאָגן ליגן. אין דער שול איז עס נישט פֿאַראַן. אַ קינד איז קיינעם נישט שולדיק קיין ענטפֿער און קיינער פֿאָדערט נישט קיין תּירוצים און אויב עס קומט יאָ און וויל אין מיטן לערנען אַוועקגיין מחמת דער קעגנשטאַנד נודיעט אים, הויבט ער זיך אויף און אָן צו פֿרעגן אָדער אָן צו מעלדן, גייט ער אַרויס: אָדער ער גייט אַוועק אַ היים, אָדער ער נעמט זיך צו שפּילן, אָדער אַרבעטן ביים װערקשטאַט, צי אין גאָרטן.

און דער גאָרטן בליט אונטער דער מי פֿון די יונגע הענט און באַגייסטערטע באַאַרבעטער. יעדעס קינד האָט זיך זיין פֿלאַנץ, זיין בייט. ער זאָרגט דערפֿאַר און פֿלעגט עס ביז די פֿלאַנץ אַנטוויקלט זיך, ביז די בייט ווערט באַדעקט מיט געוויקסן. די קינדער, ווי זיי האָבן ליב די אַרבעטס־מכשירים אין װאַרשטאַט־שטוב, אַזוי האָבן זיי ליב דאָס גרינס פֿון גאָרטן, וואָס איז אויסגעכישופֿט געוואָרן פֿון זייערע הענט. זיי האָבן פֿיינט, אַז אַן אַנדערער זאָל פֿאַרעננריקן די אַרבעט, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן. זיי ווילן האָבן די גאַנצע פֿרייד פֿון זייער שאַפֿונג. און ווען איין קלאַס האָט אַרומגעצוימט דעם גאָרטן מיט אַ דראָטענעם פּאַרקן, און אַ צווייטער קלאַס האָט געדאָרפֿט דעם פּאַרקן פֿאַרענדיקן, האָט דער ערשטער קלאַס נישט דערלאָזט. דערקלערט אַ שטרייק, און במילא — יענעם קלאַס אַלס שטרייקברעכער. האָבן זיי, די „יאַטלעך" מיטגעשילדן אין די הענט זיך אַוועקגעשטעלט אויף

„פּיקעט־ליניע, היטן הייסט עס, אַז „שטרייקברעכער" זאָלן דעם פּאַרק נישט פֿאַרענדיקן...

שול־בענק, קלאַס־צימער, וואַרשטאַט־טישן — לער־ביכער, אַרבעטס מכשירים... דאָס אַלץ מישט זיך אַזוי פֿאַרן אויג. מען שפּאַנט איבער צימער און צימער און ס'איז פֿריידיק צו זען דער־ציִונגס־אינסטיטוציע. פֿאַר זיי — פֿאַר דער קליינער חבֿרה, וועט אַרבעט נישט זיין אַן אָפּקומעניש. איינס מיטן אַנדערן איז געבונדן, אַז מען לערנט געאָגראַפֿיע, ווערט דער טויטער בוכשטאַב אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע, ווערעם תּיכף גייט מען איבער אין אַרבעטס־קלאַס און מיט מאַטעריאַלן פֿון ליים און גיפּס פֿאָרמט מען אויס אַ מ פּע, און אין קנעטן, אין ליניִרן קריצט זיך אויף איין ביים קינד אין געדאַנק דאָס גאַנצע בילד לעבעדיקער, איי־דער דאָס קאַלטע אות האָט אים געלערנט.

און אַ חיות איז, ווי אַ קינד, אַן אַכט יאָריקער, פֿאַרריכט זיך אַליין די שיך — מיט וואָס פֿאַר אַ פֿלייס ער זיצט ביי זיין וואַרשטאַטל, ווי חנעוודיק ער זעט אויס און דאָס פֿאַרטמאָלעטע פּאַרטעפל אויף זיינע קינדערישע לענדן! און מיט וואָס פֿאַר אַ געשיקטקייט אַ ניין יעריק מיידעלע, מיט אַ קאָפּ צושאָטענע בלאָנד־גאָלדענע לעקלעך אַ [illegible] שטערן, אין קורצע שוואַרצע הויזעלעך, שטייט ביים סטאָלער־טיש און פֿירט דעם הובל איי־בער אַ קאַנט פֿון אַ ברעט... און ווי פֿייערלעך עס זעען אויס די פֿאַריסטע בחורים, שוין דערוואַקסענע אין דער געווערק שול־קלאַס אויפֿן נאָמען פֿון מאַקס פּיין. דאָרט פּאַלט שוין דער האַמער פֿעסט און הויך אויף מעטאַל, אויף אייזן און שמידעריי.

אַ בין־שטאָק. יונגע בינען לערנען זיך שאַפֿן. זיי האָבן שוין איצט, פֿון דער פֿריסטער קינדהייט באַנומען די פֿרייד פֿון אַרבעט. די זעקס הונדערט קינדער מיטן גרויסן פּערסאָנאַל זע־נען דערווייל איינגענעסט אין אַלטע באַראַקן, אויף אַנעקסירטן באָדן פֿון דער שטאָט. די רייכע שטאָט וויל אונטער אַלע אומ־שטענדן די שול אַראָפּיאָגן. זי האָט באַדיי דעם פּלאַץ פֿאַרקויפֿט פֿאַר פּריוואַטע צוועקן, אַבי נישט זי, נאָר די „פּריוואַטע"

מענטשן זאָלן די שולן אַראָפּיאָגן. פאַרשטייט זיך, אַז די הס־
תדרות אַליין איז גענוג רייך און האָט גענוג מיטלען אויפצובוי־
ען פיינע בנינים פאַר דער פאַך־שול. ביסלעכווייז טוט זי עס,
נאָר עס איז עפּעס דאָ אַ מורא, אַז מען וועט זיך צורירן צו
דעם, זאָל עס נישט אַמאָל זיך צעשווימען. די שולן אַליין, אויף
זייער פּלאַץ, אין די באַראַקן האָבן טראַדיציע. עס איז אַליי
פאַר זיך אַ גרויס ווערק, געבויט און געשאַפן אין דער אידעאַ
ליסטישער תקופה. אין דרויסן איז דער קורס אַן אַנדערער. פאַר
דעם „אַנדערן" קורס ציטערט מען.

עס וואָלט אַ שאָד געווען די דאָזיקע בלויע בלוזעלעך,
אַרבעטס מונדירן מיט די רויטע אָפּצייכנס אויף די אַרבל—אַרבע־
טער סימבאָלן—זאָלן פאַרביטן ווערן מיט אַלערליי „מגן דודלעך",
„מנורה'ס"; די איינגעפּלאַנצטע ליבע צו פּשוטער אַרבעט, זאָל
פאַרטוישט ווערן אויף „שטרעבונגען" צו דאָקטויריי און אַדוואָ־
קאַטעריי. גיין קלאַסן, זעקס הונדערט קינדער, לער־ביכער, זעג
און האַמער, שול־ברעט, בלומען־בייטן.

אַ דיאַלאָג צווישן מיר און מיין שאָטן

דאָס איז געווען אין אַן אָוונט. אַן אָוונט אין ירושלים אָנהויב מערץ. דער איבערגאַנג צווישן ווינטער און פרילינג איז פאָרגעקומען אין עטלעכע שעה. ממש מיט די אויגן האָב איך געזען דעם איבערבייט. עס איז געקומען דער לעצטער קנאַל. שווער געווען צו וויסן, צי האָט מען ערגעץ אויפגעריסן די געמינעווטע פעלזן פאַר בוי־צוועקן, צי איז דאָס טאַקע געווען אַ דונער. ווייל באַלד דערנאָך האָט אַ שפּריץ געטון אַ רעגן און האָט אָנגעקלאַפּט הויל אויף די שטיין־בערג, ווי אַ באַשיסונג מיט פּולעמיאָטן אויף שוץ־גראָבנס. די טראָפּנס וואַסער זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין האָגל. אין די גראַניט־פעלדן זענען געבליבן ליגן שטיקלעך אייז, און ווען עס האָט זיך צונויפגעשמאָלצן, האָט עס געהאַט אַן אויסזען, ווי ברודיק שניי.

נאָר באַלד דערויף איז אויפגעגאַנגען די זון. עס האָט אָפּגעהילכט דער געבורט פון פרילינג. מען האָט נישט געקענט דערקלערן, נאָר געפילט האָט מען אים. עס האָט זיך געשפּרייט אַ גאָלדענע מילדקייט. אין דעם מאָמענט איז אויפגעגאַנגען די נייע פרילינגס־פרייד אין די געמיטער.

כ'בין איצט, שוין נישט פרי אין אָוונט, געגאַנגען איינער אַליין איבער בערגיקע אומוועגן, וויזיאָנעריש פאַרפירט פון די נאָענטע ליכטלעך, וואָס האָבן אַרויסגעפינקלט ביי די

ברעגן פון ים־המלח. מיר האָט זיך בײטאָג נאָך אויסגעוויזן אַז עס איז עטלעכע הונדערט שפּאַן. נאָר דעם טאָג האָב איך שוין געהאַט הינטער זיך פאַרלוירן. פון פאָרנט האָבן אויפגעטויכט די פײערלעך פון נאָוואָמיעיסקיס פאַבריק, די לופט אויף די ירושלים־בערג איז שיטער און דורכזיכטיק, פאַרנאַרעריש. מײנע קורצזיכטיקע אויגן האָבן געזען אויף עטלעכע צענדליק קילאָמעטער ווײט, דאָס אומבילד פון ים־המלח איז אַהערגעשווימען, אָטאָ דאָ, פון וואַנען איך בין אַרויס, פון הר־הצופים, פון די שטײנערנע טרעפּ בײם אַמפּי־טעאַטער אין הויף פונם העברעישן אוניווערזיטעט.

דער שפּאַציר צום ים־המלח האָט געזאָלט זײן „אַ פאַרברענגען מיט זיך“, אַ חשבון אָפּגעבן זיך אַלײן פון דעם געוועזענעם אין משך פון טעג. ביז האַלב אין טאָג אַרײן האָב איך, צוזאַמען מיט נאָך טוריסטן, פאַרבראַכט אין אַלט און נײ־ירושלים, פאַרענדיקט מײן באַזוך אויפן הר־הצופים. איך האָב דאָרט אַ שטיקל חלק: מײנע אַלע ביכער געפינען זיך אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק. כ׳ווײס נישט, פאַר וועלכן זכות גראָד מײנע ביכער געפינען זיך דאָרט צווישן אַזוי ווינציק ייִדישע ווערק? ... עס איז געוויס נישט מער ווי אַ צופאַל.

איך האָב מײן טאָג פאַרענדיקט אין העברעישן אוניווערזיטעט בײ עפּעס אַ יום־טוב פון די סטודענטן. און זאָל איך זײן אָפנהאַרציק? באַוואונדערונג און קנאה האָבן מיך אָנגעפילט. פאַרשטײט זיך, איך בין נישט געווען אַנטציקט פון דעמזעלבן, וואָס מײנע אַמעריקאַנער מיט־טוריסטן. יענע זענען זיך צוגאַנגען אין נחת דערפון, וואָס נאָכדעם, ווי די גראַדוירונג־צערעמאָניע האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן זיך, אין זעלבן זאַל, די פּראָפעסאָרן אַוועקגעשטעלט דאַווענען מנחה...

שטײענדיק אויפן הר־הצופים, וויקלט זיך פונאַנדער פאַרן אויג אַ כשופדיק בילד פון דער אַלט־שטאָט און נײ־ירושלים. אין דער לופט גײט פאָר אַ געפעכט פון שפּיצן. טורעמס, קלויסטערס, מעטשעטן און מאָדערנע בנינים. קאַפּליצעס, קופּאָלן, דעכער און פעסטונג־מויערן. און ווי אַ בלוי־בלויער שפּיגל

אַרומגענומען מיט אַ גאָלדענער רעם, האַלט זיך עטוואָס משופּע דער געזאַלצענער ים און וואַרפט לאַקערנדיקע חנען אין אויג־אַריין, ציט צו זיך דעם בליק, רופט און נאַרט, ציט און פאַרפירט.

איך האָב זיך געלאָזט „פאַרכישופן" פון ים־המלח און געגאַנגען. איצט איז שוין נישט פרי אין אָוונט. גיין ווייטער אַט דאָ, וווּ די פלעמעלעך ציטערן, האָט שוין קיין צוועק נישט. איך האָב דעם דייטלעכן ציטער פון די פלעמלעך נאָך געזען מיט צוויי שעה פריער. איצט איז עס נישט נענטער און נישט ווייטער. דעם וועג צוריק האָב איך אינגאַנצן פאַרלוירן. פאַרפאַלן. כ'וועל שוין, ווייזט אויס, די ערשט־געבוירענע פרילינגס־נאַכט פאַרברענגען איינער אַליין אויפן וועג פון ירושלים צום ים־המלח.

איך האָב אין זיך איבערגעלעבט אַלע מאָמענטן פון די ביבלישע צייטן. איך בין נייגיריק געווען: ווען איך שפּאַר זיך דאָ אָן אויף דעם קרענצל שטיינער, — צי וואָלטן די שטיינער זיך געקריגט, אויף וועלכן פון זיי מיין קאָפּ זאָל ליגן... איך שפּיץ אָן מיין אויער אויפצוכאַפּן די ווידער־קולות, וואָס שלאָגן זיך אָפּ דאָ אין דער פעלזיקער מדבר. נאָר אויסער אַ קוים ווייטן לופט־אָפּדרוק פון די דאַמף־רערן ביי נאָוואָמייסקיס פאַבריק, הערט זיך גאָרנישט. דער הימל איז איין גרויס טיף געוועב פון שטערן. עס איז היימלעך מיט די שטערן, בפרט אַז זיי פאַרמירן זיך אין אַלערליי בילדער, וואָס מיין פאַנטאַזיע רופט אַרויס.

ווייטער גיין האָט קיין צוועק נישט. בפרט, עס איז נישטאָ דער פאַרלאַנג ווייטער צו שפּאַנען. דאָ איז אַ טויבע שטילקייט. עס ווערט מיר קלאָר, פאַרוואָס עס איז געקומען די געטלעכע אַנטפּלעקונג צו די נביאים אָט דאָ, אויף די בערג. דו הערסט דיינע אייגענע געדאַנקען רעדן און עס דאַכט דיר, אַז דאָס רעדט אַן אַנדערער, נישט דו. וואָרום אָפטמאָל רעדן אין דיר די מחשבות, וואָס דו דערקענסט נישט, אַז דאָס זײַנען דיינע אייגענע מחשבות, אָט די, וואָס וואוינען ביי דיר, אין „בוידעם־שטיבל" אונטער דיין מוח־שאַרבן...

איך זעץ זיך אויף אַן אָנשפּאַר־שטיין. איך זע אַן אָפּשיין

אַרום זיך, וואָס קומט אויס, ווי צוויי רעדעלעך. דאָס פֿאַלט עפּעס אַ דאָפּלט-ליכט פֿון מיינע אויגן אַרויס, פֿון אַ באַהאַלטענעם פֿאָספֿאָר. איך זע געבוי דעם פּלאַץ, ווו זיך צוצווזעצן. שלאָפֿן וועל איך נישט, הגם איך בין מיד. איך פֿאַרגעס, אַז כ׳בין איינער אַליין. מיר דאַכט, אַז אַרום מיר ווימלט מיט מענטשן, וויינינקסטנס מיט די אַמעריקאַנער טוריסטן, וואָס האָבן זיך צוגעהעקלט צו מיר היינט, בעת כ׳האָב באַזוכט קריסטוס־קבר. איך האָב זיי דערקענט, אַז זיי זענען יידן, אַמעריקאַנער יידן, זיי מיך—אויך. נאָר פֿאַרוואָס די שומרים פֿון קבר האָבן אונז נישט דערקענט, בלייבט אַ קשיה...

און פּלוצלינג געשעט עפּעס אַזוינס מיט מיר, וואָס ווערט פֿאַר מיר אַליין אומפֿאַרשטענדלעך. איך האָב זיך באמת דער־שראָקן. נאָר די תּנכישע אַטמאָספֿערע האָט זיך צוריקגעקערט צו מיר, און ווידער איז דאָס געשעעניש מיר געוואָרן פֿאַרשטענדלעך.

פֿון מיר, פֿון מיין גוף, האָט זיך עפּעס אָפּגעטון אַ מאָסע, ווי אַ הויט וואָלט זיך אַליין אָפּגעשיילט פֿון מיר. די הויט האָט געהאַט אַ פֿאָרם פֿון אַ רויך, אָדער ווי אַ שאָטן פֿון אַ רויך. עס איז געווען באַוועגלעך און געריסן הויך. פֿון דער הויך האָט עס זיך צוריקגעזעצט, עס האָט אָנגענומען אַ פֿאָרם. אַ פֿאָרם פֿון אַ מענטש, אַ סילועט, און האָט זיך אויסגעצויגן אויף די דערבייאיקע משופּעדיקע שטיינער. לויט דער פֿאָרם פֿון דעם סילועט האָב איך גלייך דערקענט, אַז דאָס איז מיין שאָטן, מיין אייגענער שאָטן.

וועלכער מענטש איז דאָס נישט געוואוינט צו זיין איי־גענעם שאָטן, בפֿרט זער, וואָס האָט ליב פֿאַרבלאָנדזשעט צו ווערן פֿון זיך, כּדי... זיך צו געפֿינען. איך האָב זיך מיט מיין שאָטן נישט איינמאָל באַגעגנט, און אָפֿטמאָל—מיט דעם שאָטן פֿון מיין שאָטן. דעמאָלט האָט אָבער געמוזט פֿון ערגעץ פֿאַלן ליכט. נאָר דאָ, איצט אויף די פֿעלזן איז קיין ליכט נישט גע־פֿאַלן. די לבנה האָט נישט געשיינט. בלויז די צוויי פֿאָספֿאָר־רעדעלעך פֿון מיינע אויגן האָבן קאַרג, ווי אַ באַלד־אויסגע־ברענטע באַטעריע פֿון אַן עלעקטריש קעשענע־לעמפּל,

געוואָרפן אַ שוואַכן שיין. דער דאָזיקער שיין איז לחלוטין נישט מסוגל אַרויסצורופן דעם שאָטן ביי מיין זייט, בפרט, דאָס געגנצלעכע אָפּטיילן דעם שאָטן, ווי אַ באַזונדערע זאַך פון מיין גוף.

נאָר עס קאָן זיין, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע וויר־קונגען אין דער ארץ־ישראלדיקער לופט. דאָס זענען אפשר די „זעונגען" פון די נביאים. איך קאָן גאָך, ווי יעקב מיטן מלאך, זיך דאָ ראַנגלען מיט מיין אייגענעם שאָטן, וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון מיר און זיצט דאָ (אָדער ליגט) ביי מיין זייט.

דעם אמת געזאָגט, איז עטוואָס היימלעכער. פאָרט אין צווייען אין אַזאַ פאָרכטיקער געגנט. אפשר האָט די נאַטור דאָ באַוויזן אַ נס און דער שאָטן האָט זיך אָפּגעוויקלט פון מיר, כדי מיך צו באַשיצן פאַר אַ לויערנדער געפאַר. קאָן זיין..

נאָר אָט פלוצלינג הער איך אַ שטים. אמת, אַ דעמפּע, עפּעס ווי זי וואָלט יאָ געקומען פון לעבן מיר און ווי פון אַן אויסגעהוילענעם פעלז אַרויס. נאָך מער האָט מיך געשראָקן, וואָס די שטימע איז, ווי דאָסווידערקויל פון מיר אַליין. דער שאָטן פון מיין שטים.

אינסטינקטיוו האָב איך אַ פרעג געטון, ווער עס איז. נאָר מיטן זעלבן אָפּהילך האָט צוריק געקלונגען אַ געדעמפּטער ענטפער:

— איך, דיין שאָטן. דיין לייבלעכער שאָטן.

איך קאָן נישט לייקענען, עס איז פאַר מיר געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער אָוונט. נישט געקוקט, וואָס עס איז מיר געווען זייער שטאַרק קיל, האָב איך דאָך מיט אַ געפיל פון חרטה דערוואַרט דאָס אויפרויטלען זיך פון פרימאָרגן. איך האָב דאָ געהאַט די געלעגנהייט צו באַמערקן, אַז קיין איין ניואַנס פון דעם, וואָס איך האָב שוין באַוויזן צו זען אין פּאַ־לעסטינע, איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען פאַר מיין שאָטן. פאַר מיר פערזענלעך האָבן געוויסע זאַכן נישט געהאַט קיין באַ־זונדערן אינטערעס, און ווען אַפילו איך האָב זיי פאַרנאָטירט אין נאָטיץ־ביכל, האָב איך זיי נישט אויסגענוצט. מיין שאָטן

האָט מיר דערויף איצט אויפמערקזאַם געמאַכט און אויפגעוויזן אויף דעם, וואָס איך, און נאָך אַזעלכע ווי איך, באַגייען זיך אומריכטיק בנוגע געוויסע דערשיינונגען אין ארץ־ישראלדיקן אויפבוי־ווערק.

נאַטירלעך האָבן מיר ביידע, איך און מיין שאָטן, וואָס איז זיכער מיין נאָענטסטער און געטרייסטער באַגלייטער אויף מיינע וואַנדערונגען, איצטער גערעדט, דיסקוטירט וועגן ארץ־ישראל. ער האָט מיר געשטעלט אַ פראַגע:

— ווי האַלסטו פון ארץ־ישראל?

איך האָב זיך געפילט אין פאַרלעגנהייט פון דער אומגעריכטער פראַגע. איך האָב נישט גלייך געענטפערט.

דער שאָטן מיינער האָט פאַר מיר גערעדט:

— ס'איז אומנוציק צו פרעגן דאָס. איך האָב אייגנטלעך געפרעגט צוליב געוווינהייט. דער אמת, ווייס איך דיינע שטימונגען. איך בין דערביי, ווי דו זיצסט ביי דער שרייב־מאַשין און שרייבסט דיינע „רעפּאָרטאַזשן".

— אַז דו ווייסט, וואָס זשע פרעגסטו?

— עס מאַכט נישט אויס — האָט דער שאָטן שוין לעבהאַפט גערעדט — ביזט זיכער סוביעקטיוו אין דיינע שילדערונגען, אָבער ווייט נישט אַריינגעלעבט אין פּראָבלעם, וואָס הייסט „ארץ־ישראל". ביזט פאַרכאַפּט, אָדער אַנטוישט פון דער אָדער יענער דערשיינונג. אָפטמאָל גאַליק צוליב אַן אומוויכטיקייט, וואָס איז אגב אומפאַרמיידלעך.

— אַ שטייגער, וואָס?

— אַ שטייגער, וואָס דו און דיינס גלייכן וואַרפן פאָר די, וואָס האָבן געבויט, איינגעשטעלט זיך, געגאַנגען אין סכנה, באַצאָלט מיט בלוט. ביזט דאָך געווען, פאַרדאָן, מיר זענען דאָך ביידע געווען אין די קבוצות און אין די קיבוצים. האָסט דאָך געזען די בית־עולמס. ווי ווינציק עס זענען געשטאָרבן מיט זייער נאַטירלעכן טויט. ווען אַפילו עס ווערן געמאַכט טעותים, איז עס אָבער אַלץ נישט קיין אָביעקט פאַר קריטיקירן. פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי אַליין, זיי די וואָס האָבן געבויט און

בויען, געפינען, וואָס איז ריכטיק און וואָס — נישט.

— דו ווייסט דאָך, שאָטן מײַנער, אַז מײַן פולע פאַרערונג און באַוווּנדערונג די שעפער און בויער פון לאַנד־וועדק. אָבער...

— אָבער, וואָס? — האָט מײַן שאָטן איבערגעפרעגט שנעל — אָט דער „אָבער" באַווייזט, אַז דו קומסט ווי אַ זײַטיקער. עס איז לײַכט איצטער צו קריטיקירן, אַז מען איז נישט געווען דערבײַ און נישט געהאָלפן זומפן טרוקענען, מגפה פאַריאָגן און אין קאַמף מיט דער מגפה, ווי אין יעדער שלאַכט, איז מען אַליין געפאַלן. אָפּגעשטעלט האָט מען זיך נישט. צוריקגעצויגן אויך נישט. איצט בליט, גרינט און גאָלדיקט זיך אַ לאַנד.

ענטפער איך:

— די נאָכפאָלגער און די פירער פון איצט קאָנען אָבער נישט פאַרגליכן ווערן צו די מסירות־נפשניקעס פון אַמאָל. זיי שלאָגן אָפּ דעם אידעאַליזם. זיי ווײַזן אַ בײַשפּיל פון קאַפּיטאַליזאַציע און קאָסטנטום. די וואָס האָבן געקעמפט מיט אַלערלײַ פּורעניות, האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין זאַך, געפאַלן און ווייטער געגאַנגען. נישט געווען בײַ זיי קיין פשרה. קיין צוריקגאַנג. אַפילו צוליב סטראַטעגישע טעמים אויך נישט.

מײַן שאָטן איז געוואָרן נײַגעריק:

— למשל?

— למשל, ענטפער איך, ביזט דאָך מיטגעווען מיט מיר איבער אַ ריי פאַבריקן. נעם איין בײַשפּיל: די זאָקן־פאַבריק „לאָדושיאַ". האָסט געזען עקספּלואַטאַציע? נו זיכער, געזען. די אַרבעטער האָבן געציטערט צו דערציילן, הגם איך האָב זיך באַמיט צו געווינען זייער צוטרויען און סימפּאַטיע. אין אַ לאַנד, וואָס איז געבויט אויף אַרבעט און שאַפן, אין אַ לאַנד, וווּ אַרבעט איז דער העכסטער און דערהויבנסטער אויסדרוק, און דער אַרבעטער אַ מיוחס, — איז אַזאַ דערשײַנונג ווייטאָקלעך. איך רעד שוין נישט וועגן די זיבעצן און אַ האַלבן פּיאַסטער אַ טאָג פאַר אַן אַרבעטערין, פאַר שווערע אַכט שעה אַרבעט. אַרבעט לויטן אַמעריקאַנער „יאַג־סיסטעם". דער לוין איז ווייט פון צו זײַן האַלב באַפרידיקט. צי קאָן אַן אַרבעטער פון דער

„לאָדושיאַ" אָדער פון ענלעכע, כאָטש טרוימען פון דער מינ־דעסטער באַקוועמלעכקייט, פון וווינען אין אַ לייטישן צימער ביי דער תל־אביבער וווינונגס־שפּעקולאַציע?...

— אַנטשולדיק מיר — האָט דער שאָטן זיך אָנגערופן — אַנטשולדיק, וואָס איך ברעך דיר איבער גראָד ביי דעם וואָרט „וווינונג־שפּעקולאַציע". צי ווייסטו נישט, אַז אַ גרויסער טייל פון דער אַרבעטערשאַפט זענען צופרידן פון אָט דער שפּעקולאַציע?

— ניין, איך ווייס נישט.

— עס איז פּשוט: וואָס מער וווינונג־שפּעקולאַציע, אַלץ מער איניציאַטיוו איז דאָ פאַר בויען. וואָס מער מען בויט, אַלץ מער איז דאָ אַרבעט, וואָס מער אַרבעט, אַלץ ווינציקער הענט. וואָס ווינציקער הענט — מער פאַרדינסט.

— ס'טוט מיר לייד, שטענדיקער באַגלייטער מיינער, וואָס ביזט קוים צוויי חדשים אין לאַנד און טראַכסט שוין אַזוי, ווי עס טראַכט זיך אין אַלגעמיין. איך וואָלט דיר געקענט דאָס לידל זינגען צוריקצווועגס און דער חשבון וואָלט געשטימט. איבריקנס, נישט אַלע זענען „גאָלדענע" פאַרדינער ביי בנין. ווען אַלע וואָלטן דאָס געווען, וואָלט עס זיכער נישט געווען קיין געזונטע דערשיינונג. דער פאַקט, וואָס עס טיילן זיך אָפּ שיכט נאָך שיכט אַרבעטער און גייען אַוועק אין די פאַבריקן, איז אַ סימן, אַז זייער לאָגיק איז קלאָרער. פּראָדוקטיוויזאַציע הייסט נישט בלויז טראָגן ציגל. ליידער האָבן די פאַבריק־אַר־בעטער נישט אַזאַ „הויכע" קאָניונקטור, ווי די בוי־אַרבעטער, הגם זייערע פאַבריקאַנטן שלאָגן גאַנץ נישקשהדיקע פּראָפיטן אין דעם לאַנד וואָס „זיי בויען".

— אָט דאָס איז טאַקע דאָס פאַרדריסלעכע — האָב איך גע־רעדט צו מיין שאָטן — ביזט דאָך בייגעווען דעם שמועס, וואָס איך האָב געהאַט מיט אַ הויפּטלינג פון הסתדרות, למאי מען מאַכט אַזעלכע קאָנצעסיעס די פאַבריקאַנטן. אין דער זעלבער צייט, וואָס זייערע פּראָפיטן שטייגן און זייער קאַפּיטאַל פאַר־גרעסערט זיך, איז די עקספּלאָטאַציע גרויס און דער אַרבעטס־

לוין נידריק. געדענקסט דעם ענטפער? ניין? וועל איך דיר דערמאָנען טאַקע אין זיינע ווערטער:

„מיר מוזן דאָ אָנהאַלטן דעם גלייכגעוויכט צווישן אַרבעט און אונטערנעמונג. מיר טאָרן נישט איבערציען דאָס שטריקל. קאַפּיטאַל איז נאָך נישט איבערצייגט, אַז פּאַלעסטינע איז אַ גינסטיק פּלאַץ פאַר מאַכן רווחים, ער אינוועסטירט זיינע קאַפּיטאַלן נאָר צוליב... נאַציאָנאַלע טעמים. דעריבער טאָרן מיר נישט לייגן קיין שטיינער אויפן וועג. קאַפּיטאַל האָט אַ טבע (קאָן זיך פאַרגינען — מיין באַמערקונג) צו זיין קאַפּריזנע. וועסט שטאַרק אָנשרויפן, וועט ער גאָר ברוגז ווערן. מיר האָבן שוין געהאַט אַזאַ דערפאַרונג מיט איינעם אַ פאַבריקאַנט, וואָס האָט גאָר זיין פאַבריק אַרויסגעצויגן פון ארץ־ישראל קיין... סיריע".

— איך זע אין דעם נישט קיין אומרעכט. מ'מוז אין אַזאַ פאַל אָנווענדן טאַקט, אויסגערעכנטקייט. ס'איז אַ שאַך־צוג.

— און איך גלויב, אַז דאָס איז אַן אָפענער איין און דרייסיק. און ווייניק־וואָס גלויב איך אין קאַפּיטאַליסטישן אידעאַליזם און נאַציאָנאַליזם. האָסט נישט איינמאָל געהאַט די געלעגנהייט צו לייענען וועגן גרויסע נאַציאָנאַלע שווינדלערייען, אין אַמעריקע און אין פראַנקרייך (לעצטנס מעשה סטאַוויסקי) און גראָד פון טויזנט פראָצענטיקע פאַטריאָטן, מיניסטאָרן און ריכטער. קאַפּיטאַל איז פּיפּיקער און כיטרער און „אינטערנאַציאָנאַלער", ווי אַלע אַרבעטער צוזאַמענגענומען. ווען קאַפּיטאַל זאָל נישט פילן, אַז דער „פּאַלעסטינער מאַרק" איז איצט דאָס גינציקסטע ווינקעלע אין גאָר דער וועלט, וווּ מען קאָן שלאָגן פּראָפיטן, וואָלט ער נישט געקומען מיט זיינע אינוועסטירונגען. ער וואָלט געווען אַ גוטער „נאַציאָנאַלער ייד", געבנדיק אַ נדבה פאַר דעם אָדער יענעם „קרן" (און דערפאַר באַקומען אַ חלק כבוד). ווען „אָנקל מאָזעס" האָט געפירט זיינע „ביזנעס" אין אַמעריקע, האָט ער נישט געוואָלט הערן וועגן קומען קיין „פּאַלעסטיין", נאָר ווען דער אַמעריקאַנער מאַרק איז איבערפולט מיט פאַרטיקער פּראָדוקציע (אַדאַנק זיין „יאָג־סיסטעם"), קומט ער דאָ אַהער, עפנט אַ „שאַפּ", קריגט פאַרהעלטנישמעסיק ביליקע

הענט, נוצט אויס דעם קאַמף צווישן אַרבעטער מיט אַרבעטער פאַר זייַנע צוועקן. שטעלט זיך אַליין אין סימפּאַטיע צו דער אָדער יענער ריכטונג, און באַקומט דערפאַר די „נאַציאָנאַלע ברכה" פון באַטרעפנדן צד. ער טראָגט אויף זיך אַ „קמיע", וואָס וועט אים באַשיצן פון אַלדי אָנשיקעניש, דער עיקר — פון שטרייקן.

— דאָך, וועסט דאָך מודה זיין, אַז ביי אַלע פעלערן הערשט אין לאַנד דאָס, וואָס מען רופט אָן „פּראָספּעריטי". איך באַגלייט דיך, זאָגט מיין שאָטן, אין דיינע אַלע וועגן. איך בין דאָך מיט דיר אין גאָר דער לעצטער צייט געווען איבעראַל. זאָג, כאָטש, האָסטו געהערט איין צופרידענעם אויסדרוק? האָסטו געזען איין אָפּשטראַלונג פון פרייד אין אַרבעטערס אויגן? צי ער האָט יאָ געאַרבעט, צי נישט — האָסט דאָך איבעראַל געזען צעפּרעסנקייט, צעפוילטקייט פון קאַפּיטאַליזם און פאַרצווייפלונג, דערדריקונג, הונגער, דאַכלאָזיקייט ביי די אַרבעטער. און דאָ, אַז נאָר מען לאַכט, אַז נאָר מען פרייט זיך. וועלכן פון דיינע באַקאַנטע דו האָסט באַגעגנט און געפרעגט: „ווי גייט עס?", האָט מען געענטפערט מיט זון אינם שמייכל: „גוט. כ'בין צופרידן". ווי קומט עס, וואָס ביי די „עקספּלואַטאָרישע אומשטענדן" (דער שאָטן האָט אונטערגעצייכנט די „גענזנפיסלעך") זענען די רייען ביי דער פּאָסט גרויס? דאָס שטייען לאַנגע שורות אַרבעטער אַוועקצושיקן געלט קיין „חוץ-לארץ". האָט דיר דער דירעקטאָר פון „אַנגלאָ-פּאַלעסטינע-באַנק" נישט דערקלערט, אַז ער האָט געמוזט פאַרגרעסערן זיין פּערסאָנאַל און עפענען נייע אָפּטיילונגען, ווייל עס איז אוממעגלעך נאָכצוקומען די באַדערפנישן פון עולם? און די פּוילישע „פּ. ק. אָ." ווערט דען נישט נתעשר פון אירע איבערזענדונגען פון תל-אָביב קיין פּוילן? פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ עשירות, אויב די אַרבעטער ווערן אַזוי עקספּלואַטירט? ווי קומט עס, וואָס גראָד דאָ, אין „עקספּלואַטירטן" (מיין שאָטנס „גענזנפיסלעך") האָבן אַ גרויסע טייל פון די אַרבעטער און אָ נ ג ע ש ט ע ל ט ע אייגענע „מגרשים", דאָס הייסט בוי-פּלעצער, און אַסאַך האָבן שוין אַפילו

זייערע פלעצער באַבויט און וווינען זיך אין אייגענע באַקוועמע דירות?

— איך נעם זיך נישט אונטער דאָס דיר גענוי צו פאַרענטפערן. ביסט גלייך מיט מיר אין לאַנד און האָסט שוין באַוויזן אויפצוכאַפּן אָט דעם „נס”. עס איז טאַקע אַלץ אמת, אַז מ׳שטייט אין רייען ביי דער פּאָסט און אין די בענק אַוועקצושיקן געלט. איך האָב זיך אויך אינטערעסירט און געזען די סומעס, וואָס ווערן געשיקט. מערסטנטייל צו ווינציקע פונטן. נאַטירלעך, שיקט מען אויך גרעסערע סומעס, נאָר דאָס — פון סוחרים, הויז-אייגנטימער, פאַבריקאַנטן און... באַאַמטע. יאָ, דו רופסט דאָס „אָנגעשטעלטע”. איך וועל עס רופן מיט דעם ארץ־ישראלדיקן נאָמען „פקידים”. אויף וויפל איך האָב דעם איינדרוק, זענען זיי דאָ אין אַ צו־גרויסער צאָל, קאָן זיין — מען דאַרף זיי, איך נעם זיך נישט אונטער דאָס צו זאָגן. נאָר אָט זענען מיר דאָך נעכטן געווען אין אַ געוויסער „קרן”־אינסטיטוציע, און בעת מיר האָבן ביידע געוואַרט אויף דעם, וואָס מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן (דער סוף איז געווען: ער איז נישט געקומען, דער ראש פון די פקידים), האָט זיך דורכגעוואָרפן אָן אַ שיעור מיט אָט די אָנגעשטעלטע, וואָס טייל האָבן געטרונקען טיי און אַנדערע האָבן דערלאַנגט טיי און נאָך אַנדערע האָבן געלייענט צייטונגען, און אַלץ לאַנגזאַם, צייטלעך, נישט געאיילט. איז מילא, דאָס בין איך נישט אויסן. נאָר אַז דו רעדסט וועגן אַרבעטער, וואָס האָבן בוי־פלעצער, אָדער אייגענע דירות, האָסטו פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז אין דער ערשטער ריי זענען דאָס ,אינטעליגענטע אַרבעטער”, אָדער אַרבעטער ביי אינטעליגענטע פאַכן — פשוטער געזאָגט: פקידים.

וועסט דאָך מודה זיין, אַז די פקידים שטעלן זיך דאָ אַוועק אין אַ באַזונדערס פּריווילעגירטער לאַגע, און טאַקע אַלס... קאַסטע. אין אַ געוויסער שטאָט האָב איך באַזוכט (געדענקסט דאָך) אַ „שכונת פקידים”, אַ באַאַמטן־קוואַרטאַל. אמת, אַ געוויסע קאַטעגאָריע פון מענטשן, צי אַרבעטער ביי איין פאַך (הגם — צו וואָס?) האָבן דאָס רעכט אויפצובויען זיך און וווינען צוזאַ־

מען. עס איז זייער זאַך. נאָר עס איז עפּעס נישט דאָס... גראָד דאָ, אין ארץ־ישראל, ווו די סענסיוויטעט איז אַזוי שטאַרק, האָט מען דאָס גראָד געדאַרפט פאַראַלגעמיינערן. אויסמישן זיך. אַ נפקה מינה, ביי וואָס איינער איז באַשעפטיקט. דו — אין ביוראָ, און איך —ביים רייניקן די גאַסן. דאָך, דו ווייסט עס גאַנץ גוט, אַז ס'איז נישט אַזוי. אַז ביוראָקראַטיע שאַרט זיך דאָ אַריין דורך טיר און פענצטער. ביסט אַוודאַי געשלאָפן, בעת איך בין געשטאַנען ביי אַ קאַסע־פענצטערל אין אַ שטאָטישער אינסטיטוציע און מ'האָט געדאַרפן אויסצאָלן די שאָסיי־אַרבעטער זייערע געהאַלטן. האָט מען עס געטון מיט אַזאַ זויער פּנים, גלייך מען וואָלט זיי, די אַרבעטער, געגעבן אַ נדבה... דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז דער אויסצאָלער איז אַ פּקיד, אַלזאָ, אַן אַרבעטער...

נאָך עפּעס וועל איך דיר פרעגן, וואָס מיר פּלאָגט און איך געפין נישט דערויף קיין ענטפער: למאַי אין די פאַרשידענע שכונות, דאָס הייסט אין די אַרבעטער־הייזער, וואָס זענען אויפ־געבויט אויף קרן־קימת־ערד, וווינען די מערסטע פּקידים, העכערע באַאַמטע און פירער פון אַרבעטער־אינסטיטוציעס, און גאָר ווינ־ציק סתם־אַרבעטער. די סתם־אַרבעטער — אַז זיי ווילן אויס־בויען שותּפותדיקע וווין־הייזער, מוזן זיי קויפן ערד אויף שפּע־קולאַטיווע פּרייזן?

שווייגסט? הייסט עס, אַז אויך דו קענסט מיר נישט ענט־פערן. פאַרפאַלן. דער ענטפער וועט מסתמא פון ערגעץ קומען.

מיר האָבן נאָך לאַנג און ברייט גערעדט. אמת, מיט אַסאַך זאַכן האָב איך איינגעשטימט. און אויף אַנדערע — האָט ער מודה געווען, אַז איך בין גערעכט. צום סוף האָט ער מיך אַ פרעג געטון:

— וואָלסט געוואָלט דאָ בלייבן, אויף שטענדיק שוין, אין ארץ־ישראל?

זיין פראַגע האָט מיך אַביסל צעמישט. איך האָב נישט געענטפערט גלייך.

ער האָט געזאָגט:

— איך ווייס, אַז פאַר דיר פּערזענלעך איז דאָס נישט קיין ענין. נאָך ניו־יאָרק, פּאַריז קאָן מען זיך נישט איינלעבן. בפרט אַזאַ עקסצענטערישער מענטש, וואָס איז געוווינט אַ ברייטן שפּרייז צו טון איבער אַ לאַנד פון דריי־פיר מעת־לעת עקספּרעס־צוג, אַן אָטעם צו טון מיט אַ ברייטן אָטעם. דאָ פעלט פאַרנעם און גיגאַנטישקייט. דאָך—אַ וועלט שטרעבט, וואָלט זיין גליקלעך צו קאָנען זיך דאָ באַזעצן און איינאָרדנען, טראָץ אַלע חסרונות, וואָס דו וואַרפסט פאָר.

איך האָב געקוקט אַרום זיך. די פּראַכט פון דער ערשט געבוירענער פרילינגס־נאַכט האָט זיך צעזונגען אין די בערג אַרום. פון אויבן האָבן שימערירט די פייערלעך פון ירושלימער גאַס־באַלויכטונג, און אָפּטמאָל האָבן זיך די שטערן און די גאַס־פייערלעך צונויפגעגאָסן. דאָס, וואָס כ׳האָב בייטאָג געזען אין אַלט און אין ניי־ירושלים, איז איצט געקומען צו שווימען, ווי אַן אָאַזיס. ווייזט אויס, עס איז געלעגן אַזאַ אָפּדרוק אין מיינע אויגן און זיי האָבן איצט אויף דעם ווייסן שטיין אָפּ־רעפלעקטירט, אַרויסגעשטראַלט און איך האָב עס געזען אין פאַרשענערטע פאַרבן. סטיליזירטער, אָט אַזוי, ווי עס איז דער געבוי פון דעם „יאָנג מען קריסטשיען אַסאָסייאיישן״, וואָס איז אַ הערלעכע קאָמבינאַציע, אַ פּאַלאַץ פון טויזנט און איין נאַכט, לויט אַ מאָדערנער אויפפאַסונג. דער העלער טורעם איז איצט אַ שוואַרצער טייט־פינגער, ווי דער שאָטן פון בבלס טורעם. עס איז שיין צו לעבן אין אַזאַ פאַרכישופטער וועלט. דער עיקר — ירושלים. נאָר...

מיין שאָטן איז, ווייזט אויס, געווען צוגעוווינט צו מיינע געדאַנקען, און אפשר האָבן די געדאַנקען הויך גערעדט. ער האָט פּלוצלונג אַ פרעג געטון:

— וואָס נאָר? ווער לאָזט דיך נישט? ווער שטערט דיר? קאָנסט האָבן אַ חלק אין שאַפן, וועסט קענען, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע, פון דאַנען מיט שטאָלץ אויסרופן:

„דעם און דעם וועג האָב איך געפּלאָסטערט". „דאָס און דאָס הויז האָב איך געהאָלפן בויען", „די און די שטיינער האָב איך אויף מיינע אַקסלען געטראָגן". ס'איז אָנגענעם אַזאַ געפיל צו האָבן.

— ריכטיק, מיין פריינט, האָב איך געזאָגט, אָבער שווער זיך אויסלעבן דאָ.

— אַ שטייגער?

— נו, ווייסט דאָך: שפּראַך, קולטור. מען איז דאָ אָפּגעריסן פון דער ברייטער יידישער וועלט. פון שאַפונגס-קוואַל. אַ קולטור, וואָס מען וויל איבערפלאַנצן און עס לאָזט זיך נישט. געדענקסט דאָס בילד, ווי אַרבעטער ביי אַ שאָסע, האָבן אין מיטאָג-שעה זיך אויסגעזעצט אויף שטיינער און איינער, דער „געלערנטער" פון זיי האָט די צייטונג, דעם „דבר", פאָרגעלייענט הויך אויף אַ קול, געלייענט, נאַטירלעך, האָט ער עס אין „עברית", נאָר פאַרטייטשט עס אין יידיש אויפן שטעל, אָט ווי אַמאָל, די „פירלייענערין" ביי אונז אין שטעטל, וואָס האָט „פאַרטייטשט" די מעשה פון „יוסף און זיינע ברידער". פאַרשטייסט, אַ מאַסע איז דאָ געוואָרן אַנאַלפאַבעטיש. וואָס-וואָס, נאָר מען האָט קיינמאָל נישט פאַרגעוואָרפן דעם יידישן אַרבעטער אין גאָר דער וועלט, אַז ער לייענט נישט. ער האָט געלייענט און זיך זעלבסטגעבילדעט — אויף יידיש. זיין מאַמע- און מאַסע-שפּראַך.

— ווי רעדט די מאַסע אין אַמעריקע, נישט ענגליש?

— ניין. מאַסע רעדט יידיש, דער אַרבעטער—יידיש. דערויף זאָגן עדות די יידישע צייטונגען און...

— און וואָס נאָך? יידישע ביכער? יידיש טעאַטער? פאַרלעזונגען? רעפעראַטן? יאָ, ווילסט, כ'זאָל דיך איבערצייגן, אַז עס האָט קיין האָפט נישט? ווייסט גאַנץ גוט, אַז אין אַמעריקע קומען צו רעפעראַטן בלויז... אַלטוואַרג, און דאָס אויך — מיט קונצן. אַ פייערונג פאַר אַ שרייבער, אַלזאָ, פאַר אַ יידישן שרייבער, מוז מען אַנאָנסירן מיט אַ חזן אָדער אַ... טענצערין. וויפל ביכער דרוקט מען און וויפל פאַרקויפט מען אין אַמעריקע?

און וויפֿל יידישע ביכער דרוקט מען בכלל אויף דער וועלט? טויזנט איז אַן „איבערגעטריבענע צאָל״. און פֿאַרקויפֿן, פֿאַרקויפֿט זיך אַ דריטל. גיב אַ קוק, וויפֿל ביכער עס דרוקן זיך דאָ, וויפֿל זשורנאַלן, אויסגאַבן, און דער עיקר — זיי זענען אַוועק־געשטעלט אויף גוטע געשעפֿטלעכע (דער שאָטן האָט אונטער־געשטראָכן דאָס וואָרט געשעפֿטלעכע) יסודות. גיב אַ קוק, ווי עס זעען אויס די פֿאַרלאַג־בנינים, וויפֿל מענטשן עס לעבן דערפֿון, ווי אַלץ איז געזונט און באַזעדיק?

— דו זאָגסט — האָט דער שאָטן ווייטער זיך געהיצט — אַז ס'האָט צוגענומען ביי די מאַסן די מעגלעכקייט גייסטיק און קולטורעל זיך אויסצולעבן. זיי לייענען נישט און פֿאַרשטייען נישט דאָס טעאַטער, וואָס מען גיט זיי, איז וועל איך דיך פֿרעגן: וויפֿל יידישע אַרבעטער און מאַסן־מענטשן באַזוכן די נישט־יידישע טעאַטערן אין חוץ־לאָרץ: אין פּויליש, ענגליש, פֿראַנצויזיש און דאָס גלייכן? לאָמיר אָננעמען, אַז העברעיש איז אַ... פֿרעמדע שפּראַך, וואָס טוען יידן, לאָמיר זאָגן, אין גוואַטעמאַלאַ, צי אין פּאָרטאָ־ריקאָ, וווּהין זיי האָבן עמיגרירט און האָבן דאָרט נישט קיין יידיש טעאַטער, נו, לערנען זיי זיך נישט אויס די שפּראַך, און לייענען נישט די שפּאַנישע פּרעסע, אָדער גייען נישט אין שפּאַנישן טעאַטער?

און אַפֿילו דאָרט, ווו עס איז דאָ, ניו־יאָרק אָדער וואַרשע, לאָמיך דיר זאָגן, איז איידער אַ ז אַ טעאַטער־שפּילן, איידער אַזעלכע פּיעסעס, איז שוין בעסער, דער אַרבעטער זאָל זיין אָפּגעריסן פֿון די „קולטורעלע״ אינסטיטוציעס און לעבן ווי אין אַ מדבר.

— וואָרום וואָס־וואָס—האָט מיין שאָטן זיך אַליין באַגיי־סטערט פֿון די אייגענע רייד — דאָס, וואָס מען גיט דאָ, אין ארץ־ישראל, הגם נישט אין דער „פֿאַרשטענדלעכער שפּראַך״, איז עסטעטיש, קולטורעל, דערציעריש. סיי די „הבימה״, סיי דער „אהל״ גיבן קינסטלערישע בינע־ווערק פֿון די וועלט־דראַמאַטורגן. דאָס, וואָס מען גיט נישט קיין אייגענע, קיין אָריגינעלע, איז אַוודאי אַ קללה. איך בין מסכים מיט דיר, אַז

די קונסט האָט נאָך דאָ דערווייל נישט איר וואָרט. אפשר דערפאַר, ווייל צום ערשט קומט דאָס לעבן מיט זיין שעפערישקייט, דערווייל ווערט דאָ געשאַפן אָט די לעבעדיקע פּאָעמע, די אַרבעט- און אויפבוי־סימפאָניע, און דאַן וועט קומען דער קינסטלער און דאָס ברענגען צום קינסטלערישן אויסדרוק. נו, פאַרוואָס זשע זענען זיי נישט געקומען, די קינסטלער, די יידיש-שרייבער ביז אַהער און געזאָגט זייער וואָרט?

— מען וואָלט נישט געלאָזט.

נישט געלאָזט? ווער? געשיכטע שאַפן די, וואָס שטעלן זיך אַוועק מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל. צום ערשט האָט מען דעם רעיון פון אַן אויפבוי־לאַנד אויסגעלאַכט, צוגעלאָזט די בעלי־חלומות. האָבן אָט די „בעלי־חלומות" געוויזן, וואָס זיי קענען, אויף אַלע געביטן: ווירטשאַפטלעך און קולטורעל. מסכים, צי נישט מסכים. יעדער האָט דאָס רעכט, ווען ער בויט עפּעס, אויסצוויילן די פאָרם פון זיין בוי-ווערק. עס זענען געקומען פאַנטאַסטן און פון אַ „קריאת שמע שפּראַך", געשאַפן אַ לשון, וואָס ווילנדיק צי נישט, איז עס געוואָרן אַן אומגאַנגס־שפּראַך. אַ שפּראַך פאַר קינדער, אַלנפאַלס, זיכער. אַ שפּראַך פון אַ מלוכה, פון אַ צייטונג, פון אַ בוך.

דאָס, וואָס די מאַסע האָט די שפּראַך נישט אויפגענומען, איז אַן אַנדער זאַך. איז, ערשטנס, ווייס איך נאָך נישט, צי עס איז אַזוי. צווייטנס, ווען עס איז אַזוי, טאָ ווער איז שולדיק, וואָס די מאַסע איז בנוגע „קולטור-פראַגן" געבליבן הענגען אין דער לופט? ווו זענען עס די יידישיסטן, וואָס זאָלן גייסטיק נעמען די גייסט־באַרויבטע מאַסע אונטער זייערע פליגל? פאַרוואָס האָט דער אימיגראַציע-שטראָם נישט מיטגעבראַכט די יידישע שרייבער, זשורנאַליסטן, פובליציסטן, דראַמאַטורגן, אַרטיסטן און דיכטער, זיי זאָלן דאָ מאַכן אַן אָנהויב, פונקט ווי זיי האָבן געטון, אַלס אָנהויב, אין אַמעריקע, אַרגענטינע, אַפריקע? כ'ספק נישט, אַז זיי וואָלטן דאָ אָנגעטראָפן אויף אַבעסערן, אויף אַ נאַטירלעכערן באָדן, ווי אין אַנדערע אימיגראַציע-לענדער. קאַן זיין, אַז פון

אָנפאַנג וואָלט געווען גרינגער, שפּעטער, שווערער און איצטער— נאָך שווערער צו קעמפן. דאָך, כ'בין זיכער, אַז פאַרן יידישן וואָרט וואָלט דאָ געווען די בעסטע היים. ארץ-ישראל וואָלט גייסטיק געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט גאָר דער וועלט אין זין פון קולטור און שאַפונג.

פאַרוואָס איז ארץ-ישראל נאָך אַלץ מינדערוויכטיק אין די אויגן פון אַ גרויסן טייל יידישע שרייבער אַלס טעריטאָריאַלע באַזע פאַר אַ טייל פון יידישן פאָלק און זיי באַציען זיך דערצו מיט ביטול? ווען דער אָדער יענער קומט אַהער, באַגייסטערט זיך אַפילו מיט דעם אויפבוי,—האַלט ער זיך אַלץ נישט מער, ווי אַ טוריסט און רעזערווירט. פאַרוואָס שיסן פון הינטער אַ פאַרקאַן און נישט קומען אַהער זיך שטעלן צו דער אַרבעט פון בויען און דעריאָגן?

אוודאי, ווען די „בעסטע און גרעסטע” פון דער יידישער ליטעראַרישער וועלט זאָלן קומען אַהער, וואָלט מען זיך צו זייער שטים צוגעהערט. קאָן זיין, עס וואָלט עפּעס פאַרלוירן געגאַנגען פון דעם, וואָס עס ווערט אָנגערופן „העברעיש”, אָבער די ליטעראַטור גופא, די קונסט, דער גייסט וואָלטן באַרייכערט געוואָרן, און איך בין זיכער, אַז אַלע גוטע פריינט פון דאָ וואָלטן זיך דאָס געווונשן.

האַלטסט, אַז דער העברעישער אוניווערזיטעט איז נאָך קיין אוניווערזיטעט נישט? מסכים. אָבער אַ פאָרם איז דאָך שוין דאָ. האָסט געזען דעם פאַרנעם? די אויסשטאַטונג און די איינריכטונג? פריער אָדער שפּעטער וועט דער בנין אָנגעגאָסן ווערן מיט אינהאַלט. די אַלע, וואָס האָבן געבויט און בויען ווייטער, גלויבן אין דעם. וואָס איז מיט די אַלע וויכטיקע, הערלעכע אינהאַלטסרייכע יידישע אינסטיטוציעס אין אייראָפּע און אין אַמעריקע?

וואָלטן אָרום דעם וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט געווען אַזוי פיל „פאַנאַטיקער”, ווי עס האָבן די העברעישע אינסטיטוציעס, וואָלט דער גורל געווען אַן אַנדערער און דאָס מזל אַ בעסערער.

* * *

מיין שאָטן האָט זיך ערשט רעכט גענומען פּאַנאַנדערפירן מיט זיינע טענות צו מיר, וועלכע עס האָבן זיך אין אים, דורך דער גאַנצער צייט, וואָס ער באַגלייט מיך, אָנגעקליבן. איך האָב זיך געגרייט אים צו ענטפערן. נישט אויף אַלץ. איך בין מודה: אין געוויסע פאַלן איז ער נאָך מער, ווי גערעכט. נאָר דער פרימאָרגן האָט זיך גענומען אַפּירבלייכן פון הינטער די בערג, וועלכע זענען איצט געוואָרן געהילט אין פיאָלעטענער ראָזקייט. דער טוי איז אויפגעשטאַנען, ווי אַ וואָלקן, זיך אויפ־געהויבן. און אין דער הויך איז ער באַשטראַלט געוואָרן מיט אַ יונגער ליכטיקייט. פאַנטאַנען גאָלד האָבן זיך פון ערגעץ געריסן, צעגאָסן און געפּלייצט אַרום מיר אויף די פעלדזן, אין ווייט־נאָנטן ים־המלח. צוקאָפּנס מיר — די דעכער פון ירושלים. דער נייער טאָג האָט מיטאַמאָל הילכיק, ווי אויף מעשענע טרומייטן, אויפגערוישט. און אין דעם הילכיקן אויפפראַל פון דער וועלט איז מיין שאָטן ערגעץ נעלם געוואָרן. אפשר איז ער אַוועק זיך וואַשן אין דער צעשטראַלטער בלויקייט, וואָס האָט זיך געהעלט און געליכטיקט אויפן הימל?